דיא קולטורגעשיכטע

דער מענש און זיין אַרבייט

זייט ער האט זיך בעוויזען אויף דער ערד
ביז אונזער צייט.

צוזאמענגעשטעלט נאך פיעלע וויסענשאפטליכע ווערק איבער דעם
לעבען און פיהרונגען פון מענשען אין אלע צייטען און לענדער.
מיט פיעלע ערקלערענדע צייכנונגען.

— פון —

פיליפ קראנץ

צווייטער באנד.

זיעבעטע אויפלאגע

ליטערארישער פערלאג
256 איסט בראדוויי, ניו־יארק

צווייטער באנד.

געזעלשאפטליכע קולטור:

פאמיליען, אייגענטהום, שטאאטען, געריכטען.

אינהאלטס פערצייכניס.

ערשטער קאפיטעל.

דיא געזעלשאפטליכע זייט פון מענשען.

איבער נאכפארשונגען און זייערע מעטהאדען. — דיא נאטירליכקייט פון דיא פערטהיילונגען פון דער אלגעמיינער קולטור־ארבייט. — דער העערדען־געפיהל און זיינע אורזאכען. — דיא ארגאניזאציאן פון ביהנען. — דיא גרופי־רונג פון סטאדעס. — דאס פאמיליען־לעבען ביי חיות. — דיא ערשטע מענש־ליכע פאמיליען־ארגאניזאציאנען. — מאטריארכאט און פאטריארכאט און זייער פערבינדונג מיט אקערבוי און פיהפיטערונג.

וויא ריכטיג עס איז, אז די ערשטע זארג פון מענשען איז געווען צו שאפען זיך שפייז, איז עס אבער ניט וויינינער ריכטיג, אז דערמיט אליין האט זיך ניט געענדיגט זייער טהעטיגקייט, ווען זיי האבען נאך אפילו גע־קלעטערט אויף בוימער, ווי אפען. דער מענש איז אימער געווען א שכלי־דיגע חיה, און אין דער צייט, ווען ער האט אנגעשטרענגט זיינע פיזישע קרעפטען צו בעפרידיגען זיינע נאטירליכע בעדירפניסע, האט ער אויך גע־ארבייט מיט'ן קאפ און אנגעווענדעט זיין גייסטיגע קראפט, אום דאס לייכטער און בעסער אייסצופיהרען. ביידע קרעפטע ווירקען שטענ־דיג צוזאמען, און מען קען זיי ניט אפזונדערן. דאס, וואס מיר רופען גוף און נשמה, איז שליסליך איין ארגאניזם, און דיא האנדלונגען

פון מענשען זיינען שטענדיג דער רעזולטאט פון זעהר פיעלע און צוזאמענ־געפלאָנטערטע אָרגאנישע בעוועגונגען. דיא פערטהיילונגען און צערגלי־דערונגען, וואָס מיר מאכען ביי אונזערע נאכפארשונגען, זיינען נור קינסט־ליכע אדער, ריכטינער, א ב ס ט ר א ק ט ע, ד. ה. אין דיא גערדאנקען, דאָס טוען מיר נאָר, אום צו ערלייכטערן אונזער נאָכפאָרשונג, אום ריכ־טיגער צו פערשטיין דיא אורזאכען און דיא רעזולטאטען פון אלעס, וואָס רינגעלט אונז ארום. מיר בענוצען זיך דאָ מיט דיא פעהיגקייט פון אונזער גײַסט זיך פאָרצושטעלען זאכען ניט וויא זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, נאר וויא זיי ו ו אָ ל ט ע ן ג ע ק ע נ ט ז י י ן א ו נ ט ע ר ב ע ש ט י מ־ט ע ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן. און ווען ניט דיזע פעהיגקייט אונזערע צו אַב־סטראַגירען אדער זיך צו בילדען זאכען אין דיא גערדאנקען, וואָלטען מיר איינפאך קיינע וויסענשאפטען געהאט.

דאָ איז ניט דער אָרט זיך ארײַנצולאָזען אין בעטראַכטונגען, וויא מיר דיינקען, ווי אזוי מיר בילדען זיך בעגריפע, ווי אזוי מיר ציהען שליסע און אויך וועלכע מעטהאָדען מיר ווענדען אָן אין וויסענשאפטליכע נאכ־פאָרשונגען, דען מיר שרייבען דאך ניט א בוך איבער לאָגיק; אבער עס וועט ניט זיין איבריג זיך אבצושטעלען א ביסעל, אָבצושטעלען אויף דעם מעטהאָד, אָן וועלכען מיר האלטען זיך אין אונזער קולטור געשיכטע. דיזער מעטהאָד איז דער א נ א ל י ט י ש ע ר, דאָס הייסט: דער צערגלידערנ־דער אין פערבינדונג מיט דעם זאָ־גענאנטען ה י ס ט אָ ר י ש־פ ע ר־ג ל י י כ ע נ ד ע ן מעטהאָד (דאָס הייסט: געפינען עהנליכקייט אין דיא אויפטואונגען, מנהגים א. ז. וו. ביי פערשיעדענע פעלקער אין פערשיע־דענע צייטען). מיר פערשטייען און ווייסען, אז דיא קולטור איז א רעזול־טאַט פון זעהר פיעלע אורזאכען און אז מיר מוזען זיי אלע אין בעטראכט נעהמען, אום צו ציהען ריכטיגע שליסע און אום ניט אָבצור־ווייכען פון דער ווירקליכקייט. מיר מוזען זיך רעכנען מיט אלע פאקטען און מיט אלע פּאסירונגען אין דער קולטור־געשיכטע; נאר אזוי וויא זייער צאָהל איז אונ־געהייער גרויס, פערשיעדען און אָפט איינפאך ווידערשפּרעכענד, זאָ ווע־לען מיר צו קיין טאָלק ניט קומען, ווען מיר זאָלען זיי ניט ס אָ ר ט י ר ע ן און פ ע ר ג ל י י כ ע ן נאך געוויסע סמנים און אומשטענדען. מיר סטארען זיך אלץ מעיהר צו צערגלידערן דאָס גאנצע אויף זיינע בעשטאנד־

טהיילען, הנם מיר ווייסען, אז דיזע בעשטאנדטהיילע האבען קיין מאל ניט עקזיסטירט בעזונדער און קענען אויך בעזונדער ניט עקזיסטירען. דערביי בעמערקען מיר, וועלכע פון זיי זיינען וויכטיגער און נויטווענדיגער פאר דאס גאנצע, און פון זיי פאנגען מיר צוערשט אן אונזער נאכפארשונג. אום ריכטיג צו פערשטיין א געוויסען מעכאניזם—לאמיר זאגען: א זייגער—מוזען מיר פאנאנדערנעהמען אלע זיינע טהיילען, און דאן וועלען מיר אויך אויסגעפינען, וועלכע פון זיי זיינען נייטיג פיר דיא בעוועגונג זעלבסט, וועלכע דיענען פיר בעשטימטע בעוועגונגען און וועלכע איינפאך פיר שיינ־קייט. אויספארשענדיג און אנאליזירענדיג יעדען טהייל, קענען מיר שוין נאכהער אלעס צוזאמענשטעלען אין ארדנונג און ווידער קריגען דאס גאנצע.

אין דעם פאל מיט דעם זייגער איז אבער דיא צערגלידערונג אדער אנאליז און דיא צוזאמענשטעלונג אדער סינטהעזא לייכטע און איינפאכע ארבייט, דען דיא טהיילען ענדערן זיך דערביי ניט, זיינען בעזונדערע זאכען, וואס עקזיסטירען פאר זיך, וויא מען זאל זיי ניט לייגען און צוזאמענשטעלען. דיא רעדעלע פון א זייגער בלייבט אלע מאל א רעדעלע; נור אום דער זייגער זאל קענען גיין, מוז מען איהר אוועקשטעלען אויף איהר בעשטימטען פלאטץ אין דעם גאנצען מעכאניזמוס. גאנץ אנדערש וואלט עס אבער געוועזן, ווען יעדע רעדעלע און יעדער שרייפעל פון זייגער וואלט געוועזן צוזאמענגעבונדען, צוזאמענגעשמאלצען אדער צוזאמענגעוואק־סען, אז מען וואלט ניט געקענט ארויסנעהמען איינע אהן דערביי צו שעדיגען, אומענדערן אדער איינפאך צו צערשטערן דיא אנדערע. דאן וואלט מען שוין געמוזט זוכען פערשיעדענע מיטעל, ווי אזוי צו דערגרייכען און צו בעגרייפען מיט'ן שכל דיא ווירקונג און דיא ראלע פון יעדע פון זיי, איבערלאזענדיג דאס גאנצע וויא עס איז. אזא אנאליז איז שוין ניט איינפאך, נאר זעהר פערשיעדען און קאמפליצירט. אויף יעדען שריט טרעפט מען אן שוועריגקייט און אבצאמונגען, וועלכע מען מוז ארומגיין מיט'ן שכל, דאס הייסט: זיך פארצושטעלען אהן דיזע נאטירליכע אבצאמונגען און פערבינדונגען און צו דערגרייכען מיט'ן געדאנקען צו דעם גרונד פון

דער זאַך, וואָס מען וויל אַנאַלידירען, צו איהר ריכטינער ספּרונדזינע, וויא פערבאָרגען זיא זאָל נים זיין. נאר וויא שווער עס איז נים דער אַנאַליז פון אַזעלכע צוזאַמענגעפלאָכטענע אדער קאָמפּליצירטע זאכען, איז זייער צוזאַמענשטעלונג אדער סינטהעז נים דער ערך נאָך שווערער און נים זעלטען גאַנץ אונמעגליך.

און אַזעלכע קאמפּליצירטע זאכען זיינען נים נאר אלע אָרגאַ־ניזמען, פון דעם מיקראָב, וואס מען קען נאר דערזעהען דורך א שטאַרקע פערגרעסערונגס־גלאָז, ביז דעם מענש; זאָנדערן אויך אלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען. יעדער שריט אויף דעם קולטור־וועג איז אזוי אָבהענגיג פון אזוי פיעל פערשיע־דענע ווירקונגען און אורזאַכען, דאס עס איז זעהר שווער צו בעשטי־מען דעם אָנפאַנג און צו ענטדעקען דיא שפּורען. אויסער צופעלע, מיט וועלכע מען מוז זיך אויך רעכנען אין דער געשיכטע פון פעל־קער אזוי גוט וויא פון איינצעלנע פּערזאָנען, ווירקען אויף דיא ענטוויקלונג פון א פאָלק דער קלימאַט, דער אויסזעהען, דיא פּרוכט־באַרקיים, דיא וואַסערן א. ז. וו. פון דער געגענד, וואו עס קומט דעם פאָלק אוים צו פערבּלייבען; דיא נאַכבאַרשאַפט פון אנדערע פעלקער, דיא צוזאַמענמישונגען מיט פרעמדע, א. ז. וו. וויא מיר האָבען שוין נים איין מאָל געהאַט דיא געלעגענהיים צו זעהען אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך, האָט דאָס אלעס צוזאַמען ארויסגערופען געוויסע רעזולטאַטען, און איין זאַך האָט נויטווענדיגער ווייזע מיטגע־שלעפּט דיא אַנדערע; אבער אום צו בעשטימען מיט מעהר אדער וויינינער זיכערהייט, וועלכע רעדעלע אין דיזען ריזיגען און קאָמפּלי־צירטען קולטור־מעכאַניזמוס האָט פריהער אָדער שטאַרקער געווירקט אויף דעם רעזולטאַט, מוזען מיר איהר זעהען אָפּצוזונדערן אין אונזערע נאַכפאָרשונגען און בעטראַכטען איהר אין אונזערע גע־דאַנקען זעלבסטשטענדיג. יעדען פאַקט וועגען דיא אויפטואונגען פון דיא פאַרצייטיגע מענשען און וועגען דעם לעבען פון דיא היינטיגע ווילדע מענשען מוזען מיר צוערשט גוט בעטראַכטען פון אלע זייטען, איהם ריכטיג אַנאַליזירען, וויא וויים ער שטימט מיט דיא אומ־שטענדען; נאַכהער זוכען עהנליכע צו איהם, פערגלייכען, געפינען, וויא

ווייט מעגליך, זייער צוזאַמענהאַנג און צולעצט זיי סאָרטירען אדער קלאַסיפיצירען אין אָבטהיילונגען, אין א געוויסע אָרדנונג.

אָט אזוי אַנאַליזירענדיג און פערגלייכענדיג, זוכענדיג אריינצודרינגען מיט אונזער גייסטיגע אויג אין דעם תוך פון יעדע זאַך, ענטדעקען מיר דיא פערבאָרגענסטע סודות פון דער נאַטור און קענען אויך אָנצייגען דעם וועג, וואָס מענשען זיינען דורכגעגאַנגען פון אַנפאַנג ביז יעצט. נאָר נעהמענדיג איין זאַך אין בעטראַכט און אָפּזונדערנדיג איהר אין אונזער גייסט פון אַנדערע זאַכען, וויא ענג און אָרגאַניש זיי זיינען מיט איהר ניט פערבונדען, דאַרפען מיר דאָך ניט פערגעסען דיזען צוזאַמענהאַנג און דיא רעזולטאַטען דערפון, און צוגלייך דאַרפען מיר אויך זיך אָנשטרענגען, אום נאַכהער צוזאַמענצושטעלען דיא אָבגעזונדערטע טהיילען אלס איין גאַנצעס, וויא זיי זיינען טאַקע אין אמת'ן. דאַן ערשט קענען מיר האָבען א ריכטיגען בילד פון דעם גאַנצען אין אונזער מוח.

אין אונזערע קולטור־געשיכטליכע נאַכפאָרשונגען האָבען מיר זיך געהאַלטען און וועלען זיך האַלטען אָן דיזען שטרענג־וויסענשאַפטליכען מעטאָד. זאָנסט וואָלט עס ניט געווען א קולטור־געשיכטע, וועלכע צייגט אויף שטענדיגע ענטוויקלונג און פאָרטשריט, נאָר א זאַמלונג פון בעשרייבונגען און מעשות אָהן צוזאַמענהאַנג און נוצען. דיא קולטור־געשיכטע קען מען פערגלייכען צו א קייט, וואָס איהרע רינגען זיינען ניט נאָר צו־וואָרפען, איבערגעריסען, זאַנדערן אויך צוזאַמענגעפלאָכטען אָדער צוזאַמענגעשמאָלצען פון פערשיעדענע דראָטען. צו בעשטימען צוערשט, פון וועלכע דראָטען יעדער רינג איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, און נאַכהער צוזאַמענצובינדען אין איין גאַנצע קייט דיזע רינגען אין זייער נאַטירליכער ירוויס און רייהע וויא זיי האָבען אויסגעזעהען און געפאָלגט איינער נאָך דעם אַנדערן אין דיא פערגאַנגענע צייטען — דאָס איז אונזער צוועק. אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך האָבען מיר שוין אויסגעפונען און אַנאַליזירט פיעלע דראָטען פון פערשיעדענע רינגען, אבער אַנדערע דראָטען האָבען מיר אפילו ניט אָנגעריהרט, אום זיך ניט צוזאַמענצופּלאָנטערן. מיר האָבען נעמליך צוערשט בעטראַכט דעם מענש אלס א'ן

איינצעלנע פערזאָן, אדער וויא מען זאָגט אויף דעם וו-
סענשאפטליכען לשון, אינדיווידום, הגם מיר האָבען געוואוסט, אז אין גאנצען אָפּגעזונדערט איז ער קיין מאָל ניט געווען. דער מענש איז פון דער נאטור א געזעלשאפטליכע חיה און האָט שטענדיג געלעבט אין קאָמפּאניעס, אין גרופּען. נור אין אונזערע געדאנקען קענען מיר איהם אָבטהיילען פון אנדערע. נאטירליך, איינער האָט א מאָל געקענט פערבלאָנדזען אין דיא וועלדער און פערבלייבען ווירקליך גאנץ אליין, אבער דאָס איז נור געווען א צופאל און האָט אזוי וויניג צו טהאָן געהאט מיט דער קולטור-ארבייט, וויא דער צופעליגער טויט פון איין אנדערן. אין אלגעמיין האָבען מענשען געלעבט צוזאמען און אויך געמוזט צוליעב בעסערע בעשיצונג צוזאמען לעבען, וויינינגסטענס אין פאמיליעס ווען זיי האָבען זיך צוערשט בעוויזען אויף דער ערד. פאלגליך האָבען זיי, אויסער שפּייז, געמוזט אויך זאָרגען וועגען אנדערע זאכען וועלכע זיינען ענג פערבונדען מיט דיזע צוזאמענלעבונגען.

נאר ווען מען בעטראכטעט מענשען אלס א זאמלונג פון איינצעלנע פערזאָנען, אָהן שום געזעלשאפטליכע פערבינדונג, זאָ האָבען זיי קיין אנדער בעדירפנים אין שטרעבונג, וויא בלויז צו ערנעהרען זיך און צו געפינען מיטעל, וויא אזוי לייכטער און בעסער צו קריגען שפּייז. דיזע מיטעל זיינען געוויינליך אויסגעפונען געוואָרען דורך דיא צוזאמענווירקונג און פערקעהר צווישען פיעלע, אלזאָ דורך געזעלשאפטליכע אורזאכען, אָבער דאס האבען מיר נאך אין אכט ניט גענומען, ווייל דאס וואָלט אונז נאר אראָבגעפיהרט פון גלייכען וועג און צוזאמענגעפלאָנטערט דיא דראָטען פון דיא רינגען אין דער קולטור-קייט. און נאכפאָרשענדיג דעם מענשען שריט ביי שריט אין זיין גאנג פאָרווערטס צו שאפען זיך שפּייז און איבערהויפּט א בעסערן מאטעריעלען לעבען, אזוי וויא ער וואָלט געווען א'ן אָפּגעזונדערטע חיה און וועגען קיינע אנדערע זאכען גאָר קיין מאָל ניט געדיינקט, זיינען מיר צוגעקומען ביז צו דיא געשיכטליכע צייט, ווען, מיר ווייסען, מענשען זיינען שוין געווען אָרגאניזירט אין מעכטיגע שטאאטען און זיינען שוין אין זייער גייס-

טינע ענטוויקלונג דערגאנגען צו ענטוויקעלטע רעליגיאָנען, שריפטען און פיליזאָפיען. מיר האָבען דיא גאנצע צייט געמאכט אבסטראקציאָנען וועגען דיא נאטור פון מענשען, דאס הייסט: זיך פאָרגעשטעלט זיי אלס בעשעפעניסען, וואָס לעבען יעדער פאר זיך און זאָרגען נור וועגען זייער, פראָסט געזעצט, קישקע, אבער דערמיט איז פון דעסט־וועגען דיא ריכטינקייט פון אונזערע אויספיהרונגען וועגען דיא שטופענווייזע ענטוויקלונג פון דער מאטעריעלער קולטור (ערנעהרונג, קליידונג, וואהנונגען און דיא מיטעל און אינסטרומענטען דערצו) אויף א האָר ניט אָבגעשוואכט געוואָרען; דען אויסער דעם, וואָס מיר האָבען דאָך קיין זאך ניט אויסגעטראכט און זיך נור געשטיצט אויף אונבעשטרייטבארע פאקטען, וועלכע ענדערן זיך דאָך ניט, וויא מיר זאָלען זיי ניט סאָרטירען און אין וואָס פאר א'ן אָרדנונג און רייהע מיר זאָלען זיי ניט שטעלען (א מעסער, צום ביישפיעל, בלייבט דאָך א מעסער, וואס מיר זאָלען מיט איהם ניט שניידען און וויא מיר זאָלען איהם ניט אוועקלייגען) — אויסער דעם האָבען מיר דאָך דערביי אין זינען געהאט, אז דיא מענשען זיינען דערביי געוועזן אויף אירגענד וועלכער ווייזע פערבונדען צוזאמען און האָבען אָנגעשטרענגט זייער גייסטיגע קראפט ביי יעדען שריט אויף דעם ענטוויקלונגס־לייטער.

יעצט בלייבט אונז אויסצוגעפינען דיזע דראָטען אין דיא רינגען פון דער קולטור־קייט און בעשטימען זייערע פלעכטונגען און ווירקונגען אין פערשיעדענע צייטען. מיר וועלען אבער ווידער מאכען א'ן אבסטראקציאָן, און נעמליך: בעטראכטען דערוויילע דעם מענש אלס א געזעלשאפטליכע בעשעפענים, לאָזענדיג אויף שפעטער דיא נאכפאָרשונג פון זיין גלייכצייטיגע גייסטיגע ארבייט. דיזע נייע אָבסטראקטע צערגלידערונג פון מענשען איז ניט בלויז נייטיג צו ערלייכטערן אונזער נאכפאָרשונג און ניט צו פערפלאָנטערן זיך אין זייטיגע וועגען, ריסקירענדיג דערביי צו פערלירען דיא פונקטען און די פערקניפּלונגען פון דיא דראָטען אין דעם רינג; זאָנדערן זיא איז אויך נאטירליכערווייזע ריכטיג, דען עס פערשטייט זיך פון זעלבסט, אז דער ערשטער מענש האָט

פריהער אָנגעפאַנגען צו פערבינדען זיך מיט אַנדערע, וויא צו פילאָ־זאָפירען וועגען דיא נאַטור און זיך אויסטראַכטען שפּראַכען און שריפטען. דיא גייסטיגע קראַפט פון מענשען האָט זיך שטענדיג ארויסגעוויזען; אבער דיא פראַגע איז, אויף וואָס זיא ווערט פריהער אַנגעווענדעט: אויף דיא בעפרידיגונג פון זיינע אייגע־נע בעדירפניסע אלס איינצעלנע פּערזאָן, אויף דיא בעפרידיגונג פון זיינע בעדירפניסע אַלס א מיטגליעד פון א געוויסע גרופּע מענשען, אָדער אויף דיא בעפרידיגונג פון זיין ריין־גייסטיגע בעדירפניס צו וויסען וואָס עס טהוט זיך ארום איהם און צו דערגיין דיא סודות פון דער נאַטור? נון, מען דארף ניט פיעל קלערען צו ענטפערן דערויף, אז דיא ריין־גייסטיגע ארבייט איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין דער אָרדנונג, וויא עס איז געשטעלט אין דער פראַגע און וויא מיר פאָרשען עס נאָך אין דער קולטור־געשיכטע. מיר קענען דאַרום אויך זאָגען, אז דאָס איז ניט בלויז א'ן אַבסטראַקטע, זאָנדערן אויך א נאַטירליכע אָרדנונג, הגם ביי אלע ווילדע פעלקער געפינען מיר שוין, אז דיזע אלע בעדירפניסע ווערען גלייכצייטיג בע־פרידיגט מעהר אָדער וויינינגער, און מיר קענען אויס דעם שליסען, אז אזוי איז עס אויך געוועזען אין דיא גרוי־אַלטע ביז־היסטאָרישע צייטען.

אַלזאָ, מיר וועלען דאָ יעצט אָנפאַנגען אונזער נאַכפאָרשונג וועגען דעם מענשען ניט אלס א'ן איינצעלנע פּערזאָן, נאר אלס א טהייל פון א גרופּע, אלס א מיטגליעד פון א געזעלשאַפט־ליכע אָרגאַניזאַציאָן, וויא קליין און שוואַך דיזע אָרגאַניזא־ציאָן זאָל ניט זיין. אום אויסצומיידען מעגליכע מיספערשטענדניסע, וועלען מיר גלייך בעמערקען, אז אונטער דעם וואָרט געזעלשאַפט פערשטייען מיר דאָ אירגענד וועלכע פערבינדונג פון איין מענש מיט דעם אַנדערן, איינפאַך אלס א היפּוך צו זייער אָב־געזונדערטקייט און איינצעלהייט.

פון וואָס אָבער זאָלען מיר אָנפאַנגען אונזער נאַכפאָר־שונג, פון וועלכען פּונקט זאָלען מיר דאָ ארויסגיין? לאָמיר זיך ווידער צוערשט ווענדען צו דער הילפע פון אַנאַליטישען מעטאָד.

ערגלידערנדיג אין אונזערע געדאנקען דיא אלע אונז בעקאנטע גע־
עלשאפטליכע פערבינדונגען ניט נאר אונטער מענשען, זאנדערן אויף
אונטער חיות, און גרינדליך נאכפארשענדיג יעדע פון זייערע
ןהיילען, קומען מיר און מוזען אויך קומען צום שלוס, אז דיא ער־
סטע ווירקליך דויערנדע און פעסטע פערבינדונג איז אימער געווען
ןווישען דיא מוטער און איהרע קינדער. נאטירליך דער
עשלעכטליכער פערקעהר איז שטענדיג אנגעגאנגען אונטער מענשען,
יא אונטער אלע ארגאנישע בעשעפעניסען; אבער פון אזא פער־
עהר ביז אזא פערבינדונג צווישען א מאן מיט א פרוי, וויא מיר
ערשטייען עס יעצט אונטער דעם ווארט הייראטה, איז אזוי ווייט,
יא פון א נידריגע חיה, וואס דארף נאר ניט אויפפאסען אויף
יא ניי־געבארענע, צום ביישפיעל, א פיש, ביז צו א ציוויליזירטען
ענש. איידער מענער האבען זיך אנגעפאנגען מעהר אדער וויני־
ער צוצובינדען צו פרויען און צו זייערע קינדער זיינען פאריבער
ער וויסט וויא פיעל יאהרען, וויא מיר וועלען עס לערנען אויס דיא
ערקווירדיגע קולטור־געשיכטליכע פאקטען, וועלכע מיר וועלען וויי־
ער ברייננגען. דיא פערבינדונג פון דער מוטער מיט איהרע קינ־
ער איז אבער ניט נאר א פאקט, וואס ווערט אויך בעשטעטיגט
ויס דעם לעבען פון פיעלע סארטען חיות, זאנדערן זיא האט איינ־
אך געמוזט צו יעדער צייט עקזיסטירען, אום אנצוהאלטען דעם
ענשליכען געשלעכט, דען קינדער פאדערן לאנגיעהריגע אויפפא־
ונג און, וויא מיר וועלען עס ווייטער זעהען, מוזען פרויען אין וויל־
ען צושטאנד קארמענען זייערע קינדער מיט זייער אייגענע מילך
אנצע פיער יאהר.

איבערהויפט בעמערקען מיר, אז וואס לענגער און זארגפעל־
ינער חיות מוזען אויפפאסען אויף זייערע ניי־געבארענע, אלץ מעהר
ן שטארקער איז ביי זיי ענטוויקעלט דיא נייגונג צו געפינען זיך
זאמען אין סטאדעס, און קאמפאניעס. אזעלכע חיות האבען
אס מען רופט א הערדען (סטאדע)־געפיהל, ד. ה. א
פיהל ניט צו פערבלייבען אליין, אבגעזונדערט, נאר צו זיין צוזא־
ען אין א קאמפאניע און צו שלעפען זיך איינע נאך דיא אנדערע

און זאָנאר נאָך אָנפיהרער. דיא חיות אָבער, וויא פיש און שלאַנ־
נען, וואָס ענטוויקלען זיך גאנץ זעלבסטשטענדיג פון די אייעלעך און
נעפינען גלייך שפייז אָהן שום הילפע פון דיא עלטערן, בילדען שוין
קיינע פערבינדונגען אפילו ווען זיי קלייבען זיך אין געוויסע צייטען
צוזאמען אויף איין אָרט. דורך דעם, וואָס זיי לייגען מאסען אייער,
זיינען זיי פארסטראבירט פון פערניכטונג, און הגם זעהר פיעל איי־
עלעך גייען פערלאָרען, בלייבט דאָך אלץ גענוג פיר ווייטערע פער־
מעהרונג. און זאָנאר ביי פליגען אָדער, ריכטיגער, אינזעקטען, גע־
פינט מען, דאָס דיא יעניגע פון זיי, וואס קריגען גלייך שפייז אליין,
וויא זיי ווערען נור געבאָרען, האבען קיינע פערבינדונגען צווישען זיך,
ועהרענד ביי אנדערע, וואָס מוזען שוין שפייזען און האָדעווען זייערע
נייגעבאָרענע, וויא, צום ביישפיעל, דיא בינען און מוראש׳עס, עק־
זיסטירען ווירקליך וואונדערבארע אָרגאניזאציאָנען. דיא הילפלאָזיג־
קייט פון דיא נייגעבאָרענע האָט דאָ, וויא אין אלע אזעלכע פעלע,
נעפיהרט צו א געוויסע פלאַנמעסינע גרופירונג אָדער אָרגאני־
זאציאָן, וואס איהר צענטער איז דיא מוטער. דיא הערשערין אין
דער מערקווירדיגער בינען־מלוכה איז דיא אייערלייגענדע נקבה, און
דיא גאנצע זאָרג ווענען שפייז טראָגען דיא איבריגע נקבות, וועה־
רענד דיא זכרים זיינען איינפאַך ליידיג־גייערס און אומזיסטע פרעסער.

ביי בינען עקזיסטירט שוין אויך א פערטהיילונג פון ארבייט,
און נאָך מעהר ביי דיא אמייזען (מוראשקעס); אבער אין סטאדעס
פון פיעלע העכערע חיות, זאָגאר ביי בהמות, געפינען מיר שוין גאָר
ניט אזא ארבייטס־פערטהיילונג, און דיא גרופירונג איז אויך פון
א'ן אנדער ארט. דער אָנפאנג איז ווידער דיא מוטער מיט איה־
רע קינדער; אָבער זייער פערבינדונג דויערט אָפט נאר ביז דיא ניי־
געבאָרענע ווערען דערוואקסען, און די גאנצע סטאדע ווערט שוין
אָנגעפיהרט פון דעם שטארקסטען און ערפאהרענסטען זכר. דיא
גרופירונג, וואו דיא מוטער פערבלייבט דער צענטער, איז פון דער
נאַטור זעלבסט בעשרענקט, דען זיא בעציהט זיך אויף א בעשטימ־
טע צאָהל קינדער און דאָס אויף זאָלאנג זיי זיינען נאָך קליין און
שוואך; אָבער טהיילווייז אויס געוואָהנהייט און מייסטענס אויס עק־

זיסטענץ־פערזיכערונג האלטען זיי זיך שוין אויף צוזאמען, ווען עס קומען צו נייע מוטערס מיט נייע קינדער, און עס ענטשטעהט אזוי א גאנצע סטאדע, וואס שלעפט זיך בעוואוסטלאז נאך דיא שטארק־סטע און מוטהיגסטע, אום זיך בעסער אנצוהאלטען אין דעם קאמפף אומס דאזיין. מיט דער צייט ווערט דיזער העערדען־געפיהל אלץ שטארקער איינגעווארצעלט, און דער שטארקסטער און ערפאהרענ־סטער זכר ווערט דער נאטירליכער פיהרער פון גאנץ גרויסע סטא־דעס. אזעלכע גרופירונגען אונטער דער אנפיהרונג פון זכרים קענען אלץ גרעסער ווערן. ווענען דיא היענעס (אזעלכע רויבטהיערען אין אפריקא) דערציילט מען, אז זיי מאכען אנפאלונגען אין א מערקוויר־דיגער ארדנונג און אין גרויסע צאהלען אונטער דער לייטונג פון איין זכר. מערקווירדיג איז אויך דערביי, דאס ביי מאנכע חיות זיינע ענטשטאנען בעזונדערע סטאדעס פון נקבות מיט דיא יונגע חיות און בעזונדערע סטאדעס פון דערוואקסענע זכרים, וויא יעגערס ווייסען עס גאנץ גוט.

ביי איינינע סארטען חיות, בעזאנדערס ביי פייגלעך, נעהמט אויך דער זכר אנטהייל אין הצדעווען דיא נייגעבארענע, און דער־פון זיינען שוין ארויסגעקומען נעהענטערע פערבינדונגען צווישען דיא זכרים און נקבות, נעמליך: פ א א ר ע ן. דער געניאלער נאטורפאר־שער ד א ר ו ו י ן האט שוין אנגעצייגט, אז חיות זיינען גאר ניט אזוי גלייכגילטיג אין זייער געשלעכטליכע בענעהמונג, וויא מען קען עס דיינקען. ער האט בעוויזען, אז זייערע געשלעכטליכע בעציהונגען זיינען אזוי פעסט און פלאנמעסיג, דאס מען קען אננעהמען, אז דאס איז וויינינסטענס דער אנפאנג פון א פאמיליען־לעבען. אנדערע נא־טורפארשער האבען אויסגעפונען נאך בעווייזע דערצו, נאר מיר קענען זיך דא ניט אפשטעלען דערויף, דען עס וועט אונז אוועקפיהרען צו ווייט פון אונזער ענין.

געפינענדיג, דאס מאנכע סארטען חיות לעבען פארענווייז און פיהרען, קען מען זאגען, א׳ן אנשטענדיגען פאמיליען־לעבען. וואלט מען געקענט מיינען, אז מענשען האבען געוויס גלייך פון אנפאנג געפיהרט א מעהר אדער וויינינער ארגאניזירטען פאמיליען־לעבען, וואו

וויינינגסטענס דער פאָטער האָט שוין עטוואָס געזאָרגט װעגען זײנע קינדער. דיא פאַקטען פון דער קולטור געשיכטע צייגען אָבער עט־וואָס גאַנץ אַנדערעס. נאָך מיט א יאָהר דרייסיג צוריק האָבען אפילו גרויסע געלעהרטע געמיינט, אז דיא פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן פון דיא פאַרצייטיגע מענשען איז געווען מעהר אדער וויינינגער עהנ־ליך צו אונזערע און יעדענפאַלס צו דיא, וועלכע ווערט געשילדערט אין דער ביבעל און וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט ביי דיא ציוויליי־זירטע פעלקער פון דער אַלטער צייט, ספּעציעל ביי אידען, גריכען און רוימער; און נעמליך: אז דער מאַן האָט געהאַט איינע אָדער מעהרערע פרויען, אָבער איז געווען דער פאָלשטענדיגער הערשער איבער דיא פרויען און דיא קינדער. אזא מין פאַמיליען־אָרגאַניזאַצי־אָן הייסט דיא פּאַטריאַרכאַלישע פון דיא גריכישע ווערטער: פּאַטריא — פאַמיליע און אַרקעין — הערשער, אָדער דיא פּאַ־טערליכע. מען האָט אזוי שטאַרק געגלויבט, אז אימער האָבען נאָר עקזיסטירט פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען, דאָס מען האָט איינפאָך געלייקענט אדער אין אכט ניט גענומען די פאַקטען פון אַלטע גרי־כישע און רוימישע שרייבערס און פון רייזענדע צווישען דיא יעצטיגע ווילדע פעלקער, אז עס זיינען געווען און נאָך פערבליבען א סך פעלקער, וואו דיא פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן איז גאָר געווען א מאַט־ריאַרכאַלישע אָדער מוטערליכע. דיא בעריהמטע בעשרייבונג פון העראָדאָטוס, דעם אַלט־גריכישען רייזענדען און פאָטער פון געשיכטע, אז א געוויסער פאָלק מיט דעם נאָמען ליקיער האָט געפיהרט דיא פאַמיליען־רעכנונג נאָך דיא מוטערס און אז דיא קינ־דער האָבען געהערט צו דיא מוטערס, האָט מען איינפאָך געהאַל־טען פאַר א באָבע־מעשה.

אין דיא לעצטע צוואַנציג יאָהר האָט מען אָבער געמאַכט א זעלכע גרינדליכע נאַכפאָרשונגען וועגען דיא ענטשטעהונג פון פאַמי־ליען, דאָס דיא אַלטע מיינונג איז אין גאַנצען פערוואָרפען געוואָרן און דאָס מען אנערקענט שוין אין דער וויסענשאַפט, אז אין דער גאַנצער וועלט האָבען צוערשט עקזיסטירט מאַטריאַרכאַלישע פאַמיליעס מיט א גאַנצע סיסטעם פון פיהרונגען און רעכט, וועלכע

מען בעצייכענט אונטער דיא ווערטער: מאטריארכאט און מוטער־רעכט. דיא סיסטעם פון פאטריארכאלישע פאמיליעס מיט דיא פיהרונגען און רעכטע, וועלכע זיינען שוין אונז גוט בעקאנט און וועלכע ווערען בעצייכענט אונטער דיא ווערטער: פאטריארכאט און פאטער־רעכט, איז איינגעפיהרט געוואָרען יאָהרטויזענדע שפעטער. און דאָס אויך ניט אָהן א לאנגען און אָפט ביטערן קאמפף צווישען מענער און פרויען, וויא מיר וועלען עס זעהען ווייטער. אין פיעלע ערטער זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג פערבליבען איינפיהרונגען, וואס זיינען געשטיצט אויף דעם אלטען מוטער־רעכט, וויא מיר וועלען עס בעווייזען מיט פאקטען.

אין דיא קאפיטלעך איבער דעם יעגערישען צושטאנד ווען דיא פרויען האָבען אָנגעפאנגען זיך צו בעשעפטיגען מיט אקערבוי און איבער דיא ענטשטעהונג פון פייער איז שוין בעמערקט געוואָרען, אז דאָס האָט געפיהרט צו דער אונאבהייננגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון דער פרוי און צו דער ענטוויקלונג פון מוטער־רעכט. דאָס איז גאנץ ריכטיג און פערשטענדליך, דען דיא פרוי האָט צוגעשטעלט מיט איהר ארבייט פלאנץ־שפייז און איז אלזאָ געוועזן עקאָנאָמיש אונאבהיינגיג; אָבער דיזע עקאָנאָמישע אונאבהייננגיגקייט איז ניט געוועזן דיא אורזאכע פון מוטער־רעכט און יעדענפאלס ניט פון מאטריארכאט, זאָנדערן איינער פון דיא רעזולטאטען פון דיזער פאמיליען־אָרגאניזאציאָן. דיא מוטער האָט אליין געמוזט זאָרגען פיר זיך מיט איהרע קינדער, דען דער פאָטער האָט זיך ווענגען דעם אָנפאנגס גאר ניט געקימערט. און ביסלעכווייז, ווען דורך אקערבוי איז איהר ארבייט אלץ פרוכטבארער און וויכטיגער געוואָרען, און דיא פאמיליען־אנגעלעגענהייטען האבען זיך צוגלייך מעהר ענטוויקעלט, האָט דיזע זעלבסטשטענדיגע פרויען־ארבייט נאָר צוגעהאָלפען וואָס לענגער אָנצוהאלטען דיא מאטריארכאלישע פאמיליען־אָרגאניזאציאָן מיט אלע איהרע פאָלגען, טראָץ דיא אלץ שטייגענדע אונצופרידענהייט פון דיא מענער מיט דער „הערשאפט פון פרויען". לאנג האָבען דיא מענער געקעמפפט, אום צו ווערן דיא הערשער און צו בעפעסטיגען דעם פאטריארכאט; אָבער זיי האָבען דאָס ערשט געקענט דורכפיהרען, ווען

זיי האָבען, דורך דיא ענטוויקלונג פון פיהטערונג, געקענט שאפען נענוג שפייז פיר זיך און זייערע פאמיליעס און האָבען זיך שוין געקענט מעהר אָדער וויינינגער בענייִן אָהן דיא ריין־עקאָנאָמישע הילפע פון דיא פרויען. דער פיהטערנדער אָדער נאָמאדען צושטאנד כאראקטעריזירט זיך דארום מיט א גרויסע אומענדרונג אין דער פאמיליען־אָרגאניזאציאָן, נעמליך מיט דיא צושטערונג פון מאטריארכאט און דיא איינפיהרונג פון פאטריארכאט, וויא דאָס איז שוין געווען אָנגעדייטעט אין דעם קאפיטעל איבער פיה־פיטערונג.

אָט אזוי קניפּעלט זיך דאָס איין קולטור־דראָט מיט דעם אַנדערן אין איין רינג; אָט אזוי ווירקט עס איין איינפיהרונג אויף דיא אַנדערע; אָט אזוי ענדערט עס זיך דורך פערשיעדענזייטיגע ווירקונגען איין צושטאנד אין אַ׳ן אנדערן.

דער פיהפיטערנדער צושטאנד האָט אויך געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון שקלאווערייִ, פּריוואט־אייגענטהום און שטארקע מלוכות אין ענגער פערבינדונג מיט דעם פאָטער־רעכט, וויא עס וועט אין אַ׳ן אנדער אָרט בעוויזען ווערן; נאָר דערווייל וולען מיר דאָס אלעס לאָזען אָן א זייט און זיך נעהמען צו א גרינדליכע און אויספיהרליכע נאכפאָרשונג פון דיא ערשטע פאמיליען־אָרגאניזאציאָנען — מאטריארכאט — אַ׳ן אָרגאניזאציאָן, וועלכע עס איז שוין אונז יעצט שווער צו בעגרייפען, הגם איינינגע טהיילען פון איהר עקזיסטירען נאָך יעצט אין פערשיעדענע ערטער.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער אָנפאַנג און דיא ענטוויקלונג פון מוטערליכע פאַמיליען.

דיא נאַטירליכע פערבינדונג פון מוטערס מיט קינדער. — דיא נויט־ווענדיגקייט צו זויגען קינדער פיער־פינף יאָהר און די רעזולטאטען דערפון. — גרופּירונגען פון פרויען און פון מענער. — מאַטריאַרכאַט ביי פיעלע פעלקער. — פערוואַנדשאַפט און ירושה נאָך דער מוטער־זייט. — אַלטע און נייע הייראַטס־פאָרמען ביי מאַלאַיער פעלקער. — בלוטפערוואַנדשאַפט נור דורך דיא מוטער. — ברודערשאַפט דורך בלוטמישונג. — בלוטפערוואַנדשאַפט אלס גרונד פון מאַטריאַרכאַט. — פערוואַנדשאַפט־סיסטעמען ביי ווילדע פעלקער. — בלוטש אַנד אין דיא ערשטע מוטערליכע פאַמיליען. — ענד גאַמיע. — פּאָליאַנדריע און פּאָליגאַמיע צוזאַמען. — דיא ערמאָרדונג פון מיידלעך אלס א גרונד פון פּאָליאַנדריע. — פּאָליאַנדריע און לעווראַט (חליצה) ביי פערשיעדענע פעלקער. — עקסאָגאַמיע. — דער מנהג צו געבען מענער נדן.

אויב מיר וואָלטען ניט געהאַט אונבעשטרייטבארע בעווייזע, אז דיא ערשטע פאָרמע פון פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן איז געוועזן א מאַט־ריאַרכאַלישע, וואָלטען מיר אויך אַזוי בעדאַרפט דיינקען אויף דעם

גרונד, דאָס דיא ערשטע און נאָך ביז יעצט שטאַרקסטע נאַטירלי־
כע פערבינדונג פון מענשען איז דיא פערבינדונג פון דער מוטער
מיט דיא קינדער. דיא נאַטור אליין האָט ארויסגערופען און פעסט
בעשטימט דיזע פערבינדונג, אזוי וויא זיא שאַפט לעבען איבערהויפּט,
און אלע וויטערע פערבינדונגען האָבען זיך שוין ביסלעכווייז ענטווי־
קעלט און געמוזט ענטוויקלען אויף דיזען פונדאַמענט. דיא מיי־
נונג, אז דיא פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן איז שטענדיג געווען און האָט
נאָר געקענט זיין א פּאַטריארכאַלישע, וויא זיא איז יעצט פערבלי־
בען ביי ציוויליזירטע פעלקער — זעלבסטפערשטענדליך, אין א שטאַרק
פערענדערטער פאָרמע נאָך דיא פאָרדערונגען, זיטען און בעגריפע
פון דער צייט — דיזע מיינונג האָט נאָר געקענט ענטשטיין און אזוי
אלגעמיין פערשפּרייטעט ווערן, וויל מיר זיינען שוין אזוי צוגעוויינט
געוואָרן צו בעטראַכטען דעם פאָטער אַלס דעם הויפּט פון דער
פאַמיליע, דאָס מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אז א מאָל
איז עס געווען גאַנץ אנדערס, נעמליך: אז דיא מוטער איז געווען
דער הויפּט פון דער פאַמיליע. אזא מיינונג וואָלט ווירקליך געהאַט
א גרונד, ווען עס וואָלט בעוויזען ווערן, דאָס דער מאַן איז פון דער
נאַטור אזוי געשאַפען געוואָרן, אז ער זאָל עבענזאָ צוגעבונדען ווערן
צו זיין פרוי און זיינע קינדער, וויא דיא מוטער צו איהרע קינדער.

נון, מיר ווייסען אלע, אז דאָס איז ניט דער פאַל, הגם פאָ־
טערס פיהלען שוין יעצט געוויינליך ליעבע צו זייערע קינדער און צו
דיא מוטערס פון זייערע קינדער. דיזער געפיהל און בעזאָנדערס דיא
פּפליכטען, וואָס מענער ערפילען און מוזען אויך ערפילען אונ־
טער דעם צוואַנג פון געזעץ, זיינען נאָר א רעזולטאַט פון דעם גרוי־
סען פאָרטשריט, וואָס מענשען האָבען דורכגעמאַכט אין זייערע גע־
זעלשאַפטליכע פערבינדונגען זייט דיא ערשטע צייטען ביז יעצט. דיא
פערהעלטניסע פון מענער און פרויען אין דיא ערשטע צייטען זיינען
געווען בלויז, וויא ביי חיות. דער מאַן האָט נור געזוכט דיא פרוי
צוליעב דעם געשלעכטליכען פערקעהר, און וועגען דיא קינדער האָט
ער געזאָרגט נאָך פיעל וויניגער, וויא מיר זעהען עס ביי מאַנכע
מינים חיות, ביי וועלכע דיא זכרים העלפען דיא נקבות צו האָדעווען

דיא ניי־נעבארענע. אויס דיא שילדערונגען פון רייזענדע איבער דיא ווילדע פעלקער זעהען מיר אויך, וויא גלייכגילטיג עס זיינען דיא פאַ־טערס צו זייערע קינדער און וויא ווייניג דיא מענער און אפילו דיא פרויען ווייסען פון דעם, וואס מיר רופען ליעבע. איין רייזענדער דערציילט, צום ביישפיעל, וועגען א ניי־זעעלאנדער, ביי וועמען דיא אויראַפּעער האָבען געקויפט זיינעם א יונגען זוהן, דאָס ער וואָלט זיך מיט מעהר געפיהל און איפערענונג געשיידעט מיט זיין הונט, וויא מיט זיין זוהן.

דער מאן האָט ניט געקענט צוגעבונדען ווערן צו דער פרוי, שוין לאָזענדיג אָן א זייט דיא שווירינקייט צו קריגען שפּייז און דיא ניינונג צו וואנדערונגען, אויך צוליעב דעם, וואָס דיא מוטערס האָ־בען געמוזט פיעלע יאָהרען האָדעווען מיט זייער איינענע מילך דיא קינדער און אין דיזער גאנצער צייט זיך צוריקהאלטען פון גע־שלעכטליכען פערקעהר. מיר האָבען שוין געזעהען אין דעם קאפּי־טעל איבער דיא ערשטע שפּייז פון מענשען, אז ביז מען איז דער־גאנגען צו געברויכען מילך זיינען פאַריבער ווער ווייסט וויא פיעל יאָהרען. אזוי וויא מען האָט אלעס געגעסען רויערהייט און מען האט אויך ניט געהאט לייכטע און פּאסענדע פאר יונגע קינדער שפּייז, ווען מען האָט שוין אויסגעפונען פייער און אָנגעפאנגען צו בראָטען און צו קאָכען, זאָ האָבען דיא מוטערס געמוזט זויגען זייערע קינדער אזוי לאנג ביז דיא קינדער האָבען שוין געקענט פערדייהען דיא גראָבע שפּייז. און אז מען האָט שוין געקענט מעלקען בהמות, איז עס אויך ניט אזוי לייכט געוועזען צו פערבייטען דיזע מילך אייף מענ־שליכע, וויא מען קען עס מיינען. אונזערע קינדער קענען שוין פערטראָגען דיא קינסטליכע ערנעהרונגס-מיטעל, וואָס מיר בעזיצען יעצט; אבער איינינע ראסען פערטראָגען עס נאָך ניט. זייערע קינ־דער מוזען אלץ א לענגערע צייט געהאָדעוועט ווערן מיט פרויען־מילך. דיא שקלאווען־בעזיצער אין אמעריקא פלעגען זיך בעקלאָגען, דאָס נעגער־קינדער פלעגען אויסשטארבען מאסענווייז, ווען מען פלעגט זיי אָפּגעוויינען פון דער ברוסט. פאר מענשען אין דעם ווילדען צושטאנד איז עס איבערהויפּט לייכטער צו האָדעווען קינ־

דער אויף דעם נאַטירליכען וועג, ד. ה. דורך זויגען מוטערמילך, וויא צו זוכען פאַר זיי פאַסענדע שפּייז. וויא פיעל מיהע און צייט עס האָט ניט געקאָסט דער מוטער צו שאַפען זיך שפּייז, האָט זיא שוין דערמיט אויך געקראָגען א זאַפּאַס מילך פאַר איהר קינד. זיא האָט אַלזאָ נאַר בעדאַרפט זאָרגען פיר זיך זעלבסט, און דאָס קינד האָט זיא געלאָזט זויגען ביז עס האָט שוין געקענט פערדייהען דיא גע־וויינליכע שפּייז.

מיר געפינען יעצט, דאָס זאָגאַר ביי אזועלכע אזיאַטישע קול־טור־פעלקער, וויא דיא סיאַמעזער, לאָזען דיא מוטערס זויגען זייערע קינדער ביז דריי און פיער יאָהר. דאָס זעלבע איז אויך, וויא רייזענדער מעלדען, ביי דיא אפריקאַנער און פּאָלינעזיער פעלקער. אין דיא צייטען, ווען מען האָט נאָך ניט געהאַט פייער אדער ניט געקענט קאָכען, איז דיא צייט פון קאָרמענען קינדער געווים געוועזען נאָך לענגער, און אונזערע פאָרפאַטערס האָבען אויך שטענדיג זיך געסטאַרעט צו פערלענגערן דיא זויג־צייט פון קינדער און האָבען גע־שיצט דיא פרויען, וואָס האָבען זיך אזוי אלץ לענגער אָפּגעגעבען צו זייערע קינדער, ענטזאַגענדיג זיך דערביי פון געשלעכטליכען פערקעהר.

דיזער פאַקט, וויא אונבעדייטענד ער מעג אונז שיינען, האָט געהאַט זעהר פיעל העכסט וויכטיגע רעזולטאַטען אויסער דעם, וואָס דיא מענער האָבען צוליעב דעם געזוכט אַנדערע פרויען און האָבען אין גאַנצען פערגעסען אָן דיא מוטערס און דיא קינדער. דער וויכ־טיגסטער רעזולטאַט איז געוועזען, וואָס דיא קינדער האָבען זיך גע־פיהלט פיעל מעהר צוגעבונדען צו זייערע מוטערס, וויא דאָס איז יעצט דער פאַל, ווען א קינד געדיינקט שוין ניט, אז זיין מוטער האָט איהם געזויגען. זיי זיינען געוועזען עפּעס אזוי וויא צוזאַמענגעוואַקסען, און דיא קינדער האָבען שוין ניט געקענט פערגעסען, אז זיי האָבען נור געקענט בלייבען ביי'ן לעבען דורך זייערע מוטערס. דיא פערבינדונג איז שוין געוועזען אזא לאַנגע און ענגע, דאָס דיא קינדער זיינען שוין פערבליבען לעבען זייערע מוטערס זאָ לאַנג עס איז נאַר מעגליך געוועזען און האָ־בען זיך געפיהלט הילפלאָז אָהן זייערע מוטערס אפילו, ווען זיי זיינען שוין געוועזען דערוואַקסענע. דערצו נאָך ווערן ווילדע גיכער ענטוויקעלט

געשלעכטליך, וויא ציוויליזירטע, ווייל זיי דיינקען וויינינגער און פיהרען א מעהר פיזישען לעבען, כמעט וויא חיות. אין ווארימע לענדער קומט דיא צייטיגקייט פון מענשען איבערהויפּט פיעל שנעלער, וויא אין לענדער מיט א מעסיגען אדער קאלטען קלימאט. דארום איז דיא צייט צווישען דעם אָבּגעוויינען זיך פון זויגען און דעם אלטער פיר געשלעכטליכען פערקעהר געווען זעהר א קורצע , פיר מיידלעך ניט מעהר וויא זיעבען־אכט יאָהר, זאָ דאָס דיא פערבינדונג מיט דער מוטער איז געווען אלץ נעהענטער און ענגער און דיא מוטער איז פערבּליבּען דער צענטער, וועהרענד דער פאָטער איז געווען א פרעמדער ווען ער פלעגט שוין זאָגאר קומען פון צייט צו צייט זיך זעהען מיט דער פרוי.

ווייטער האָט עס געפיהרט דערצו, אז מוטערס האָבען געמוזט אויפאָפּפערן זייער געשלעכטליבע תאוה אויס ליעבע צו דיא קינדער און אז מען האָט ביסלעכוויז אויך אָנגעפאנגען אויפצופּאַסען; דאָס פרויען זאָלען קיין פערקעהר ניט האָבּען מיט מענער, ווען זיי האָדעווען א קינד. עס פערשטייט זיך, אז אין דער צייט, ווען דיא מוטער־ברוסט איז געווען דער איינציגער שפּייז־מיטעל פיר קינדער ביז פיער און פינף יאָהר, איז דיא געבורט פון נאָך א קינד וועהרענד דיזער צייט געווען א טויט־אורטהייל פיר איינעם פון זיי. אין אזא פאל פלעגט מען דעם ניי־געבּארענעם איינפאך ערמאָרדען. אין דיא צייטען, ווען עס איז אזוי שווער געווען צו שאפען זיך גענוג שפּייז און ווען מען האָט אָפט צוגעהונגערט, איז קינדער־מאָרד געווען איינגעפיהרט בּיי אלע פעלקער אין ווילדען צושטאַנד, נאָר עס פערשטייט זיך, אז מען האָט עס ניט געטאָן אויס פערגניגען אָדער אויס בּלוטדורשטיגקייט, זאָנדערן ווען דיא נויט

אָדער געוויסע דערמיט פערבּונדענע רעליגיעזע צערעמאָניעס האָבען געצוואונגען דערצו. ווילדע מענשען זיינען דאָך אין אלגעמיין ניט גרויזאמער, וויא רויבטהיערע, און זאָ לאַנג זיי קענען נור שפּייזען און בּעשיצען דיא עקזיסטענץ פון זייערע קינדער, טוען זיי עס נאַטירליך. אָבער ווען בּיי א פרוי איז געבּאָרען געוואָרן נאָך א קינד, בּשעת זיא האָט געהאלטען אין זויגען א'ן אנדערן, זאָ האָט מען עס שוין געמוזט ערמאָרדען נור צוליעב דעם, ווייל דיא

עלטערן זיינען געווען זארגלאָז און לייכטזיננינג. דיא פעראַנטוואָרט־ליכקייט פון אזא ערמאָרדונג איז נאַטירליכערווייזע געפאלען אויף דער פרוי, און מען האָט דארום אָנגעהויבען צו קוקען אויף אזא פרוי מיט בייזע אויגען, איהר צו פערדאמען און אלץ שטרענגער צו בעשטראָפען.

ביי פיעלע אפריקאנער ווערט אזא לייכטזיננינגע פרוי זעהר גרויזאם בעשטראָפט. ביי אייניגע פעלקער, וויא צוםביישפיל ביי דיא וואזאראמען אין אָסט־אפריקא, קוקט מען זאָגאר מיט פערדאכט אויף א פרוי, ביי וועלכע א זויג־קינד שטארבט. דיא צייט פון זויגען איז דאָרט געוויינליך דריי יאָהר, און דארום, ווען אזא זויג־קינד שטארבט אוועק, רעכענט מען, אז דיא פרוי האָט אליין אומגעבראכט איהר קינד, אום צו קענען בעפרידיגען איהר געשלעכט־ליכע תאוה. מען בעליידיגט איהר און מען טייטעלט אויף איהר מיט דיא פינגער, ווען זיא יאָמערט איבער דעם טויט פון איהר קינד, און וויא גרויזאם און בארבאריש דאָס איז, דארף מען אָבער ניט פערגעסען, אז דער אָנפאנג דערפון איז געווען א זעהר וויכטי־גער און ריין־מענשליכער פאָרטשריט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

געוויינליך פלעגען זיך דיא מוטערס אליין בעשרענקען און צו־ריקהאלטען און אויפפאסען אויף זייערע קינדער אזוי זאָרגפעלטיג, וויא עס איז נאר מעגליך געווען. דיא קינדער פלעגען בלייבען מיט איהר צוזאמען כמעט שטענדיג. בעזאָנדערס איז עס אזוי געווען, וויא עס פערשטייט זיך פון זעלבסט, מיט דיא מיידלעך. דיא בחורים האָבען געקענט פון צייט צו צייט מיטניין מיט דיא יעגערס, אום צו קריגען טהיערשפייז, און מיט דער צייט אין גאנצען זיך אָבטהיי־לען פון דער מוטער; אבער דיא טעכטער פלעגען בלייבען לעבען דער מוטער אפילו ווען זיי פלעגען שוין אליין ווערן מוטערס. זייערע מענער פלעגען צושטעלען טהיער־שפייז נאָך דעם געיעג און פלעגען פערבלייבען אזוי לאנג, וויא זיי האָבען געוועלט. עס האָבען זיך אויף דיזער ווייזע געבילדעט גרופעס פון פרויען, וויא מיר זעהען עס אויך ביי מאנכע חיות. דיא מענער פלעגען זיך אָרומשלעפען ארום דיא לאגערן אָדער וואָהנונגס־פלעצער פון דיא פרויען און

האָבען זיך מיט דער צייט פערבונדען אין יעגער־גרופען, אום לייכ־טער צו קריעגען טהיער־שפייז. עס פערשטייט זיך, אז דיא לעצטע פערבינדונגען האָבען נאר געוויינליך עקזיסטירט אין דער צייט פון געיעג און אז זיי פלעגען זיך שטענדיג ענדערן און אָפט אין גאנצען צופאלען ווערן צוליעב שטרייטען.

דיא פרויען־אָרגאניזאציאָן, געשטיצט אויף א נאטירליכען און נויטווענדיגען צוזאמענהאנג צווישען איהרע מיטגליעדער, איז אָבער געוועזען א שטענדיגע אונטער געוויינליכע אומשטענדען און איז דא־רום פערבליעבען אלס צענטער פון געזעלשאפטליכע פערבינדונגען אויף דער גאנצער ערד אין דער גאנצער צייט, ביז דער פיהפיטערנדער צושטאנד האָט זיך פעסט ענטוויקעלט, און ביי מאנכע ווילדע פעל־קער נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס גאנץ נאטירליך געוועזען, אז קינדער זאָלען זיך רעכענען נאָך זייערע מוטערס און ניט נאָך זייערע פאָטערס, פון וועלכע זיי האָבען ניט געוואוסט און אין דיא ערשטע צייטען אויך גאָר ניט געקענט וויסען, דען דער געשלעכטליכער פערקעהר איז געוועזען א זעהר גע־מישטער, — און אז דערפון זאָל מיט דער צייט ארויסקומען א גאנ־צע פאמיליען־סיסטעם, וואָס מיר רופען אין דער קולטור־געשיכטע מיט דעם וואָרט מאטריארכאט.

אלס איינער פון דיא נעהענטסטע מוסטערס פון דיזער סיס־טעם, וועלכע מיר קענען פון ערשטען בליק גאָר ניט בעגרייפען, קען יעצט דיענען דיא אָרגאניזאציאָן פון דעם נעגער שטאם באַ־לאָנד ביי דעם טייך זאמבעזי אין זיד־אָסט אפריקא. דער בעריהמטער ענגלישער מיסיאָנער און רייזענדער ליווינגסטאָן איז זעהר פערוואונדערט געוועזען צו געפינען ביי דיזען שטאם אזעלכע פאמיליען־פיהרונגען, וועלכע ער האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט. צוערשט איז ער איבעראשט געוואָרען דורך דיא אונאבהייניגע לאגע פון פרויען ביי דיזע ווילדע און נאכהער האָט ער געמוזט בעשטעטיגען דיא מעלדונגען פון אייניגע פאָרטוגעזער, וועלכע ער האָט געהאלטען פאר באָבע־מעשות. ער האָט נעמליך מיט זיינע אייגענע אויגען גע־זעהען, דאָס דער מאן, וואָס וויל הייראטהען, מוז ניט אנדערס אריי־

בערציהען אין דעם דערפעל פון זיין ווייב און זיך פערפפליכטען צוצושטעלען האַלץ דער מוטער פון דער כלה און ניט צו ארבייטען פיר ווערמען עס איז אָהן דיא ערלויבנים פון דער כלה'ס מוטער. אויסער דעם מוזען דיא קינדער פערבלייבען מיט דער מוטער, ווען זיא שיידעט זיך מיט איהר מאן. דערפאר קריעגט דער מאן פון דיא פרוי־ען נענוג שפיין. אזעלכע זאַ צו זאָגען קאָנטראַקטען שליסען דיא מע־נער מיט עטליכע פרויען אין דעם זעלבען דאָרף, און ביי דיא באַלאָנ־דען עקזיסטירט אַלזאָ פּאָליגאַמיע (פיעל ווייבעריי), הגם דיא מענער זיינען אין זייער חיונה אָפּהענגיג פון דיא פרויען. ליווינגסטאָן דער־ציילט אויך, אז ער האָט געהערט, וויא איינער פון אזעלכע מענער האָט, זיצענדיג אויף א בוים געקלאָגט: „הערט! הערט! איך האָב געמיינט, אז איך האָב חתונה געהאט מיט פרויען; אָבער זיי זיינען גאָר מכשפות. אָ, איך אָרימער יונגע! איך האָב קיין איינציגע פרוי!"

דיא אורזאַכע פון זיין קלאָגען איז איינפאַך געווען, וואָס זיינע פרויען האָבען איהם ניט געגעבען עסען; — זייער געוויינליכע און בעסטע שטראָף פיר אונגעהאָרכזאַמע מענער.

צו דער צייט, ווען ליווינגסטאָן האָט דאָס געשריבען, האָט מען נאָך ניט געמאַכט גרינדליכע נאַכפאָרשונגען וועגען דעם מאַטריאַר־כאַט, און ער איז דארום נאָך מעהר פערוואונדערט געוואָרן צו געפי־נען אזעלכע פאמיליען־פערהעלטניסע ביי דיא באַלאָנדען, ווען ער האָט געזעהען, אז ביי דיא אַרומיגע פעלקער און ספּעציעל ביי דיא זולוסען זיינען שוין דיא פרויען איינפאַך שקלאַווינען פון דיא מענער. דיא אורזאַכע דערפון איז אָבער דיא זעלבע, וואָס מיר געפינען איבעראַל ביי דעם איבערגאַנג פון מוטערליכע צו פאָטערליכע פאמיליען־הער־שאַפט: דיא אַרומיגע פעלקער זיינען נעמליך פיהפיטערער ווער־רענד ביי דיא באַלאָנדען איז פיהפיטעריי אונמעגליך צוליעב א געוויסע גיפטיגע פליעג, וואָס טויטעט דיא בהמות. דיא באַלאָנדען בעשעפ־טיגען זיך דארום נור מיט אַקערבוי, זאַ דאָס דיא פרויען, וועלכע זיינען דיא עכטע אַקערבויער, האָבען אויך אָנגעהאַלטען זייער אַלטע הערשאַפט.

אין אַפריקאַ איז דער מאַטריאַרכאַט איבערהויפּט זעהר וויים

פערשפרייט, הגם ניט אין זיין ריינער אַלטער פאָרמע. מען הערט דאָרט אָפט מעשות וועגען פעלקער, וואָס געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון פרויען, און דיא אויראָפּעאישע רייזענדע האָבען דאָס אָנגענומען אין אָנפאַנג איינפאַך פאַר באָבע־מעשות און פאַנ־טאַזיעס; אבער ביסלעכווייז זיינען זיי אליין צוגעקומען צו פעלקער, וואו פרויען פיהרען דיא רעדעל. א געוויסער אָרט אין צענטראַל אפריקא ניט ווייט פון נילוס טראָגט ביי דיא אראבען דעם נאמען „בעלעד־על־מראַ“, וואס עס בעדייטעט: „פרויען־לאַנד“. דער שטאַם ווערט בעהערשט פון א פרוי, וואס טראָגט דעם נאָמען מבאַנג־הע (קעניגין). אפילו ביי דיא געפעהרליכע רויבער־פעלקער אין דער סאַהאַרא־וויסטענס, דיא זאָ־גענאַנטע טואַרעגען, ווערט דיא פערוואַנדשאַפט און דיא אנגעהעריגקייט צו א שטאַם גערעכענט נאך דער מוטער. ביי דיא אַשאַנטיער, א קריגערישער נעגער־שטאַם אין וועסט־אפריקא, וואו מענשענפרעסעריי איז געוועזן איינ־געפיהרט אויף דיא שרעקליכסטע אַרט ביז דיא ענגלענדער האָבען איינגענומען דאָס לאַנד, אפילו ביי זיי איז נאָך פערבליבען פון דעם אַלטען מוטער־רעכט, אז דיא מוטער־קעניגין מעג זיך אריינמישען אין רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען און ארויסגיין פון הויז אָהן א שלייער. אין באָרנו (סודאַן) האָט דיא מוטער־קעניגין א גרויסע דעה, און אין דאַרפור (עגיפּטישער סודאַן) האט געהערשט א פרוי ביז דיא סאָלדאַטען פון עגיפּטישען כעדיוו האבען איינגענומען דיא גע־גענד. פיעלע רייזענדע האבען בעמערקט, אז דערוואַקסענע נעגערס שרייען אויס „מאַמאַ!“ ווען זיי ווערן דערשראָקען אדער איבעראַשט און דאָס ווערט צוגעשריבען צו דער אַלטער געוואָהנהייט זיך צו רעכענען נאך דער מוטער. ביי דעם שטאַם באַנגאַלו אין זיד־אפריקא איז איינגעפיהרט, אז דיא קינדער פון א פרוי געהערן צו איהר ברודער, און ער פערקויפט זיי אויך ניט זעלטען צו בע־צאַהלען זיינע שולדען. אין גווינעא (וועסט־אפריקא) איז איינ־געפיהרט געוועזן, אז דיא ירושה פון א רייכען מאַן, אויסער זיין גע־וועהר, פלעגט איבערגיין צו דעם זוהן פון זיין שוועסטער, און, וויא דער רייזענדער סמיטה מעלדעט, אויף דעם גרונד,

דאס דיזער זוהן איז דאָך שוין זיכער א פערוואנדטער פון דעם גע־שטאָרבענעם. אין צענטראל־אפריקא, דערציילט א׳ן אנדער רייזענ־דער, „בלייבט דיא הערשאפט שטענדיג אין איין פאמיליע; אָבער דער זוהן ירש׳ענט קיין מאָל ניט זיין פאָטער. דיא ירושה גייט איבער צום זוהן פון דעם קעניג׳ס שוועסטער, דען דערמיט ווערט גע־זיכערט דיא ריינקייט פון דער קעניגליכער פאמיליע“. „דאס בעווייזט, בעמערקט דיזער רייזענדער, וויא וויניג מען שעצט דיא טוגענד און טרייהייט פון פרויען אין דיזען לאנד“; אָבער אין דער ווירקליכקייט איז עס נאָר א פערבליבענער צייכען פון דיא אוראלטע צייטען, ווען קינדער האבען זיך גאר אנדערס ניט געקענט רעכענען, וויא נאָך דער מוטער. אין קאָנגא פאָלגען אויך דיא אָנפיהרערס אדער קעניגע נאָך דער מוטער־זייט „אלס א פאָרזיכט, דאָס דיא קעניגע זאלען האָבען ריינע קעניגליכע בלוט“.

עהנליכע ערקלערונג ווענען דיא „ריינקייט פון בלוט“ דורך דיא מוטער ווערן אָנגעגעבען יעצט ווענען אזעלכע מנהגים, און הגם עס איז זעהר מעגליך, אז דיזער גרונד האט זיין ווירקונג ביי דער ווייטערער פערשפרייטונג און ענטוויקלונג פון מאטריארכאט, איז עס אבער זיכער, אז אין אָנפאנג איז דיא מוטערליכע פאמיליען־אָרגאניזאציאָן ארויסגערופען געוואָרן נאר דורך דיא אויבענאָנגעצייג־טע נאטירליכע אורזאכען.

מאטריארכאלישע איינפיהרונגען געפינען מיר נאָך יעצט ביי פילע פעלקער אויסער אין אפריקא. נאכפאָרשער און רייזענדע אין אינדיען דערציילען, אז ביי איינינע פעלקער עקזיסטירט „דער מערק־ווירדיגער מנהג צו לאָזען דיא ירושה נאָך דער מוטער־זייט און צו רעכענען פערוואנדשאפט נאָך דער מוטער“. ביי איינינע פון דיזע פעלקער ווייסען דיא קינדער ניט פון זייערע פאָטערס, און דיא פאָ־טערס ווייסען ניט פון זייערע קינדער. דער פערמעגען גייט צו דיא קינדער פון דער שוועסטער און איבערהויפט נאָך דיא בלוטפערוואנדשאפט מיט דער מוטער. ביי דיא לימבוסען (אין אינ־דיען) מוז דער פאָטער אויסקויפען זיינע זיהן ביי דער מוטער פאר א געוויסע סומע געלט, אויב ער וויל, אז זיי זאלען געהערן צו

איהם, ד. ה. טראָגען זיין נאמען און אריינטרעטען אין זיין שטאַם. דיא מיידלעך בלייבען אָבער שטענדיג ביי דער מוטער און געהערן צו איהר שטאַם.

ביי דיא אינדיאַנער איז דיא פערוואַנדשאַפט מיט דעם אָנ־קעל (דעם ברודער פון דער מוטער) געוועזן בעטראַכטעט אלס דיא נעהענטסטע און דיא וויכטיגסטע. ניט דער פאָטער פון דיא קינדער, נאר דיזער איז געוועזן גערעכענט פאר דעם הויפּט פון זיין שוועס־טערס פאַמיליע. ביי דעם שטאַם טשאַקטאַס, צום ביישפּיעל, דאַרפען דיא אַמעריקאַנער בעאַמטע אָנפרעגען דעם אָנקעל און ניט דעם פאָטער, ווען זיי ווילען אָננעהמען א'ן אינדיאַנער אינגעל אין א שולע. אין מעקסיקאָ און אויף דעם אינזעל האַאיטי איז דער מוטער'ס ברודער אויך געוועזן גערעכענט פאר דעם הויפּט פון דער פאַמיליע. ביי דיא פּערואַנער איז דיא ירושה געוויינליך פער־בליבען אין דער מוטער'ס זייט פון דעם מאַן, דאס הייסט ביי זיינע פּלעמעניקעס און ניט ביי זיינע זיהן. ביי דיא אינדיאַנער פון דיא נאָרד־טהיילען פון קאַנאַדאַ ווערן דיא קינדער אימער בעצייכענט נאָך דער מוטער; אויב א פרוי האט געהאַט קינדער פון עטליכע מענער ווערן דיזע אלע קינדער גערופען נאָך איהר נאָמען. זיי גיבען יעצט דערויף פאָלגענדע ערקלערונג: „אזוי וויא דיא קינדער קריגען זייערע נשמות פון דעם פאָטער, ד. ה. דעם טהייל וואָס מען זעהט ניט, און אזוי וויא דער גוף, דער טהייל וואָס מען זעהט, קומט פון דער מוטער, דאַרום איז עס פערנינפטיגער צו רופען און צו רעכע־נען דיא קינדער נאָך דער מוטער. זייער אָפּשטאַמונג פון איהר איז זיכער, ווערענד וועגען דעם פאָטער קען זיין א צווייפעל, אויב ער איז ווירקליך זייער פאָטער". ביי דיא אינדיאַנער־שטאַמען, וואָס ווערן גערופען איראקעזען און וואס זיינען אזוי אויספיהר־ליך און גרינדליך אויסגעפאָרשט געוואָרן פון דעם בעריהמטען אמע־ריקאַנער געלעהרטען מאָרגאַן, ציהט זיך דיא רעכנונג נאָך דער פרויען־זייט. דיא קינדער געהערן צו דעם שטאַם פון דער מוטער. אויב א מאַן פון דעם שטאַם קאַיוגא פערבינדעט זיך מיט א פרוי פון דעם שטאַם דעלאַוואַר, ווערן דיא קינדער גערעכענט פאר

דעלאַווארען און בלייבען פרעמדע צום פאָטער ביז ער ערקלערט זיי פאַר זיינע קינדער דורך א געוויסע צערעמאָניע. און ווען א דעלאַוואר האט חתונה מיט א קאַיוגער פרוי, געהערען דיא קינדער צום קאַיוגער שטאם — אלץ נאָך דער מוטער.

אויף אייניגע אינזלען פון גרויסען אָקעאַן ווערן אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען גערעכענט נאָך דער מוטער; און אויב דיא מוטער געהערט ניט צום אדעל־שטאַנד, געהערען אויך ניט איהרע קינדער. אויף אַנדערע אינזלען געהערען דיא קינדער צום שטאם פון דער מוטער אדער פון דעם פאָטער, וויא מען רעדט אויס פאַר דער חתונה. אויף דיא קאַראָלינען און מאַריאַנען אינזלען פלעגען דיא העכסטע און געשעצעסטע אַמטע איבערגיין נאָך דער מוטער׳ס זייט. אין אַלגעמיינען בעמערקט מען יעצט אין פּאָלינעזיען, אז דיא מאַטריאַרכאַלישע פאָרמען גייען אלץ מעהר איבער אין פּאַטריאַרכאַלישע — אַך איבערגאַנג, וועלכער ווערט געשילדערט און ערקלערט ווערען אין א וויַיטערן קאַפּיטעל.

אין וועסט־אויסטראַליען טראָגען דיא קינדער דעם שטאַם־נאָמען פון זייערע מוטער. אין מאַנכע אַנדערע ערטער פון אויסטראַליען געהערען שוין אָבער דיא קינדער צום שטאַם פון פאָטער.

זאָגאר ביי פיעלע מאַלאַיער פעלקער, וועלכע געהערען שוין צו דיא קולטור־ענטוויקעלטע, בעשטייט נאָך אייגענטליך דיא פאַמיליע אויף דער מוטער מיט איהרע קינדער. דער פאָטער ווערט גאר ניט אריינגערעכענט. ער איז מעהר צוגעבונדען צו זיינע ברידער און שוועסטער, וויא צו זיין פרוי און קינדער. דער הויפט פון דער פאַמיליע איז דער עלטעסמער ברודער פון דער מוטער. דאָס לאַנד געהערט צום גאַנצען שטאם אדער, וויא זיי רופען עס, זוקו, און דיא אַנגעהעריגקייט צו דיזען זוקו ווערט בעשטימט דורך דיא מוטער׳ס זייט. נאָך דער חתונה פערבלייבט דער מאַן אין דער פאַמיליע פון זיין מוטער און העלפט בעארבייטען איהר חלק לאַנד. זיין פרוי און קינדער העלפט ער נאר צופעליג צו אין קלייניגקייטען. דער מוטער׳ס ברודער טראָגט אלע פּפליכטען פון א פאָטער צו זיין שוועסטער׳ס קינדער, צו זיינע פלעמעניקעס. נאָך זיין טויט

ניט איבער דיא השגחה צו דעם עלטסטען פון דיא בלוטפער־וואנדטע, דאס הייסט צו דיא קרובים פון דער מוטער'ס זייט. דער פאָטער נעהמט נאר זיינע קינדער אונטער זיין שוץ, ווען זיי בלייבען אָהן א מוטער און האָבען קיין איינציגען דערוואקסענעם אָנקעל. דאָס איינענטהום פון א מאלאיער, אפילו ווען ער האָט עס זיך אליין ער־וואָרבען, גייט איבער בירושה צו זיינע ברידער, שוועסטער און צו דיא קינדער פון זיינע שוועסטער, ד. ה. אלזאָ צו דיא בלוטפערוואנדטע ווען ער וויל א מאל מאכען א געשאנק זיין פרוי און קינדער, דארף ער פריהער אויסבעטען דיא ערלויבניס ביי זיינע ברידער און שוועסטער. דער הויפּט פון דער מוטער־פאמיליע פערוואלטעט דאס אלגעמיינע איינענטהום אונטער דעם קאָנטראָל פון זיינע שוועס־טער, און ביי דיא מייסטע מאלאיער פעלקער גייט דיא ירושה איבער ניט צום זון פון דעם פערשטאָרבענעם, נאר צום זון פון זיין שוועסטער, ד. ה. זיין בלוטפערוואנדטען פלעמעניק.

אין דער זעלבער צייט זיינען שוין ביי דיא זעהר ענטוויקעלטע מאלאיער פעלקער איי׳נגעפיהרט געוואָרן נייע הייראטס־פאָרמען. דיא עלטעסטע פאָרמע אונטער דעם נאָמען „אמביליאנאק“ איז בעגרינדעט אויף דעם מאטריארכאט, דען דיא פרוי האט אלע רעכטע איבער דעם מאַן וועלכער מוז אריבערציהען אין דער הויז פון זיין שווינערמוטער. דיזע פאָרמע ווערט שוין אבער ביי פיעלע פעלקער אָנגענומען אלס א שענדליכע פיר א מאנספערזאָן. דיא מענער וועלכע קענען אנדערס ניט חתונה האָבען, פערבלייבען שוין ליע־בערסט אונפערהייראטעט. יעדער מאנספערזאָן זוכט שוין חתונה צו האָבען דורך דיא איינוויליגונג פון דער כלה אליין (דיזע הייראטס־פאָרמע הייסט: „זעמאנדאָ“) און נאך מעהר דורך קויפען א כלה (דיזע הייראטס־פאָרמע הייסט: „בזשודזשור“). דיזע צוויי פאָרמען ווערן אלץ מעהר פערשפרייט אויף אונטער דעם איינפלוס פון דעם פערקעהר מיט אויראָפּעער און איבערהויפּט מיט פעלקער, ביי וועלכע עס הערשט דער פאטריארכאט.

מיט אזעלכע ביישפּיעלען קען מען אָנפילען גאנצע ביכער; אבער דיא אויבענגעבראכטע זיינען פאָרלויפיג גענוג, אום צו פער־

שטיין, אז דער נאַטירליכער גרונד פון מאַטריאַרכאַט איז שטענדיג געווען און פערבליבען אין דעם בעגריף פון בלוטפערוואַנדשאַפט בלויז דורך דיא מוטער. נאָך דיא גאַר ערשטע מענשען האָבען געמוזט בעמערקען דיא ענגע פערבינדונג פון שוואַנגערן מיט דיא אָבשטעלונג פון מאָנאַטליכע בלוט־רייניגונג פון פרויען (זוב דמי נדה). דער שלוס דערפון איז געווען, אז זיי האָבען אָנגעהייבען צו בעטראַכטען בלוט אלס דעם קוועל פון לעבען און אז נור מענשען, אין וועלכע עס פליסט דאָס בלוט פון איין מוטער, קענען גערעכענט ווערן פאַר ווירקליכע קרובים, פאַר אמת'ע בלוטפערוואַנדטע. דיזער בעגריף איז נאָך אייגענטליך איינגעוואָרצעלט ביי אונז אויך; אבער דיא ערשטע מענשען האָבען עס פערשטאַנען בוכשטעבליך און האָבען אָרגאַניזירט זייער פאַמיליען־לעבען אויף דיא לאָגישע שליסע דערפון. דיא רעליגיעזע בעגריפע האָבען ביסלעכווייז אויך אָנגעפאַנגען בעגרינדעט צו ווערן אויף דער מיינונג, אז בלוט איז לעבען און לעבען איז בלוט. אין דער ביבעל ווערט בלוט אויך בעטראַכטעט אלס דער קוואַל פון דער נשמה פון לעבען.

ברודערשאַפט איז דאַרום געווען בלוטפערוואַנדשאַפט דורך דער מוטער, און דאָס האָט שוין נאַטירליכערווייזע געפיהרט צו דעם אלגעמיין פערשפרייטעטען מנהג פון שליסען ברודערשאַפט דורך בלוטמישונג. אויב א קרוב איז נור דער, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט דאס זעלבע בלוט, זאָ איז דערפון נאַטירליך געווען צו ציהען דעם שלוס, אז צוויי פרעמדע מענשען קענען אויך ווערן ברידער, ווען זיי זאָלען צוזאַמענמישען זייער בלוט. דיא פאָרמען און צערעמאָניעס צו שליסען אזא ברודערשאַפט זיינען זעהר פערשידען; אבער דיזע פעשיעדענהייט צייגט נאַר אָן, אז דער געדאַנקען איז זעלבסטשטענדיג ענטשטאַנען ביי אלע פעלקער, דען ווען איין פאָלק וואָלט דיזען געדאַנקען איבערגענומען ביי א'ן אנדערן, וואָלטען אויך דיא פאָרמען און צערעמאָניעס איבערגענומען געוואָרן אין דער זעלבער צייט. אויף וועלכער ארט דיא בלוטמישונג זיינען ניט אָנגענאַנגען, דורך אויסטרינקען דאָס געמיינשאַפטליכע בלוט, דורך מאַכען זיך וואונדען אויף געוויסע טהיילען פון קערפער און

נאכהער לאָזען פליסען דאָס בלוט, אז עס זאָל זיך צוזאַמענמישען אין דיא קערפּערס — דער צוועק און דער רעזולטאט איז געוועזען דער זעלבער, נעמליך: ברודערשאַפט דורך בלוט איז געשלאָסען געוואָרען.

דיזע אוראַלטע פאָרמע צו שליסען ברודערשאַפט איז נאָך פערבליבען ביז יעצט אין פיעלע ערטער. איין אויראָפּעאישער רייזענ־דער איז אויף דיזער ארט געוואָרען א ברודער פון א פּרינץ אין מאַדאַגאַסקאַר אונזערע פאָרפאַטערס האָבען אויך אזוי גע־האַנדעלט. אין דיא גריכישע לעגענדען ווערט דערציילט, וויא מען איז געוואָרען ברודער דורך צוזאַמענמישען בלוט. מען נעהמט אָן, אז דער וויין וואָס מיר טרינקען צו שליסען „ברודערשאַפט“, איז אויך א'ן אָנווייזונג אויף דאס בלוט, וואס אונזערע אוו־עלטערן האָבען ביי אַזאַ געלעגענהייט געברויכט. אָנפאַנגס האט מען נעמליך צוגעמישט צום געטראַנק א ביסעל בלוט פון דיא פערברידערטע; אבער מיט דער צייט האָט מען זיך שוין געעקעלט צו טרינקען בלוט, און וויין איז מייסטענס פערבליבען אלס דער ברודערשאַפט־געטראַנק.

ווען מיר זאָלען דאס אלעס נעהמען אין אנבעטראַכט, וועלען מיר בעגרייפען, אז ביי דיא ערשטע מענשען האט איבערהויפּט גע־קענט אויסקומען, דאָס צווישען דעם פאָטער און דעם קינד עקזיס־טירט גאר קיין בלוטפערוואַנדשאַפט. דיא ערשטע מענשען האָבען ניט געוואוסט פון חקירות און האָבען געהאַנדעלט נאָך דיא בעגריי־פע, וועלכע האבען זיך ביי זיי צוערשט ענטוויקעלט. ער האט געזעהען, אז קינדער קומען פון דער מוטער'ס בלוט, און ער האט דערפון געשלאָסען, אז נור זיי זיינען דורך דעם פערבונדען. דער פאָטער, ווען ער איז געוועזען פון א'ן אנדער בלוט־אָבשטאַמונג, איז דאַרום פערבליבען א פרעמדער צו זיינע אייגענע קינדער און א'ן אייגענער צו דיא קינדער פון זיין שוועסטער. יעדער מאַן אלס נעהענטסטער קרוב פון זיין שוועסטער איז געוועזען בעטראַכטעט אלס דער נאַטירליכער בעשיצער פון איהר און פון איהרע קינדער. און דערמיט איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דיא מאַטריאַרכאַלישע פאָרמען, וועלכע זיינען נאָך פערבליבען ביז היינט צו טאָג, וויא מיר האבען עס אויבען געזעהען.

ווי שווער עס איז אונז יעצט צו פערשטיין די איינפיה־רונגען ביי פיעלע פעלקער, אז דער הויפט פון דער פאמיליע ווערט גערעכענט דער ברודער פון דער מוטער (דאס זאָ־גענאנטע „אָנקעל־רעכט"), און אז די ירושה גייט איבער צו די קינדער פון דעם מאַנ'ס שוועסטער (דאס זאָגענאנטע „נעפפען־רעכט"), קענען מיר עס נאך בענעהמען, ווען מיר גייען אויס פון דעם בעגריף וועגען בלוט־פערוואנדשאפט דורך דער מוטער; אבער די סיסטעמען פון פער־וואנדשאפט, וועלכע האָבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט און וועלכע געלעהרטע נאכפאָרשער האָבען געפונען ביי פעלקער אין ווילדען צושטאנד, זיינען שוין פאר אונז אזוי משונה'דיג, דאס מיר מחען זעהר לאנג וועגען דעם נאכקלערען, אום צו דערגיין פיעל ווינציג א טאָלק. מען דארף פריהער גאנץ גרינדליך אויספאָרשען די פערוואנדשאפט־נעמען און זייערע בעדייטונגען אין די קעפ פון די ווילדע, אום צו פערשטיין דיזע סיסטעמען. דער אמע־ריקאנער נאכפאָרשער מאָרגאן האָט צוזאמענגעשטעלט די פער־וואנדשאפט־סיסטעמען פון 139 פעלקער, און פון ערשטען בליק ווערט מען איינפאך צומישט, ווען מען געפינט, צום ביישפיעל, אזא רעכנונג, וויא ביי די איינגעבאָרענע פון די האוואיער אינזלען. אין זייער שפראך זיינען אפילו ניטאָ בעזונדערע ווערטער צו בעצייכנען א פאָטער און א מוטער. דער וואָרט „מאקוא בעדייטעט: „דער וואס האָט געבאָרען", און מיט דיזען וואָרט רופט מען ניט נאר דעם לייבליכען פאָטער, זאָנדערן די ברידער פון דעם פאָטער און פון דער מוטער. די מוטער און איהרע שוועסטער, וויא אויך די שוועסטער פון פאָטער, ווערן גערופען מיט איין און דעם זעלבען וואָרט. אונטער אזא סיסטעם זיינען שוין גאר ניטאָ אָנקעלס און טאנטעס, און יעדעס קינד האט א סך פאָטערס און מוטערס. דארום רעכענען זיך טאקע דיזע אלע קינדער פאר ברידער און שוועסטער. די האוואיער האָבען דערפאר אבער בעזונדערע ווער־טער פיר א ברודער און שוועסטער נאך זייער אלטער. אין בעצוג אויף אָנגענומענע קינדער האבען זיי א גאנצע רעכנונג. פיר מאנכע פון זייערע בעצייכנונגען פון פערוואנדשאפט קען מען גאר ניט

צוקלייבען א וואָרט אין דיא אוירא־פעאישע שפּראכען. אין אלגעמיינען זיינען דארטען ניט גערעכענט פאָטערס, מוטערס, אָנקלען, טאנטעס פלעמעניקעס און פלעמעניצעס, זאָנדערן אורעלטערן, עלטערן, ברידער און שוועסטער, קינדער און אייניקלעך

דיזע מערקווירדיגע סיסטעם פון פערוואַנדשאַפט איז נאָך פערשפּרייטעט אויף אנדערע אינזלען פון גרויסען אָקעאַן, און אין מאַנכע פון זיי איז זיא אויך פערבונדען מיט ירושה נאָך דער מוטער׳ס זייט. אויף אייניגע אינזלען זיינען שוין דאָ בעזונדערע ווערטער פיר פאָטער און מוטער, הגם דיזע ווערטער ווערן נאָך אויך אָנגעווענדעט צו דיא ברידער און שוועסטער פון דיא מוטערס און פאָטערס. שוועס־טערקינדער רופען זיך אלזאָ אויך ברידער און שוועסטער. וויא ווייט מען האט ביז יעצט נאכגעפאָרשט, איז דיא האוואאישע פערוואַנד־שאַפט־סיסטעם איינע פון דיא עלטעסטע, און זיא איז נאר פערבליבען ביז יעצט, ווייל ביי דיא פּאָלינעזער איז דער געשלעכטליכער פערקעהר זעהר פריי און דיא הייראַטס־פאָרמען זיינען זעהר שוואַכע. ביי איי־ניגע אַמעריקאַנער פעלקער, בעזאָנדערס ביי דיא איראָקעזען, איז דיא פערוואַנדשאַפט־סיסטעם אויך ניט פיעל מעהר ענטוויקעלט, וויא ביי דיא האוואיער. דער ברודער פון דער מוטער רופט זיך שוין אָנקל אבער דער ברודער פון דעם פאָטער הייסט נאָך פאָטער און דיא שוועסטער פון דער מוטער און פון דעם פאָטער הייסען נאָך מו־טערס. דיא אָבטהיילונג פון דער מוטערס ברודער איז וואהרשיינליך נעקומען דורך דעם, וואָס מען האט איהם אנערקענט אלס דעם הויפּט פון דער פאַמיליע.

ביי געוויסע אנדערע פעלקער איז שוין איינגעפיהרט געוואָרן אזא סיסטעם פון פלעמעניקעס: דיא זיהן פון ברידער זיינען פיר דיא מענער געווען זיהן און פיר דיא פרויען פלעמעניקעס און דיא זיהן פון שוועסטער זיינען פיר דיא מענער געווען פלע־מעניקעס און פיר דיא פרויען זיהן. דיזע רעכנונג צייגט שוין אָן אויף א צייט, ווען ברידער און שוועסטער האבען שוין ניט געטאָרט הייראַטען, נאר דיא ברידער האבען געמיינשאפטליך געהאַט ווייבער, און שוועסטער זיינען געווען דיא פרויען פון איין מאַן. אזעל־

בע אונטערשיעדע אין דיא פערוואַנדשאַפט־רעכנונג פיר פרויען און מענער געפינען מיר ביי פיעלע אנדערע פעלקער, און געוויינליך ציינען זיי אָן אויף דיא נאַטירליכע ענטוויקלונג אין דיא וויטערע ליניען פון פערוואַנדשאַפט. ספעציעל שווער איז איינגעפיהרט גע־וואָרן דער אונטערשיעד צווישען ברידער־שוועסטער און שוועסטער־קינדער. אין פיעלע באַרבאַרישע שפּראַכען פעהלען אין גאַנצען ווערטער ביי פערשיעדענע פעלקער צו בעצייכנען שוועסטערקינדער, און דיא נאַכפאָרשונג פון דיא ווערטער צו בעצייכנען א פּלעמעניק איז זעהר בעלעהרענד אין דיזער בעציהונג.

מיר קענען זיך אבער דאָ ניט פערנעהמען מיט אזעלכע איינ־צעלהייטען. מיר האָבען נאר אין קורצען אָנגעצייגט אויף איינינע פון דיא זאָנדערבאַרסטע פאַר אונז פערוואַנדשאַפט־סיסטעמען, אום גרינדליכער צו פערשטיין דיא מאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען־אָרגאַני־זאַציאָן אין אַלגעמיינען. לאָמיר זיך טאַקע צוריק קעהרן צו דעם אָנפאַנג פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן.

דיזען אָנפאַנג קענען מיר זיך נאר פאָרשטעלען, שטיצענדיג זיך אויף דיא פאַקטען, וועלכע זיינען ביז יעצט צוזאַמענגעקליבען געוואָרן אין בעצוג אויף דעם מאַטריאַרכאַט אין אַלגעמיינען; אָבער עס פערשטייט זיך, אז דיא נאָך ביז יעצט פערבליבענע עלטעסטע און ווילדעסטע פאָרמען, איינינע פון וועלכע מיר האָבען שוין אויבען בעשריבען, זיינען א גרויסער פאָרטשריט אין פערגלייך מיט דיא פאַמיליען־פיהרונגען פון דיא ערשטע מענשען.

דאָן איז דיא מוטער געוועזן דיא ווירקליכע הערשערין אין איהר פאַמיליען־קרייז, און דיא מענער פון פרעמדע פאַמיליעס זיינען נאר געוועזן צופעליגע געסט. ערשט ביסלעכווייז זיינען מענער צו געוואָהנט געוואָרן צו פערבלייבען אין דער נאָכבאַרשאַפט פון דיא געצעלטען, וואו פרויען האבען געווירטהשאַפט און צוגעשטעלט פלאַנץ־שפּייז. דיא מיידלעך, וועלכע זיינען וואַהרשיינליך געוואָרן מוטערס, וויא נור דיא נאַטור האט עס ערלויבט, זיינען פערבליבען מיט זייערע קינדער לעבען זייערע מוטער, און עטליכע דורות פרויען מיט זייערע

קינדער זיינען אַלזאָ געווען דיא ערשטע געזעלשאַפּטליכע גרופּען. דיא מענער, וועלכע פּלעגען מייסטענס אַרומוואַנדערן, זוכענדיג טהיער שפּייז, פּלעגען נאַטירליך צוגעצויגען ווערן צו דיזע גרופּען. אבער עס איז אויך נאַטירליך, אז זיי פּלעגען דאָרטען אויפגענומען ווערן מיט דער בעדינגונג צו העלפען אין דער הויזליכער אַרבייט — לאָמיר זאָגען צו האַקען האָלץ, וויא ביי דיא באַלאָנדען אין אַפריקאַ — זאָ לאַנג זיי פּלעגען פערבלייבען. ניט ווילענדיג האבען דיא ווילדע אַרומבלאָנדזערס געמוזט פּאָלגען דיא פרויען און מיט דער צייט, איבערהויפּט אויף דיא עלטערע יאָהרען, זיך בעזעצען אין דעם אָרט פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציאָן. דורך דיא פרוי איז דער מאַן אַזוי ביסלעבוויז דיסציפּלינירט געוואָרן. און ווען ער פלעגט זיין פויל און ניט פאָלגען, פלעגען שוין דיא ערשטע פרויען געוויס זיך אַזוי אָפּרעכענען מיט איהם, וויא דיא באַלאָנדען־פרויען, וואָס האבען געלאָזט הונגערן און קלאָגען זייער געמיינשאַפטליכען מאַן. איהם איז דאַן קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען, וויא אָדער צו טאָן, וואס דיא פרויען און ד. ה. דיא מוטער, האט געהייסען, אָדער איבערוואַנ־דערן צו אַ׳ן אַנדער גרופּע פרויען.

זאָ לאַנג אַ מאַנספּערזאָן האט געהאָלפען מיט זיין אַרבייט דיא פרויען, האָבען זיי איהם נאַטירליך געזוכט צו האלטען לעבען זיך וואָס נעהענטער און שטאַרקער. ער איז אויך געווען זייער נאַ־טירליכער בעשיצער אין פאַל פון געפאַהר. דיא פרויען האָבען דאַ־רום געמוזט זעהען אָנצוהאַלטען לעבען זיך וויינינגסטענס זייערע איינגענע זכרים, און דאָס האט שוין געמוזט פיהרען צו בלוטשאַנדע (גלוי ערוה). דאָס איז צוערשט געווען נויטווענדיג פיר דיא עקזיסטענץ פון דיא גאַנצע גרופּע, און דער געשלעכטליכער פערקעהר איז צוליעב דעם אָנגעגאַנגען אין דער מוטערליכער פאַמי־ליע אפילו צווישען ברידער און שוועסטער. דיא מענער זיינען שוין דאָפּעלט צוגעבונדען געוואָרן צו דעם אָרט פון דיא פרויען און זיינען דאָרט פערבליבען אונטער געוויינליכע אומשטענדען. דיא פרויען און דיא מענער פון איין אָבשטאַמונג האָבען אַלזאָ געלעבט און געאַר־בייט צוזאַמען אונטער דער אויפזיכט פון דיא עלטערע פרויען, און

מיט דער צייט איז דורך דעם ענטשטאנען ביי איינינע פעלקער דיא זאָ־גענאַנטע ענדאָגאַמיע (פון דיא גריכישע ווערטער: ענדאָ— אינעווענינ, גאַמאָס — חתונה), דאָס הייסט: דער מנהג צו שליי־ סען געשלעכטליכע פערבינדונגען נור צווישען דיא מיטגליעדער פון איין שטאַם.

ביי איינינע פעלקער איז נאָך דיזער מנהג ביז יעצט פערבליי־ בען. זאָ איז עס פערבאָטען ביי דיא אבאָרען, קאַקטשי און גאָסען אין אינדיען צו הייראטהען אויסערהאלב דעם שטאַם. ביי זיי איז שוין אָבער צוגלייך איינגעפיהרט אויך עקסאָגאַמיע (עקסא בעדייטעט: אויסערהאלב), דאס הייסט: דער מנהג חתונה צו האָבען נאר צווישען מיטגליעדער פון פערשיעדענע שטאַמען. דיא ענדאָגאַמיע בעציהט זיך נעמליך אויפ׳ן גאַנצען שטאַם, אבער צווי־ שען דיא נעהענטערע גרופּען אדער שבטים עקזיסטירט שוין עקסאָ־ גאַמיע. ביי איינינע ווילדע שטאַמען אין צענטראַל אפריקא איז ענ־ דאָגאַמיע אין פולען גאַנג. ביי איינינע אינדיאַנער שטאַמען, וויא, צום ביישפּיעל, ביי דיא אַטען אין נאָרד־וועסט אַמעריקא, האַט מען נאר בעטראַכט אלס, זאָ צו זאָגען, געזעצליכע פרויען דיא ווייבער פון דעם זעלבען שטאַם מיט דיא מענער. ווען זיי פלעגען פאַנגען אין זייערע מלחמות פרויען פון א פרעמדען שטאַם, פלעגען זיי שוין בעטראַכטען דיזע פרויען אלס קעפּס־ווייבער און שקלאַווי־ נען. וואס פאר א הויכע לאגע א פרוי האט ניט פערנומען אין איהר אייגענעם שטאַם, נאר אלס א געפאַנגענע אין א פרעמדען שטאַם האט זיא שוין ניט געקענט חתונה האבען מיט א מאַן פון דיזען פרעמדען שטאַם. דיזער מנהג איז אבער שוין אויך געווען א רעזולטאַט פון שקלאַווערייי, וועלכע איז געווען ענג פערבונדען מיט געפאַנגענשאַפט, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום.

אויף דעם אינזעל יאַוואַ (אין זיד־אָסט אזיען) האלט זיך נאָך דאס פאָלק קאַלאַנגי אָן ענדאָגאַמיע. און וויא א יונגער מאַן שדכנ׳ט זיך צו א מיידעל, דארף ער בעווייזען, אז זיי זיינען ביידע פון איין שטאַם. דיא טאָטערס אין מאַנדזשוריא

(אין נאָרד פון כינא) דערלאָזען ניט חתונות צווישען פערזאָנען, וואס „טראָגען פערשידענע פאמיליען־נעמען". ביי דיא בעדואינען (דיא וואנדערנדע אראבער) האט יעדער מאן דאס אויסשליסליכע רעכט חתונה צו האבען מיט זיין קוזינע. ליווינגסטאָן דערציילט, אז „דיא פרויען פון דעם שטאם אקאמבי אין זיד־אפריקא האָבען קיין מאָל ניט חתונה מיט מענער פון א'ן אנדער שטאם". אין גוּאם איז אָנגענומען, אז ברידער און שוועסטער זאָלען הייראטהען צווישען זיך, און אזעלכע פערבינדונגען ווערן בעטראכטעט אלס „מעהר נא־טירליכע און אנשטענדיגע". אין ניי־זעעלאנד קוקט מען מיט בייזע אויגען אויף איינעם, וואס הייראטעט מיט א פרוי פון א פרעמדען שטאם, ווען דערמיט זיינען פערבונדען פאָליטישע רעכנונגען און אינטערעסען, און אזעלכע חתונות זיינען דאָרטען דארום זעהר זעלטען. דיא האָטענטאָטען האָבען אויך זעהר זעלטען חתונה אויסער־האלב זייער דאָרף.

דיא אינקאס, דיא הערשענדע פאמיליע אין פערו, פלעגען נאר חתונה האָבען אויף זייערע שוועסטער. אין גאנצען לאנד איז שוין איינגעפיהרט געווען דער פאטריארכאט, און דער פאָטער איז געווען דער אונבעשרענקטער הערשער אין דער פאמיליע; אבער דער אלטער און נאטירליכער געדאנקען, אז בלוטפערוואנדשאפט קומט נאר דורך דיא מוטער, איז פערבליבען, און אום עס זאָל גאָר קיין צווייפעל ניט זיין וועגען זייער אָבשטאמונג פלעגען דיא אינקאס הייראטהען זייערע איינענע שוועסטער. צוליעב דיא זעלבע אורזאכען האט דער הער־שער ביי דיא מאלאגאשען אין מאדאקאסקאר חתונה אויף זיין טאנטע אָדער שוועסטער.

אין דיא ערשטע מוטערליכע פאמיליעס איז דער געשלעכטלי־כער פערקעהר איבערהויפט געווען פריי, דען, אויסער דיא נויטווענ־דיגקייט צו האלטען דיא זכרים און נקבות פון איין פאמיליע צוזא־מען, וויא ווייט נאר מעגליך, האט מען נאך גאר ניט געוואוסט, וואס בלוטשאנדע בעדייטעט. דיא ערשע בעשרענקונגען ביין פאָרען זיך האָבען נאר געקענט זיין נאטירליכע, און געמליך, אז יונגע האָבען אויסגעמיידט צו פערבינדען זיך מיט עלטערע, וויא ווייט דיא

אומשטענדען האָבען עס דערלאָזען. דיא פרויען האבען זיך געמוזט צוריקהאַלטען יאָהרענלאַנג, וויא שוין אָנגעצייגט, אום צו זויגען זייערע קינדער, און דיא מענער האָבען דערווייל געלעבט מיט פרויען, וואָס האָבען שוין ניט געהאַט זויגלינגע. עס זיינען נאָך ניט געווען געגוג שפּייז־מיטעל, אז איין מאַן זאָל קענען ערנעהרען א סך פרויען; און אלע פרויען זיינען דאַרום געווען פיר אלע מענער, און פערקעהרט. דער מאַן האָט ניט בעהערשט דיא פרוי, און זיא האָט געלעבט מיט וועמען זיא האט געוואָלט. אין דער מוטערליכער פאַמיליע איז דאַרום דאָס צוזאַמענלעבען געווען א געמיינשאַפט ליבער אין אלע בעציהונגען. דיא מענער און פרויען האָבען זיך שטענדיג געביטען דורך דעם געבורט פון קינדער, און פּאָלי־אַנדריע (פון דיא גריכיישע ווערטער פּאָלי — פיעל און אַנדרעו — מאַן) אָדער פיעל־מענערייי איז דאַרום אָנגענאַנגען צוגלייך מיט פּאָלינאַמיע אָדער פיעל־ווייבעריי. דיא קינדער האָבען דאַרום געהערט צו אַלעמען, אויב דיא מענער זיינען געווען פון איינע־נע אדער פרעמדע פאַמיליעס, און געוואוסט האבען זיי נאַטירליך נור פון זייערע מוטערס, נאָך וועלכע זיי האָבען זיך גערעכענט ביי דער פערמעהרונג פון דיא פאַמיליעס ביז צו מעהר אדער וויינינער גרויסע שטאַמען.

פּאָליאַנדריע איז אין אָנפאַנג בעזאָנדערס פערשפּרייט געוואָרן דורך דעם, וואָס ביי אלע ווילדע פעלקער פלעגט מען מייסטענס ערמאָרדען ניי־געבאָרענע מיידעלעך, זאָ דאָס עס זיינען געווען וויינינ פרויען. קינדער פלעגט מען טויטען, וויא שוין געזאָגט, וועגען מאַנגעל אין שפּייז און וועגען דיא אונמעגליכקייט פיר איין פרוי צו זויגען צוויי קינדער מיט א מאָל. ווען אבער דיא מענשהייט האט זיך שוין, וויינינסטענס אין איינינע גינסטינע ערטער, אזוי פערמעהרט, אז איין שטאַם האט אָנגעהייבען צו פערכאַפּען געיעג־פּלעצער, זאָ דאס עס זיינען ארויסגעקומען מלחמות, זאָ האט נאַטירליך יעדער שטאַם געזוכט צו האבען וואס מעהר מענער און וואס וויינינער פרויען. ביי איבערפאַלונגען זיינען פרויען מיט זייערע קינדער געווען א שטערונג און צו געיעג האָבען זיי אויך ניט געטויגט, און מען

פלענט זיי דארום אונבארמהערציג טויטען, וויא זיי פלעגען געבארען ווערן. דיא פערבליבענע פרויען פלעגען דארום געצוואונגען ווערן צו לעבען מיט א סך מענער.

עס זיינען נאך ביז יעצט פערבליבען פעלקער, וואו פאליאנדריע איז איינגעפיהרט. בעזאנדערס איז פאליאנדריע איינגעוואר־צעלט אויף דעם אינזעל סעילאן (צום זיד פון אינדיען), אין אינדיען זעלבסט, אין טיבעט, קאשעמיר און איבערהויפט צווישען דיא פעל־קער אין דיא הימאלאיער בערג (אויף דעם נארד־גרענעץ פון אינ־דיען). אין פיעלע אנדערע ערטער, וויא ניי־זעעלאנד, דיא אלע־אוטישע אינזלען, אייניגע אינזלען פון גרויסען אקעאן, מאנכע ערטער פון אפריקא, אויסטראליען און אמעריקא (ביי דיא איראַ־קעזען אויך), געפינט מען פאליאנדרישע פיהרונגען. ביי מאנכע אייראפעאישע פעלקער, וויא דיא ברעטאנער, פיקטען א. ז. וו. זיינען אויך פערבליבען פאליאנדרישע פערבינדונגען אין דער צייט פו דיא רוימישע אימפעריע.

מיט פאליאנדריע אדער אייגענטליך מיט דער געמיינשאפט־ליכקייט פון פרויען איז אויך געוויסערמאסען פערבונדען דער מנהג ביי פיעלע פעלקער, דאס ברידער האבען צוזאמען איינע אדער עט־ליכע פרויען. מיט דער צייט, איבערהויפט ווען דיא בעגריפע פון פריוואט־אייגענטהום האבען זיך אלץ ווייטער ענטוויקעלט און מענער האבען אנגעהייבען צו בעטראכטען זייערע פרויען אלס זייער אייגענ־טהום, איז דערפון פערבליבען דער זעהר וויט פערשפרייטעטער מנהג אז דער איינגערער ברודער מוז חתונה האבען מיט דיא פרויען פון דעם פערשטארבענעם עלטערן ברודער. דער מנהג ווערט אין דער קולטורגעשיכטע בעצייכענט אונטער דעם נאמען לעווי־ראט, און ביי דיא אידען איז ער נאך ביז היינטיגען טאג פערבונדען, וויא מיר וויסען, אונטער דעם נאמען „חליצה"; אבער נאר אין דעם פאל, ווען דער ברודער שטארבט קינדערלאז, וואס עס איז שוין אויך פערבונדען מיט פיעל שפעטערע רעליגיעזע בעגריפע, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא קאפיטלעך איבער רעליגיאנען.

דער לעווירא̇ט איז נאך אין קראפט ביי דיא מאנגאלען און

ביי פיעלע ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער. ליווינגסטאָן דערציילט וועגען איינעגע פעלקער אין זיד־אפריקא: „ווען דער עלטערער ברודער שטארבט, נעהמט דער נעכסטער זיינע פרויען, אזוי וויא ביי אידען, און דיא קינדער. וואס ווערן נאָכדעם געבאָרען, רעכענען זיך פאר דיא קינדער פון דעם פערשטאָרבענעם“. ביי דעם פאָלק נ א א י־ר ע ן אין אינדיען עקזיסטירט א מנהג אונטער דעם נאָמען „סאגא־אי“, אז דער איננגערער ברודער מוז חתונה האָבען מיט דער אלמנה פון זיין עלטערן ברודער. ביי דיא איינגעבאָרענע פון דיא אינזלען אויף דעם גרויסען אָקעאן איז איינגעפיהרט, אז אלע פרויען פון דיא פערשטאָרבענע ברידער גייען איבער צו דעם נעכסטען ברודער.

אין אלגעמיינען איז פאָליאנדריע געזעצליך איינגעפיהרט געוואָרן דאָרט, וואו עס זיינען ווייניג פרויען צוליעב פערשיעדענע אורזאכען. מיט דער צייט האָבען זיך דערפון ענטוויקעלט פערשיע־דענע קוריעזע מנהגים, וועלכע זיינען, וויא דער לעווירא, שפּעטער פערבונדען געוואָרן מיט איינענטהומס־רעכטע, ווען דער פּאטריאר־כאט איז שוין אריין אין פולע קראפט. דער אלט־גריכישער געאָ־גראף ס ט ר א ב אָ ן דערציילט פון אזא זאָנדערבארען מנהג ביי א געוויסען פאָלק אין אזיען: יעדער מאַן האָט געמוזט אָפּלאָזען זיינע א פרוי, ווען זיא האט שוין געהאט מיט איהם דריי קינדער, אום ויא זאָל קענען חתונה האָבען מיט א׳ן אנדערן. זאָגאר ביי דיא רוימער איז א מאָל געווען א מנהג אָפּצולאָזען פרויען אויף א צייט, און ביי פיעלע פעלקער איז נאך יעצט אין קראפט דער מנהג מכבד צו זיין מיט פרויען דיא געסט. וועגען מאנכע פון אזעלכע מנהגים וועלען מיר נאך שפּעטער האָבען צו ריידען, נאר יעדענ־פאלס בעווייזען זיי, וויא ד ז ש אָ ה ן ל אָ ב ב אָ ק בעמערקט עס גאנץ ריכטיג, וויא אונגעהייער גרויס עס איז דער אונטערשיעד אין דיא בעגריפען פון ווילדע און ציוויליזירטע מענשען וועגען דיא גע־שלעכטליכע בעציהונגען.

דער מאנגעל אן פרויען האָט אָבער אויך געפיהרט צו פער־כאפונגען פון פרויען און צו מלחמות וועגען זיי. וואס ווייטער פעל־

קער האָבען אָנגעהייבען צו פיהרען מלחמות, אלץ מעהר און עפטער
האָט עס געטראָפען, אז מען האָט גערויבט פרויען. דיא בלוטינגסטע
שטרייטען זיינען ענטשטאנען צוליעב דעם, זאָ דאָס מיט דער צייט
האָבען וויינינגסטענס איינינגע בענאכבארטע שטאמען געמוזט שלי־
סען פריעדען, אום זיך גענענזייטיג צו בייטען מיט דיא
פרויען. עס איז מעגליך, אז דיא ערשטע מענשען האָבען ביסלעכ־
וויז אויסגעפונען, דאָס בלוטשאנדע פיהרט צו זעהר שלעכטע רע־
זולטאטען, מאכענדיג דיא קינדער פיזיש און גייסטיג שוואך. זיי
האָבען ענדליך געמוזט בעמערקען, אז דיא קינדער פון פערשיעדענע
עלטערן זיינען געוויינליך שטארקער און פעהיגער, וויא דיא קינדער
פון נאָהענטע בלוטפערוואנדטע. נור יעדענפאלס, וואָס פאר אור־
זאכען עס האָבען ניט געפיהרט צו דיא אָבשאפונג פון בלוטשאנדע
און צו דיא איינפיהרונג פון בעשרענקונגען אין געשלעכטליכע פער־
בינדונגען און בעזאָנדערס פון עקסאָגאמיע, נאר ביי פיעלע פעלקער
אויף דער נידריגסטער ווילדער שטופע געפינען מיר שוין, אז התונות
גייען נאר צווישען פערזאָנען פון בעזונדערע שטאמען. עקסאָ־
גאמיע שיינט אונז זעהר זאָנדערבאר, אָבער אז זיא איז ענטשטאנען
דורך א נאטירליכע ענטוויקלונג פון געשלעכטליכע און געזעלשאפט־
ליכע פערבינדונגען אונטער דעם מאטריארכאט, אין דעם איבער־
ציינגען מיר זיך, ווען מיר בעטראכטען וויא ווייט עס איז פערשפרייט
דיזע פאָרמע פון הייראטהען. עקסאָגאמיע איז זיכער מעהר פער־
בריטעט, וויא ענדאָגאמיע, און זאָגאר דיא פעלקער, וואס זיינען
ענדאָגאמיש אין בעצוג אויף אנדערע פעלקער, דאס הייסט: הייראַ־
טען ניט פערזאָנען פון פרעמדע פעלקער, זיינען דאָך עקסאָגאמיש אין
בעצוג אויף זייערע שבטים אדער געוויסע גרויסע פאמיליען. דערביי
פערבלייבט דיא מוטערליכע אָרגאניזאציאָן מיט איהר סיסטעם פון
פערוואנדשאפט און ירושה וויא אויך מיט דיא געמיינשאפטליכקייט
פון פרויען; נאר דיא בלוטשאנדע ווערט דערמיט אָבגעשאפט.

דיא איינפאכסטע און וואהרשיינליך דיא עלטעסטע פאָרמען פון
עקסאָגאמיע קען מען יעצט געפינען ביי איינינגע אייגעבאָרענע פעל־
קער פון אויסטראליען. אלס ביישפיעל וועלען מיר דאָ בריינגען דיא

פאמיליען־אָרגאניזאציאָן פון דעם שטאם קאמילאראָי אין ניד־אויסטראליען. דיזער שטאם איז בלויז צוטהיילט אויף צוויי גרופּען: קומיט און קראָקי. דיא מענער און דיא פרויען פון יעדער גרופּע טאָרען אויף קיין פאל ניט הייראטען אונטער זיך. ווען א קומיט וויל התונה האבען, מוז ער ניט אנדערש נעהמען א פרוי פון דער קראָקי־גרופּע, און פערקעהרט. דיא קינדער געהערען צו דער גרופּע פון דער מוטער, דאָס הייסט: ווען א מאנספּערזאָן קומיט הייראטעט א פרוי קראָקי, זיינען דיא קינדער אויך קראָקיס און פערקעהרט. דיא קינדער טראָגען אויך דעם נאָמען פון דער מוטער. ביידע גרופּען זיינען צו־וואָרפען אויף א גרויסע שטיק לאנד און וואָהנען צוזאמען אין דערפלעך. יעדער קומיט בעטראכט אלע ווייבער פון דער גרופּע קראָקי פאר זיינע פרויען, און פערקעהרט, און וואנדערנדיג פון איין דאָרף צום אנדערן, האט דער מאנספּערזאָן איבעראל פרויען, וועלכע בעטראכטען זיי אויך אלס זייערע געזעצליכע מענער. דורך דעם איז אויך וואהרשיינליך אזוי פערשפּרייט געוואָרן מיט דער צייט דער זאָ־גענאנטער העטעריזמוס אדער מנהג פארצושלאָגען פרויען צו געסט.

עקסאָגאמיע ווערט אזוי שטרענג אָבגעהיט ביי איינינע אויסטראליער פעלקער, דאָס ווען איינער רויבט א פרוי און ער געפינט אויס, אז זיא געהערט צו זיין שטאם, האט ער מיט איהר ניט חתונה. אין עקסאָגאמישע גרופּען עקזיסטירען עבענזאָ פּאָליאנדריע און פּאָליגאמיע, וויא אין ענדאָגאמישע גרופּען, נאר חתונות צווישען ברידער און שוועסטער קענען שוין אין דיא ערשטע ניט פּאָרקומען. דאס הייראטען אין עקסאָגאמישע גרופּען איז אייגענטליך ניט צווישען איינצעלנע פּערזאָנען, נאר צווישען שטאמען, און דיא אנגעהעריגקייט צו איין שטאם גיט שוין יעדען מאן דאס רעכט צו האלטען דיא פרויען פון דעם אנדערן עקסאָגאמישען שטאם פאר זיינע ווייבער. יעדער קומיט ווערט דארום אויף גערעכענט פאר דעם פאָטער פון אלע קינדער אין דער גרופּע קראָקי, און יעדער קראָקי ווערט גערעכענט פאר דעם פאטער פון אלע קינדער אין דער גרופּע קומיט.

עהנליכע עקסאָגאמישע גרופּען געפינט מען אויך ביי פעלקער אויף איינינע אינזלען פון גרויסען אָקעאן, אין אפריקא און אין אמערי־

קא. ביי אייגינע אינדיאנער שטאמען אין נארד־אמעריקא און ספע־
ציעל ביי דיא איראקעזען איז שוין עקסאגאמיע געווען א זעהר ענטווי־
קעלטע סיסטעם. דיא איראקעזען זיינען געווען צוטהיילט אויף זאגע־
נאנטע פראטריען (ברודערשאפטען), און יעדע פראטריע איז בעשטא־
נען פון עטליכע גרויסע פאמיליען אדער שבטים. דאס הייראטען צווי־
שען דיא שבטים פון איין פראטריע איז געווען פערבאטען, און דער
מאן און דיא פרוי האבען געמוזט געהערען צו פערשיעדענע פראטריען.
דיא פערוואנדשאפט איז געווען נאך דער מוטער, אבער דיא הערשאפט
האט שוין אייגענטליך געהערט צום אנקעל, דעם ברודער פון דער מו־
טער. אזוי וויא דיא פאטערס האבען געהערט צו א'ן אנדער שבט
און פראטריע און האבען נאר פון צייט צו צייט זיך געזעהען מיט זייערע
פרויען און קינדער, זא זיינען דיא פערבינדונגען צווישען זיי געווען
זעהר שוואכע, וועהרענד דער ברודער פון דער מוטער איז געווען נא־
הענט לעבען זיין שוועסטער און איהרע קינדער, וועלכע ער האט אויך
גערעכענט אלס זיינע אמת'ע בלוטפערוואנדטע, און ער האט דארום
נעקענט מעהר אויף זיי אויפפאסען. זיין מאכט איז צוליעב דעם מיט
דער צייט געשטיגען, און עס איז אלזא אויסגעקומען, אז יעדער פאטער
איז ניט געווען דער בעפעהלסגעבער איבער זיינע אייגענע קינדער נאר
איבער דיא קינדער פון זיינע שוועסטער. ביי אזא ארגאניזאציאן האט
שוין א מאן ניט געטארט חתונה האבען מיט א פרוי פון זיין שטאם
חגם זיי זיינען גאר קיינע קרובים ניט געווען נאך אונזערע בעגריפע.
דערפאר אבער זיינען שוין מעגליך געווען חתונות צווישען אנקעלס
און פלעמעניצעס און צווישען טאנטעס און פלעמעניקעס. איבער־
הויפט איז דיא גאנצע פערוואנדשאפט־רעכנונג געווען א גאנץ אנ־
דערע אין פערגלייך מיט אונזערע, וויא מיר האבען עס שוין פריי־
הער געצייגט.

מיר וואלטען נאך געקענט בריינגען א סך אנדערע פאקטען
וועגען דיא יעצט נאך עקזיסטירענדע עקסאגאמישע שטאמען; אבער
דאס געזאגטע איז גענוג צו פערשטיין דיזען מערקווירדיגען מנהג,
וועלכער שיינט אונז פון דעם ערשטען בליק אזוי ווילד און זאנדער־

באר. עקסאָגאמיע איז שליסליך איינע פון דיא פיעלע פאָרמען פון מאַטריארכאַט.

נאָך איינער פון דיא מערקווירדיגע רעזולטאַטען פון מאַטרי־ארכאַט איז געווען דער מנהג, אז ניט דיא כלה, נאר דער חתן האָט בעדארפט געבען נדן, אזא איינפיהרונג האָט זעלבסטפערשטענדליך נעקענט קומען נור דאַן, ווען דורך דיא ענטוויקלונג פון דיא מאַטעריעלע קולטור האט מען שוין געקענט אַנזאמלען עפּעס און בע־זיצען א פערמעגען. אין דיא ערשטע צייטען, ווען מען האָט ווירק־ליך נור געלעבט פון האַנט אין מויל און ווען דיא זאכען, וואָס א מענש האָט געקענט בעטראַכטען אלס זיינע אייגענע, האט ער נאר געטראָגען אויף זיך (דאס זיינען מייסטענס געווען פּוץ־זאכען), האָט נאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלען דער געדאַנקען צו פערלאַנגען עטוואס, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו פערלאָזען זיין פאמיליע אדער זיין שטאם. גאַנץ אַנדערס איז עס שוין געווען, ווען יעדער איינער האָט געהאַט א חלק אין דיא שוין אָנגעקליבענע זאפּאסען. אוועקגייענדיג, האָט ער שויז געקענט אָנהייבען צו פערלאַנגען זיין חלק. אונטער מאַטריארכאַלישע פיהרונגען האָט דיא מוטער קיין מאָל ניט אזוי געהערשט, וויא דער פאָטער אונטער פאַטריארכאַלי־שע פיהרונגען. דיא מוטער איז אייגענטליך געווען דיא פערמיטלע־רין און צוזאַמענבינדענדע קראַפט פון דער גאַנצער פאַמיליע. דאס פערמעגען, וואָס איז געשאַפען געוואָרן דורך געמיינשאַפטליכע אר־בייט, האָט געהערט צו דער גאַנצער הויזגעזינט, און דיא מוטער האָט קיין מאָל ניט בעהויפּטעט, אז דאָס איז איהר אייגענטהום, וויא דער פאָטער האָט עס נאָכהער געטאָן, ווען ער איז געוואָרן דער אונבעשרענקטער פאַמיליען־הערשער. אלע האָבען געארבייט צוזאַמען און זיך בענוצט מיט דיא געמיינשאַפטליכע פּראָדוקטען נאָך דיא בעשטימטע בעדירפניסע. עס איז געווען, וויא מען רופט עס, דער פּ ר י מ י ט י וו ע ר (א ו ר ש פּ ר י נ ג ל י כ ע ר) ק אָ מ ו נ י ז מ ו ס.

מיט דער צייט אָבער, ווען דיא בעגריפע פון פּריוואַט־אייגענ־טהום און פון פערזענליכע רעכט האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט, האָט דער מאַן, וואָס האָט פערלאָזען זיין מוטערליכע פאַמיליע צו־

ליעב א ווייב אין א'ן אנדער פאמיליע, אָנגעהייבען צו פערלאַנגען א בּעפרידיגונג פאר זיין חלק אין דעם געמיינשאפטליכען פאמיליען־פערמעגען, און דאָס האָט ארויסגערופען דעם מנהג צו געבען מעגער נרן, א מנהג, וואָס איז נאך פערבליבען ביי אייניגע פעלקער אונ־טער דעם מאטריארכאַט ביז היינטיגען טאָג און וואס שיינט אונז פון ערשטען בליק גאַנץ אונפערשטענדליך.

דריטער קאַפּיטעל.

צייכענס פון מוטער־רעכט ביי ציוויליזירטע פעלקער.

דיא ענדערונג פון אַלטע מנהגים. — מענער־סעודות אין ספּאַרטע. — מאַטריאַרכאַלישע סמנים אויף עגיפּטישע — ביבלישע בעווייזע וועגען מוטער־רעכט ביי אידען. — מאַטריאַרכאַלישע מנהגים ביי אַראַבען. — אָנוויי־זונגען אויף מוטער־רעכט אין גריכישע לעגענדען. — דער ראַיעלער גרונט פון דיא געשיכטען וועגען אַמאַזאָנען. — דיא לעגענדע וועגען דיא שטאָט אַטהען. — דיא בעשרייבונגען פון גריכישע היסטאָריקער וועגען אַמאַזאָנען און מאַטריאַרכאַלישע פעלקער. — מוטער־רעכט ביי סלאַווען, גערמאַנען און דיא אוראיינוואָהנער פון אייראָפּאַ. — א צייכען דערפון ביי דיא באַסקען אין שפּאַניען. — אָנווייזונגען אויף מוטער־רעכט אין דיא אַלטע אייראָפּעאישע געזעצגעבונגען.

ווען מען האט, נאָך דיא אויבענגעבראַכטע און א גאַנצע מאַסע אַנדערע פאַקטען, פעסטגעשטעלט דיא עקזיסטענץ פון מאַט־ריאַרכאַלישע פאַמיליען פאָרמען ביי אלע פעלקער אין דעם ווילדען און האלב־ווילדען צושטאַנד, האָט מען נאַטירליך אויך אלץ מעהר

אָנגעהייבען נאָכצוזוכען, אויב בײַ דיא ציוויליזירטע פעלקער פון אַל־טערטהום און פון אונזער צייט זיינען ניט פערבליבען עפּעס צייכענס און אָנווייזונגען אויף זייער אַמאָליגען מוטער־רעכט. אזעלכע נאָכ־זוכונגען זיינען געווען זעהר וויכטיג ניט נאר אום צו בעשטעטיגען דיא נאַטירליכע ענטשטעהונג פון מאַטריאַרכאַט אויף ביי דיא אור־עלטערן פון דיא אויראָפּעאישע פעלקער, וועלכע לעבען זייט יאהר־טויזענדע אונטער פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָנען, זאָנדערן אויך, אום אָבצושטרייטען דיא בעהויפּטונגען פון מאַנכע געלעהרטע, אַז דיא אַריער פעלקער זיינען געווען געוויסערמאַסען אַ'ן אויסנאַהמע פון דעם כלל. אויסער דעם זיינען איבערהויפּט אזעלכע קולטור־געשיכטליכע נאָכפאָרשונגען וויכטיג און אינטערעסאַנט אין העכסטען גראַד, ווייל דערביי עפענט זיך פאַר אונזערע אויגען אַ בילד פון דעם לעבען פון אונזערע פאַרפאַטערס און מיר קענען אויף פערצייכ־נען דיא שטופען פון ענטוויקלונג און פאָרטשריט אין דיא פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָנען פון ווילדהייט ביז צו ציוויליזאַציאָן.

מיר ווילען זיך דארום עטוואָס לענגער אָפּשטעלען אויף דיא בעלעהרנדסטע און וויכטיגסטע בעווייזע, וואָס זיינען שוין צוזאַמענ־געקליבען געוואָרן פון אונערמידליכע געלעהרטע וועגען דעם אַלטען מאַטריאַרכאַט ביי אלע פעלקער, וועלכע זיינען שוין אין דיא היסטאָ־רישע צייטען געווען פאָלקאָם פּאַטריאַרכאַליש. דערביי ווילען מיר אויך האָבען אַ זעהר נוטע געלעגענהייט צו זעהען, וויא מען דערגייט דעם ריכטיגען זינען פון מנהגים און צערעמאָניעס, וועלכע האָבען פון דעם ערשטען בליק גאָר קיין שייכות ניט מיט דעם מאַטריאַרכאַט.

מיר ווייסען נאַטירליך, אַז מדות און מנהגים בייטען זיך מיט דער צייט און ענדערן זיך שטענדיג, דען זאָנסט וואָלט דאָך איבער־הויפּט ניט געווען מעגליך אירגענד וועלכער פאָרטשריט אין געזעל־שאַפטליכען לעבען. אַלטע פיהרונגען מוזען נאַטירליך אָפּטרעטען זייער פּלאַץ צו נייע; אבער, אויסער דעם, וואָס דיזע ענדערונגען קומען ניט פאָר מיט דיא זעלבע שנעלקייט אין אלע ערטער, פער־בלייבען נאך אָפּט מאַנכע מנהגים אדער יעדענפאַלס צייכענס פון זיי אזוי לאַנג, אַז מען פערגעסט גאָר אָן דיא אורזאַכען און אומ־

שטענדען, וועלכע האָבען זיי ארויסגערופען. געוויינליך פערבלייבען אָנווייזונגען אויף גאַנץ אַלטע פיהרונגען אין דיא רעליגיאָנען, וויא מיר האָבען דאָס שוין עטליכע מאָל געהאַט דיא געלעגענהייט צו זעהען אין דיא פאָריגע קאַפּיטלען; אבער אויך ניט זעלטען אין פּראַקטישען לעבען. מאַנכע פון דיא אַלטע מנהגים קריגען מיט דער צייט א גאַנץ אַנדער זינען און צוועק און פערבלייבען עפּעס וויא א שטענדיגער גוף, אין וועלכען דיא נייע דורות בלאָזען אריין נייע נשמות.

אין בעצוג אויף דעם אמאָליגען מאַטריאַרכאַט ביי פּאַטריאַרכאַלישע פעלקער זיינען פערבליבען גראדע א סך טנטשיעדענע צייכענס נאָך אין אונזער צייט, וואס יעדער פון זיי בעזונדער בעטראַכטעט, קען אונז נאר אראָפּפיהרען פון ריכטיגען וועג און וואס אַלע צוזאמען געפינען נאר א׳ן ערקלערונג אין דעם פריהערן מוטער־רעכט.

זאָ, צום ביישפּיעל, ווייסען מיר פון דער געשיכטע, אז ביי דיא גריכען אין ספּאַרטע זיינען איינגעפיהרט געוועזען בעזונדערע געמיינ־שאַפטליכע סעודות פיר מענער. ווען מיר וואָלטען גאָר ניט וויסען פון מאַטריאַרכאַט, וואָלטען מיר פון דיזען מנהג געוויס ניט געשלאָסען, אז ביי דיא ספּאַרטאַנער איז ער נאר געוועזען א רעזולטאַט פון מאַט־ריאַרכאַלישע פיהרונגען. יעצט אבער קומען מיר גלייך צו אזא שלוס, בעזאָנדערס נאָך ווען מיר געפינען א׳ן עהנליכען מנהג ביי פעלקער, וואו דער מאַטריאַרכאַט איז נאָך מעהר אָדער ווייניגער פערבליבען ביז יעצט, וויא אויף איינינע אינזלען פון גרויסען אָקעאַן. אין דעם קאַפּי־טעל איבער שפּייז האָבען מיר שוין געזעהען, דאָס ביי פּאָלינעזיער עסען דיא מענער גאַנץ בעזונדער פון דיא פרויען, ספּעציעל טהיערשפּייז, און אז פלייש איז מיט דער צייט זאָגאר געוואָרן „טאַבו“ (טריפה) פאַר דיא פרויען. נון, נאָכפאָרשענדיג דעם בעוואוסטען ספּאַרטאַנער מנהג, וועלכען מען האָט גערעכענט פאַר א גאַנץ אָריגינעלע און איינענטהימליכע איינפיהרונג פון דיזען גריכישען קריעגער־שטאַם, האָט מען אויסגעפונען, אז ניט נאר זיינען עהנליכע מענער־סעודות איינגע־פיהרט געוועזען ביי דיא גריכען אויף דעם אינזעל קרעטא און אפילו אין דיא גריכישע קאָלאָניעס אין זיד־איטאַליען, זאָנדערן אז ביי דיזע סעודות האט מען מייסטענס געברויכט פליש, וועהרענד צו הויז

האט מען מייסטענס געגעסען פלאנץ־שפייז. דער פערגלייך פון דיא ספארטאנער מיט דיא פּאָלינעזיער, וועלכע האָבען וועלבסטפערשטענד־ליך איינע פון דיא אַנדערע קיין מאָל ניט געקענט וויסען, איז דאָ אַלזאָ ריכטיג אפילו אין דיא איינצעלהייטען. איבערהויפּט ווייסען מיר שוין, אז אין דיא ערשטע צייטען פון מאטריארכאט האָבען דיא מענער געהאט בעזונדערע יעגער־אָרגאניזאציאָנען, אום צו קריגען פלייש, און אז אין דיא דערפער פון דיא פרויען האָבען זיי מייסטענס געגעסען פלאנץ־שפייז איינפאך, ווייל פלייש האָבען זיי שוין דאָרט ניט געקענט קריגען; זאָ דאָס עס איז נאטירליך, אז דיא זאָ־גענאנטע ספארטא־נער סעודות זיינען ערטערווייז פערבליבען שוין לאנג נאך דעם, וויא פּאָטער־רעכט איז איינגעפיהרט געוואָרן און מען האָט שוין געהאט פלייש אָהן גענוג.

נאך קלאָרער ווערט דיא פערבינדונג פון דיא מענער־סעודות מיט דעם מאטריארכאט, ווען מיר געפינען, אז אין ספארטע זיינען דיא פרויען געוועזען פיעל פרייער, וויא אין אלע אנדערע טהיילען פון גריכענ־לאנד. א ר י ס ט אָ ט ע ל ס האָט זאָגאר דערפאר קריטיקירט דיא בעריהמטע געזעצגעבונג פון דעם ספארטאנער קעניג ל י ק ו ר ג, וועל־כער האָט געלעבט מיט א יאהר ניין הונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. דיא ספארטאנער פרויען האָבען נעמליך אָנגעפיהרט דיא גאנצע הויזווירטהשאפט מיט דער הילפע פון שקלאוועז, און הגם דער מאן האָט זיך שוין גערעכענט פאר דעם איינענטהימער פון לאנד, איז ער דאָך פערבליבען דער ק ע ס ט נ י ק פון זיין פרוי.

דיא עגיפּטישע מאָנומענטען צייגען אויך, אז א מאָל האָט דאָרט געהערשט דער מאטריארכאט. פיעלע פון דיזע מאָנומענטען ווערן בעצירט מיט דיא נעמען פון דיא מוטערס. איין זעהר אַלטער הויבער טיטול אין עגיפּטען, דער נעבסטער נאך דעם קעניגליבען, פלעגט איבערגיין בירושה ניט פון פאָטער צום זוהן נאר צום עלטעס־טען אייניקעל פון דער מ ו ט ע ר ל י כ ע ר ז ייט. אין אָנפאנג איז איבערהויפּט ביי דיא אוראלטע איינוואָהנער פון מצרים געוועזען איינגע־פיהרט ירושה נאך דער מוטער׳ס זייט, וואס עס איז א זיכערער צייכען פון מאטריארכאט.

אז ביי אידען איז געווען א מאָל א מוטערליכע פאמיליען־אָרגאַ־ניזאַציאָן, אויף דעם צייגט אויך קלאָר אָן דיא ביבעל, וועלכע שיל־דערט אונז שוין דיא ערשטע פאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען. אברהם, דער ערשטער פון דיא אבות, איז א פאַטריאַרך אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. ער איז דער פאָלשטענדיגער הערשער איבער זיינע פרויען און קינדער. דיא מעשה מיט יצחק'ן צייגט יעדענפאַלס, אז פאָטערס האָבען דאַן געהאַט דאָס פאָלקאָמענע רעכט אפילו צו טויטען זייערע קינדער. פון דעסטוועגען איז נאָך דיא פערוואַנד־שאַפט פערבליבען נאָך דער מוטער'ס זייט, דען אברהם זעלבסט ענטשולדיגט זיך פאַר אבימלך מלך גרר, וואָס ער האָט אָנגעגעבע זיין ווייב שרה פאַר זיינע א שוועסטער, אָט מיט דיזע ווערטער: „וגם אמנה אחותי בת אבי היא, אך לא בת אמי, ותהי לי לאשה"; דאָס בעדייטעט אַלזאָ, דאָס אַזוי וויא שרה איז געווען זיין שוועסטער נאָך דעם פאָטער און נ י ט נאָך דער מוטער, דאַרום האָט ער שוין גענקענט מיט איהר הייראַטהען. אַזאַ שוועסטער איז שוין ניט גערעכענט געווען פאַר א'ן אמת'ע בלוטפערוואַנדטע, וויא עס איז נאַטירליך אונטער מאַטריאַרכאַלישע בעגריפע פון פערוואַנדשאַפט. און זאָגאַר אין דוד המלך'ס צייטען געפינען מיר, אז עס זיינען נאָך מעגליך געווען התונות צווישען זיהן און טעכטער פון איין פאָטער, דען ווען אמנון וויל פערגוואַלטיגען זיין שוועסטער תמר, האַלטענדיג יעדענפאַלס, אז דאָס איז שוין ניט א בלוטשאַנדע, ווייל זיי זיינען ניט פון איין מוטער, בעט זיא איהם דאָס ניט צו טאָן אויף צוליעב דעם, ווייל דוד המלך וועט עס איהם דאָך ערלויבען, ווען ער, אמנון, זאָל עס נאָר אָפען פערלאַנגען ביי איהם (זיא זאָגט אויסדריקליך: „ועתה דבר נא אל המלך כי לא ימנעני ממך", שמואל ב, י"ג). און נור אבשלום, אלס איהר ברודער אויך פון א י י ן מ ו ט ע ר, האַלט זיך פערפפליכטעט צו נעהמען ראַכע פאַר איהר שאַנדע, דען אַזאַ ראַכע, וויא איבערהויפט גאולת הדם (אויס־לייזונג פון פערגאָסענע בלוט), איז אונטער מאַטריאַרכאַלישע פיה־רונגען געווען, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען, דיא פפליכט פון דיא פערוואַנדטע נאָך דער מוטער'ס זייט.

דיא מעשה מיט יפתח הגלעדי (שופטים, י״א, ב) צייגט, אז דיא ירושה האט געהערט נור צו דיא ברידער פון איין מוטער דען מען האט איהם פעריאָגט, ווייל ער איז געווען גלעד׳ס זוהן פון א׳ן אנדער פרוי. אין א׳ן אנדער אָרט פון שופטים ח, י״ט געפינען מיר, דאס גדעון האט אויסגעשריען, ווען ער האט געפאנגען זבח וצלמנע: „אחי בני אמי הם, חי השם לו החיתם אותם לא הרגתי אתכם (דאס זיינען געווען דיא ברידער פון מיין מוטער. וויא גאט לעבט, ווען איהר וואָלט זיי ניט אומגעבראכט וואָלט איך אייך ניט געהרג׳עט). דאס צייגט, אז ניט נאר דיא ברידער פון איין מוטער זיינען געווען גערעכענט פאר דיא ריכטיגע ברידער, נאר אז פאר זייער ערמאָרדונג האט שוין דער נעכסטער בלוטפערוואנדטער געמוזט זיין דער גואל הדם, דער בלוט־ערלייזער. דעם מלך׳ס מוטער האט אין ארץ־ישראל געשפּיעלט א וויכטיגע פּאָליטישע ראָלע און יעדענפאלס א פיעל גרעסערע, וויא דעם מלך׳ס פרוי. יעקב׳ס דיענסט ביי זיין שווער לבן איז דאך אויך ענג פערבונדען מיט מאטריארכאלישע פיהרונגען.

ביי דיא אראבען האט עקזיסטירט אזא מנהג: איינינע מענער האבען געלעבט מיט איין פרוי. דער ערשטער, וואס פלעגט קומען צו איהר, פלעגט איבערלאָזען ביין אריינגאנג א שטעקען אלס א סיגנאל. דיזע פּאָליאנדריע איז ביי זיי נאך פערבליבען אין דער צייט פון מאהאָמעד. ביי דיא סעקטע שיאיטען ווערט נאך אזא מין געשלעכטליכע פערבינדונג אנערקענט אויף יעצט; אָבער ביי דיא סעקטע סוניטען איז עס אָבגעשאפט געוואָרן אונטער דעם חאליף אָמאר. דיא געזעלשאפטליכע לאגע פון קינדער ווערט ביי דיא אראבען בעשטימט דורך דיא מוטער און ניט דורך דעם פאָטער. זאָ, צום ביישפּיעל, געהערט דער זוהן פון א שקלאווין און פון א פרייען מאן צו דעם הערר פון דער מוטער. דאָס צייגט דייטליך, אז אָנפאנגס איז דעם פאָטער׳ס רעכט אויף דיא קינדער איבערהויפּט ניט אנערקענט געווען. דערצו נאך ווערט ביי דיא אראבען ערלויבט א התונה פון א פרוי מיט דעם ברודער פון איהר פאָטער, הגם זיי היטען אָפּ זעהר שטארק, אז פערוואנדטע

…לע ניט הייראטען, ווייל זיי האלטען, אז פון אזעלכע פערבינדונגען …נען דיא קינדער שוואכע און קריינקליכע. דאס בעווייזט אלזא, אז דער ברודער פון פאטער איז ניט גערעכענט געוועזן אלס א פערוואנדטער מיט זיין פלעמעניצע. העכסט וואהרשיינליך שטאמט ביי אידען דיא ערלויבנים פון חתונות פון אנקעל׳ס מיט פלעמעני־צעס, אבער ניט פון טאנטעס מיט פלעמעניקעס, אויך פון אזא מאטריארכאלישען בעגריף וועגען פערוואנדשאפט.

פיעלע אראבער פעלקער טראגען אויך נעמען פון פרויען, און דער אראבישער ווארט „באטן", מיט וועלכען מען בעצייכענט א פאמיליע און א שטאם, בעדייטעט אייגענטליך „דיא ברוסט פון א פרוי". דיא מיטגליעדער פון איין פאמיליע רופען זיי מיט א ווארט, וואס בעדייטעט: „דיא יעניגע, וועלכע האבען געזויגט דאס זעלבע מילך". דיא אראבער גלויבען נאך אויך ביז׳ן היינטיגען טאג, אז דיא איינגעבארענע אייגענשאפטען פון א מענש גייען איבער בירושה ניט פון פאטער צום זוהן, נאר פון דער מוטער׳ס ברודער צום פלעמעניק, אלזא נאך דער מאטריארכאלישער פערוואנד־שאפט. און ביי אידען האט מען אויך אזוי געגלויבט אפילו אין דיא תלמודישע צייטען. אין דער גמרא (יבמות, מ"ב, ב.) ווערט אויסדריקליך ערקלערט: „רוב בנים הולכים אחרי אחי האם (דאס רוב קינדער גיבען זיך איין אין דיא ברידער פון דער מוטער)". אין א׳ן אנדער ארט פון תלמוד (בבא בתרא ק"י, ב.) ווערט רעקאמענדירט: „הנושא אשה צריך לבדוק באחיה (ווען איינער נעהמט א פרוי, זאל ער נאכזוכען דעם כאראקטער פו איהרע ברידער)". און דער גרונד פון דיזע רעקאמענדאציאן ווערט דארט ערקלערט דערמיט, וואס אין דער ביבעל ווערט דערציילט: „ויקח אהרון את אלישבע בת עמנדב אחות נחשון (און אהרון האט געהייראטעט אלישבע דיא טאכטער פון עמינדב דיא שוועס־טער פון נחשון). דיא תלמודיסטען האבען זיך נעמליך גע־פרעגט, און מיט רעכט: צוואס דארף נאך דיא ביבעל אויסדריקליך דערציילען, אז אהרון׳ס פרוי איז געוועזן נחשון׳ס שוועסטער? איז עס דען ניט גענוג געוועזן צו דערמאנען דעם נאמען פון איהר פאָ־

טער? און זיי זיינען געקומען צום שלום, וועלכער איז אויך קולטור־געשיכטליך ריכטיג, אז אהרון האט נאכגעזוכט דעם כאראקטער פון זיין פרוי׳ס ברידער.

איבריגענס, נאך ביז היינט צו טאג עקזיסטירט ביי אידען א גלויבען, אז קינדער גיבען זיך איין אין דעם אנקעל פון דער מוטער׳ס זייט, ד. ה. דיא פלעמעניקעס זיינען עהנליכע צו זייערע מוטערליכע אנקעלס און נ י ט צו זייערע פאטערס; און ווען מען זאל וועגען דעם ריידען מיט אלטפרענקישע ווייבער, וועלען זיי נאך זוכען צו איבערצייגען אין דעם מיט ביישפיעלען און ראיות אויס זייערע אייגענע ערפאהרונגען, וויא דער און דער פלעמעניק איז טאקע „אויס־געגאסען“ אין זיין אנקעל.

אויס האמער׳ס שילדערונגען זעהען מיר אויך, אז ביי דיא גריכען איז דיא ריכטיגע פערוואנדשאפט גערעכענט געווען נאך דער מוטער און אז חתונות צווישען ברידער און שוועסטער פון איין פאטער, אבער ניט פון איין מוטער, האבען נאך דאן דארום עקזיסטירט. האמער דיינקט, אז דער פערלוסט פון א זוהן איז ניט אזוי שמערצליך, וויא דער פערלוסט פון א ברודער פון איין מוטער. ווען דער העלד א כ י ל ע ס נעהמט בלוטיגע ראכע פאר דעם טויט פון פ א ט ר א ק ל ע ס דורך דיא האנד פון דעם טראיער העלד ה ע ק ט א ר, בעט ל י ק א א ן ביי איהם גנאדע אויף דעם גרונד, דאס ער, ליקאאן, איז נאר העק־טאר׳ס ברודער פון איין פאטער, אבער ניט פון איין מוטער. אין איין אלטע גריכישע מעשה ווערט געשילדערט, וייא א מוטער רופט דעם טויט אויף איהר זוהן׳ס קאפ, ווייל ער האט ערמארדעט איהר לייב־ליכען ברודער.

בעזאנדערס כאראקטעריסטיש איז אין דיזער בעציהונג דיא גריכישע לעגענדע איבער דעם העלד א ר ע ס ט. אין דיזער לעגענדע ווערט שוין געשילדערט דער קאמפף צווישען דעם אלטען מוטער־רעכט און דעם נייעם פאטער־רעכט, א קאמפף, וועלכער איז איבע־ראל אנגעגאנגען לאנגע יאהרען. ארעסט האט נעמליך געטויטעט זיין מוטער ק ל י ט ע מ ע נ ס ט ר ע אויס ראכע פאר דעם טויט פון זיין פאטער א ג א מ ע נ א דורך איהר האנד. דערפאר פערפאלגען

איהם דיא ע ר י נ י ס, דיא אַלטע געטינען, וועלכע פערטהיידיגען דאס מוטער־רעכט געגען דעם גאָט א פּ אָ ל אָ ן, וועלכער טרעט אויף אלס דער פערטהיידיגער פון פאָטער־רעכט. עס קומט פאָר א געריכט, אוןביידע זייטען דריקען אויס זייערע מיינונגען. דיא עריניס טענה׳ן, אז א פרוי דארף מען ניט בעשטראָפען פאר א „קרימינאַל־פערברעכען״, ווען זיא טויטעט איהר מאַן און דעם פאָ־טער פון איהרע קינדער, ווייל זיא איז ניט א בלוטפערוואַנדטע פון איהר מאַן. דיא עריניס האבען דארום ניט פערפאָלגט אָרעסט׳ס מוטער, דען גאולת הדם פאלט נאר אויף בלוטפערוואַנדטע, דאס הייסט: אויף דיא פערוואַנדטע פון דער מוטער׳ס זייט. און ווענ־דענדיג זיך צו אָרעסט׳ן, שרייען זיי אויס מיט א פייערדיגען צאָרן: „האט זיא דען דיך, בלוטפערגיסער, ניט געטראָגען אונטער איהר הארץ? זאָגסטו דען זיך אָפּ פון דיין מוטער׳ס טייערע בלוט?״

דאָ קומט אָבער אפּאָלאָן צו הילפע אויף אָרעסט׳ס זייט. ער האט עס אויך צוגערעט אָרעסט׳ן צו נעהמען נקמה פאר זיין פאָטער אפילו געגען זיין אייגענע מוטער. און ער ענטפערט אויף דיא אַנ־קלאַגע פון דיא עריניס און קינדיגט דערביי אָן דאָס גייע פאָטער־רעכט מיט דיזע ווערטער: „דיא מוטער שאפט ניט דאס קינד, נאר ערנעהרט, וואָס עס איז פערזייהט... דער פ אָ ט ע ר ש א פ ט, דיא מוטער בעהאַלט נאר דיא זריעה״... דיא עריניס קענען שוין ניט אָפּשטרייטען אָפּאָלאָן׳ס מיינונג; אָבער זיי ערקלערן איהם פאר א רעוואָלוציאָנער און זאָגען איהם: „דו, י ו נ ג ע ר גאָט, צוטרייסעלסט דיא ק ר ע פ ט ע פון ג ר וי־אַ ל ט ע צ יי ט ע ן; אונז, דיא אַלטע, ווילסטו ארונטערשליידערן״.

דיא שאָלען פון גערעכטיגקייט בלייבען אבער נאך אַלץ אין גלייכגעוויכט נאך דיזע אלע טענות פיר מוטער־רעכט און פיר פאָטער־רעכט. דיא שטימען פון דיא ריכטער זיינען גלייך צוטהיילט און נאר א ט ה ע ן, דיא געטין־פ ע ר מ י ט ל ע ר י ן, וועלכע האט קיין מ ו ט ע ר געהאט און איז נ י ט פ ע ה י ג געווען צו געבאָרען קינדער, וויא דיא לעגענדע דערציילט, וועגט איבער מיט איהר שטיין דיא שאָל אויף אָרעסט׳ס זייט. דערביי ערקלערט זיא: „פיר אָרעסט׳ן

לייג איך דיזען שטיין, דען איך האב קיין מוטער געהאט, וואָס זאָל מיך געבאָרען. איך האלט יעצט דארום, אז קלענער איז דיא שטראָף פאר דיא ערמאָרדונג פון א פרוי, וועלכע האט אומגע־בראכט איהר מאַן, דעם בעל הבית". און אָרעסט ווערט דאַן פרייגעשפּראָכען אין נאָמען פון פּאָטער־רעכט, און דיא ערינים, דיא פערטרעטערינען פון מוטער־רעכט, קלאָגען דאַן: „אָה, יונגע געטער, איהר צושטערט דאס אלטע רעכט, דיא אלטע געזעץ; איהר רייסט זיי ארויס פון אונזערע הענד".

אויף דעם קאמפף צווישען דעם אלטען מאטריארכאט און דעם נייען פּאטריארכאט צייגט אויך אָן דיא לעגענדע איבער אלקמען, וועלכער האָט געטויטעט זיין מוטער עריפילא, ווייל זיא איז געוואָרען אונטריי צו זיין פּאָטער צוליעב א טייערן האלזבאנד, וואס א׳ן אנדער מאַן האט איהר געשאָנקען. קיינע פון דיא אלטע געטינען פערפאָלגט ניט דיא אונטרייע פרוי, ווייל נאך דעם מוטער־רעכט מעג זיא לעבען מיט וועמען זיא וויל. נאר ווען אלקמען נעהמט ראכע פאר זיין פּאָטער, דאַן טרעט שוין נעגען איהם ארויס דיא „מוטער־ערד" זעלבסט, דיא ריכטיגע בעשיצערין פון מוטער־רעכט, און ער ווערט אזוי פערפאָלגט, דאס ער געפינט קיין רוהע אין ערגעץ ניט. אבער אפּאָלאָן קומט איהם אויך צו הילפע און צייגט איהם אָן, אלס א רעטונגס־אָרט אויף אַן אינזעל, וועלכער איז שוין ניט געשאפען געוואָרן פון דער „מוטער־ערד" אין דער צייט פון אלקמען׳ס מוטערמאָרד, נעמליך אויף א׳ן אינזעל, וועלכער האט זיך שפּעטער ארייסגעהויבען פון ים. ערשט דאָרט, אין דיזען נייען אָרט, קען אלקמען געפינען רוהע פאר זיין פער־טהיידיגונג פון פּאָטער־רעכט.

דיא פערשיעדענע באָבע־מעשות וועגען דיא אמאזאָנען, קריגערישע פרויען, וועלכע האָבען געפיהרט שלאכטען מיט מענער, ווייזען אויך אָן אויף דעם קאמפף צווישען מוטער־רעכט און פּאָטער־רעכט, ווען מיר פּאָרשען נאר גרינדליך נאך דיזע געשיכטען און זוכען אָפּצוטהיילען דיא איינבילדינגען און פאנטאזיעס פון דיא קערנדלעך וואהרהייט, וועלכע מיר געפינען אין זיי. דיא געשיכטען פון דיא

אלטע פּאָעטען און שרייבערס וועגען דעם ה א ס פון דיא אמאזאָ־נען צו מענער איבערהויפּט, וועגען זייערע אייגענע קעניגרייכען, וועגען אָפּשניידען זייערע בריסט א. ז. וו., זיינען נאטירליך מיט דער צייט אויסגעטראכט געוואָרן, אום שענער, אנציהענדער און שטאר־קער פאָרצושטעלען דיא שטרייטען, וואס זיינען ווירקליך פאָרגעקו־מען צווישען פרויען און מענער, ווען דער פּאטריארכאט איז אלץ מעהר אריינגעטראָטען אין קראפט. ווען מיר וואָלטען ניט געהאט אנדערע דירעקטע בעווייזע וועגען מוטער־רעכט און וועגען דיא פערשטענדליכע פּראָטעסטען פון פרויען געגען דעם פּאטריארכאט, וואָלטען מיר טאקע געהאלטען דיא געשיכטע וועגען אמאזאָנען פאר געוויינליכע באָבע־מעשות, וויא מען האט עס טאקע גערעכענט ביז דיא לעצטע צייט; אבער זיי קריגען א גאַנץ ראיעלען גרונד, ווען מיר בעטראכטען זיי אין פערבינדונג מיט אלע נאכפאָרשונגען וועגען מאטריארכאט.

מיר וועלען דאָ אנאליזירען א פּאָר פון דיא פּאָעטישע גרי־כישע לעגענדען וועגען דיא אמאזאָנען, אום צו ענטדעקען זייער ראיעלען גרונד.

איין מעשה וועגען דיא אמאזאָנען דערציילט, אז ט ה ע ז ע א ו ס איינער פון דיא אלטע העלדען און געזעצגעבער אין אטהען, האט בעזיעגט דיא אמאזאָנען, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעקליבען לעבען דעם בארג א ר ע ס אונטער דער פיהרונג פון זייער קעניגין ה י־פּ אָ ל י ט א. מיט דיזען זיעג פאנגט זיך אָן דיא גלענצענדע גע־שיכטע פון אטהען, דער צענטראל־פּונקט פון דיא גריכישע ציווילי־זאציאָן, און דיא איינצעלהייטען פון דיזער שלאכט זיינען געוועזן פערצייכענט אויף דיא ווענט ארום א ק ר אָ פּ אָ ל, דיא פעסטונג פון דער שטאָט, און האבען געדיענט אלס א רייכער מאטעריאל פיר דיא קונסטווערק פון דיא גריכישע פּאָעטען, מאלערס און סקולפּטאָרען. אין אטהען איז אויך געוועזן א זייל אויף דעם אָרט, וואו דיא אמאזאָנען־קעניגין היפּאליטא איז געפאלען טויט. לעבען דעם טעמפּעל צו עהרע פון טהעזעאוס האט זיך געפונען דער אָרט, וואו מען האט געשלאָסען פריעדען מיט דיא בעזיעגטע אמאזאָנען

און וואו מען האט נאכהער געפייערט מיט צערעמאניעס און שפיעלען דעם אנדיינקען אן דיא געפאלענע מענער און פרויען. אין דעם ארט א מ א ז א נ ע א ו ם זיינען געווען בעגראבען אייניגע אמאזאנען. אין גאנץ גריכענלאנד זיינען געווען געבויט מאנומענטען צו אנדיינקונג פון דיזער פאסירונג.

דיא פראגע איז יעצט: וואלט מען דען געמאכט אזא גרויסען וועזען וועגען א שלאכט מיט פרויען, וואלט מען דען געבויט אזוי פיעל טעמפלען און מאנומענטען צום אנדענקען פון דיא העלדען און העלדינען אין דיזער שלאכט, ווען דיא גאנצע מעשה וואלט גאר גיט געווען בעגרינדעט אויף א ווירקליכען פאקט, ווען זיא וואלט נאר געווען אויסגעטראכט פון איין מענש? געוויס ניט. עפעס האט דא געמוזט פאסירען, און גראדע זעהר וויכטיגעס, מיט וואס דאס גאנצע נאציאנאלע לעבען פון דיא גריכען איז געווען אייננ פערבונדען. פון דער אנדער האנד שיקט זיך עפעס דאך ניט, אז פרויען זאלען פיהרען אזעלכע בלוטיגע שלאכטען' וויא ארום דעם בארג ארעס. זמת, דיא פרויען זיינען טאקע בעזיעגט געווארן, אבער דיא זעלבע לעגענדע עייגט אונז אויך, אז דאס איז נעקומען דורך דעם, וואס דיא אמאזאנען האבען זיך צוטהיילט אויף צוויי פארטייען; איינע זיינען געווען פיר דיא פארטזעצונג פון זייער פריהערע הערשאפט, דיא אנדערע האבען זיך געלאזט בעהערשען פון דיא מענער אונטער דעם א י י נ־ פ ל ו ס פ ו ן ל י ע ב ע. א נ ט י א פ א, איינע פון אזעלכע ליע־בענדע אמאזאנען, וועלכע האט זיך גראדע פערליעבט אין טהעזעאוס'ן זעלבסט, האט זאגאר געקעמפפט מיט דיא מענער געגען איהרע שוועסטער. דיא לעגענדע דערציילט אונז אז נאכהער איז זיא געווען א פערמיטלעריןביי'ן שליעסען פריעדען און האט אויפגעפאסט אויף איהרע פערוואונדעטע שוועסטער.

עס פערשטייט זיך, אז אהן דיא אריינמישונג פון געטער האבט זיך דיא גריכען ניט געקענט בעגיין ביי זייערע שילדערונגען [illegible]גע דיזע אמאזאנען שלאכט, וויא פון אלע שפעטערע. און ווען מיר בע־טראכטען, ו ו ע ל כ ע געטער זיינען אין דעם בעזאנדערס אריינגע־מישט געווען, זא געפינען מיר, אז פאסיידאן, דער ים־גאט, דער הויפט

בעשיצער פון דיא פעלקער, וועלכע זיינען אריבער פון אינזעל קרעטא נאך גריכענלאנד און האָבען זיך נאך טהיילוויז געפיהרט מאטריאַר־באליש, איז בעזייטיגט געוואָרן פון דעם העלד טהעזעאוס, וועלכער האט פערניכטעט דיא הערשאפט פון קרעטא איבער דיא פערבליבענע אין גריכענלאנד. דאס איז אייגענטליך געווען א קאמפף צווישען דיא מוטערלאנד קרעטא (דיא קרעטאנער האבען טאקע זייער היימאט מוטערלאנד און ניט פאטערלאנד) און איהרע קאָלאָניעס. מיר געפינען דאָ ווידער דעם יונגען גאט אפּאָלאָן און דיא קלוגע געטין־פערמיטלערין אטהען אויף דער זייט פון דיא מענער און געגען ניט נאר דיא אמאזאָנען, זאָנדערן אויך געגען דעם קרעטאנער גאָט פּאָסעידאָן, הגם דער לעצטער איז שוין אויך א מענער־גאָט פיר פאָטער־רעכט. דערפון קענען מיר שוין מיט זיכערהייט שליסען, אז דער קאמפף איז אָנגעגאנגען צווישען פעלקער אונטער דעם מאטריארכאט און פעלקער, וועלכע האָבען שטריינג גענומען איינפיהרען פאָטער־רעכט. דיא שלאכט מיט דיא אמאזאָנען איז אלזאָ אין אמת'ן געווען א שלאכט מיט פעלקער אונטער דער הער־שאפט פון מוטער־רעכט. אונטער דיא אמאזאָנען דארפען מיר דארום איינפאך פערשטיין דעם מאטריארכאט. נור דיא פּאָעטישע איינבילדונג פון דיא גייסטרייכע גריכען האט מיט דער צייט אומ־געוואנדעלט אלע פערטהיידיגער פון מאטריארכאט אין קריגערי־שע פרויען אונטער דעם אלגעמיינעם נאָמען אמאזאָנען. אויב פרויען זעלבסט האבען טאקע גענומען אנטהייל אין דער שלאכט, וויא דיא לעגענדע דערציילט, איז שוין ניט וויכטיג. דיא הויפּטזאך איז, וואָס דיא שלאכט איז געפיהרט געוואָרן אין זייער נאָמען פיליכט טאקע אונטער דער פיהרונג פון דער קעניגין היפּאָליטא, נעמליך: פון מאטריארכאלישע פעלקער. דיזע היפּאָליטא איז וואהר־שיינליך געווען א מין אידישע דברה.

הערקולעס, דער גריכישער שמשון הגבור, איז אויך געווען איינער פון דיא העלדען און האלב־געטער, וויא טהעזעאוס, פערסע־אוס א. ז. וו., וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אין דיא לעגענדען מיט זייער קאמפף געגען מאטריארכאט. דער אלט־גריכישער שריי־

בער דיאָדאָר פון סיציליען בעמערקט: „הערקולעס, וועמעס אויפגאַבע עס איז געוועזן צו בעגליקען דיא גאַנצע מענשהייט, האט געהאַלטען פאר אונגערעכט צו לאָזען איינינגע פעלקער אונטער דער שענדליכער הערשאַפט פון פרויען". אזוי וויא מיט דער צייט האבען דיא גריכען געמאַכט הערקולעסען פאר דעם העלד פון פערשיעדענע גרויסע טהאַטען, האבען זיי איהם אויך ארויסגעשטעלט פאר דעם הויפט־קעמפפער געגען מוטער־רעכט. דיא אכטע פון זיינע בעריהמ־טע צוועלף גבורות איז געמליך געוועזן זיין זיעג איבער גאָרגאָן און אַנדערע אמאַזאָנען. איבעראַל, וואו ער האט זיי נאר געטראָ־פען, האט ער זיי פערניכטעט. זיינע רייזען צו בעקעמפפען דיא אמאַזאָנען, וויא אויך דיא רייזען מיט דעם זעלבען צוועק פון אַנדע־רע גריכישע העלדען, צייגען נאר, אז דער קאַמפף מיט דיא מאַט־ריארכאַלישע פעלקער איז אלין ווייטער אָנגעגאַנגען ביז צו דיא גרענעצען פון דער גריכישער וועלט, זאָ דאס שפעטער האט מען אלין דערציילט וועגען אמאַזאָנען־לענדער ערגעץ ביי דיא ברעגעס פון שווארצען ים און אין אזיען. דיא גריכען, וועלכע האבען שוין אין זייער לאַנד איינגעפיהרט דאס פאָטער־רעכט אזוי שטארק, דאס פרויען האבען אויפגעהערט צו שפיעלען אירגענד וועלכע ראָלע אין פאָליטישען לעבען און צו הויזע זיינען זיי אויך געוועזן זעהר אונטערוואָרפען, האבען אין זייערע קאָלאָניעס געפונען דיא איינגע־באָרענע מיט מאַטריארכאַלישע פיהרונגען, און דער קאַמפף מיט דיא אמאַזאָנען איז דארום אַהין איבערגעגאַנגען. אָט אזוי האט דיא גריכישע ציוויליזאַציאָן ביסלעכווייז פערניכטעט דיא מאַטריארכאַ־לישע פאָרמען אין אלע ערטער, וואוהין זיא האט נאר דערגרייכט. אין דיא אלע שלאַכטען מיט דיא אמאַזאָנען, פון וועלכע דיא גרי־כישע לעגענדען דערציילען, בלייבען דיא מענער, דיא העלדען, אלס דיא זיעגער, און דאס בעדייטעט נאר, אז דער פאַטריארכאַט האט אין דיזע אלע לענדער ארויסגעשטויסען דעם מאַטריארכאַט.

דער גאַנצער זאָ־גענאַנטער העלדישער פעריאָד פון גריכענ־לאַנד, דאס הייסט: דיא צייט, ווען מענער ווערן דיא אָנפיהרער אַנשטאָט דיא פרויען־העלדינען, פון וועלכע דיא עלטערע לעגענדען

דערציילען און פון וועלכע דער גרויסער גריכישער פּאָעט העזיאָד (האט געלעבט אין איין צייט מיט האָמער׳ן) זינגט אַזוי הערליך — דיזער פּעריאָד איז עפּעס אַזוי וויא אין גאַנצען אָבגעגעבען צו שלאַכטען מיט אַמאַזאָנען; אָבער מיט דער צייט מוזען שוין דיא העלדען אַלץ ווייטער פאָהרען, אום צו געפינען דיא מלוכות פון דיא אַמאַזאָנען. איבערהויפּט איז עס ניט אַ צופאַל, וואס דיא ערשטע לעגענדען ביי פיעלע פעלקער דערציילען אונז וועגען פרויען וואס האבען אָנגעפיהרט אַרמיעס און געגרינדעט מלוכות, וויא סעמיראַמידאַ, דידאָנאַ א. ז. וו. דאס איז נאר אַ׳ן אָנווייז־זונג, אז ביי דיזע פעלקער איז איינגעפיהרט געוועזען דער מאַטריאַר־כאַט. אויס דיא גריכישע לעגענדען זעהען מיר, אז דיא ערטער און אינזלען, וואו דער מאַטריאַרכאַט איז לענגער פערבליבען אין קראַפט, האבען אויך געהאַט מעהר פרויען־העלדינען. דיא לעגענדע איבער דיא רייזע פון דיא אַרגאָנאַוטען מיט דעם העלד יאַזאָן אַלס אָנפיהרער דערציילט, אז אין דעם לאַנד ליוויא האבען געלעבט העלדינען, וועלכע האבען יאַזאָנען בעפוילען פריהער פאר אַלץ צו ליעבען דיא מוטער. קאָלכידאַ, דאס לאַנד הינטער דיא קאַוקאַזער בערג און ניט ווייט פון שווארצען ים, וואוהין דיא אַרגאָנאַוטען זיינען געפאָהרען צו פערכאַפּען דעם „גאָלדענען פליעס“, איז אויך געוועזען אונטער דעם שוץ פון פיעלע געטינען און פרויען־העלדינען, וויא העקאַטאַ, צירצעאַ א. ז. וו. אין דיזע ערטער האט זיך טאַקע דאס מוטער־רעכט זיך לאַנג אָנגעהאַלטען.

וועגען הערקולעסען, אַלס דעם הויפּט־קעמפּפער פיר פּאַטער־רעכט, ווערט אויך אין דיא לעגענדען דערציילט, דאס ער האט איינגעפיהרט אין אָלימפּיאַ גרויסע פעסטליכקייטען צו עהרע פון דעם הויפּט־גאָט זעאוס — דעם בעשיצער פון אַלע פּאַטריאַרכאַ־לישע גריכען — און אין דער צייט האט ער פּעריאַגט פון דאָרטען דיא פרויען. נור דיא פּריסטין פון דער אַלטער מוטער־געטין דעמעטראַ האט געמעגט זיצען אויף איהר ווייסען שטיין און צוזעהען דיא שפּיעלען. פרויען האבען אויך ניט געטאָרט צוקומען נאָהענט צום מזבח פון אָלימפּיאַ הגם אין פריהערע צייטען איז

דאָרטען געשטאַנען דער טעמפּעל פון דער געטין־מוטער. דיא אלטע געטינען און געטער האט מען איבערהויפּט אלץ מעהר פעריאָגט אין דיא טיעפעניסען פון דער ערד, און פון אויבען, אויף דעם באַרג אָ ל י מ פּ י א ו ס און אין הימעל האבען געהערשט דיא געטער פון דער נייער פּאַטריאַרכאַלישער וועלט, בעזאָנדערס זעאוס און אפּאָלאָן. און אין דער צייט זיינען עס דיא אלטע איינוואָהנער פון גריכענלאַנד דיא זאָ־גענאַנטע פּ ע ל א ז ג י ש ע פעלקער, וועלכע האבען נאך אנגעהאַלטען און אויך פערטהיידיגט מיט געוועהר אין דיא הענד זייערע מאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען, אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען איבערלאָזענדיג דיא פּאַטריאַרכאַלישע ע ל י נ ע ן (גריכען) אלס דיא הערשער.

איין גריכישע לעגענדע שילדערט בעזאָנדערס קלאָר דעם אי־בערגאַנג פון מוטער־רעכט צו פאָטער־רעכט. אמאָל, דערציילט דיא מעשה, האט זיך גלייכצייטיג בעוויזען אין איין אָרט א׳ן אָליוור־בוים און אין א׳ן אנדער אָרט א וואַסערקוואַל. ווען מען האט אָנגע־פרעגט דעם אָראַקול (נביא) פון דעם בעריהמטען ד ע ל פ י ע ר טעמפּעל וועגען דיזען וואונדער, האט ער געענטפערט, אז דער אָליוור־בוים בעדייטעט דיא הערשאַפט פון דער געטין אטהען (ווען מאַטריאַרכאַט איז נאך געוועזען אין קראַפט) און דער קוואַל וויזט אָן אויף דיא זיעגרייכע מענליכע קראַפט פון דעם גאָט פּאָסיידאָן. און יעצט זאָל דאס פּאָלק אויסקלייבען, וואס פאר א נאמען זאָל זיין שטאָט טראָגען. מען האט דאַן אָבגעהאַלטען א פּאָלקספערזאַמ־לונג, אום דיזע פראַגע צו ענטשיידען. וויא דער מנהג איז געוועזען האבען פרויען אנטהייל גענומען אין דיא פּאָליטישע פערהאַנדלונגען און האָבען געהאט א שטימרעכט צוגלייך מיט דיא מענער. אלע פרויען האבען דאַן געשטימט פיר זייער געטין אטהען און אלע מענער פיר זייער גאָט פּאָסיידאָן; נאר אזוי וויא עס איז געוועזען גראדע מיט איין פרוי מעהר, וויא דיא צאָהל פון דיא מענער, איז דער נאָמען פון דער שטאָט פערבליבען אטהען. פּאָסיידאָן איז דאַן אין כעס געוואָרען און האט בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון אלע איינוואָהנער פון א ט ט י ק א (דער טהייל גריכענלאַנד, וואס זיין הויפּטשטאָט

איז נעוועז אטהען) פאר דיא בעליידיגונג. אלס ים־גאָט האט ער ארויסגעיאָגט דיא וואסערן איבער דיא ברעגעס און פערטרונקען גאַנץ אטטיקא מיט דיא אַליי־בוימער צוזאמען. דאן, דערציילט דיא לעגענדע, זיינען דיא מענער שוין געצוואונגען געוועזען איינצושטילען דעם צאָרן פון פּאָסיידאָן דורך דעם, וואס זיי האבען אוועקגענומען דיא רעכטע פון פרויען; און פון יענער צייט אָן טראָגען שוין דיא קינדער ניט דיא נעמען פון זייערע מוטערס, נאר פון זייערע פאָטערס, און דיא פרויען האבען שוין אויך קיין שטימרעכט.

לאָזענדיג אָן א זייט דיא אריינמישונג פון דיא געטער און געטינען, זעהען מיר דאָ איינפאך, אז אין דער צייט פון א'ן אונגליק, וואהרשיינליך א בעפאלונג פון א ים־רויבענדען פאָלק, זיינען דיא מענער געצוואונגען געוועזען זיך צו פערבינדען און איינ־פיהרען דעם פּאטריארכאט, אום בעסער און צוועקמעסיגער צו פער־טהיידיגען זייער לאנד. יעדענפאלס זעהען מיר, אז דיא ענדערונג איז הויפּטזעכליך בעשטאנען אין דעם, דאס דיא פרויען זאָלען קיינע פּאָליטישע רעכט האָבען און דאס דיא קינדער זאָלען זיך רעכענען נאך דעם פאָטער. דאן האבען דיא מענער אויך אָנגעפאנגען צו בעשרענקען דיא פערוויסטענדע גאולת הדם, וועלכע איז איבעראל אזוי ענג פערבונדען געוועזען מיט דעם מאטריארכאט, דאס נור בלוט־פערוואנדטע דורך דער מוטער זיינען געוועזען פערפּפליכטעט צו נעהמען בלוטיגע ראכע, און זיי האבען גענומען איינפיהרען קרימינאל־געריכטען, וויא דיא אויבענגעבראכטע לעגענדע איבער אָרעסט בעוויזט עס גאנץ דייטליך.

דיא שפּעטערע גריכישע רייזענדע און היסטאָריקער האָבען נאטירליך געוואוסט פון דיא אלע לעגענדען און געשיכטען וועגען אמאזאָנען; אבער זיי האבען שוין אזעלכע לענדער ארום און ארום ניט געפונען. מען האט דערציילט, אז ערגעץ ווייט־ווייט זיינען נאך פערבליבען אמאזאָנען־מלוכות; אבער אזוי וויא אין דער ווירקליכקייט זיינען אזעלכע מלוכות אייגענטליך קיין מאָל ניט געוועזען, זאָ האט שוין דער גריכישער געאָגראף און רייזענדער סטראבאָן (האט געלעבט אין אָנפאנג פון דער רוימישער אימפעריע) אין גאנצען

גענומען אָפּלייקענען דיא אַלטע געשיכטען ווענען שלאַכטען מיט אַמאַזאָנען. ער האט זיי געהאַלטען פאר איינפאַכע איינבילדונגען, דען מיט דער צייט האט מען צומישט דיא נעמען פון דיא קעמפּפענדע העלדען און העלדינען, וויא אויך דיא נעמען פון דיא פּלעצער, וואו דיא אַמאַזאָנען־שלאַכטען זיינען פאָרגעקומען. זאָ האט מען אויך דערציילט, אז טהעזעאוס האט בעזיעגט דיא אַמאַזאָנען אין דער שטאָט טרעזען (אין דעם זידליכען האַלבאינזעל פון גריכענלאַנד), און דיזע שטאָט האָט זאָגאַר געפיהרט א מחלקה מיט אַטהען ווענען דעם געבורטסאָרט פון דיזען העלד. אין דער שטאָט מעגאַרע איז געווען א'ן אַלטער „קבר פון אַמאַזאָנען" (מען האט בעהויפּטעט אז דיא אָנפיהרערין היפּאָליטאַ איז דאָרט בעערדיגט געוואָרן) אויף דעם מאַרק־פּלאַץ. אַלע לעגענדען ווענען דיא אַמאַזאָנען זיינען שליסליך פּעראַבונדען געוואָרן מיט א לאַנד ערגעץ הינטער דעם טייך טהערמאָדאָן אין קליין־אַזיען. דאָרט האט מען געגלויבט, איז געווען א'ן עכטע אַמאַזאָנען־מלוכה און פון דאָרטעז זיינען עס אַלע קריגערינען ארויס קעמפּפען נעגען דיא מענער.

אין יענע ערטער האָבען טאַקע איינינע פעלקער געלעבט נאָך דיא אַלטע מאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען, ווען אין גריכעלאַנד זיינען נאר געבליבען צייכענס דערפון אין אַלטע געשיכטעס, בעפּוצט מיט פיעלע פאַנטאַסטישע בילדער. דער זעלבער סטראַבאָן, וועלכער האט שוין געלייקענט דיא עקזיסטענץ פון אַמאַזאָנען אין גריכענלאַנד זעלבסט, דערציילט פון דעסטוועגען, אז ווענען איין אַמאַזאָנען־לאַנד האט ער געקראָגען בעווייזע פון מענשען, וועלכע האבען דיזע לאַנד געזעהען מיט זייערע איינענע אויגען. א געוויסער טהעאָטהאָן, וועלכער האט דערגרייכט מיט א רוימער ארמיע ביז צו קאַוקאַז, האט געפונען אַמאַזאָנען אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דיא סקיטהישע שטאַמען געלאַ און לעגאַ. אנדערע, וועלכע האבען אויך בעזוכט דיזע ערטער, האבען אויך דאָרטען צו יענער צייט געטראָפען אַמאַזאָנען. געוויינליך האבען דיזע פרויען געלעבט גאַנץ אונאַבהייני־ניג פון מענער, בעשעפטיגענדיג זיך מייסטענס מיט אַקערבוי. נאָך דיא לעגענדען זיינען זיי אבער געווען זעהר קריגעריש און

פלעגען זאָגאר פערקריפּלען זייערע בריסטען, אום עס זאָל זיי זיין בעקוועמער צו האלטען געוועהר. אין דיא פריהלינג־מאָנאַטען פלעגען זיי זיך אין א בעשטימטען אָרט צוזאַמענטרעפען מיט דיא מענער, וועלכע האבען זיך אויפגעהאלטען אויף דיא אנדערע זייט פון דיא בערג. זיי פלעגען ביי זיך לאָזען דיא מיידלעך, און דיא אינגלעך פלעגען זיי אָפּגעבעז צו דיא מענער.

ווען מען זאָל זאָגאר צוגעבען, אז דיזע אונאבהייננינגע פרויען זיינען געוועזען בעוואפענט און האבען זיך געקענט בעשיצען מיט זייערע שווערדען און פייל־ און־ בויגענס — וואס עס איז אייגענטליך גאָר ניט אזוי אונגעוויינליך אין דעם ווילדען צושטאנד, דען ווען דיא פראַנצויזען האבען איינגענומען דיא נעגער־מלוכה אין דאהאמעי, האבען זיי אויך געהאט צו פיהרען א שלאכט מיט א׳ן אָבטהיילונג זעהר קריגערישע פרויען, דיא אמאָזאָנען פון דעם קעניג בעהאנזע — זאָ ציינען נאך אלעמען דיזע בעשרייבונגען פון דיא גריכען אויף א מאטריארכאלישען צושטאנד, ווען דיא פרויען האבען געלעבט אין בעזונדערע דערפער מעהר אדער וויינינער אונאבהייננינ פון דיא יענערישע מענער.

הערָאדָאָטוס האט נאך אליין שטארק געגלויבט אין דיא עקזיסטענץ פון דיא אמאזאָנען און האט אויך דערציילט פיעלע געשיכטען וועגען זיי, וויא ער האט עס געהערט פון זיינע לאַנדסלייטע. ער האט אויך געזוכט צו בעווייזען, אז אין איינינע ערטער אין זיד־רוסלאַנד, בעזאָנדערס צווישען דעם טייך דאָן און דעם קאספּי־שען ים, זיינען נאך פערבליבען פרויען־מלוכות; אבער מען האט יעצט קיינע פאקטען וועגען דעם, און מאנכע פון זיינע ערקלערונגען מוזען אנערקענט ווערן פאר איינבילדונגען. וועגען דיא ליקיער, וועלכע האבען געלעבט אין קליין־אַזיען האט אונז אבער דער „פאָטער פון געשיכטע" איבערגעלאָזען א בעשרייבונג, וועלכע מוז אנערקענט ווערן פאר ריכטיג, דען זיא שטימט פאָלקאָמען איין מיט אלע פאקטען וועגען מאטריארכאט. „דיא ליקיער, שרייבט ער, רופען זיך נאך דער מוטער און ניט נאך דעם פאָטער. ווען מען פרעגט איינעם פון זיי וועגען זיין משפחה, מעלדעט ער וועגען זיין פערוואנדשאפט דורך דער

מוטער׳ס זייט און רעכענט אוים זיינע באָבעס. און ווען א פרוי־בירגערין (א פרייע פרוי) לעבט מיט א שקלאוו, ווערן דיא קינדער אָנגענומען אלס פרייע בירגער. אבער ווען א מאַנספערזאָן, אפילו דער אָנגעזעהענסטער נעהמט זיך א פרעמדע פאר א ווייב אדער קעבס־ווייב, האבען זייערע קינדער שיין קיין בירגער־רעכט״.

אין דער לעצטער צייט איז נאך דיזע מעלדונג פון דעם „פאָטער פון געשיכטע״ בעשטעטיגט געוואָרן דורך א נאכפאָרשונג פון ליקיער־אויפשריפטען, וועלכע דערמאָנען נאר דיא נעמען פון דיא מוטערס. אויך דיא פיניקיער און אנדערע פעלקער אין קליין־אזיען ביי דיא ברעגעס פון ים האבען זיך גערופען נאך דיא נעמען פון זייערע מוטערס.

ווען מיר זאָלען יעצט פון דיא גריכען און דיא פעלקער ארום דעם מיטעלמעער איבערגיין צו דיא איבריגע פעלקער, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין אייראָפא, וועלען מיר אויך געפינען בעווייזע וועגען זייער אמאָליגען מאַטריארכאַט. דיא לעגענדען פון דיא סלאווישע פעלקער ציינען אויך אָן אויף א קאמפף פון מענער געגען פרויען־הערשאפט. בעזאָנדערס אינטערעסאַנט איז דאָ דיא בעהמישע מעשה וועגען דיא קעניגין ליובושא און איהרע שוועסטער און וועגען דיא שלאַכט מיט „אמאזאָנען״ אונטער דער קאָמאנדע פון וולאסטא. דיזע ליובושא פערליעבט זיך, וויא דיא גריכישע אנטיאָפא, אין דעם אָנפיהרער פון דיא מענער און גיט זיך אונטער (דיא לעגענדע דערציילט אז דיא נעטער האבען איהר אזוי געהייסען); אבער דיא איבריגע פרויען קעמפפען אונטער דער פיהרונג פון וולאסטא געגען דיא הערשאפט פון דיא מענער.

דער רוימישער היסטאָריקער טאציטוס מעלדעט אונז פון א פאָלק מיט דעם נאמען סיטאָנען, דאס „זיי זיינען אזוי טיעף געזונקען אין שקלאווערייי, אז ביי זיי האט געהערשט א פרוי״. דיזע סיטאָנען האבען דאן געוואָהנט אין נאָרד־אָסט פון אייראפא, און מען האָט שוין אויסגעפונען בעווייזע, אז דיא אלע פעלקער דאָרטען האבען זיך נאך געפיהרט אויף א מאַטריארכאלישען שטייגער. ביי דיא גער־מאנען זיינען שוין צו דער צייט פערבליבען נור אייניגע סמנים פון

דיזען אלטען צושטאנד. זאָ, דערציילט יוליאוס צעזאר, פלעגען דיא „חויזווירטהינען" ענטשיידען דורך א גורל, אויב דיא מענער זאָלען גיין אין שלאכט.

סטראבאָן קריטיקירט דיא געזעלשאפטליכע אָרגאניזאציאָן פון דיא קאנטאבריער, א שטאם פון דיא אור־איינוואָהנער אין שפאניען, ווייל ביי זיי הערשען דיא פרויען. ער זאָגט, אז דאס איז ניט גוט צוליעב שטאאטס־אינטערעסען. ער האט דארטען נעמליך געפונען, אז דיא ירושה גייט איבער פון דיא מוטערס צו דיא טעכ־טער, וועלכע מאכען חתונה זייערע ברידער. דיא מענער פלעגען אלזאָ מיטברייננגען נדן אין דיא הייזער פון זייערע פרויען אלס א בעפרידיגונג פאר זייער רעכט אויף א טהייל פון דעם פאמיליען־פערמעגען. דיא באקסען, וואס וואָהנען יעצט אין נאָרד־שפאניען, זיינען א טהייל פון דיא ערשטע שפאנישע איינוואָהנער, צו וועלכע דיא קאנטאבריער האבען געהערט, און הגם ביי זיי איז שוין איינ־געפיהרט פאָטער־רעכט, פון דעסטוועגען קען נאך דיא טאָכטער־זורש'טע ווערן דער הויפט פון דיא פאמיליע. דער מאן, וואס זיא קלייבט זיך אויס, טראָגט שוין איהר נאָמען, און אזוי אויך דיא קינדער. אזא מאן ברייננגט נאר מיט אין דיא הויז פון זיין פרוי דעם נדן, וואס ער קריעגט פון זיין פאמיליע, וויא סטראבאָן מעלדעט עס וועגען דיא קאנטאבריער.

צייכענס פון מאטריארכאט געפינט מען אויך אין דיא פער־בליבענע געזעצגעבונגען פון פיעלע פעלקער. זאָגאר אין דער געזעצ־געבונג פון דיא אטהענער רעפובליק, וואו פאָטער־רעכט איז שוין געוועזען פעסטגעשטעלט, געפינען מיר, אז עס איז געוועזען ערלויבט חתונה צו האבען מיט א שוועסטער פון איין פאָטער, אבער ניט מיט א שוועסטער פון איין מוטער. נאך דיא עלטעסטע גערמאנישע געזעץ זיינען דיא יורשים פון א קינדערלאָזען מאן געוועזען זיין מוטער מיט איהר שוועסטער. זיין פאָטער, ברודער און אָנקעל ווערן גאר ניט דערמאָנט דערביי. נאך דיא אלט־פראנקישע דברי הימים (צייט־ביכער) פלעגט מען מיט פיעל מעהר רציחה נעהמען ראכע פאר דעם מאָרד פון דער מוטער'ס ברודער, וויא פאר דעם מאָרד

פון דעם פאָטער. דיא גרעסטע שאַנדע פאַר א פרוי האט זיך גערעכענט איהר חתונה מיט דעם מערדער פון איהר ברודער. דאס „ליעד איבער דיא ניבעלונגען" ווייס ניט פון א גרעסערן פערברעכען וויא דער מאָרד פון א ברודער (בעגאַנגען פון דער שוועסטער) אָדער פון א'ן אָנקעל נאך דער מוטער.

ביי דיא אלטע גערמאַנער, אזוי גוט וויא ביי דיא קעלטען האט דער פאָטער נאר געקענט קריגען דיא מאכט איבער זיינע קינדער, ווען ער האט פריהער בעצאָהלט זיין נדן אדער אויסגעקויפט זיין ווייב, דען נור דורך קויפען האט מען דאן געקענט ערווערבען דאס פאָטער־רעכט. זאָנסט פלעגען דיא קינדער געהערן צו דער מוטער. ביי דיא קעלטישע אורא״ינוואָהנער אין אירלאַנד און וויילס האט דער פאָטער געמוזט עפענטליך אנערקענען זיינע קינדער, אום זיי זאָלען ניט פערבלייבען אונטער דער הערשאפט פון דער מוטער. נאך דיא אלטע אירלאַנדישע געזעץ פלעגט דער פאָטער דארפען פרעגען זיין פרוי: „וועמעס קינד איז עס?" און ווען זיא פלעגט ענטפערן: „דיינס" און ער האט איהר פריהער אויסגעקויפט ביי איהרע בלוטפערוואַנדטע פלעגט ער שוין קריגען א רעכט איבער דעם קינד. ווען דיא פרוי פלעגט זאָגאַר אנערקענען איהר מאַן פאַר דעם פאָטער, אבער ער האט איהר אין גאנצען ניט אויסגעקויפט, פלעגען דיא קינדער אזוי לאַנג געהערן צום שטאַם פון דער מוטער ביז דער פאָטער פלעגט ניט אויסצאָהלען אין גאנצען דיא בעשטימטע אויסקויפס־סומע. ביי דיא קעלטישע און גערמאַנער שטאַמען איז אויך אָנגענומען געווען, אז דיא קינדער פון א שקלאַוו מיט א פרייע פרוי אדער איבערהויפט פון א'ן אונגלייכען שידוך האבען געהערט צו דעם שטאַנד אדער קלאַס פון דער מוטער. נאך דעם זאָ־גענאַנטען „סלאַווישען געזעץ" פלעגט מען דיא אויסקויפונגס־סומע פאַר א'ן אלמנה, וואס האט ווידער חתונה געהאט, דארפען געבען דעם זוהן פון דעם פערשטאָרבענעם מאַנ'ס שוועסטער און איבערהויפט צו דיא פערוואַנדטע נאך דער מוטער'ס זייט. דיא געלט־שטראָף פאַר דעם מאָרד פון א פערהייראַטעטע פרוי איז בעשטימט געווען נאך דעם פערמעגען פון איהר ברודער, אבער ניט פון איהר מאַן. אלע פערוואַנדטע

פון דער מוטער׳ס זייט פלעגען זיך דארפען צוזאמענגלייגען, אום צו בעצאָהלען דיא געלט־שטראָף אָדער װירע פאר א קרימינאל־פערברעכען. זיי פלעגען אויך דארפען קומען אין געריכט, אום צו זאָגען זייער מיינונג וועגען דעם כאראקטער פון דעם אָנגעקלאָגטען און וועגען זיין פערטהיידיגונג.

ביי איינינע סלאווישע פעלקער זיינען ניט איינגעפיהרט געװען בעשטימטע הייראטס־פאָרמען, און דיא פערבינדונגען פון א פרוי מיט א מאן האָבען ניט געהאט דעם כאראקטער פון א שטענדיגען צוזאמענלעבען. דיא קינדער האָבען דארום נאטירליך געהערט צו דער מוטער, און דער הערר איבער זיי איז געװען דער אָנקעל, דער ברודער פון דער מוטער, וויא געוויינליך אונטער מאטריארכא־לישע פיהרונגען. נאך דיא אלטע רוסישע געזעץ, דיא זאָגענאנטע „רוסקאיא פראװדא", ווערט אלס גואל הדם אויך גערעכענט דער „שװעסטער׳ס זוהן". אין דיא שפעטערע געזעץ זיינען שוין דיא ווערטער „שוועסטער׳ס זוהן" פערביטען געװאָרן אויף דיא ווערטער „ברודער׳ס זוהן". ביי דיא סלאווען ווערט דיא פערוואנדשאפט צווישען ברידער און שוועסטער גערעכענט פאר דיא שטארקסטע און הייליגסטע. לויט איינינע אלט־סערבישע ליעדער, פלעגט מען אין דיא געריכטען שטענדיג שווערען מיט דער שוועסטער׳ס נאָמען; און ווען איינער האט ניט געהאט א שוועסטער, פלעגט ער שווערען מיט זיינע געוועהר, נאר דערביי פלעגט ער זיך ביטער בעקלאָגען אויף זיין מוטער, וואס זיא האט איהם געלאָזען אָהן א „טייערע שוועסטער".

אזעלכע בעווייזע וועגען דיא עקזיסטענץ פון מאטריארכאט ביי אלע פעלקער אָהן אויסנאהמע האָבען שוין געלעהרטע נאכ־פאָרשער צוזאמענגעקליבען גאנצע פעק; אבער דיא אויבענגעבראכטע זיינען שוין פאָלקאם איבערצייגענד. וועגען מאנכע פון דיזע בעווייזע ספעציעל אין בעצוג אויף דיא ערשטע רעכטע און ירושה אין פער־בינדונג מיט פריוואט־אייגענטהום, וועלען מיר נאך האבען צו ריידען אין דיא ווייטערע קאפיטלען.

פיערטער קאפיטעל.

מערקווירדיגע מנהגים אוים דער איבערגאנגס־צייט פון מוטער־רעכט אין פאטער־רעכט.

דיא געמאכטע פיינדשאפט צווישען איידימס און שוויגערמוטערס ביי פיעלע פעלקער. — דיא אלגעמיינע פיינדשאפט צווישען דעם חתן און דיא בלוטפערוואנדטע פון דער כלה. — דיא שנור אפגעזונדערט פון שוויגער־פאטער און דעם מאנ׳ס ברידער. — לעוויראט און אנדערע סמנים פון געמיינ־שאפטליכקייט פון פרויען ביי אייניגע פעלקער אין דיא קאווקאזער בערג. — רויב פון פרויען אלס דיא ערשטע אורזאכען פון דיא פיינדשאפט צווישען דעם איידים און דיא שוויגערמוטער. — אנווייזונגען אויף דעם קאמפף צווישען פאטער־רעכט און מוטער־רעכט. — מענער־קינדבעטען ביי פיעלע פעלקער־ סמנים דערפון אין אייראפא. — דיא ריכטיגע אורזאכע פון דיא מענער־קינד־בעטען. — דיא אבערגלויבענס וועגען דעם אין דיא שפעטערע צייטען.

אין פערבינדונג מיט מאטריארכאלישע פיהרונגען קען מען אויך בעטראכטען א זעהר מערקווירדיגען און קוריעזען מנהג, וועלכען רייזענדע האבען געפונען ביי פיעלע ווילדע פעלקער און וועלכען זיי האבען זיך גאר ניט געקענט ערקלערן. דאס איז נעמליך דער מנהג אפעען ארויסצו־ווייזען א פיינדשאפט צווישען דעם איידים און דיא שוויגערמוטער און אין מאנכע ערטער אויך צווישען דעם איידים און דיא גאנצע פאמיליע פון דער פרוי.

מיר וועלען דאָ צוערשט איבערגעבען איינינע פון דיא פאקטען, וועלכע פערשיעדענע בעוואוסטע רייזענדע האָבען מיטגעטהיילט.

„אין צענטראל־אפריקא, דערציילט דער רייזענדער קאַליע, טאָר דער התן ניט זעהען דיא מוטער און דעם פאָטער פון זיין כלה. ער סטארעט זיך זעהר ניט צו טרעפען זיך מיט זיי; און ווען זיי בעמערקען איהם נאר, בעדעקען זיי זייערע געזיכטען אזוי וויא זיי וואָלטען געווען זיינע גרעסטע פיינד. אומזיסט האב איך געזוכט אין ערקלערונג אויף דיזען משונה'דיגען מנהג; א.ז. דיא איינציגע אנטוואָרט, וואס איך האב געקראגען ביי דיא איינגעבאָרענע, איז געווען: „אָט אזוי פיהרט זיך עס ביי אונז". דיזער מנהג בעריהרט נאך אויך זייטיגע מענשען. זאָ, צום ביישפיעל, אויב דער חתן איז געווען פון אין אנדער דאָרף, זוכט ער אויסצו־ווייכען אלע איינוואָהנער פון זיין כלה'ס דאָרף מיט אויסנאהמע פון איינינע נאָהענטע פריינד, וועלכע עס איז איהם ערלויבט צו בעזוכען. געוויינליך מאכט מען פאר איהם א בעזונדערן געצעלט, וואו ער פערבלייבט א גאנ־צען טאָג. ווען ער מוז ארויסגיין און אריינקומען אין דאָרף פון זיין כלה פערדעקט ער זיין געזיכט. עס איז איהם ניט ערלויבט צו זעהען זיין כלה ביי טאָג, נאר ווען אלע ליגען זיך שלאָפען, גנב'עט ער זיך אריין אין דעם געצעלט פון זיין כלה און פערבלייבט דאָרט ביז פריהמאָרגען.

אין לאָאַנגאָריידען דער איידים און דיא שווינערמוטער נאר פון וויטענס און מיט אראָפגעלאָזענע אויגען. ווען זיי טרעפען זיך צוזאמען דורך א צופאל, דרייהען זיי זיך אָפּ און גייען פערביי אָהנע צו זאָגען א וואָרט. דאס זעלבע איז אויך ביי דיא אשאנטיער און ביי פיעלע אנדערע אפריקאנער פעלקער. ביי דיא קאפרען אין זיד־אפריקא היט זיך דער איידים צו קוקען אויף זיין שוויגער־מוטער אָדער אויסצוריידען איהר נאָמען.

ביי דעם שטאם טובו אין סאהארא, וואו דיא קינדער טראָגען נאך אויך דעם נאָמען פון זייערע מוטערס, זוכען דיא עלטערן, דיא ברידער און שוועסטער פון דער ווייב וויא וויית מעגליך אויס־צומיידען איהר מאן און ניט אויסצוריידען זיין נאָמען.

דער איידים קען ניט פערבלייבען אויף א'ן אסיפה, וואו עס געפינט זיך זיין שווינערפאָטער. און ווען ער דערזעהט איהם ערגעץ, בעדעקט ער זיין געזיכט מיט זיין „ליטאם" (שלייער) און נעהט אזוי פערביי. דיזע זאָנדערבארע פיינדליכקייט דערגרייכט ביי דיא טובו'ס אזוי וויט, דאס דיא פערוואנדטע פון דעם מאן מיידען אויס אסיפות אויף וועלכע עס געפינען זיך דיא פערוואנדטע פין דער ווייב, און פערקעהרט.

דער בעריהמטער נאָרד־פּאָל רייזענדער פ ר א נ ק ל י ן דער־ציילט, אז ווייט צום נאָרד האט ער בעמערקט, דאס ביי „דיא אינדי־אנער ווערט עס גערעכענט פאר העכסט אונאנשטענדיג, אז א שוויגער־מוטער זאָל אפילו קוקען אויף איהר איידים. זיא דארף מיט איהם ניט ריידען, און ווען עס קומט איהר אויס איהם עפּעס איבערצוגעבען, דארף זיא זיך אומקעהרען צו איהם מיט'ן רוקען און ריידען מיט איהם דורך א דריטע פּערזאָן". ביי דעם אינדיאנער שטאם אָ מ א נ ו ס איז עס איינגעפיהרט, אז דער שוויגערפאָטער און דיא שוויגערמוטער זאָלען ניט האבען קיין פערקעהר און געשפּרעכען צווישען זיך. דאס זעלבע איז אויך בעמערקט געוואָרן ביי פיעלע אנדערע שטאממען אין נאָרד־ און זיד־אמעריקא. ביי דיא אינדיאנער אין קאליפאָרניען איז עס דעם איידים א געוויסע צייט ניט ערלויבט געווען צו קוקען אין געזיכט דער שווינערמוטער און זאָגאר אלע פרויען־פּערוואנדטע פון דער ווייב; ער פלעגט זיך דארפען בעהאלטען אדער אָבגיין אָן א זייט, ווען ער פלעגט זיך טרעפען מיט זיי.

ביי איינינע אויסטראליער פעלקער זיינען דיא שוויגערמוטערס פערפפליכטעט ניט צו זעהען זייערע איידימס. זיי לייגען זיך אָפּט אָן א לאנגען וועג, אום דיא איידימס זאָלען זיי ניט דערזעהען, און בעדע־קען זיך מיט שלייערס, וועלכע זיי טראָגען שטענדיג מיט זיך. דיזער מנהג ווערט אזוי שטרענג אָפּגעהיט, דאס ווען א פערהייראטעטער איז אייפערזיכטיג אויף אימעצען, פערשפּרעכט ער איהם זיין טאָכטער פאר א ווייב. דאן טאָר שוין ניט דיא פערדעכטיגע ווייב, אלס שווינערמוטער, האבען קיין שייכות מיט דעם חתן; און ווען מען טרעפט זיי צוזאמען, בעשטראָפט מען זיי וויא פאר א גרויסען קרימי־

נאַל־פערבּרעכען. דאס איז אַלזאָ אויך א מיטעל פּטור צו ווערן פון א קאָנקורענט.

בּיי דיא קאַפּרען דאַרף אויף דיא ווייב ארויסצייגען געמאַכטע פיינדשאַפט צו דיא מענער־פערוואַנדטע פון איהר מאַן. זיא מוז אויס־מיידען דעם שווינערפאָטער און אלע עלטערע זכרים פון דעם מאַנ׳ס פאַמיליע. זיא טאָר אפילו אין איהרע געדאַנקען ניט דערמאָנען זייערע נעמען. זאָגאר, ווען א וואָרט אין דער געוויינליכער שפּראַכע קלינגט עהנליך צו זייערן א נאָמען, דאַרף זיא דיזען וואָרט ניט געברויכען. אויך בּיי אַנדערע פעלקער איז דיא שנור אזוי בּעשרענקט אין דער אנוועזענהייט פון איהר מאַנ׳ס קרובים. בּיי דיא מאָנגאָלען און קאַלמיקען אין אזיען טאָר דיא שנור ניט ריידען מיט איהר שווער און אפילו ניט בּלייבּען זיצען אין זיין אנוועזענהייט. בּיי דיא אָסטיאַ־קען אין סיבּיר איז אָנגענומען, אז דיא שנור מוז אויסמיידען איהר שווינערפאָטער זאָ לאַנג זיא האט ניט א קינד, און דער מאַן טאָר אין דער זעלבּער צייט ניט בּעווייזען זיך פאַר זיין שווינערמוטער. ווען זיי טרעפען זיך צופעליג, קעהרט זיך דער איידים אום מיט׳ן רוקען און דיא שווינערמוטער פערדעקט איהר געזיכט.

אין בּינא זעהט שוין דער שווינערפאָטער קיין מאָל ניט דאס געזיכט פון זיין שנור גלייך נאָך דער חתונה און ווען ער בּעגעגענט איהר צופעליג, בּעהאַלט ער זיך. אזא מנהג עקזיסטירט אויך אויף דעם אינזעל בּאָרנעאָ (אין זיד־אזיען). דער רייזענדער דיובּואַ דערציילט, אז אין איינינע ערטער פון אינדיען איז עס נאָר דער שנור פערבּאָטען צו ריידען מיט דער שווינערמוטער. „דאס איז, בּעמערקט ער דערבּיי, א זעהר גוטער מיטעל אָפּצוהאַלטען רוהע און פרידען אין הויז“.

בּיי איינינע אָפּגעשטאַנענע פעלקער אין דיא קאַווקאַזער בּערג זיינען נאָך בּיז היינט צו טאָג פערבּליבּען איינינע זעהר אויפפאַלענדע סמנים פון דעם אמאָליגען מאַטריאַרכאַט, וועלכער האט דאָרטען אויך געהערשט, וויא מ׳מיר ווייסען עס שוין פון דיא גריכישע היס־טאָריקער. אין דעם אָנפאַנג פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, זייענדיג פערוואָרפען צווישען דיא בּערג און האָבּענדיג ווייניג פער־

קעהר מיט אנדערע פעלקער, איבערהויפט מיט אזעלכע, וואס זיינען שוין געשטאנען אויף א העכערע קולטור־שטופע, האבען זיי אָנגע־האלטען פיעלע אלטע פיהרונגען, און דארום זיינען זיי א זעהר גוטער און העכסט אינטערעסאנטער מאטעריאל פאר דיא געלעהרטע נאכ־פאָרשער. דער בעריהמטער רוסישער פראָפעסאָר מ א ק ס י ם ק אָ־ו א ל ע ו ו ס ק י האט ספּעציעל אויסשטודירט דיא מנהגים און געשיכטע פון דיזע בערג־פעלקערלעך: דיא טשערקעסען, אָסעטינען, אינגושען, כעווסורען א. ז. וו. און ער האט ביי זיי ענטדעקט פיעלע מערקווירדיגע אָנווייזונגען אויף דעם מאטריארכאט. ביי דיא טשערקעסען לעבען שווארצען ים האט נאך ניט א זוהן דאס רעכט עפענטליך צו אנערקענען איינעם פאר זיין פאָטער; און עס ווערט גערעכענט פאר א גראָביאנסטווע און בעליידיגונג צו פרעגען א פאָטער, וואס מאכט זיין זוהן, אדער א זוהן, וויא עס גייט זיין פאָטער. ביי דיא כ ע ו ו ס ו ר ע ן, איינעם פון דיא ווילדעסטע קאווקאזער שטאמען, עקזיסטירט נאך זאָגאר ביז יעצט עקסאָגאמיע און געמיינשאפט־ליכקייט פון פרויען. זיי און זייערע נעהענטסטע שכנים, דיא פ ש א ו ו ע ן, אנערקענען דאס רעכט פון זייערע מיידלעך אויסצור־קלייבען זיך עטליכע ליעבהאבערס און בעשיצערס וועלכע טראָגען דאָרט דעם נאָמען „צאצאלען“. ביי דיא פשאווען איז נאך אויך פערבליבען דאס אָנקעל־רעכט, בעזאָנדערס אין בעצוג אויף גאולת הדם.

אז ביי דיא וויינ־יגער ווילדע קאווקאזער שטאמען האט ניט לאנג צוריק עקזיסטירט געמיינשאפטליכקייט פון פרויען, דערויף צייגט אָן דער פערבאָט, אז יונגע פרויען טאָרען ניט האבען אירגענד וועלכען פערקעהר מיט דעם פאָטער און דיא ברידער פון איהר מאַן זיא מוז פערבלייבען פערדעקט אין זייער אנוועזענהייט און האט קיי רעכט אויסצוריידען מיט זיי א וואָרט. ערשט נאך דעם, וויא זיא האט א זוהן, קריגט זיא עטוואס מעהר פרייהייט. נאך דעם טויט פון דעם מאן געהערט דיא אלמנה צום עלטערן ברודער. אויב זיא ענטזאגט זיך חתונה צו האבען מיט איהם, מוז זיא זיך אויסקויפען ביי איהם. מיר האבען דאָ א חליצה־געזעץ, א לעוויראט. אלס א רעזולטאט פון דיא בעשרענקונגען פון דיא מאטריארכאלישע פיה־

רונגען, ווען א פרוי האט געלעבט מיט אלע ברידער און אויך מיט זייער פאָטער. ביי איינינע קאווקאזער פעלקער, וויא אויך אין זיד־אינדיען א. ז. וו. איז נאך פערבליבען א מנהג, אז א דערוואקסענע מיידעל האט חתונה מיט א איננעלע, וועלכער ייערט גערעכענט פאר דעם פאָטער פון איהרע קינדער, הגם זיא לעבט געוויינליך מיט איהר שווינערפאָטער. דיזען זאָנדערבארען מנהג איז זעהר שווער גרינדליך צו ערקלערן, נאר ער האט וואהרשיינליך א שייכות מיט דיא שוין אונז בעקאנטע מאטריארכאַלישע פיהרונגען.

נעהמענדיג יעצט אין אנבעטראכט דיזע אלע פאקטען, לאָמיר זוכען צו געפינען דיא אורזאכען, וועלכע האבען זיי ארויסגערופען. עס איז אונמעגליך, אז אזא ווייט־פערברייטעטער מנהג צו צייגען פיינדשאפט צווישען דעם איידים און דיא שווינערמוטער און אין אלגעמיין צווישען דיא פערוואנדטע פון דער כלה און דעם חתן זאל זיין איינפאך א צופאל אָדער עפּעס א ווילדער קאפּריז. דיא פעל־קער פון אפריקא, אמעריקא, אויסטראליען און זאָגאר פון אזיען, ביי וועלכע דיזע קוריעזע פיינדשאפט איז נאך מעהר אָדער וועניגער פערבליבען, האָבען זיך געווים ניט צוזאמעננערעט; און דערצו זיינען דיא פארמען, אין וועלכע דיזע פיינדשאפט דריקט זיך אויס, פער־שיעדען אין דיא איינצעלהייטען, וואס עס צייגט אויף זעלבסטשטענ־דיגע ענטשטעהונג און ענטוויקלונג. עס האט אלזאָ געמוזט זיין איין אלגעמיינע אורזאכע דערפון ביי אלע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופע.

ווענן דיא אָנגענומענע פיינדשאפט צווישען פערהייראטעטע פרויען און דיא פאָטערס און ברידער פון זייערע מענער האָבען מיר שוין א פארטיגע ערקלערונג אין איינינע פון דיא אויבענגעבראכטע פאקטען, אז מען האָט דערמיט געוועלט אויסמיידען דיא פריהערע געמיינשאפטליכקייט פון פרויען צווישען נאָהענטע פערוואנדטע, אבער פאר דיא פיעל מעהר פערשפּרייטע און אויפפאלענדע פיינד־שאפט צווישען איידימס און שווינערמוטערס איז שוין אזא ערקלע־רונג נאר ניט אַם פּלאץ. דאָ האָבען שוין געמוזט ווירקען גאנץ אנדערע אורזאכען. און ווירקליך, מיר ברויכען נאר צו נעהמען אין

אנבעטראכט דיא ווילדע צייטען, ווען מענער האבען ניט נאר אלץ מעהר גערויבט פרויען, נאר זיי אנגעפאנגען צו בעהערשען אין גאנצען און צו בעטראכטען זיי אלס זייער איינענטהום, אום צו פערשטיין, אז דאס האט געמוזט ארויסרופען א קאמפף און א האס פון דער מוטערליכער פאמיליע, צו וועלכע א גערויבטע אדער אנטלאפענע פרוי האט· געהערט. דורך יעדע פערבאפונג פון א פרוי איז אין דער מאטריארכאלישער גרופע אפגעריסען געווארן ניט נאר א בלוטפערוואנדטער מיטגליעד, זאנדערן אויך א'ן ארביי־טערין. און דיזע גרופע האט געמוזט זוכען בעפרידיגונג דאפיר, אנפאנגס דורך עהנליכע פערבאפונגען אדער דורך בלוטיגע ראכע און שפעטער דורך בעלוינונג פאר דעם שאדען ווען מיר וועלען בעשרייבען דיא הייראטס־פארמען ביי ווילדע פעלקער, וועלען מיר זעהען, וויא פיעל קוריעזע מנהגים צייגען אן אויף דיא צייטען, ווען מען האט גערויבט און מיט געוואלט געכאפט ווייבער. דא צייגען מיר נאר אן דערויף, אום צו פערשטיין, אז דורך דעם האט זיך מיט דער צייט געמוזט ענטוויקלען א פיינדשאפט צווישען דעם חתן און דיא נעהענטססטע קרובים פון דער כלה און ספע־ציעל נאטירליך פון איהר מוטער. זאגאר ווען דיא כלה פלעגט פרייוויליג פערבלייבען מיט דעם מאן, וועלכער האט איהר אפגעריסען מיט געוואלט פון איהר מוטערליכע פאמיליע, פלעגט דאך ביי דיזער פאמיליע פערבלייבען א האס צו איהם. דיא פפליכט צו נעהמען ראכע פאר דיא גערויבטע מיידעל איז נאטירליך געפאלען אויף איהרע אנקעלס און ברידער פון דער מוטערס זייט, און זיי האבען זיך געיאגט נאך דעם רויבער און איהם געטויטעט, ווען זיי פלעגען כאפען. אזא מארד האט ווידער ארויסגערופען בלוטיגע ראכע פון דער מוטער'ס זייט פון דעם ערמארדעטען באפער, און אזוי איז גאולת הדם שטענדיג אנגעגאנגען צווישען פערשיעדענע פאמיליעס און גאנצע שטאמען, ביז מען האט זיך אנגעהויבען ארומצוזעהען, אז דאס פיהרט צו שרעקליכע רעזולטאטען, צו געגענזייטיגע אויסראטונגען, און מען האט דארום אלץ ווייטער גענומען זוכען מיטעל, וויא אזוי דיא גאולת הדם אבצושוואכען, צו בעשרענקען און אין גאנצען צו בעזיי־

טינגן. אין איינינע ערטער האָט מען צוליעב דעם איינגעפיהרט עקסאָנאמיע, וויא מיר האָבען עס שוין געזעהען; אין אַנדערע ערטער האָט מען געשלאָסען „ווייבער־פריעדען", וויא מען ווייס עס אויך אויס דער געשיכטע פון סקאַנדינאַוויען (שוועדען און נאָרוועגען), ווא דיא רויבעריי פון מיידלעך איז נאָך זאָגאר אין מיטעלאַלטער געווען דער געברויכליכסטער מיטעל צו קריגען ווייבער. אין אַלגעמיינען האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהויבען איינצופיהרען קרימינאַל־געריכטען און געלט־שטראָפען פיר מאָרדען און רויבערייען, און אויך אויסצאָלונגען פיר ווייבער. דיזע און אַנדערע אַזעלכע נייע איינפיהרונגען זיינען אָבער ערשט ענטשטאַנען נאָך א לאַנגען קאַמפף פון מענער געגען מאַטריאַרכאַלישע אָרגאַניזאַציאָן, — א קאַמפף, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט א פאָלשטענדיגען זיעג פון דיא מענער ערשט אין דעם פיהפיטערנדען צושטאַנד, וויא עס איז שוין אין דיא פריהערע קאַפּיטלעך ערקלערט געווען.

דיא פיינדשאַפט צווישען דיא מוטערליכע פאַמיליע און דעם מאַן, וועלכער פלעגט מיט געוואַלט אָדער דורך א׳ן אָבצאָהלונג צונעהמען א מיידעל פאַר זיך אליין און שטערען דערמיט דיא אַלטע מאַטריאַרכאַלישע פערבינדונגען — דיזע פיינדשאַפט איז נאַטירליך פערבליבען זאָ לאַנג דער קאַמפף האָט געדויערט. דיא פאָרמען פון דיזען קאַמפף און דיא קראַפט פון דיזער פיינדשאַפט האָבען זיך מיט דער צייט אַלס געענדערט, אָבער סמנים דערפון האָבען זיך שטענדיג מעהר אָדער וויינינער ארויסגעוויזען. מאַנכע דיינקען זאָגאר, אז אונזערע איינענע נאָר ניט ליעבליכע פערהעלטניסע צווישען איידימס און שוויגערמוטערס זיינען נאָך א׳ן אָפּקלאַנג פון דיא אויבען־אָנגעצייגטע מנהגים ביי ווילדע פעלקער, מנהגים, וועלכע האָבען אזוי איבערראַשט רייזענדע און נאַכפאָרשערס. עס איז גאַנץ איינפאַך: דאס וואס עס איז אין אָנפאַנג געווען א ראַיעלע זאַך און האָט געהאַט א וויכטיגע געזעלשאַפטליכע בעדייטונג, פיהרענדיג צו קריעג און גאולת הדם, איז מיט דער צייט געוואָרן א געמאַכטע זאַך, א לעכערליכע נאָכקרימונג, א חתונה־צערעמאָניע, וואס איהר זינען איז שוין געוואָרן גאַנץ אונפערשטענד־

ליך אפילו פאר דיא בעטהייליגטע זעלבסט. „אָט אזוי פיהרט זיך עס ביי אונז" — ענטפערן דיא ווילדע, ווען מען פרעגט זיי וועגען דיא אורזאכע פון דיא געמאכטע פיינדשאפט צווישען איידימס און שוויגער־מוטערס. אזעלכע ענדערונגען פון ראיעלע זאכען, פון ווירקליכע פאקטען אין פוסטע און זינלאָזע צערעמאָניעס געפינט מען א סך אין דער קולטור־געשיכטע, און מיר וועלען עס איבערהויפט זעהען אין דיא קאפיטלעך איבער רעליגיאָנען.

דיא מוטערס האָבען נאטירליך אַם שטארקסטען און לעבהאפ־טעסטען פראָטעסטירט געגען אלע נייע איינפיהרונגען, וועלכע האָבען אלץ נעהענטער געפיהרט צום פאטריארכאט, און דארום איז אויך דער שפעטערער שטומער צערעמאָניע־פראָטעסט בעזאָנדערס אויס־געדריקט געוואָרן צווישען דער שוויגערמוטער און דעם איידים. ביי מאנכע פעלקער, וויא צום ביישפיעל, ביי דיא א ר א ו ק א נ ע ר (א'ן אינדיאנער שטאם אין זיד־א מעריקא), איז איינגעפיהרט, אז גראדע נאך דיא צערעמאָניע פון רויבען דיא כלה דארף דיא מוטער פון דער כלה ציינען, אז זיא איז שטארק אין כעס. זיא קעהרט זיך דאן אום מיט'ן רוקען צום איידים און רעט ניט מיט איהם אַהרענלאנג קיין וואָרט. דיא וויכטיגע פערבינדונג פון דעם כלה־רויב מיט דעם צאָרן פון דער מוטער איז דאָ נאך זעהר דייטליך פערבליבען.

דיזע פיינדשאפט-צערעמאָניעס ציינען שוין אָן אויף דיא צייטען ווען דער מאטריארכאט האָט אָנגעהויבען אלץ מעהר אָפצוטרעטען דעם פלאץ צום פאטריארכאט. ווען דער מאן, אלס שטארקערער האט אויך געקענט קריגען אלץ מעהר שפייז אויסערהאלב דיא מו־טערליכע אָרגאניזאציאָן מיט איהר ביסעלע אקערבוי און גערטנעריי, האָט ער אלץ פעסטער גענומען ארויסציינען זיין מאכט אין אלע הינזיכטען. אויב ער האָט גערויבט אָדער געקויפט א פרוי נאר ער האָט שטענדיג געוועלט פערבלייבען איהר אויבערהאר. וויא אזוי פאָטער־רעכט איז איינגעפיהרט און ענטוויקעלט געוואָרן, וועלען מיר זעהען אין א בעזונדערן קאפיטעל; נאר דאָ וועלען מיר אָנצייגען אויף נאָך א זעהר קוריעזען און פון ערשטען בליק גאנץ אונפערשטענד־ליכען מנהג ביי פיעלע ווילדע פעלקער, וועלכער צייגט אויך קלאָר

אָן אויף דיא איבערגאַנגס־צייט פון מוטער־רעכט צו פאָטער־רעכט.

ווען מיר געפינען, אז נאָך דעם געבורט פון א קינד, לייגט מען דעם פאָטער אריין אין בעט און מען בעטראַכט איהם אלס דיא קינדבעטאָרין, מיינען מיר, אז דאָס איז סתם א משוגעת פון ווילדע מענשען. אין אמת׳ן איז עס אָבער נאָר אַ גראָבער אויסדרוק פון דעם ווילדען מאַנ׳ס פאָטער־רעכט. ניט קענענדיג איבערמאַכען דיא נאַטור און אַליין געבאָרען קינדער, האט דער מאַן עס ווייניג־סטענס געוועלט נאָכמאַכען דורך א צערעמאָניע און דערמיט אָפען ארויסווייזען, אז ער און ניט דיא מוטער איז דער הערשער איבער דעם קינד. דער ווילדער מענש האָט דאָ, מוז מען צוגעבען, גע־האַנדעלט לאָגיש אויף זיין אַרט.

און מיינט ניט, אז אַזאַ „פאָטער־קינדבעט" איז נאר עפּעס אַ׳ן איינפיהרונג ביי איינעם אָדער א פּאָר ווילדע פעלקער. ניין, דער מנהג איז זייער וויט פערשפּרייט ביי גאַנץ פערשיעדענע פעל־קער אין אַלע וועלט־טהיילען, וואָס עס צייגט ווידער, אז אונטער דיא זעלבע בעדינגונגען און אויף דער זעלבער קולטור־שטופע זיינען דיא פיהרונגען און געדאַנקען פון מענשען דיא זעלבע. דאָס וואס עס שיינט אונז אזוי לעכערליך און אידיאָטיש, איז אָבער פאַר דיא ווילדע גאַנץ נאַטירליך און לאָגיש.

לאָמיר יעצט זעהען, וואס רייזענדע דערציילען וועגען דיזען מערקווירדיגען מנהג, וועלכער איז אויך בעקאַנט אונטער דעם פראַנצויזישען נאָמען couvade (קוואוואַד), ווייל ער איז נאָך געוויסער־מאַסען פערבליבען אויף דעם אינזעל קאָרסיקא און אין זיד־פראַנקרייך (לעבען שפּאַנישען גרענעץ), וואו מען דריקט עס אויס מיט דיא ווערטער fair la couvade (מאַכען קוואוואַד).

דער רייזענדער דאָבריצהאָפער דערציילט וועגען איינינע פעלקער פון זיד־אַמעריקא „וויא נור איהר ווייב דערהערען, אז א פרוי האָט געבאָרען א קינד, ווערט איהר גלייך דערזעהען איהר מאַן ליגענדיג אין בעט, צוגעדעקט מיט ראַנאַזשקעס און פעל, אז ער זאָל זיך ניט פערקיהלען. ער עסט נור בעשטימטע זאכען, וויא א קראַנקער אויף דיעטע, און ער איז אין גאַנצען אָפּגעזונדערט.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד נעהמט ער ניט אין מויל נעוויסע פליישׂ־נעריכטען. דאָס גייט אזוי ווייט, אז אייך הייבט זיך אָן צו דוכטען, אז דער מאַן האָט טאקע געבאָרען א קינד... איך האָב א מאָל געלעזען וועגען אזא מנהג און האָב געלאַכט דערפון, האַלטענדיג עס פאַר א שפּאַס און דיינקענדיג, אז מען האָט עס נאָר אויסגעטראַכט צו מאַכען חוזק פון ווילדע; אָבער מיר איז אויסגעקומען צו זעהען דאָס מיט מיינע אייגענע אויגען ביי דיא אַביפּאָנען".

ביי דיא קאַראַדאַסען אין בראַזיליען איז איינגעפיהרט וויא אַן אַנדער רייזענדער דערציילט, אז „וויא נור א שוואַנגערע פרוי איז אויף דער צייט, אָדער גלייך נאָך דער געבורט פון א קינד, זונ־דערט זיך דער מאַן אָפּ. איינינע צייט פאַר דיא געבורט ווערט אָנ־געהאַלטען א שטרענגע דיעטע: אי דער מאַן אי דיא פרוי עסען ניט א בעשטימטע צייט דיא פלייש פון געוויסע חיות און שפּייזען זיך בעזאָנדערס מיט פיש און פרוכטען".

איינינע שטאַמען פון גוויאַנא (אין דעם נאָרד־אָסט טהייל פון זיד־אַמעריקא), וויא דיא אַקאַוואָיען אין קאַראַאיבען, האַלטען זיך נאָך אָן דעם אַלטען אינדיאַנער מנהג, אז ווען א קינד ווערט געבאָרען, לייגט זיך דער פאָטער אין א הייננ־בעטעל און בלייבט דאָרט עטליכע טעג, אזוי וויא ער וואָלט ווירקליך געווען קראַנק. מען קומט איהם בעזוכען און בעגריסען, אזוי וויא א קינדבעטאָרין. „איין מאָל, שרייבט דער רייזענדער בעטט, איז מיר זעלבסט אויסגעקו־מען צו זעהען, וויא דיזער קוריעזער מנהג ווערט אויסגעפיהרט: א גאַנץ געזונטער און זעהר שטאַרקער מאַן, אָהן דעם מינדעסטען צייכען פון א קראַנקהייט, איז געלעגען אין זיין בעטעל מיט א זעהר קלעגליכען פנים. עטליכע פרויען האָבען זעהר פאָרזיכטיג אויפגעפאַסט אויף איהם, וויא אויף א קראַנקען, ווערענד דיא מוטער פון דעם ניי־געבאָרענעם האָט עפּעס געקאָכט, און קיינער האָט זיך וועגען איהר גאָר ניט געקימערט".

פערשיעדענע רייזענדע, וועלכע זיינען געקומען אין פערקעהר מיט דיא איינגעבאָרענע פון זיד־אַמעריקא, האָבען אָנגעצייגט אויף דעם זעלבען מנהג.

בײ דיא אײנגעבאָרענע פון קאַליפאָרניען און נײ־מעקסיקאָ זײנען געװען אױך עהנליכע אײנפיהרונגען. בײ דיא שאָשאָנעסען אין נאָרד־אַמעריקא פלעגט דער מאַן זיך מוזען פערשפּאַרען צו הױז, װײט פון אַנדערע און אפילו פון זײן פרױ, װען זיא פלעגט נאָר אָנפאַנגען נײן צו קינד. אונטער דיא עסקימאָסען אין גרענלאַנד טאָר דער מאַן ניט אַרבײטען און ניט האַנדלען עטליכע װאָכען װעהרענד דער צײט, װען זײן פרױ קלײבט זיך געלעגען צו װערן. אין קאַמטשאַטקאַ (סיביר) דאַרף דער מאַן ניט טאָן שװערע אַרבײט א געװיסע צײט פאַר זײן פרױ׳ס קינדבעט.

אין דיא זידליכע טהײלען פון אינדיען איז נאָך בײ דיא העבערע קלאַסען אַרום מאַדראַס, סערינגאַפּאַטאַם און לעבען דעם מאַלאַנאַר־בּרעג פערבליבען, אַז „בײ דער געבורט פון דעם ערשטען זוהן אָדער ערשטע טאָכטער דורך דיא געזעצליכע פרױ און נאָכהער בײ דער געבורט פון יעדען װײטערן זוהן לײגט זיך דער פאָטער אין בעט אױף א גאַנצען לבנה־מאָנאַט און היט שטרענג אָפּ א געװיסע דיעטע, שפּײזענדיג זיך מיט רײז און אָפּהאַלטענדיג זיך פון אױפרעגענדע געריכטען און פון רױכענען“. אױף דיא פידזשי־אינזלען סטאַרען זיך דער פאָטער און דיא מוטער, װען בײ זײ װערט געבאָרען א קינד, ניט צו עסען אַזעלכע זאַכען, װעלכע קענען, נאָך דיא דאָרט אָנגענומענע מײנונגען און אַבערגלױבענס, שעדליך װירקען אױף דעם קינד.

עהנליכע „מענער־קינדבעטען“ טרעפט מען בײ דיא כינעזער און דער פּראָװינץ יוננאַן, בײ דיא דאַיאַקען אױף דעם אינזעל באָרנעאָ, אױף דעם אינזעל מאַדאַגאַסקאַר, בײ דיא קאַפּערן און אױך אַנדערסװאו אין אַפריקא און זאָגאַר נאָך אין אײראָפּאַ, װיא אונגלױבליך דאָס זאָל אונז ניט שײנען.

דער אַלט־גריכישער היסטאָריקער דיאָדאָר פון סיציליען האָט נאָך בעמערקט, אַז „בײ דיא אײנװאָהנער פון אינזעל קאָרסיקאַ עקזיסטירט א משונה׳דיגער מנהג, דאס אין דער צײט, װען דיא פּרױ, װאס האָט נאָר װאָס געהאַט א קינד, שאַנט זיך װײניג, ליגט דער מאַן אין בעט און האַלט זיך, װיא א קראַנקער“. סטראַבאָן

האָט בעשריבען דעם זעלבען מנהג ביי דיא אמאָליגע איינוואָהנער פון שפּאַניען, דיא קעלט־איביריער, נאר מען האָט עס געהאַל־טען פאר א משוגעת אָדער א באָבע־מעשה. אָבער ביז׳ן היינטיגען טאָג איז נאך פערבליבען ביי דיא באַסקען, וועלכע געהערן טאקע צו דיא אוראלטע איינוואָהנער פון שפּאַניען, דער מנהג, אז דער מאַן לייגט זיך אין בעט, נעהמט צו זיך דאָס ניי־געבאָרענעם קינד און עמפּפאַנגט אזוי דיא שכנים, וועלכע קומען איהם בעגריסען. עס איז דארום אויך קיין וואונדער, וואָס אזעלכע מנהגים האָבען ארויסגערופען דיא באָבע־מעשה וועגען ווייטע לענדער, וואו מענער קענען זויגען קינדער אקוראט וויא פרויען.

פיעלע נאַכפאָרשער האָבען געזוכט צו געבען פערשיעדענע ערקלערונג וועגען דיזע העכסט קאָמישע פאר אונז קואוואדען אָדער מענער־קינדבעטען, שטיצענדיג זיך בעזאָנדערס אויף דיא פאקטען, דאס דערביי שפּיעלען אויך א ראָלע געוויסע אבערגלויבענס וועגען דעם שעדליכען איינפלוס פון דעם פאָטער׳ס ארבייט אָדער שפּייז אויף דיא געזונדהייט פון דיא ניי־געבאָרענע קינדער. ביי איינינע פעלקער, וועלכע פּראַקטיצירען נאך דיא מענער־קינדבעטען, גלויבט מען זאָגאר, אז ווען א נייגעבאָרענעם קינד ווערט קראנק, זאָ קומט עס פון דעם, וואס דער פאָטער האָט זיך ניט אויפגעפיהרט וועהרענד זיין קינדבעט אדער קואוואד, וויא עס איז פאָרגעשריבען און „וויא דיא גייסטער ווינשען עס“. דיא מאַקודיסען פון בריטישע גוויאַנא האָבען אויסדריקליך ערקלערט דעם רייזענדען שאָמבורג, אז זיי קענען זיך ניט אָפּזאָגען פון דיזען מנהג, ווייל זאָנסט וועלען זייערע קינדער פערבלייבען קרענקליכע אדער איינפאך אויסשטארבען.

אָבער מיר ווייסען שוין פון איינינע פריהערע ערקלערונגען און מיר וועלען עס נאך אויספיהרליך בעווייזען אין דיא קאַפּיטלעך איבער רעליגיאָנען, אז אלע אזעלכע אבערגלויבענס און צערעמאָניעס פאלען ניט אראָפּ פון הימעל, נאר האָבען א ראַיעלען גרונט אויף דער ערד, און ווען מיר שטעלען זיך דיא פראגע: וויא אזוי קומט עס, אז מען האָט גאָר געקענט אָנהויבען צו גלויבען אין דיא שעדליכקייט פון דעם פאָטער׳ס שפּייז און ארבייט אויף דיא קינ־

דער׳ס געזונדהייט גראָדע ביי די מענער־קינדבעטען? זאָ מוזען מיר שוין אנערקענען די ריכטיגקייט פון די שוין אָנגעצייגטע אורזאַכע, נעמליך: אז דער מאַן האָט דערמיט געוועלט ארויסווייזען און בע־שטעטיגען זיין אויבערהערשאַפט איבער דער פרוי און קינדער. און מאַנכע פון די ווילדע האָבען נאָך ניט פערגעסען דעם ערשטען גרונד פון זייער משונה׳דיגען מנהג. זאָ האָבען די מענדרוקסען אין בראַזיליען גאַנץ לאָגיש פון זייער זייט ערקלערט דעם רייזענדען נאַכפאָרשער מאַרציאוס, אז אָהן דיזען קינדבעט קען דער מאַן ניט גערעכענט ווערן פאַר דעם געזעצליכען פאָטער פון די קינדער. און נור דורך דיזע צערעמאָניע ווערט זיין פאָטער־רעכט אנערקענט.

מיט דער צייט אבער, ווען דער פאַטריאַרכאַט איז שוין פעסט־געשטעלט געוואָרן און דער מנהג פון אַזאַ מין חזקה אויף די קינ־דער איז נאָך אלץ פערבליבען אויס אַלטע געוואָהנהייט, זאָ דאַס דער ריכטיגער זינען דערפון איז אלץ געוואָרן פערדונקעלטער און אונפער־שטענדליכער, האָט מען שוין צוגעמישט אַבערגלויבענס און רעליגיעזע צערעמאָניעס, אום עס זאָל הייסען, אז אזוי איז דער ווילען פון די גייסטער, אז די געטער גיבען איבער די קינדער דעם פאָטער אין האַנד אריין. און אין דיזען פאַל, וויא אין מאַסען אַנדערע פעלע, זיינען טאַקע נור דורך די רעליגיאָן די מענער־קינדבעטען פער־בליבען נאָך ביז אונזער צייט אפילו ביי קולטור־פעלקער.

די איבערגאַנגס צייט פון מוטער־רעכט צו פאָטער־רעכט האָט נאָך איבערגעלאָזען איינגע אַנדערע זעהר זאָנדערבאַרע אָנווייזונגען און צייכענס. זאָ איז עס, צום ביישפּיעל, ביי איינגע פעלקער איינ־געפיהרט, אז דער חתן זאָל אויפנעהמען זיין כלה מיט... קלעפּ, אום דערמיט אָפּענבאַר צו צייגען, אז ער איז איהר „אויבערהאַר"! נאָר אזוי וויא דיזע צייכענס זיינען מייסטענס פערבונדען מיט די זעהר קוריעזע מנהגים און צערעמאָניעס ביי די חתונות פון ווילדע מענשען, זאָ וועלען מיר וועגען דעם אלעם ריידען אין א בעזונדער קאַפּיטעל.

....

פינפטער קאַפּיטעל.

חתונות ביי פערשיעדענע פעלקער.

ליעבע־געפיהל און דיא בעציהונגען פון מאַן און פרוי ביי ווילדע. — דיא ערשטע הייראַטס־פאָרמען. — חתונות מיט געוואַלט. — פערכאַפּונגען פון מיידלעך און דיא סמנים דערפון ביי חתונה־צערעמאָניעס. — דער מנהג צו שלאָגען א כלה נאך דער חתונה. — דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דיא הייראַטס־פאָרמען און צערעמאָניעס. — אויסקויפונג אַנשטאָט פערכאַפּונג. — דיא פערבינדונג פון פאָטער־רעכט מיט דעם פיהפיטערנדען צושטאַנד.

אין דיא פריהערע קאַפּיטלעך איבער פאַמיליען־פערהעלטניסע האָבען מיר געברויכט דעם וואָרט חתונה, ווען אין אמת'ן האָבען מיר נאר בעדאַרפט זאָגען: געשלעכטליכע פערבינדונג. איידער מענשען זיינען דערגאַנגען צו דעם, וואס מען קען אָנרופען חתונה, אלס א פעסטגעשטעלטע און אַנערקענטע פערבינדונג פון מאַן און פרוי, זיינען פאָראיבער ווער ווייסט וויא פיעל יאָהרען. אונטער מאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען, בעזאָנדערס אין דיא ערשטע צייטען, האָט איבערהויפּט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען הייראַטס־פאָרמען, דען דער געשלעכטליכער פערקעהר איז געווען גאַנץ פריי און געמישט. וויא מיר ווייסען שוין, האבען אלע פרויען געהערט צו אלע מענער פון איין

פאמיליע אדער שטאם, און בלוטשאנדע איז געווען א געוויינליכע און נאטירליכע זאך.

מיט דער צייט האבען זיך געקענט ענטוויקלען נעהענטערע און ענגערע פערבינדונגען צווישען געוויסע פּארען, אבער נאר אין איינ־צעלנע פעלע און אונטער ספּעציעלע אומשטענדען, וויא, צום ביי־שפּיעל, דער מאנגעל אן נקבות. יעדענפאלס זיינען אזעלכע ענגערע פערבינדונגען נאך זעהר ווייט געווען אפילו פון דיא גרעבסטע היי־ראטס־פאָרמען. ליעבע איז איבערהויפּט ניט געווען דיא אורזאכע פון א שטענדיגע געשלעכטליכע פערבינדונג און זאָגאר אויך ניט דיא שטרעבונג צו האבען קינדער. וויא אונגלויבליך און אוננאטירליך דאָס זאל אונז ניט אויסווייזען, מוזען מיר עס אבער אנערקענען, ווען מיר בעטראַכטען נעהענטער דיא געשלעכטליכע בעציהונגען ביי וויל־דע פעלקער. „הייראטה און דיא פערבינדונגען צווישען דיא קינדער און דיא עלטערן שיינען אונז אזעלכע נאטירליכע זאכען — שרייבט דער בעריהמטער ענגלישער נאכפארשער דזשאָהן לאָבבאָק אין זיין ווערק „דער אָנפאנג פון ציוויליזאציאָן“, — דאָס מיר זיינען געניינט צו בעטראַכטען זיי אלס עטוואָס, וואס איז איינגעבאָרען און איינגע־וואָרצעלט ביי אלע מענשען. אין דער אמת׳ן אבער זעהען מיר עט־וואָס גאנץ אנדערעס. ביי דיא נידריגע ראסען איז וואהרע ליעבע כמעט אונבעקאנט, און א חתונה אויף איהרע נידריגסטע שטופען איז גאר ניט דער רעזולטאט פון צוגעבונדענקייט אדער געגענזייטיגע נייגונג“.

און דיזער געלעהרטער ברייגגט א גאנצע רייהע פון פאקטען, אום דאס צו בעווייזען. פון דיזע פאקטען ווען מיר דאָ אויסקלייבען עטליכע.

„דיא האָטענטאָטען, מעלדעט דער רייזנעדער קאָלבען, זיינען אזוי קאלט און גלייכגילטיג איינער צום אנדערן, אז מען קען לייכט דיינקען, דאס ביי זיי עקזיסטירט גאר ניט ליעבע, וויא מיר פער־שטייען עס“. „ביי דיא קאפרען־קוסא, מעלדעט א׳ן אנדער זיר־אפ־ריקאנער רייזענדער (ליכטענשטיין), שפּיעלט דער ליעבע־געפיהל קיין שום ראָלע ביי׳ן שליסען חתונות“. דיא אינדיאנער פון דער אָבשטאַ־

טונג טינע אין נאָרד־אַמעריקא ווייסען גאר ניט פון דיא ווערטער „ליעבע“ אדער „געליעבטער“, און אין דער שפּראַך פון דיא אַלאָ־קענגען האבען דיא מיסיאָנערען ניט געפונען א וואָרט, וואס זאל בע־דייטען „ליעבען“, און ווען זיי האבען איבערזעצט דיא ביבעל אין דיזער שפּראַך, האָבען זיי געמוזט אויסטראַכטען א וואָרט דערצו.

מאָרגאַן שרייבט: „אין זיין נאַטירליכען צושטאַנד איז דער אינדיאַנער (פון נאָרד־אַמעריקא) ניט איבערגעבען צו ליידענשאַפטלי־כע ליעבע“. און ער דערציילט אזא פאַל: איין אינדיאַנערקע פון א געוויסען שטאַם איז שוין דריי יאָהר געווען פערהייראַטעט מיט א מאַן פון אַ׳ן אַנדער שטאַם, און פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך ניט געקענט צוזאַמענריידען אויסער מיט צייכענס און האבען זיך גאר ניט געסטאַרעט צו ערלערנען איין שפּראַך.

אין יאַריבּ, צענטראַל־אַפריקא, איז א חתונה עפּעס אזא זאַך, וויא, צום ביישפּיעל, האַקען האָלץ. ליעבע שפּיעלט דערביי קיין שום ראָלע ניט. ביי דיא נעגערן אויף דעם גאָלד־ברעג (וועסט־אַפריקא) איז גאר ניט צו מערקען אירגענד וועלכע צוגעבונדענקייט צווישען א מאַן און א פרוי. ביי איינינגע פעלקער איז א חתונה נאר א פאָרמע צו רעגולירען דיא שקלאַווערייא פון דער פרוי. דער מאַן און דיא פרוי לאַכען קיין מאָל ניט און שפּאַסען ניט צווישען זיך. דער רייזענדער קאַליע דערציילט, דאס ווען ער האט א נעגער געפרעגט, ווארום ער פערברייינגט א מאָל ניט לוסטיג דיא צייט מיט זיינע פרויען, האט דער נעגער געענטפערט, אז ווען ער וואָלט עס געטאָן, וואָלט ער זיך שוין ניט געקענט מיט זיי ספּראַווען, „דען זיי וואָלטען געענטפערט מיט געלעכטער אויף זיינע בעפעהלע“.

„דיא פרויען ביי דעם שטאַם דאַמאַרען, בעריכטעט דער רייזענדער האַלטאָן, פערלאָזען זייערע מענער וויא פיעל מאָל זיי ווילען נאר... אין דער אמת׳ן בייט מען דיא פרויען יעדע וואָך, און איך האב זעלטען געוואוסט, ווער עס איז געווען דער מאַן פון א געוויסע פרוי, ווען איך האב מיך פריהער ניט ערקונדיגט“.

„געוויסע בערג־פעלקער אין אינדיען, מעלדעט קאַפּיטאַן ליואין, קוקען אויף הייראַטה, וויא אויף א מיטעל צו בעפרידיגען דיא מהוי־

רישע תאוה און צו קריגען איינינע בעקוועמליכקייטען, וויא צום ביי־שפיעל האבען שטענדינג א פארטיגען ווארמעס. אירגענד וועלכע צערטליכקייט אדער אכטונג צו פרויען איז זיי גאנץ פרעמד.

עהנליכע פערהעלטניסע האבען פיעלע רייזענדע בעמערקט ביי פערשיעדענע פעלקער אין זיד־אמעריקא, נארד־אזיען און אין אויס־טראליען. ווען מען פרעגט דיא אויסטראליער איינגעבארענע, ווארום זיי נעהמען זיך פרויען, ענטפערן זיי געוויינליך, אז דיא ווייבער שטע־לען זיי צו האלץ, וואסער, שפייז און זארגען וועגען דעם פערמעגען. דיא פרויען ווערן דארט בעטראכטעט נור אלס שקלאווינען און ווערן בעהאנדעלט אויף דיא גרויזאמסטע ארט. מען שלאגט זיי און מען שטעכט זיי פאר דיא מינדעסטע זאך. דער רייזענדער עיר דער־ציילט, אז זעהר וויינינג אויסטראליער פרויען פערבלייבען אהן צייכענס פון פערהיילטע וואונדען אויף זייער גאנצען קערפער. ער האט גע־זעהען נאך גאר א יונגע פרוי, וואס איז אין גאנצען בעדעקט געוועזן מיט שראמען, וועלכע זיינען פערבליעבען נאך דיא ליעבענסווירדיג־קייטען פון איהרע מענער.

אויף דיא האוואיער אינזלען האט נאך אפילו אין אונזער יאהר־הונדערט עקזיסטירט א הייראטס־פארמע, גענאנט „פענאלוא", לויט וועלכע שוועסטער זיינען געוועזן דיא געמיינשאפטליכע פרויען פון פיעלע מענער, אדער ברידער זיינען געוועזן דיא געמיינשאפטליכע מענער פון פיעלע ווייבער. עהנליכע פארמען, וועלכע דארפען גערע־כענט ווערן פאר דיא עלטעסטע, זיינען געוועזן איינגעפיהרט ביי אנ־דערע פעלקער און אויך ביי דיא אלטע בריטען אין ענגלאנד (זעה ראטצעל'ס „געשיכטע דער מענשהייט" אין ענגליש, באנד 1, זייטע 118). דאס איז געוועזן דיא אוראלטע געמיינשאפטליכקייט פון פרויען און מענער, נאר שוין א ביסעל בעשרענקט דורך געוויסע מנהגים, בעזאנ־דערס דורך אויסמיידונג פון בלוטשאנדע צווישען מוטערליכע שוועס־טער און ברידער.

נאר אז ניט ליעבע צו פרויען און צו קינדער, טא וואס האט בעוואגען א מאן צו פערבינדען זיך דורך אלץ פעסטערע און שטרענ־גערע הייראטס־פארמען?

אום צו קענען געבען א ריכטיגע אַנטוואָרט אויף דיזע פראַ־גע, לאָמיר צוערשט בעטראַכטען, וויא אזוי מען מאַכט חתונות ביי ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער.

מיר וועלען דאָ נאר ברייינגען אייניגע פון דיא מאַסען פאַק־טען, וועלכע רייזענדע האבען פערצייכענט און געלעהרטע האבען צו־זאַמענגעקליבען.

אין אויסטראַליען האט יעדער מאַנספערזאָן דאס רעכט אויף יעדע פרויענצימער, וואס געהערט ניט צו זיין שטאַם, נאר דערביי האט ער נאך זיין איינענע פרוי. און זיין אויסשליסליכען רעכט אויף דיזע פרוי קריעגט ער נאר דורך געוואַלט, דורך פער־כאַפּונג. דערמיט קריעגט ער שוין אויף איהר א חזקה, איין איינענטהומס־רעכט.

איין רייזענדער אין אויסטראַליען בעשרייבט אזוי, וויא דיא איינגעבאָרענע ארום סידני פלעגען קריעגען ווייבער: „דיא אונגליקלי־כע שלעפּט מען אוועק אין דער צייט, ווען איהרע פערטהיידינער זיינען אַבוועזענד. צוערשט דערלאַנגט מען איהר קלעפּ מיט א דובינע אדער מיט א הילצענעם שווערד איבער דעם קאָפּ און רוקען, אז עס גיסט זיך פון איהר בלוט, און נאכהער שלעפּט מען איהר פאר דער האַנט אין וואַלד אריין אזוי מדאָב, אז מען קען איהר לייכט אויס־דרייהען דיא האַנד. אַזאַ רציחה רופט ניט ארוים דיא ראַכע פון איהרע פערוואַנדטע, דען זיי צאָהלען אָפּ מיט אַ'ן עהנליכע רציחה ביי דער ערשטער געלעגענהייט".

אויף אייניגע אינזלען צווישען אזיען און אויסטראַליען ווערן דיא מיידלעך געפאַנגען און אוועקגעשלעפּט צובלוטינטע און אין צו־ריסענע קליידער אין וואַלד, און ווען דער חתן שליסט פריעדען מיט דיא פריינד פון זיין געראַובטע כלה, ווערט זיא זיינע א שקלאַווין פאר א געוויסע בעלוינונג צו איהרע פערוואַנדטע. דאס איז דיא גאַנצע חתונה צערעמאָניע, און דאס איז נעמליך: געוואַלט.

ביי פיעלע אפריקאַנער פעלקער קריעגט מען נאר חזקה אויף א פרוי דורך פערבאַפּונג. דאס נעמליכע איז ביי דיא איינגעבאָרענע פון אַמעריקאַ, און אזוי איז עס אויך געוועזען ביי דיא פאָרפאַטערס

פון דיא אויראָפּעאישע פעלקער. אין דער אַלטער געזעצגעבונג פון אינדיען ווערט דיא פערכאַפּונג פון א פרוי אַנערקענט אַלס א בע־שטימטע הייראַטס־פאָרמע.

און מיט דער ענטוויקלונג פון דיא ערשטע מענשליכע גרופּען און אָרגאַניזאַציאָנען, ווען מען האט אַנערקענט, אז עס איז גלייכער און פרידליכער צו קריעגען א חזקה אויף א פרוי דורך אויסקויפען איהר ביי איהרע עלטערן, זיינען נאך דיא פריהערע פערכאַפּונגען פערבליבען אין קראַפט, אבער שוין בלויז אלס א צערעמאָניע.

אין פיעלע ערטער פון אינדיען איז נאך איינגעפיהרט, אז דער חתן, אין דער בעגלייטונג פון זיינע פערוואַנדטע, פרויען און מענער, רייסט זיך אריין אין דעם דאָרף פון דער כלה, זינגענדיג און טאַנ־צענדיג, און עס זעהט אויס, אזוי וויא אַנדערס וויא מיט געוואַלט וואָלט ער ניט קריעגען דיא כלה, וועלכע נעהמט איהם אין אמת'ן אויף זעהר פריינדליך אזוי גוט וויא איהרע עלטערן. ביי דעם שטאַם גאראָסען איז א מנהג, אז ווען א יונגער מאַן און מיידעל גייען חתונה האבען, נעהמען זיי מיט זיך פּראָוויאַנט, אום צו פערבלייבען עטליכע טעג אין דיא בערג. זיא שפּרייזט אָפּ דיא ערשטע, און נאָכהער דער חתן, וויסענדיג גאַנץ גוט, וואו איהר צו געפינען. ווען זיי קערען זיך אום און זייער חתונה ווערט עפענטליך אַנערקענט, מאַכט מען כלומרשט א געשלעג, אום צו פאַנגען... דעם חתן. ביי דיזען שטאַם, וויא דאס איז אויך דער פאַל ביי עטליכע אנדערע פעלקער, איז גראַ־דע איינגעפיהרט, אז דיא כלה דאַרף זיך אָנבעטען און דער חתן דאַרף זיך וועהרען.

דיא געברויכליכסטע חתונה־צערעמאָניע ביי האַלב־ווילדע פעלקער איז אבער, אז דיא כלה זאָל זיך וועהרען. ביי איינינגע שטאַמען אויף דעם מאַלאַיער האַלב־אינזעל קומט פאָר אזא חתונה־צערעמאָניע: „ווען אַלע מחותנים קלייבען זיך צוזאַמען, פיהרט איינער פון דיא זקנים אריין דיא כלה אין א קרייז, וועלכער איז מעהר אדער ווייניגער גרויס לויט דיא קראַפט פון דיא פּאָרעלע. דיא מיידעל לויפט דאַן דיא ערשטע ארום דעם קרייז, און דער חתן נאָך איהר. און וויא נאר ער כאַפּט איהר, איז זיא שוין זיין געזעצליכע ווייב; ווען דאס

געלינגט איהם ניט, פערלירט ער אירגענד וועלכע רעכט אויף איהר. מאנכעס מאָל לויפען זיי אוועק אין וואַלד, און ניט זעלטען טרעפט עס, אז עס זיעגט נאר דער יונגער מאַן, וועלכער איז געפעהלען דער כלה.

ביי דיא קאַלמיקען קומט אויך פאָר א צערעמאָניע־קאַמפף פון דער כלה געגען איהר פערכאַפער—דעם חתן. ווען דער חתן קומט מיט זיינע פריינד צו דער הויז פון דער כלה, ווערט זיא זיך; נאר מען זעצט איהר אָרויף מיט געוואַלט אויף א פערד, און דער חתן פיהרט איהר אוועק אונטער גרויסע געשרייען. עס טרעפט אויך, אז דער חתן האט נאכצויאָגען זיין רייטענדע כלה, און וויא רייזענדע בעהויפּ־טען, האט מען נאך ניט געהערט, דאס א קאַלמיקער מיידעל זאָל גע־פאַנגען ווערן פון א יונגען מאַן, וועלכער געפעהלט איהר ניט. ווען ער פאַנגט איהר, ווערט זיא זיין ווייב און דיא חתונה ווערט אָפּגעשפּיעלט אויפ׳ן אָרט.

ביי דיא קאַמטשאַדאַלען און טונגוסען (אין סיביר) ווערט א חתונה נאר געזעצליך, ווען דער חתן כאַפּט דיא כלה און צורייסט אויף איהר דיא קלייד. ביי דיא סאַמאָיעדען (אין סאַמע נאָרד רוס־לאַנד) איז אויך געוועזען איינגעפיהרט צו פאַנגען דיא כלה; נאר יעצט איז דערפון פערבליבען א צייכען אין דעם זאָנדערבארען מנהג, אז דער חתן דערלאַנגט א קלאַפּ דעם פאָטער און דער מוטער פון דער כלה מיט א קליין שטעקעלע. ביי דיא מאָנגאָלען לויפט דיא כלה אוועק צו איינעם פון איהרע קרבים און בעהאַלט זיך דאָרטען. ווען דער חתן קומט פאָרדערן זיין כלה, ענטפערט איהם דער שווער: „מיין טאָכטער געהערט צו דיר—גיי נעהם איהר, וואו דו ועסט איהר געפינען". האָבענדיג דיזע ערלויבניס לויפט ער ארום זוכען זיין כלה אין דער בעגלייטונג פון זיינע פריינד, און ווען ער געפינט איהר, שלעפּט ער איהר מיט געוואַלט אוועק אין זיין הויז, און זיא ווערט זיין איינגענטהום. א׳ן ענהליכער מנהג עקזיסטירט אין קאָרעא.

דער מנהג צו פאַנגען ווייבער איז געוועזען אַלגעמיין ביי דיא אינ־דיאַנער פון נאָרד און זיד־אַמעריקא. נור דורך פערכאַפּונג האט מען געקראָגען א חזקה אויף א פרוי. דאס איז אזוי וויט געגאַנגען

דאס ביי מאנכע אינדיאנער שטאמען האבען אויף שמארקערע גע־
מענט רויבען פרויען ביי שוואכערע.

אויף פיעלע אינזלען פון גרויסען אָקעאן, דארונטער אויף ניי־
זעעלאנד, ווערט א חתונה נאר אנערקענט דורך פערכאפּונג, און
חתן און כלה שלאָגען זיך אָפּט גאר ניט אויף צו פלייסען. דער
מנהג אין ניי־זעעלאנד פאָרדערט, אז דיא כלה זאָל זיך וואס לענגער
וועהרען, אפילו ביז בלוט, הגם אין הארצען מעג זיא גאָר ניט האבען
נעגען דעם חתן. און דיא מוטער פון דער כלה דארף אויף ארויס־
ווייזען, וויינינגסטענס מיט ווערטער, אז זיא איז גענען דעם חתן.

ביי דעם שטאם אעטאסען אויף דיא פיליפינער אינזלען ווערט
דיא כלה אוועקגעשיקט פון איהרע עלטערן אין דעם טאָג פון דער
חתונה, פאר דעם זונענאויפגאנג, אין וואלד אריין. א שטונדע שפּע־
טער הייבט דער חתן אָן זיך צו יאָגען נאך איהר, און אויב ער
פאנגט איהר ביז דיא זון נייט אויף, ווערט זיא זיין ווייב; אויב ניט,
מוז ער זיך אָפּזאָגען פון איהר. ביי דיא איינגעבאָרענע פון ניי־גיוינא
עקזיסטירט א'ן עהנליכער חתונה־מנהג.

ביי דיא קאפרען און ביי אנדערע פעלקער אין אפריקא איז א
חתונה א'ן איינפאכער מסחר, נאר ווען אלע פערהאנדלונגען זיינען
צו ענדע, מוז דער חתן דאָך דורכמאכען א צערעמאָניע פון א גע־
שלעג צווישען זיינע און דיא כלה'ס קרבים, אום צו פאנגען דיא כלה.

דיא אראבען, וואָס וואנדערן אין דער געגענד פון בארג סיני'
שליסען אפריהער דיא בעדינגונגען פון דער חתונה; אבער נאכהער
דארף דער חתן מיט איינינע פריינד אונטערהיטען דיא כלה און איהר
מיט געוואלט אוועקשלעפּען אין דעם געצעלט פון זיין פאָטער. ווען
דיא כלה דערוויסט זיך בעצייטענס פון דעם חתן'ס איבערפאל, הייבט
זיא אָן צו פערטהיידינגען זיך מיט שטיינער און זיא פערוואונדעט
אָפּט דיא יונגע לייט, ווען אפילו דער חתן געפעהלט איהר.

חתונות ביי טשערקעסען ווערן געשלאָסען דורך א סעודה, ווען
דער חתן דארף זיך אריינרייסען מיט עטליכע קרעפטיגע און
מוטהיגע יונגע לייט אין אוועקשלעפּען מיט געוואלט דיא כלה. נור
אויף אזא שטייגער ווערט זיא זיין געזעצליכע פרוי. דערביי קומט

אויף פאָר דיא צערעמאָניע, דאס דער חתן כאַפּט ארויס זיין קינ־זשאַל און צושניידט דעם קאָרסעט פון דער כלה.

אין אייראָפּא איז אויך געווען אַלגעמיין פערברייטעט דיא חתונה־צערעמאָניע דורך געוואַלט און פערכאַפּונג און אין מאַנכע אָבגעשטאַנענע ערטער איז זיא נאָך פערבליבען. דיא ספּאַרטאַנער פּלעגען מיט געוואַלט אַוועקשלעפּען זייערע כלה׳ס, נאָר דאס איז שוין אין דער היסטאָרישער צייט פון אַלטען גריכענלאַנד געווען בלויז א צערעמאָניע. דיא געשיכטע פון דיא ערשטע רוימער, וועלכע האבען געראַובט פרויען ביי דיא סאַבינער, איז אַלגעמיין בעקאַנט און צייגט, אז צו יענער צייט האט מען געמוזט געוויינליך פאַנגען ווייבער. אבער נאָך א לאַנגע צייט שפּעטער איז אין רוים פערבליבען א מנהג, אז איבער דער כלה׳ס קאָפּ זאָל מען פיהרען מיט א שפּיעז אלס א צייכען „פון דער מאַכט, וואס דער מאַן קריעגט איבער דער פרוי“. א מאַנספּערזאָן האט דארום געקענט זיך ערווערבען א פרוי ניט זייענדיג ביי דער צערעמאָניע און פאַנגען א פרוי פאַר זיינעם א פריינד. מען האט אויסגעפונען, אז אין מאַנכע ערטער פון פראַנק־רייך האט נאָך ביז דעם 17־טען יאָהר־הונדערט עקזיסטירט א מנהג, אז דיא כלה זאָל אַרויסווייזען, אז זיא וויל ניט אַריינגיין אין דער הויז פון חתן.

אין רוסלאַנד, פּוילען, ליטע און איינינע טהיילען פון פּרייסען איז געווען איינגעפיהרט, אז יונגע לייט זאלען אַוועקשלעפּען מיט גע־וואַלט זייערע געליעבטע און נאכהער בעטען א׳ן ערלויבנים ביי דיא עלטערן פון דער כלה. ביי דיא סלאַווען אין זיד־אייראָפּא איז נאָך איינגעפיהרט ביז היינט צו טאָג, אז דער חתן מיט זיינע פריינד זאָלען וועהרענד דער חתונה זיך אויסשטעלען בעוואַפּענטערהייט אין א׳ן עסקאַדראָן אונטער דעם בעפעהל פון א קאַפּיטאַן, אזוי וויא זיי וואָלטען אַרויסגעטראָטען אין א שלאַכט. ביי זיי עקזיסטירט נאָך אויך א מנהג, אז דיא שווינער בעשיט דיא כלה מיט הירזע און דער חתן דערלאַנגט דער כלה קלעפּ, אום צו איבערצייגען איהר, אז ער איז דער אויבערהאַר. דער מנהג צו שלאָגען דיא כלה איז נאָך ביז יעצט פערבליבען ביי איינינע פעלקער, און ביי דיא פעלאַכען אין

אביסיניען ווערט דיא יונגע פרוי געשלאָגען פון דער שווינער און נאכהער פון דעם מאַן, ווען זיא טרעט אריין אין דעם מאַן׳ס הויז.

אַלזאָ, ביי אַלע פעלקער איז אויף א געוויסע שטופע פון קול־טור איינגעפיהרט געוואָרען הייראַטה דורך געוואלט, דורך רויב און פערכאַפּונג, און נאכהער, וויא דיא קולטור איז אלץ געשטיגען און דיא מענשען זיינען אלץ ווייכער און עדעלער געוואָרען, איז דערפון פערבלי־בען א צערעמאָניע. דער רעזולטאַט איז אבער אין אַלע פעלע געווען, אז דער מאַן איז דאדורך געוואָרען דער בעפעהלגעבער, דער אויבערהאַר, און דיא פרוי איז אומגעוואנדעלט געוואָרן איינפאַך אין א שקלאַווין. דורך רויב און פערכאַפּונג האט דער מאַן נעקראָגען א חזקה אויף דער פרוי אלס זיין איינענטהום אקוראט וויא אויף אנדערע זאַ־כען וואס מען פלעגט פאַנגען אין צייטען פון מלחמה. דער שטאַר־קער קולאַק פון דעם מאַן איז דאָ אַנערקענט געוואָרן אלס רעכט.

אָבער אום אַזאַ פאָרמע פון הייראַטה זאָל קענען איבעראַל אזוי איינגעוואָרצעלט ווערן, אז פערשיעדנע סמנים דערפון זאָלען פערבלייבען זאָגאַר ביי ציוויליזירטע פעלקער; אום אזא רויב־רעכט אויף פרויען זאל קריעגען אזא אלגעמיינע אַנערקענונג און ניט ארויס־רופען נאולת הדם, האט געמוזט פאָרקומען א געוואַלדיגע ענדערונג אין דעם לעבען פון דיא פערצייטינע מענשען. אונטער מאַטריאַר־כאַלישע פיהרונגען האבען נאר געקענט פאָרקומען איינצעלנע פעלע פון פרויען־רויב. אין אלגעמיינען האָבען דיא מענער געמוזט אָנקו־מען צו דיא פרויען, וויא מיר האָבען עס אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך געזעהען. פון א פערכאַפּונגס־רעכט האט קיין רעדע ניט געקענט זיין, און דיא פערכאַפּערס פלעגען געטויטעט ווערן פון דער פרוי׳ס פערוואַנדטע. דיזעס רעכט האט נאָר געקענט ביסלעכווייז ענטשטעהען, ווען דיא מענער האָבען אָנגעפאַנגען צו ווערן דיא בעלי־הבתים און ארויסצוצייגען, אז זיי זיינען דיא הערשער, דאס הייסט: ווען דער מאַטריאַרכאַט האט גענומען אלץ מעהר אָפּטרעטען פלאַץ דעם פאַטריאַרכאַט.

מיר קומען דאָ אַלזאָ צום ענטפער אויף דער אויבענגעשטעל־

טער פראגע: וואָס האָט בעוואָגען דיא מענער צו פערבינדען זיך דורך פעסטע און שטרענגע הייראטס־פאָרמען?

עס איז קלאָר פון דיא געבראכטע ביישפּיעלע, אז דעם מאַנס־פּערזאָן'ס צוועק איז געוועזן פריהער פאר אלץ צו פערשקלאַווען דיא פרוי, צו קענען מיט איהר טאָן, וואס ער האט געוועלט. זיא איז ביסלעכווייז געוואָרן זיין אייגענטהום דורך זיין קראפט, ווען ער האט שוין געקענט ערווערבען גענוג שפּייז פיר זיך און זיין אונאבּ־הייניגע פון דיא מאַטריארכאלישע ווירטהשאפט. וויא מיר ווייסען שוין, האבען דיא מענער געקראָגען אזא עקאָנאָמישע מאכט דורך דיא ענטוויקלונג פון פיהפּיטערונג, און אין דיזען צושטאנד האט זיך עס טאַהע בעזאָנדערס ענטוויקעלט דער פּאטריארכאט. דאן האט זיך אויך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען דער בעגריף פון פּריוואט־אייגענ־טהום, און דיא פרוי איז געוואָרן אריינגערעכענט אלס א'ן ארבייטער־קראפט אין דער ווירטהשאפט פון דעם מאַן. אזוי גוט וויא דער ־יהפּיטערער האט געקראָגען חזקה אויף דיא בהמות, וואס ער פלעגט פאנגען, אזוי האט ער אויך געקראָגען חזקה אויף דיא פרויען; און פערכאפּונג איז געבליבען אזוי לאנג דיא ערשטע פאָרמע פון הייראטה, ביז מענשען האבען זיך אָנגעפאנגען ארומצוזעהען, אז עס איז בעסער און הויפּטזעכליך זיכערער צו קויפען פרויען ביי זייערע עלטערן. אונטער פּאטריארכאלישע פיהרונגען איז דער פאָטער גע־וואָרן דער אונבעשרענקטער הערשער איבער זיינע פרויען און קינ־דער. ער האט זיי געקענט פערקויפען און זאָגאר טויטען, ווען ער האט עס געוועלט. זיי זיינען געוועזן זיין אייגענטהום, און דארום האט ער נאטירליך גענומען ארויסטרעטען און קעמפּפען געגען דיא יונגע לייט. וואס פלעגען פאנגען זיינע טעכטער, דאס הייסט: רויבען זיין אייגענ־טהום. איין אייגענטהומס־רעכט האט זיך דאָ גענומען צוזאמענשטוי־סען מיט א'ן אנדער אייגענטהומס־רעכט, אוןביידע צדדים האבען שליסליך געמוזט קומען צו א פּשרה, וועלכע איז בעשטאנען אין דעם, וואס דער חתן האט געמוזט אויף א געוויסע ארט בעלוינען דעם פאָטער פאר דעם שאָדען, וואס ער האט געליטען דורך דעם פער־לוסט פון א'ן ארבייטערין אין זיין פאמיליע. דער חתן פלעגט אָפּ־

אַרבייטען א געוויסע צייט אום צו קריגען א פרוי, וויא יעקב ביי לבן'ען, אָדער פלעגט איינפאך בעצאָהלען, וויא מען פלעגט אָפּמאַכען.

דיא לאַגע פון דער פרוי פלעגט זיך נאר ביי אזא אָפּמאַך ענדערן דערמיט, וואס אנשטאָט צו זיין א'ן אונטערוואָרפענע ביי איהר פאָטער, פלעגט זיא ווערן דיא בעהערשטע פון איהר מאַן. א שקלאווין איז זיא שטענדיג פערבליבען. אין דער זעלבער צייט, וואס דער פיהפּיטערנדער צושטאַנד האט ארויסגערופען דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־איינענטהום, שקלאַווערייי און דעספּאָטישע מלוכות, האָט ער אויך אלץ מעהר געמאַכט דיא פאַמיליען־ארגאַניזאַציאָן פאר א שקלאַ־ווישע. מען רעכענט, לויט שפּראַכ־נאָכפאָרשונגען, אז דער וואָרט פאַמיליע שטאַמט פון דעם וואָרט פאַמול, וואס בעדייטעט: שקלאַוו.

און ווען דער יענער פלעגט בייטען זיינע פרויען, ווייל ער האט געמוזט פיעל און לאַנג ארומוואַנדערן, אום זיך צו ערנעהרען, אדער ווייל דיא פרויען האבען געמוזט יאָהרענלאַנג לאָזען זויגען זייערע קינ־דער, וויא עס איז שוין ערקלערט געוואָרן אין פאָרינע קאַפּיטלעך,— האט שוין דער פיהפּיטערער גענומען זיך ערווערבען, דורך פערכאַפּונג אדער קויפען (דיזעביידע הייראַטס־פאָרמען האבען אָפּט עקזיסטירט צוגלייך, זייט ביי זייט), א סך פרויען פיר זיך זעלבסט, אום צו צייי־גען זיין רייכטהום און מאַכט. פּאָליגאַמיע (פּיעל־ווייבעריי) איז אַל־געמיין איינגעפיהרט און אַנערקענט געוואָרן ביי פיהפּיטערנדע פעל־קער און פּאָליאַנדריע (פּיעל־מענערייי), וויא זיא האט עקזיסטירט אונטער מאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען, איז אין גאַנצען אָבגעשאַפּט געוואָרן. דער פּאַטריאַרך פלעגט מכבד זיין געסט מיט זיינע טעכ־טער און פרויען, ווען ער האט עס געוועלט; אבער דיא פרויען אליין האבען שוין קיין רעכט ניט געהאַט צו ליעבען נאָך זייער ווילען.

וואס מעהר דיא בעגריפע פון איינענטהומס־רעכט האבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט, אלץ מעהר האט דער מאַן בעהערשט דיא פרוי און אלץ פעסטער איהר צוגעבונדען צו זיך דורך הייראַטס־פאָרמען, וועלכע האבען נאר בעוויזען זיין חזקה אויף איהר.

עס איז אַלזאָ קלאָר, אז דער איבערגאַנג פון מאַטריאַרכאַט אין פּאַטריאַרכאַט, וועלכער איז ענג פערבונדען מיט דעם איבער־גאַנג פון יעגערישען אין פיהפיטערנדען צושטאַנד, ווייזט זיך ארויס אין דיא פערשיעדענע הייראַטס־פאָרמען, וועלכע דיא קולטור־געשיכ־טע האט פערצייכענט. מיר זעהען דאָ ווידער, וויא איין זאַך איז פערבונדען מיט דער אַנדערער און וויא דיא פערשיעדענע דראָטען און רינגען פון דער קולטור־געשיכטליכער קייט ווערן צוזאַמענגעשמידט. פון ערשטען בליק וועט אונז גאר ניט איינפאַלען צו דיינקען, אז דער פאַקט, דאס מענשען האבען אָנגעפאַנגען אליין מעהר צו פאַנ־גען און צו האָדעווען בהמות, האט געפיהרט צו אזעלכע טיעפע ענ־דערונגען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וויא עס איז שוין אין קורצען אנגעצייגט געווען, און דארונטער אויך צו דיא איינפיהרונג פון חתונות און פּאַטריאַרכאַלישע מנהגים; אבער ביי נעהענטערע בעטראַכטונגען און נאַכפאָרשונגען וואַרפט זיך דאס אַלעס איינפאַך אין דיא אויגען.

לאָמיר יעצט נאַכפארשען דעם פּאַטריאַרכעט זעלבסט אין אַלע זיינע פאָרמען און דיא רעזולטאַטען, צו וועלכע ער האט גע־פיהרט.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דיא ענטוויקלונג פון פאַטריאַרכאַט.

אורזאַכען פון דעם אונטערגאַנג פון מוטער־רעכט. — פאַטער־רעכט אין פערבינדונג מיט פריוואַט־אייגענטהום. — פאַטערליכע ליעבע צו קינדער. — דיא פאָדערונג פון טרייהייט און געהאָרכזאַמקייט בײַ פרויען. — דיא ערשטע רעליגיעזע צערעמאָניעס בײַ חתונות און זייער ריכטיגע בעדייטונג. — קוריעזע סמנים פון דיזע צערעמאָניעס אין אונזער צייט. — דיא הילפע פון גייסטליכע אין דער פערשקלאַוואונג פון פרויען. — אָפּשרעקונגס־געטער צו פערזיכערן דיא טרייהייט פון פרויען. — געהיימע מענער־פעראיינען צו האַלטען פרויען אין צוים. — גרויזאַמע בעשטראָפונגען פיר אונטרייהייט.

אום גרינדליך צו פערשטיין, וויא אזוי דער פאַטריאַרכאַט איז אויפגעקומען און זיך געקענט ענטוויקלען — זעלבסטפערשטענדליך האָט דיזע ענטוויקלונג געדויערט ווער ווייסט וויא פיעל יאָהרען — מוז מען נאָכזוכען דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דיא אַלטע מוטערליכע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן. דיזע אורזאַכען זיינען געווען גאַנץ פערשיעדענע, וויא בײַ יעדע געזעלשאַפטליכע אומענדערונג.

מיר האבען שוין געזעהען, אז אין געוויסע מנהגים פון פיעלע ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער, וויא אויך אין דיא לעגענדען וועגען דיא אמאזאָנען און אין אַנדערע אָנווייזונגען, האט זיך אויסגע־דריקט דער קאמפף צווישען מוטער־רעכט און פאָטער־רעכט; נאר וויא אזוי דיזער קאמפף איז ענטשטאנען, דאס האבען מיר נאך ניט בעטראכטעט. מיר וועלען עס יעצט טאָן.

דיא מאטריארכאלישע אָרגאניזאציאָן איז שטענדיג געווען א שוואכע און לייזע. דער מאן פלעגט אלץ ארומוואנדערן און פלעגט נאר קומען אין דעם לאנער פון דיא פרויען, ווען ער פלעגט זיי ברויכען. ווען א פרוי פלעגט נאר שוואנגער ווערן, פלעגט דער מאן איהר פערלאָזען און פערגעסען אָן איהר און אָן דעם קינד. אום בעסער צו פיהרען דעם געיענ, פלעגען דיא מענער זיך פערבינדען אין גרופען און פלעגען זאָגאר עסען בעזונדער און האבען זייערע אויפ־האלטונגס־פלעצער, זייערע אָרגאניזאציאָנען. דיזער צושטאנד האט זיך אבער נאר געקענט אָנהאלטען זאָ לאנג דיא מענער פלעגען מוזען אָנקומען צו דיא הילפע פון דיא פרויען, ווען זייער געיעג פלעגט זיי ניט צושטעלען גענוג שפייז, און זאָ לאנג דיא פרויען האבען געקענט ערנעהרען זיך און זייערע קינדער דורך אַקערבוי.

דיא איינפאכע פערמעהרונג פון דער אורשפרונגליכער פאמי־ליע אין א שטאם האט אבער פון זיך זעלבסט אויך געמוזט ווירקען צו מאכען אלץ שוואכער דיא ערשטע פערבינדונגען דורך דער מו־טער, דורך בלוטפערוואנדשאפט. אין א פאָריגען קאפיטעל האבען מיר שוין אָנגעצייגט, וויא פיעל פלאץ יעגערס מוזען פערנעהמען, אום צו קענען זיך ערנעהרען. ווען דער יעגער־צושטאנד וואָלט אפילו ניט ארויסגערופען א שטענדיגע לוסט צו וואנדערונגען, וואָלטען דיא יעגערס דאך געמוזט זיך אלץ מעהר אָבטהיילען פון זייער שטאם דורך דעם, וואס דער פלאץ פלעגט פאר זיי אלעמען ענג ווערן, וואס מען האט געמוזט זוכען נייע וועלדער און פעלדער. און ביי יעדע פון אזעלכע אָבטהיילונגען האט דיא מוטערליכע אָרגאניזאציאָן געמוזט אָפּגעשוואכט ווערן. רייזענדע האבען פערצייכענט איינינע ביישפיעלע, וויא ביי איבערוואנדערונגען פון יעגערס אויף א נייעם אָרט האט

מען אויך איינגעפיהרט פאָטער־רעכט אויף דעם פּלאַץ פון מוטער־רעכט. דיא מענער און פרויען פלעגען דערביי אָבגעריסען ווערן פון זייערע פערוואנדטע, און דיא מענער פלעגען שוין נאַטירליכערווייזע קריגען דיא אויבערהאַנד, שטיצענדיג זיך איינפאַך אויף זייער פויסט־קראַפט.

דיא נאַטירליכע פערמעהרונג פון פאַמיליעס אין שטאַממען האָט אויך אלץ מעהר געמוזט ארויסרופען שטרייטען און געשלעג צוליעב בעסערע יאַגד־פּלעצער, וויא אויך צוליעב דעם בעזיץ פון זאַכען, וועלכע האבען געדיענט אלס געצייג און פּוץ. דיזע זאַכען האט מען אָנגעפאַנגען צו גנב'ענען און צו רויבען, און דאס האט זעלבסטפערשטענדליך געפיהרט צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסען. מיט דער צייט האבען זיך אָנגעפאַנגען אלץ גרעסערע און שרעקליכערע מלחמות, און דאדורך איז דיא מאַכט פון דיא מענער נאַטירליכערווייזע אלץ געשטיגען. מיר האבען שוין אָנגעציינט, אז דיזע מלחמות האבען געפיהרט צו אויסשלאַכטונגען פון מיידלעך ביי זייער געבורט און האָבען געצוואונגען דיא מוטערליכע פאַמיליעס אום יעדען פרייז, אפילו דורך בלוט־שאַנדע, צוצובינדען צו זיך דיא מענער. יעדענפאַלס האָבען שוין אונטער מאַטריארכאַלישע פיהרונגען אלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו הערשען דיא אָנקעלס, דיא ברידער פון דער מוטער. ווען מען זאָל דאָ נעהמען אין אַנבעטראַכט בלויז דיא אויסערע ערשיינונגען, איז דיא ענדערונג פון מאַטריארכאַט אין פּאַטריארכאַט בעשטאַנען אין דעם, וואס דעם פּלאַץ פון דיא אָנקעלס האבען פערנומען דיא מענער פון דיא פרויען און דיא פאָטערס פון דיא קינדער.

פון דעסטוועגען, ווען דיא פרויען וואָלטען שטענדיג אָנגעהאַלטען זייער ערשטע עקאָנאָמישע אונאבהייגיגקייט פון דיא מענער, וואָלטען זיי דאָך אָנגעהאַלטען זייער רעכט, טראָץ אלע שטערונגען דורך דיא פערמעהרונג פון דיא בעפעלקערונג און דורך דיא שטאַרקערע קראַפט פון דיא מענער. צו זייער רעכט איז ערשט געקומען א סוף, ווען דיא מענער האבען זיך אלץ מעהר גענומען צו פיהפיטערונג און זיינען דורך דעם געוואָרן דיא עקאָנאָמישע הערשער. דעם מאַן'ס שטאַרקער קולאַק איז דאָ אויך געוואָרן דער ברויטגע־

בער. ער האט שוין געקענט ניט נאר פאנגען פרויען, זאָנדערן זיי אויך ערנעהרען און דאדורך שטענדיג בעהערשען. ער האט שוין ניט געקענט דולדען, אז פרויען זאָלען איבער איהם קאָמאנדעווען, אז ער זאל ניט קענען טאָן מיט זיינע קינדער, וואס ער וויל, און ער האט אלץ מעהר גערינסען דיא קייטען, מיט וועלכע מענער זיינען געווען געשמידט אין מאטריארכאלישע אָרגאניזאציאָנען.

דיא אויפפאסונג אויף סטאדעס, וועלכע דער פיהפיטרער האט נאטירליך געזוכט אלץ מעהר צו פערגרעסערן, ניט אָפשטלענ־דיג זיך פאר רויב און מאָרד, האט איהם געמאכט ניט נאר פלינק און מוטהיג, וויא דיא יעגערס זיינען געווען, נאר אויך שפּאָרעוו־דיג און ווירטהשאפטליך, וואס דער יעגער איז קיין מאָל ניט געווען און האט ניט געקענט זיין. זיינע בהמות, דורך וועלכע מיטעל ער האט זיי ניט ערוואָרבען, האט דער פיהפיטערער שוין בעטראכטעט אלס זיין פריוואט־איינענטהום, און דעם זעלבען בעגריף האט ער איבערגעטראָגען אויף זיינע פרויען און קינדער. און וואס גרעסער זיינע סטאדעס און דאדורך אויך זיין אונאבהייננגיקייט און מאכט זיינען געוואָרען, אלץ שטארקער איז געוואָרען זיין אפּעטיט צו פער־גאפּונגען און בעהערשונגען, אלץ מעהר האט זיך ענטוויקעלט זיין אייגענטהומס־געפיהל. ער האט דארום אָנגעהויבען צו פאנגען אדער צו קויפען ניט נאר פרויען, וועלכע ער האט אומגעוואנדעלט אין זיינע שקלאווינען, זאָנדערן אויך מענער, אום זיי זאלען ארבייטען פאר איהם און ווערן זיינע שקלאווען.

פאָטער־רעכט איז אלזא געווען א רעזולטאט פון אייגענטהומס־רעכט און האט אלץ ווייטער געווירקט אויף דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום. אָט אזוי זעהען מיר עס, וויא דיא עקאָנאָמי־שע אומשטענדען ענדערן א גאנצע סאָציאלע אָרגאניזאציאָן, וועלכע האט געדויערט ווער ווייסט וויא פיעל טויזענדער יאָהרען. דיזע געז־זעלשאפטליכע אומענדערונג איז געווען איינע פון דיא וויכטיגסטע אין דער קולטור־געשיכטע, און איהרע רעזולטאטען זיינען עבענזאָ גרויס וויא פערשיעדען.

הגם דיזע ענדערונג איז ענג פערבונדען מיט דיא ענטוויקלונג

פון שקלאַווערייַ און פון גרויסע מלחמות, איז זיא דאָך נעווען א׳ן אונ־נעהייערער שריט פאָרווערטס אין אלע הינזיכטען. אין בעצוג אויף דיא אָפּשאַפונג פון מאַטריאַרכאַט מוז מען צוגעבען, דאס הגם דיא פרוי איז נעוואָרן א שקלאַווין, איז זיא דאָך פערזיכערט נעוואָרן מיט איהר עקזיסטענץ. אמת, זיא איז נעווען דאס אייגענטהום פון איהר מאַן, אבער זיא איז דערפאַר בעשיצט נעווען פון איהם געגען אנדערע מע־נער. אין איהר קרייז איז זיא אויך נעווען א ווירטהין און איז געבלי־בען מיט איהרע קינדער. דאס וואס זיא האט פערלאָרען אין פרייהייט האט זיא נעוואונען אין רוהע.

נאר אם וויכטיגסטען איז נעווען דיא ווירקונג פון פּאַטריאַרכאַט אויף דיא מענער זעלבסט, דען מען קען זאָגען, אז נאר מיט דיא ענט־שטעהונג פון פּאָטער־רעכט האט דער מאַן אָנגעפאַנגען צו זאָרגען פאר זיינע קינדער. דאס איז אָנפאַנגס געקומען ניט אוים ליעבע צו דיא קינ־דער זעלבסט, נאר וויעדער אויס זיין בעגריף פון אייגענטהום אויף זיי; אבער שליסליך איז ער אלץ מעהר צוגעבונדען געוואָרן צו זיי. דער רייכטהום און דיא מאַכט פון א פּאַטריאַרך זיינען געשעצט נעווען ניט בלויז דורך דיא צאָהל פון זיינע בהמות, נאר אויך דורך דיא צאָהל פון זיינע פרויען און קינדער און פון פרעמדע שקלאַווען. דיא קינדער האבען פאר איהם געארבייט און אין צייט פון געפאַהרען זיינען זיי נעווען זיין בעסטע שטיצע. פאר זיינע טעכטער פלעגט ער אויך קריגען בעלוינונג פון דיא חתנים. וויא שוין נעזאָגט, איז דער פּיהפּי־טערער נעווען א בעל־הבית מיט א רעכנונג, מיט א׳ן אויסזיכט אויף דיא צוקונפט, און אזוי גוט, וויא ער האט אויפגעהערט צו טויטען דיא קריעגס־געפאַנגענע, אום זיך בעסער צו בענוצען מיט זייער ארבייטס־קראַפט, דאס הייסט זיי צו מאַכען פאר קנעכט, אזוי האט ער אויך אויפגעהערט צו טויטען זיינע אייגענע קינדער און אָנגעפאַנגען אלץ צו זאָרגען פאר זייער עקזיסטענץ, אום מיט דער צייט זיך צו בענוצען מיט זייער הילפע אין פאַל פון נויט. דערצו האט ער אויך בעדאַרפט זאָרגען, ועמען איבערצולאָזען נאך זיין טויט דעם פערמעגען, וועלכען ער האט אָנגעזאַמעלט, און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האט געשטרעבט דאס זיינע יורשים זאָלען זיין זיינע אייגענע קינדער. דאס האט איהם

ויעדער אלץ מעהר צוגעבונדען צו זיינע קינדער, און ביסלעכווייז האט
יך אין זיין הארץ ערוועקט א געפיהל פון ליעבע צו זיינע קינדער.

אָבער אום צו זאָרגען פאר זיינע קינדער, האט דער פּאטריארך
עמוזט זיין זיכער, אז זיי זיינען ווירקליך זיינע, און דארום האט ער
עזוכט אלץ מעהר צו צובינדען צו זיך זיינע פרויען דורך שטרענגע
הייראטס־פאָרמען, וויא מיר האבען עס שוין געזעהען. אונטער דעם
פּאטריארכאט האט מען איבערהויפּט גענומען איינפיהרען מעהר אָרד־
ונג ניט נאר אין דיא פאמיליען־פערהעלטניסע, זאָנדערן אויך אין
עם געשלעכטליכען פערקעהר. דיא לעצטע שפּורען פון בלוטשאַנ־
ע זיינען אָבגעשאפט געוואָרן, און פּאָליאנדריע איז אויך אונטער־
דריקט געוואָרן. דיא הערשענדע מענער האבען אלץ מעהר אָנגע־
אנגען צו פערלאנגען פון דיא פרויען טרייהייט און מאָראלישע
אויפפיהרונג און האבען דערצו ניט זעלטען אָנגעווענדעט דיא שטרענג־
סטע און גרויזאמסטע מיטעל. דיא יאָהר־טויזענדע אלטע מנהגים
ון מאטריארכאט האט מען נאטירליך ניט געקענט אָפּשאפען אין
קורצע צייט, און וויא מיר ווייסען עס שוין, האבען דיא פרויען
אנג און ביטער געקעמפּפט פיר זייער פרייהייט וויינינגסטענס אין
יערע ליעבע־אנגעלעגענהייטען; אבער דיא מענער האבען ביסלעכווייז
איינפאך פערשקלאַווט זייערע פרויען און טעכטער.

אום נאך צו פערשטארקען זיין פיזישע און עקאָנאָמישע מאַכט
יבער דיא פרויען, האט דער פּאטריארך זיך אויך בענוצט מיט דיא
עליגיאָן, אום צו פערהייליגען הייראטהען. אין דיא קאפּיטלעך אי־
ער רעליגיאָנען וועלען מיר זעהען, וויא דיא פאָטערס האבען אויך
יסלעכווייז פערנומען דיא ערטער פון דיא מוטערס ביי דיא רעליגי־
זע צערעמאָניעס, און א פּאטריארך איז אויך צוגלייך געוואָרן דער
ייסטליכער פון זיין פאמיליע. ער האט עס אויפגעפּאסט, אז מען
אָל פערעהרען דיא גייסטער פון דיא פערשטאָרבענע און ער האט
ס געבראכט דיא קרבנות צום גרינדער פון דער פאמיליע און צו
לע געטער. נאך דיא געזינונגען פון דיא מענשען אונטער פּאטריאר־
אלישע פיהרונגען, האבען דאס הויז און דער גאנצער פערמעגען פון
עדער פאמיליע געהערט צום אורפאָטער, וועמעס גייסט איז בע־

טראכטעט געווען אלס דער וויכטיגסטער בעשיצער פון דיא גאנצע פאמיליע. דיזער גייסט האט אויך געהאט זיין בעשטימטען אָרט אין הויז, נעמליך: דאָרט, וואו דער אורפאָטער איז בעגראָבען געוואָרן; און אזוי וויא דיא בעגרעבונגען זיינען אָנפאנגס מייסטענס געמאכט געוואָרן אונטער דעם פייער־פלאץ, זאָ איז דיזער אָרט שוין דעריבער געווען דער מקום קדש, און דאָרטען פלעגט מען עס פראווען אלע רעליגיעזע צערעמאָניעס. אזוי וויא דיא כלה׳ס האבען וויינינסטענס געהערט צו אנדערע פאמיליעס מיט אנדערע גייסטער און הויז־געטער, זאָ האט מען זיי אָנגעפאנגען צו צובינדען צו דיא פאמיליעס פון דיא מענער דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס ארום דעם פייער־פלאץ. אויף דיזער וועזע איז דיא חתונה אויך אנערקענט געוואָרן פון דעם מאן׳ס פאמיליען־גייסט, און דיא פרוי האט שוין דאן אויך געהערט צום מאן אין נאָמען פון דיא געטער. דארום האט מען שוין אָנגעפאנגען צו בעטראכטען, דאס א פרוי זינדיגט נעגען גאָט, ווען זיא זינדיגט נעגען איהר מאן.

דיא צערעמאָניע פון אויפנעהמען דיא כלה אין דעם מאן׳ס פאמיליע האט נאטירליך געפראוועט דער פאטריארך, אלס דער פערטרעטער פון דעם פערשטאָרבענעם אורפאָטער׳ס גייסט אונטער דיא לעבעדינגע, און דיזע צערעמאָניע איז צוערשט בעשטאנען אין א׳ן איינפאכע ארומפיהרונג פון דער כלה ארום דעם פייער־פלאץ. און דיזע צערעמאָניע איז נאך אין פיעלע ערטער פערבליבען, ווען דיא פייער־פלעצער זיינען שוין לאנג אומגעביטען געוואָרן אויף אויווענס. דער אויווען איז פערבליבען אלס דער מקום קדש, און אפילו אין וועסטפאליען (א דייטשע פראָווינץ) און אין דיא געגענדען ביי דיא פירענעער בערג פלעגט מען „פיהרען דיא כלה ארום אויווען״. אין אייניגע ערטער פון בעהמען פיהרט מען נאך יעצט צו דיא כלה צום אויווען. מיט דער צייט האט מען אין פיעלע ערטער געענדערט אויף פערשיעדענע ארטען דיזע אורשפרינגליכע איינפיהרונג פון דער כלה אין דעם מאן׳ס הויז, ווען מען האט שוין פערגעסען איהר ער־שטע און נאטירליכע בעדייטונג, און דארום פלעגט מען אין מאנכע סלאווישע לענדער נאך גאָר ניט לאנג צוריק פיהרען דיא כלה איינ־

פאך ארום א פייער. דערביי פלעגט נאך דיא כלה זיך דארפען בוקען ביי אלע פייער ווינקלעך פון צימער, שטייענדיג מיט'ן פנים צום פייער, און קושען דיא דרייפיסעל, אויף וועלכע מען פלעגט שטעלען דעם הויז־קעסעל. אין א'ן אנדער אָרט דארף זיך דיא כלה אָנריה־רען אָן א נאָגעל, וואס ווערט אריינגעשלאָגען אין דעם קוימען, ד. ה. אַלזאָ איבער דעם פייערפלאַץ.

אזעלכע קוריעזע מנהגים האט מען אין אונזערע צייטען געוויינליך ערקלערט דערמיט, וואס דיא פרוי דארף זיין א בעל הבית'טע און קאָכען דעם טעפּעל. און אזוי וויא אין מאַנכע ערטער איז אויך איינגעפיהרט געווען, אז דיא כלה דארף מישען מיט א קאָכלעפעל אין אלע טעפּלעך, האט אזא ערקלערונג געשיינט צו האבען א ריכ־טיגען גרונד. אבער ווען מען שטודירט דיא קולטור־געשיכטע, קען מען שוין אזעלכע ערקלערונגען ניט אָננעהמען. מען זעהט דאַן איין, אז דעם ריכטיגען זינען פון אזעלכע מנהגים האט מען שוין לאַנג פערלאָרען, ווען דיא לעבענס־אומשטענדען האבען זיך געענדערט.

פון דעם אויבענגעזאָגטען ווייסען מיר שוין, דאס אזוי גוט וויא דיא מענער האבען דאס פאַנגען, קויפען אדער בייטען פון פרויען איינגעפיהרט אלס זייערן א רעכט, אזוי גוט האבען זיי אויך געוועלט קריגען א חזקה אויף זייערע פרויען דורך א געטליכע מאכט. ווען מען וואָלט נאך געקענט צווייפלען אין דיא פאַקטען און נאכפאָר־שונגען וועגען דעם פונקט, וואָלט דער מנהג געווען צו נעהמען אין אַנ־בעטראַכט, אז ווען א פאַטריאַרך פלעגט אויפנעהמען אין זיין הויז א נייעם שקלאַוו, פלעגט מען דעם שקלאַוו אויך פיהרען ארום פייער־פלאַץ און דערביי פלעגט מען איהם אויסרעכענען זיינע פפליכ־טען. דאָ איז אַלזאָ גאַנץ קלאָר, אז דיא צערעמאָניע האט בעדיי־טעט א חזקה אין נאָמען פון דיא הויז־געטער. דער שקלאַוו האט שוין געהערט ניט נאר צו זיין לעבעדיגען בעל־הבית, נאר אויך צום גייסט פון דעם אורפאטער, צו וועמען דאס גאַנצע הויזגעזינט האט געהערט. מיט אזעלכע צערעמאָניעס האָט דער פאַטריאַרך ניט נאר אָפּגעגעבען כבוד זיינע געטער, נאר אויך געגלויבט, אז דיזע געטער וועלען שוין בעשטראָפען דיא אונגעהאָרכזאמע פרויען און

שקלאַווען. און דאס אבערגלויבען איז דאַן געווען אזוי גרויס און שטאַרק, דאס דיא פרויען און שקלאַווען האבען זיך טאַקע געשראָקען פאַר דעם כעס פון דעם בעל הבית'ס געטער און האבען מיי־סטענס געדולדיג געטראָגען זייער יאָך.

דיא אַרט און וויזע, וויא אזוי דער פאַטריאַרך פלעגט זיך ערווערבען פרויען און שקלאַווען, איז געווען גאַנץ גלייך פאַר איהם— דיא פאָרמען האבען זיך געביטען מיט דער צייט און לויט אומ־שטענדען; זאָ, צום ביישפּיעל, איז נדן יעצט א פערשטעלטע פאָרמע פון קויפען פרויען — אַלעס װענען וואס ער האט געזאָרגט, איז גע־ווען, אז זיי זאָלען טאַקע פערבלייבען זיין אייגענטהום. זיין בעגריף וועגען אייגענטהום אויף זיינע קינדער האט ער אייגענטליך אָנגענו־מען, ווייל ער איז געווען דער אייגענטהימער פון זייער מוטער.

שפּעטער, ווען עס האט זיך אָנגעהייבען צו ענטוויקלען א בע־זונדערער קלאַס פון מכשפים און עין־הרע־אָפּשפּרעכער — דיא ער־שטע גייסטליכע — האט מען זיי אויך גענומען איבערגעבען דיא צע־רעמאָניעס ביי חתונות, און זיי האבען דאס אויסגענוצט, אום נאָך מעהר צו פערשקלאַווען דיא פרויען. מען האט אויסגעטראַכט אַלץ מעהר צערעמאָניעס, אום דיא ווייבער איינצושרעקען, אז זיי זאלען בלייבען טריי זייערע מענער, וואס דיא מענער זאָלען ניט טאָן מיט זיי און וויא פיעל ווייבער און קעפּס־ווייבער דיא מענער זאָלען ניט האבען. אין מאַנכע ערטער האט מען זאָגאַר אויסגעטראַכט ספּע־ציעלע געטער, וואס האבען נאָר צו בעשטראָפען אונטרייע ווייבער. אין אונזער צייט איז בעזאָנדערס בעריהמט געוואָרן דער גאָט לעמ־באַ, וועלכער איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרן אין דער אַפריקאַ־נער נעגענד מאַגומבאַ און האט שנעל געפונען גרויסע צאָהלען אָנ־היינגער אין וועסט־אַפריקאַ, ווייל דורך איהם איז ווירקליך געלונגען ארויפצוזאָגען א שרעק אויף אַלע נעגערקעס. דיא גייסטליכע פון דיזען פרויענפּרעסענדען גאָט הייסען גאַנגאַ. ווען איינער וויל זיין פערזיכערט מיט דיא טרייהייט פון זיין פרוי, ווענדעט ער זיך צו דיזע גייסטליכע, און זיי פערלאַנגען פון איהם צוערשט, אז ער זאָל אויסבויען א הייזעל פאַר דעם אבגאָט לעמבאַ. דיא פרוי ווערט נאַכ־

דער איבערגעגעבען אונטער דער השגחה פון לעמבא׳ס גייסט, וועלכער שוועבט אין שטיבעל, און זיא מוז איהר גאנצען לעבען אפּהיטען געוויסע צערעמאָניעס צו זיין עהרע. זיא מוז אויך טראָגען אויף זיך א געוויסע קאמייע, גענאנט מ י ל אָ נ ג אָ, וואס דער גייסטליכער גיט איהר אין נאָמען פון לעמבא. דער מאַן טראָגט אויך א קאמייע פון לעמבא. געוויינליך זיינען דיזע קאמייעס קופּערנע רינגען. ווען א פרוי נעהמט אָן חתונה צו האָבען נאך דיא געזעצע פון לעמבא, מוז זיא אויך זיך מודה זיין פאר דער חתונה אין אלע איהרע חטאים מיידעלוויז, זאָנסט וועט זיא שטרענג בעשטראָפט ווערן פון לעמבא, פאר וועלכען זיא ציטערט טאקע אין אמת׳ן. און זיי מעגען טאקע ציטערן, דען דיא לעמבא־מענער שטיצען איינער דעם אנדערן און בעשטראָפען דיא פרויען אויף דיא גרויזאמסטע ארט ביי דעם מינ־דעסטען חשד אין אונטרייהיים. דיא מענער ווערן אויף דיזער וויזע פערזיכערט מיט דיא טרייהייט פון זייערע פרויען; אבער דיא גאנגאס לאָזען זיך דערפאר זעהר פיין בעצאָהלען. לעמבא, זאָגען זיי, פער־לאנגט א סך פאר זיין געפעלינקייט. נאר טראָץ דיזע קאָסטען זוכען דיא נעגערן זיך נאר צו פערבינדען מיט זייערע פרויען אונטער דער אויפפּאסונג פון לעמבא, און אזעלכע חתונות פערברייטען זיך אלץ ווייטער און ווייטער אין אפריקא. אזעלכע חתונות ווערן אויך נערעכענט פאר א׳ן עהרע, וואס עס איז פערשטענדליך, דען מען דארף דערצו אויך האבען א פערמעגען צו בעפרידיגען דיא גאנגאס, און דיא גליקליכע מענער, וואס האבען זיך ערוואָרבען פאר געלט דיא געטליכע השגחה פון לעמבא, בילדען עפּעס א מין אָרדען.

אין אנדערע ערטער עקזיסטירען אויך געטער און פעראיינען פון מענער געגען דיא אונטרייהייט פון פרויען וויא אויך געגען דיא אונגעהאָרכזאמקייט פון שקלאווען. אין מזרח־זייט פון אפריקא, ביי דעם שטאם וואניקא, ווערט געגלויבט אין א גייסט, וואָס טראָגט דעם נאָמען מ ו א נ ז א און וואס לאָזט זיך אראָפּ אויף דער ערד, אום צו האלטען דיא פרויען און שקלאווען אין אָרדנונג און געהאָרכ־זאמקייט דורך ארויפיאָגען אויף זיי א שרעק. זיין אָנקומען לאָזט ער וויסען דורך א פערטויבענדען גערויש, און וויא מען דערהערט

עס נאר, ד'ארפען אלע, וואס זיינען ניט איינגעוווייהנט אין זיינע גע־הײמניסע, אנטלױפען און זיך בעהאלטען. עס פערשטייט זיך, אז דיא גייסטליכע מאכען אליין דיזען ווילדען געפילדער, אבער אלע און בע־זאנדערס דיא פרויען ווערן צוציטערט. דיזער אפשרעקענדער מואנזא ווערט אויך בענוצט, אום אין אלגעמיינען איינצוהאלטען ארדנונג און דער עולם זאל פאלגען נייע בעשליסע. דיא מענער, וואס געהערן צו דעם מואנזא־פעראיין, טוען אויף זיך אן שרעקליכע מאסקעס פון צייט צו צייט און בעפאלען און מערדערן אונערבארמליך ווענען זיי טרעפען נאר אויף זייער וועג, אום פשוט צו צייגען זייער מאכט. זייער ארגאניזאציאן, וויא אויך דיא ארגאניזאציאן פון לעמבא אויף דעם אנדערן עק אפריקא, זיינען געהיימע.

און אז אזעלכע געהיימע מענער־פעראיינען איינצושרעקען פרויען, זיי זאלען זיין טריי און געהארכזאם, האבען אויך עקזיסטירט אין פיעלע ערטער, אויסער אפריקא, וועלען מיר דא נאר בריינגען דעם פאקט, דאס נאך אין פאריגען יאהר־הונדערט האט אין וועסט־דייטשלאנד עקזיסטירט א מין מואנזא אונטער דעם נאמען דיער־יאגען. איינער פלעגט אנטאן א שרעקליכע מאסקע, וואס האט געהייסען „בוננו“, און דיא אנדערע מענער, וועלכע פלעגען איהם בעגלייטען, פלעגען זיך איבערטאן, אז מען זאל זיי וואס וויינינגער דער־קענען און אז זיי זאלען אויסזעהען וואס שרעקליכער. זיי פלעגען פויקען און אנמאכען א פערטויבענדען גערויש מיט אנדערע אינסטרו־מענטען אויף זייער וועג צו א הויז, וואו א זינדיגע נשמה פלעגט זיך געפינען. מיט א ווילדען ליארעם פלעגט זיך דיזע איינשרעקענדע מעננע אריינבאפען אין אזא הויז און, ווען דאס איז נאר מעגליך גע־ווען, ארויסשלעפען דיא שולדיגע און זיי צווינגען, אזוי וויא לעמבא'ס אדער מואנזא'ס שווארצע קאוואליערען, צו בעקענען זיך אין זייערע עבירות. נאכהער פלעגט מען זיי בעשטראפען, ניט זעלטען זעהר גרויזאם. דער אונטערשיעד צווישען דיא אפריקאנער און אויראפע־אישע בעשטראפערס פאר אונטרייהייט איז אבער געווען, דאס אין אויראפא פלעגט מעז אויך ניט שאנעווען זינדיגע מענער. דאס איז געווען א מין לינטש־געריכט צו פערהיטען געגען עבירות אין גע־

שלעכטליכע בעציהונגען. און אזעלכע מענער־פעראיינען און פּאָלקס־געריכטען עקזיסטירען נאך געוויסערמאַסען היינט צו טאָג אין באיערן אונטער דעם נאָמען „האַבערפעלדטרייבען" און אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען אונטער דעם נאָמען „הווייט קעפּס" (ווייסע מיצקעס). דיזע אַלע פעראיינען זיינען געווען און פערבלייבען אויך זעהר געהיימע אָר־גאַניזאַציאָנען.

אין אַלגעמיינען האבען דיא הערשענדע מענער גענומען איינפיהרען אַלץ שווערערע שטראָפען פיר דיא אונטרייהייט פון פערהייראַטעטע פרויען. אבער דאס איז ניט געקומען אויס דעם מאָראַלישען געפיהל, וועלכער בעזעעלט אונז יעצט, נאר איינפאַך אויס דיא בעגריפע פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף פרויען. וואס אַנבעלאַנגט צו מיידלעך, האבען זיי נאך אָנגעהאַלטען זייער ליעבע־פרייהייט א לאַנגע צייט נאָכ־דעם, וויא פערהייראַטעטע פרויען זיינען שוין איינפאַך געמערדערט גע־וואָרן פאר אונטרייהייט.

ביי דיא מאַלאַגאַשען (א שטאַם אין מאַדאַגאַסקאַר) איז דער געשלעכטליכער פערקעהר גאַנץ פריי, אבער א מאַן, וואס לעבט מיט א פרעמדע פערהייראַטעטע פרוי ווערט בעשטראָפט גראַדע וויא א גנב דורך אָפּהאַקען א האַנד. דאָ איז קלאָר, אז דיא פערהייראַטעטע פרוי ווערט בעטראַכטעט, וויא א פּריוואַט־אייגענטהום, און דער מאַן, וואס בענוצט זיך מיט איהר קערפּער, ווערט געגליכען צו א׳ן איינפאַכען גנב. אויף דעם אינזעל פערנאַנדאָ־פּאָ האקט מען נאך אָפּ אין אזא פאַל דיא האַנד ביי דער זינדיגער פרוי אויך, און ווען מען כאַפּט וויע־דער דיא זעלבע פּאָר ביי א׳ן עבירה, טרייבט מען זיי שוין ארויס פון גאַנצען שטאַם, וואס עס ווערט גערעכענט אין ווילדען צושטאַנד פאַר דיא שווערסטע און גרעסטע שטראָף, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

ביי אייניגע מאַלאַיער פעלקער איז געווען איינגעפיהרט, אז קיין פרעמדער מאַן טאָר זיך ניט צוריהרען צו א פערהייראַטעטע פרוי. און דיזער מנהג איז אזוי שטרענג אויסגעפיהרט געוואָרן, אז ווען עס פלעגט טרעפען, דאס א פערהייראַטעטע פרוי פלעגט אריינפאַלען אין וואַסער, פלעגט איהר קיינער ניט גיין רעטען אויסער איהרע פער־וואַנדטע.

זיעבּעטער קאַפּיטעל.

דיא ווירקונגען פון פּאַטריאַרכאַט אין פאַמיליען־לעבּען.

דיא לאַגע פון מיידלעך בּיי דיא איינפיהרונג פון פאַטער־רעכט. — דיא „הייזער פון געפאַרבּטע" און אָפּגעבּונגען פון בּתולות צו מענער פאַר דער חתונה. — אויפאָפּפערונגען פון בּתולות צו געטינען פון ליעבּע. — טעמפּלען פיר מיידלעך פאַר דער חתונה אין בּבל. — עשתרות בּיי דיא פיניקיער און סוכות־בּנות בּיי אידען. — סמנים פון מיידלעך־אויפאָפּפערונג פאר דער חתונה בּיי אויראָפּעאישע פעלקער. — פערקריפּלונגען פון פרויען צוליעב טרייהייט צו דיא מענער. — האָאָר־אָפּשניידונגען און קאָפּ־צודעקען בּיי פערהייראַטעטע פרויען. — בּעשרענקונגען פון גאולת הדם און פון דיא ערמאָרדונגען פון אַלטע און קינדער. — אויפאָפּפערונגען און ערלייזונגען פון בּכורים. — צייכענס דער־פון בּיי קולטור־פעלקער.

ווען דיא פּאַטריאַרכען האבּען ישוין פערשקלאַווט זייערע פרויען און זיך מעהר אדער וויינינגער פערזיכערט מיט זייער טרייהייט, האָ־בּען זיי אויך גענומען אלין מעהר אויפּפּאַסען אויף דיא אויפפיהרונג פון זייערע טעכטער ביז דער חתונה. דאָ זיינען אבּער דיא מנהגים און זיטען געוועזען גאַנץ פערשיעדען: וועהרענד אין פיעלע לענדער פלע־גען מיידלעך זיין פריי פיר יעדען מאַן פאר א געוויסען געשאַנק און

עס האבען עקזיסטירט בעזונדערע טעמפּלען, וועלכע זיינען געווען איינפאַכע פּראָסטיטוציאָנס־פּלעצער, האט מען אין אנדערע ערטער אָנגעפאַנגען חתונה צו מאַכען נאך גאַנץ יונגע מיידלעך, אום זיי זאָלען אין גאַנצען פערלירען דיא לעצטע שפּורען פון דער פרייהייט, וועלכע זיי האבען געהאַט אונטער מוטער־רעכט.

דיא פאָטערס האבען לאַנג געהאַט צו קעמפּפען מיט זייער שטאַם וועגען דעם רעכט אויף מיידלעך. וויא מיר האבען עס געזעהען, האט יעדע פרוי אונטער מאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען געהערט צו איהר שטאַם, און נאָכדעם, ווען פאָטער־רעכט האט זיך גענומען איינוואָרצלען, איז עס נאך לאַנג פערבליבען, אז מיידלעך מחוץ געהערן צו דיא מאַנספערזאָנען פון זייער שטאַם איידער זיי ווערן דאס פּריוואַט־איינענטהום פון זייערע מענער. דערמיט ערקלערן זיך פיעלע זעהר מערקווירדיגע מנהגים ביי פערשיעדענע פעלקער, וועלכע האבען גע־לעבט גאַנץ אָפּגעזונדערט איינע פון דיא אנדערע.

אין וועסט־אפריקאַ איז נאך אין קראַפט דיא איינפיהרונג, אז איידער א מיידעל גייט חתונה האבען, מוז זיא זיך אָפּגעבען צו יע־דען מאַנספערזאָן פון איהר שטאַם. צו דעם צוועק בויט מען בעזונ־דערע הייזער, וואס טראָגען פערשיעדענע נעמען ביי פערשיעדענע פעלקער און וואס ווערן אין דער קולטור־געשיכטע מייסטענס בעצייכ־נעט מיט דיא ווערטער „קאַזאַס דאס טינטאַס“ (דיא הייזער פון געפאַרבטע). ווען א מיידעל ווערט א כלה אדער ווען איהרע על־טערן בעשליסען, אז עס איז צייט איהר חתונה צו מאַכען, פיהרט מען איהר אַוועק אין אַזאַ הויז, וואו זיא פערבלייבט ביז דער חתונה און גיט זיך אָפּ צו יעדען מאַן, וואס וויל מיט איהר האבען א פערקעהר. דיזע הייזער בלייבען אימער אָפען, און דיא מיידלעך ווערן אַהין אריינגעפיהרט פון טאַנצענדע און זינגענדע פרויען. דער פער־קעהר מיט מענער געשעהט אבער אויסערהאַלב דיא „הייזער פון דיא געפאַרבטע“. דיא מיידלער האבען קיין רעכט אָפּצוזאָגען א מאַן, ווען ער ברייננט זיי נאר געשאַנקען. יעדען טאָג קומט אין אַזאַ הויז א'ן אַלטע פרוי, וועלכע פאַרבט דיא מיידלעך און גיט זיי עצות, וויא צו צוציהען דיא מענער. א מיידעל קען דאָרטען פערבליי־

בען מאָנאַטען־לאַנג; אבער געוויינליך זוכט מען איהר וואס שנעלער ארויסצופטר'ן דורך א חתונה. פרויען זינגען ביי דער טהיר פון א „הויז פון געפּאַרבטע“ א חתונה־ליעד, וואס עס ניט אָנצוהערענעם דיא פאַרביינעהער, אז א מיידעל דאַרף האבען א מאַן. אפילו דיא טעכטער פון גאַנץ רייכע און פון אָנפיהרער אדער קעניגע ווערן אָפּגעפיהרט אין אזעלכע הייזער, ווען מען קען זיי פריהער ניט קריי־גען א פּאַסענדען חתן. דער מאַן, וואס וויל זיי האבען, דאַרף דער־פאַר ברייגגען א טייערען געשאַנק, וואס עס צייגט, אז מען טוט עס אלס א מסחר. ווען א מיידעל קען נאך אלעמען ניט קריגען א פרייען חתן, מאַכט מען איהר חתונה מיט א שקלאַוו, ווען זיא איז אפילו דיא טאָכטער פון א קעניג.

ביי דיא אַלטע עטהיאָפּען אין אָסט־אַפריקא און מצרים איז אויך געווען אזא מנהג, נאר דיא צייט איז בעשרענקט געווען מיט דער נאַכט פאר דער חתונה. און וואס מעהר א מיידעל פלעגט אין דיזער נאַכט קריגען געשאַנקען פון מענער, אלץ מעהר האט זיא זיך בעריהמט דערמיט. וויא עס שיינט, זיינען ביי דיא אַלטע עגיפּ־טער אויך געוועזן אזעלכע איינפיהרונגען. ביי דיא אינדיאַנער פון ניקאַראַגואַ פלעגען דיא מיידלעך זיך פערדיענען דורך פרייע ליעבע א געוויסען פערמעגען, אום נאַכהער צו זיין „מעהר אונאַבהייגיג“ פון דעם מאַן. דיא אַלטע גריכישע רייזענדע דערציילען פון עהנליכע מנהגים, וועלכע זיי האבען אליין געזעהען אין עגיפּטען און אין מאַג־כע אויראָפּעאישע ערטער. זאָ האט אויף דיא באַלעאַר אינזלען עקזיסטירט א מנהג, אז דיא כלה פלעגט זיך פריהער מוזען אָפּגע־בען צו דיא געסט, צוערשט צו דיא עלטערע, נאַכהער צו דיא איי־גערע, זאָ דאס דער חתן, אלס דער אינגסטער, פלעגט איהר בע־קומען צולעצט.

העראָדאָטוס דערציילט פון דיא ליקיער, וועלכע האבען נאך אין זיין צייט געלעבט אונטער מוטער־רעכט, וויא מיר ווייסען עס שוין, אז פאר דער חתונה פלעגען אלעזייערע מיידלעך זיין פּראָסטיטוטקעס אזוי לאַנג ביז זיי פלעגען זיך דערמיט פערדיענען אויף נדן... סטראַ־באָן דערציילט, אז ביי א געוויסען אינדוסען־שטאַם האט עקזיסטירט

אזא מנהג, וועלכער האט איהם ניט וויינינ פערוואונדערט: דער פאָטער פלעגט ארויספיהרען זיינע דערוואַקסענע טעכטער אויפ׳ן מאַרק, פלעגט זיי הייסען טאַנצען און שפּרינגען, אז מענער זאָלען צונעצווינגען ווערן, און נאכהער פלעגט ער זיי אָפּגעבען צו דעם יעני־גען, וועלכער פלעגט איהם פאַרשלאָגען דעם גרעסטען פּרייז. אויף א׳ן עהנליכען שטייגער פלעגט מען חתונה מאַכען מיידלעך ביי די אלטע אַסיריער.

רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען מיט דער צייט אויך פערבונדען געוואָרן מיט דיזע מנהגים, וויא מיט חתונות איבערהויפּט. די ער־שטע גייסטליכע, וועלכע האבען געזוכט צו בענוצען זיך מיט די שטרעבונגען פון די פּאַטריאַרכען צו זיין פערזיכערט מיט די טריי־הייט פון זייערע געטרייבטע אדער געקויפטע פרויען, האבען אויך גע־נומען מאַכען זיך איין איינקונפטס־קוועלע פון די אוראַלטע פרייע ליעבע פון די מיידלעך. די „הייזער פון געפאַרבטע“ זיינען דאַרום ביסלעכווייז אומגעוואַנדעלט געוואָרן אין טעמפּלען פון געוויסע געטי־נען. די מיידלעך האבען שוין געדיענט די געטינען, פּראָסטיטור־ירענדיג זיך, און די פּריסטער האבען זיך צוגענומען די געשאַנ־קען. דער בעריהמטעסטער פון דיזע טעמפּלען, וועלכע זיינען איינגענט־ליך געווען פּראָסטיטוציאָנס־הייזער, האט זיך געפונען אין בבל. דאָרט איז געווען איינגעפיהרט, אז יעדע מיידעל, וואס איז שוין געוואָרן צייטיג, פלעגט אָפּגעשיקט ווערן אין טעמפּעל מיט א קראַנץ פון לענטעס אויפ׳ן קאָפּ אין דער בעגלייטונג פון פערוואַנדטע און פריינד. דאָרט האט זיא זיך געמוזט אָפּגעבען צו דעם ערשטען מאַן, וועלכער פלעגט צוקומען צו איהר און איהר אריינוואַרפען אין שויס געלט. דאס פלעגט פאָרקומען פאר דער חתונה פון דער מיידעל. די פּריסטער פלעגען צונעהמען דאס געלט „פיר די געטין“ אלס א׳ן אָפּפער. עס איז בעוואוסט, אז פיעלע מעהר ענטוויקעלטע איינ־וואָהנער פון בבל האבען פּראָטעסטירט און געקעמפּפט גענען דיזען אלטען באַרבאַרישען מנהג; אבער זיי האבען וויינינ וואס אויסגעפיהרט. די מיידלעך פלעגען מוזען בלייבען אזוי לאַנג אין טעמפּעל ביז עס האט זיך געפונען א בעלן אויף זיי און א געשאַנק־געבער פאר די

פריסטער. זעהר מיאוסע און פערקריפּעלטע מיידלעך פלעגען אזוי אָפּזיצען יאָהרען־ווייז. ווען א בתולה פלעגט זיך שוין אויפאָפּפערן צו דער געטין, פלעגט זיא זיך גלייך אומקעהרען אהיים און פלעגט שוין קיין פערקעהר האבען מיט מענער פאר געלט. דיא טעכטער פון אָרימע עלטערן פלעגען זיך אָפּגעבען צו מענער אין דער „הייליגער אַלעע“ פון טעמפּעל, און דיא טעכטער פון דיא רייכע פלעגען געבראַכט ווערן אין פערמאַכטע קאַראָטען און זיך אויפאָפּפערן אין טעמפּעל גופא.

עהנליכע איינפיהרונגען זיינען געווען, נאך דיא מעלדונגען פון הערָאדָאטוס, ביי דיא איינוואָהנער פון אשור, אויף דעם אינזעל ציפּרוס און ביי דיא ווענעטען, וועלכע האבען אמאָל געלעבט אין צענטראַל־אייראָפּא. גרינדליכע נאכפאָרשונגען האבען בעוויזען, אז עס איז כמעט ניטאָ אזא פאָלק, וואס פלעגט ניט „אָפּגעבען כלה׳ס צו דיא געטינען“ איידער זיי פלעגען חתונה האבען. איבערהויפּט האט אזא מנהג עקזיסטירט ביי אלע פעלקער אין דער איבערגאַנגס־צייט פון מאַטריאַרכאַט צו פּאַטריאַרכאַט.

זאָגאַר ביי דיא ביבלישע אידען האט מען אויך אזוי געאָפּפערט מיידלעך צו דיא געטינען אין טעמפּלען. ביי זייערע שכנים, דיא פיניקיער, האט אזא געטין געהייסען אסטאַרטע, און אין דער ביבעל ווערט זיא דערמאָנט אונטער דעם נאָמען עשתרות. נאך אין דיא צייטען פון מלכות רומא איז געשטאַנען איהרער א בעריהמטער טעמפּעל, וואו עס האט געהערשט דיא בעסטיאַלישסטע אויסגעלאַסענהייט. שלמה המלך׳ס ווייבער האבען אריינגעבראַכט דיזע עבודה זרה אין ארץ ישראל. בעזאָנדערס האבען זיך פרויען געבוקט צו דיזע עשתרות אין דער צייט, ווען איזבל איז געוואָרן אהאב׳ס פרוי. אסטאַרטע׳ס אָפּשטאַמונג איז הפּנים פון מצרים, נאר פערבליבען איז זיא אין פערעהרונג מייסטענס ביי דיא כנענים און סיריאַנער נאך אין דיא צייטען פון דער רוימישער אימפּעריע. אויך ביי דיא פעלקער, וועלכע דיא אידען האבען בעזיעגט, האט מען געדיענט אזעלכע געטינען, און שפּעטער האבען נאך אסיריער און באַבילאָנער איינגעפיהרט זייערע „אויפאָפּפערונגען פון בתולות“. דיא אידען האָ־

בען זיך דאָן שטאַרק בעקלאַגט, וואס דיא לייטע פון בבל האבען אויפגעבויט הייזלעך פאר טעכטער (אנשי בבל עשו את סכות בנות. מלכים ב׳, יז, ל), און אין דער ביבעל איז ספעציעל פערבאָטען צו נעהמען געלט פיר גאָט׳ס טעמפעל פון זונות (לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית יהוה אלהיך. דברים, כג, יט).

מאַנכע אַלטע מנהגים ביי דיא גערמאַנען און סלאַווען, דאַרונטער אויך דיא איינפיהרונג פון „מאָרגענגאַבע״ אדער דער געשאַנק, וואס דער חתן פלעגט געבען דער כלה באַלד נאך דער ערשטער נאַכט — צייגען אָן קלאָר אויף דיא צייטען, ווען מיידלעך פלעגען פאר דער חתונה בעהאַנדעלט ווערן אונגעפעהר אויף אזא שטייגער, וויא אין בבל. ביי דיא סלאַווען אין זיד־רוסלאַנד איז נאך פערבליבען א מנהג, אז דער „קום (אונטערפיהרער)״ לייגט זיך דיא ערשטע נאַכט אין איין בעט מיט דעם חתן און כלה. ער ליגט נאר צווישען זיי א קורצע צייט און פערטרעט דערמיט אַלע געסט. ער ניט אויך דעם גרע־סטען געשאַנק דער כלה. ביי דיא זעלבע סלאַווען עקזיסטירט נאך א חתונה־צערעמאָניע, וועלכע צייגט, וויא אזוי אַלטע מנהגים קריגען נייע פאָרמען און פערלירען אין גאַנצען דעם פריהערן זינען און צוועק. דאָרט איז נעמליך איינגעפיהרט, אז דיא כלה דאַרף גאַנץ פריה נאך דער ערשטער נאַכט אַרויסגיין מיט א קרוג וואַסער און א האַנד־טוך און בעגיסען דיא הענד פון יעדען גאַסט, וועלכער וואַרפט איהר דערפאַר אריין אין קרוג א מטבעה. און וואס פרייער זיא האלט זיך מיט דיא געסט און שטיפט מיט זיי, אַלץ מעהר ווערט זיא געשעצט פון דיא געסט. אַנדערע העלפען איהר אונטער צו קריגען אויף דיזע וועגען וואס מעהר געלט.

מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף ווייטערע איינצעל־הייטען וועגען דיזע זעהר אויפפאַלענדע מנהגים. פון דעם געזאָגטען איז יעדענפאַלס קלאָר, אז דיא פאַטריאַרכען האבען געהאַט צו פיה־רען א זעהר לאַנגען קאַמפף, אום אויך אָנצוהאַלטען דיא ריינהייט פון דיא בתולות און איבערהויפּט איינצוהאַלטען זייערע טעכטער אין שטרענגע גרענעצען, אז זיי זאָלען נאר האבען פערקעהר מיט זייערע געזעצליכע מענער לויט דעם ווילען פון דיא פאַטערס. דיא פערהיי־

ראַטעטע פרויען האַט מען אבער אונטער פּאַטריאַרכאַלישע פיהרונ־
גען אזוי פערקשלאַווט, אז אין מאַנכע ערטער האָבען זיי גשמוזט זיך
אליין מיאוס מאַכען גלייך נאָך דער חתונה. זעהר קוריעז איז דער
מיטעל, וואָס ווערט געברויכט אין יאַפּאַן, אום צו פערהיטען פער־
הייראַטעטע פרויען פון יוצר הרע. דיא כלה בעפרייט זיך פון איהרע
ברעמען און פאַרבט זיך אָפּ דיא ציינער שוואַרץ. דאס מאַכט איהר
אזוי העסליך, אז איהר מאַן איז שוין פערזיכערט, דאס קיין פרעמ־
דער וועט זיך צו איהר ניט שדכנ'ען. דערפאַר אבער פערלירט ער
אליין דעם חשק צו איהר און ער לעבט זיך גאַנץ פריי מיט גע־
ליעבטע. אויף אזא אופן האט דער מאַן קיין פורכט פאַר דיא אונ־
טרייהייט פון זיין געזעצליכע פרוי, וועלכע ער ליעבט אליין ניט און
פון וועלכער ער פערלאַנגט אויך ניט קיין ליעבע. ער בענוצט זיך
נאַר מיט זיין אייגענטהומס־רעכט אויף איהר.

דעם זעלבען צוועק האָבען אויך געהאַט דיא אָפּשערונגען פון
האָר ביי פערהייראַטעטע פרויען. דערמיט האט מען זיי נאַר גע־
זוכט מיאוס'ער צו מאַכען אין דיא אויגען פון פרעמדע מענער, זאָ
דאס דער יוצר הרע זאָל וויינינגער שליטה האָבען. ביי אידען איז
נאָך פערבליבען דער באַרבאַרישער מנהג אָפּצושערען דיא האָר ביי
מיידלעך גלייך נאָך דער חתונה; אבער ביי אנדערע פעלקער ריהרט
מען שוין ניט דיא האָר, נאַר מען בעהאַלט זיי אונטער א טיכעל
אָדער א הייבעל. אַלע ניט־ציוויליזירטע פעלקער בעטראַכטען דיא האָר
אלס א גרויסע און אנציהענדע פוץ־זאַך, און דאַרום פלעגט מען
אויך ביי שקלאַווען אראָפּשערען זייער האָר. ביי דיא גערמאַנען
און גאַללען איז דיא אָפּשערונג פון האָר געווען פעררעכענט פאַר א
שקלאַווערייַ אָדער יעדענפאַלס פאַר א'ן אונטערטעניגקייט. ביי דעם
שטאַם לאַנגאָבאַרדען פלעגט מען אָפּשערען דיא האָר יעדען,
וואָס פלעגט אויפגענומען ווערן אלס מיטגליעד פון א פאַמיליע. דאס
איז געווען א צייכען פון זיין אונטערגעבונג. ווען קריסטענטהום איז
איינגעפיהרט געוואָרן, האָט מען אויך גענומען שערען דיא האָר ביי
דיא מאָנאַכען און אלע דיא יעניגע, וואָס פלעגען אריינטרעטען אין
דיא קלייסטערס און זיך אָפּגעבען צו יעזוס קריסטוס. דערמיט האט

זיך אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייט צו גאָט. און דאס זעלבע האט מען געטאָן מיט פרויען, אום צו צייגען, אז זיי זיינען אונטער־טעניג צו זייערע מענער; נאר מיט דער צייט, ווען דיא זיטען זיינען עדעלער געוואָרן און דיא פרויען האבען זיך ביסלעכווייז ערוואָרבען א העכערע שטעלונג אין דיא פאמיליען און אין דער געזעלשאפט, איז דער צייכען פון אונטערטעניגקייט פערבליבען אין דער הייבעל אויפ׳ן קאָפּ. ביי דיא סלאווען זיינען נאך דיא הייבלעך פערבליבען אלס א צייכען פון הייראטה. דיא אַלטע דייטשע געזעץ פלעגען בעשטימען א גאַנץ גרויסע געלט־שטראָף פאר אראָפּרייסען דיא הייבעל ביי א פערהייראַטעטע פרוי. אזא אַקט איז געווען בעטראַכטעט אלס א שווערע בעליידיגונג פאר דעם געזעצליכען מאַן און אלס א׳ן אָנגריף אויף דער פרוי׳ס עהרליכקייט און טרייהייט.

אָט וועלכע מיטעל דיא מענער האבען געמוזט געברויכען, אום צו פערניכטען דיא לעצטע שפּורען פון מאַטריארכאַט. נאר שליס־ליך איז זיי דאך געלונגען איינצופיהרען ריינהייט אין געשלעכטליכע בעציהונגען, וואס עס איז געווען אָהנע צווייפעל א גרויסער שריט פאָרווערטס.

ניט וויניגער וויכטיג פיר דעם מענשליכען פאָרטשריט איז געווען דיא ווירקונג פון פאַטריארכאַט אויף דיא אָפּשאפונג פון גאולת הדם און אויף דיא בעשרענקונג פון קינדער־מאָרד. וויא ענג גאולת הדם איז געווען פערבונדען מיט מאַטריארכאַלישע פיהרונגען האבען מיר שוין געזעהען אין א פאָריגען קאַפּיטעל, ווען מיר האבען אויף אָנגעציינט אויף לעגענדען און מאַנכע פאַקטען, וויא אזוי דיא מע־נער האבען אליץ גענומען בעשרענקען דיזע שרעקליכע בלוטפערגיסונג און איינפיהרען געלט־שטראָפען פאר מאָרדען. דיא גאולת הדם האט געפיהרט צו געגענזייטיגע אויסראָטונגען און צו פערוויסטונגען, און וואס מעהר דער פאַטריארכאַט איז געקומען אין קראַפט, האט ער אליץ מעהר אינטערעס געקראָגען צו מאַכען א סוף דערפון. וויא שווער עס איז געווען דער קאַמפּף געגען גאולת הדם און וויא פיעל צייט עס האט געמוזט נעהמען איידער מען האט גענומען אָנעריקע־נען א געלט־שטראָף פאר א בעפרידיגונג פון ראַכע, קענען מיר

לייכט שליסען פון דעם, דאס גאולת הדם איז נאך ר״ז היינטיגען טאָג פערבליבען אפילו אין מאַנכע אויראָפּעאישע ערטער. דיא קאָר־סיקאַנער „ווענדעטטאַ“ (פון א׳ן איטאַליעניש ען וואָרט, וואס בעדיי־טעט: ראַכע) איז א רעשטל פון גאולת הדם. ווען מיר וועלען ריידען פון דיא איינפיהרונג פון געריכטען און געזעץ, וועלען מיר זיך נאך אומקעהרען צו דיזען פונקט; דאָ וועלען מיר נאר אָנצייגען אויף דעם פאַקט, דאס אונטער פּאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען איז ביסלעכווייז פערשוואונדען איינע פון דיא גרעסטע אורזאַכען פון גאולת הדם, נעמליך: דיא רויבעריי פון פרויען; דען פרויען האָט מען אָנגעפאַנ־גען צו קויפען און פרידליך אויסצובייטען, צובינדענדיג זיי אלץ דורך שטרענגערע הייראַטס־פאָרמען און זיטליכע מנהגים, וויא עס איז אויבען ערקלערט געוועזן.

וואס אַנבעלאַנגט צו קינדער־מאָרד, וואס איז אזוי שרעקליך געוועזן פערברייטעט אונטער דעם מאַטריאַרכאַט, זא האט עס נאך לאַנג עקזיסטירט אפילו אין פּאַטריאַרכאַלישע קולטור־לענדער. מיר וויסען פון דער געשיכטע, אז אין גריכענלאַנד און בעזאָנדערס אין ספּאַרטע פלעגט מען איינפאַך טויטען ניי־געבאָרענע, ווען מען פלעגט זיי אַנערקענען פאר שוואַכע און קרענקליכע, אָדער ווען זיי זיינען געוועזן קאַליקעס. נאר אין אָנפאַנג איז דיא אורזאַכע פון קינדער־מאָרד געוועזן איינפאַך דיא נויט. אין דעם יעגער־צושטאַנד האט מען אָפּט געמוזט הונגערן, און עס איז איבערהויפּט געוועזן שווער צו קריגען שפּייז, און דיא ערשטע כפּרה זיינען געוועזן דיא קינדער און דיא אַלטע לייט. ביי איבערוואַנדערונגען פלעגט מען בעזאָנדערס מאָרדען מיידלעך, אום זיי זאָלען ניט שטערען ביי איבערפאַלונגען, וויא עס איז שוין אין א׳ן אַנדער אָרט אָנגעצייגט געוועזן.

נאר אויסער דיא נויט האט דאָ אויך געווירקט דיא תאוה. וויא מיר ווייסען עס שוין, האט מען אין ווילדען צושטאַנד געמוזט לאָזען זויגען קינדער ביז 4־5 יאָהר, און פאר דיא מוטערס איז עס געוועזן א שווערער אָפּפער, איבערהויפּט פאר דיא גאַנץ יונגע. דאַרום פלעגט מען בעזאָנדערס אומברייגגען דיא ערשטע געבאָ־רענע. דיא יונגע פּאָרען פלעגען זיך ניט וועלען אָפּזאָגען פון זייער

פערקעהר דורך דיא לאסט צו ערציהען קינדער. דיא ערמאָרדונג פון ערשטלינגע אָדער בכורים איז דאדורך געוואָרן אזוי פערשפרייט ביי אלע ווילדע פעלקער, אז מיט דער צייט, ווען דיא רעליגיעזע בעגריפע האבען זיך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען, האט מען גענומען בעטראכטען דיא בכורים אלס אָפּגעגעבענע צו דיא געטער און מען פלעגט זיי שוין איינפאך הריינגען אלס קרבנות. אונטער מאטרי־ארכאלישע פיהרונגען פלעגט דיא מוטער זעלבסט אויפאָפּפערן איהר ערשט געבאָרענעס קינד צו דיא געטער. מיר זעהען דאָ ווידער, אז דאס וואס איז אָנפאנגס געווען א שרעקליכע נויטווענדיגקייט, איז שפעטער געוואָרן א רעליגיעזע צערעמאָניע. אונגעפעהר דאס זעלבע איז אויך געווען מיט דיא ערמאָרדונגען פון אלטע און קראנקע לייט. ביי דיא סלאווען, סקאנדינאווען און פיעלע אנדערע פעלקער אין אויראָפּא איז געווען גערעכענט פאר א'ן עהרע און מצוה, דאס קינדער זאָלען ערמאָרדען זייערע אלטע עלטערן. דיזער שרעקליכער מנהג איז נאך פערבליבען ביי איינינע האלב־ווילדע פעלקער, דארונטער אויך ביי דיא איינגעבאָרענע אין דיא נאָרד־טהיילען פון סיביר. עס איז א גאנצע רעליגיעזע צערעמאָניע, און ניט זעלטען טרעפט עס, אז דיא אלטע נעהמען זיך אליין דאס לעבען. אין ווילדען צושטאנד פלעגט מען איבערהויפּט ליעבערסט בעגיין זעלבסמאָרד, ווען מען פלעגט ווערן זעהר אלט און שוואך, איידער צו ליידען פון ווייטאָגען און קראנקהייטען. אין שוועדען זיינען נאך אין מאנכע קירכען פער־בליבען גרויסע הילצערנע דובינעס, גענאנט „פאמיליען־שטעקענס", וועלכע זיינען אין דיא גרוי־אלטע יאָהרען געברויכט געווען ביי דיא צערעמאָניע פון טויטען אלטע און קראנקע לייט. דיא אמאָליגע פערסען פלעגען ערמאָרדען אלטע מענער צו 70 יאָהר און פרויען צו וויינ־גער וויא 70 יאָהר. ביי אנדערע פעלקער פלעגט מען נאך אויפ־פרעסען דיא קערפּערס פון דיא אלטע; נאר דאס איז שוין געווען פערבונדען מיט דיא רעליגיעזע בעגריפע, אז דיא נשמות פון דיא פערשטאָרבענע גייען איבער אין דיא קערפּערס פון דיא לעבעדיגע. דיא גאָטענטאָטען האבען א גאנץ איינפאכען מיטעל פּטור צו ווערן פון זייערע אלטע לייט: זיי שטעלען אויף א געצעלט אין א וואלד,

שלעפּען אַהין אַוועק אַ'ן אַלטען און לאָזען איהם דאָרט איבער צו שטאַרבען פון הונגער אדער צו בעגיין זעלבסטמאָרד. טײלאָר, וועלכער האט אויך צוזאַמענגעקליבען אַ סך פאַקטען וועגען דיזע שווערליכע מנהגים, בעמערקט, אַז אזעלכע מאָרדען זיינען איינגעפיהרט מייסטענס ביי פעלקער, וואס וואַנדערן ארום און זיינען יעגערס. און דאס איז אויך נאַטירליך, דען ביי דיא געפאַהרען פון געיעג און ביי דיא נויטווענדיגקייט צו זוכען אַלץ נייע געיעג־פּלעצער זיינען אַלטע לייט אַ גרויסע שטערונג, און מען מוז זיי אָפּט איבערלאָזען, ווייל זיי קענען פּשוט ניט מיטגיין. אין אַלטען רוים האט אויך עקזיסטירט אַ מנהג ארונטערצו־וואַרפען פון אַ בריק איבער דעם טייך טיבער 60־יעהריגע אַלטע, און פיעלע רוימישע וויא אויך גריכישע לעגענדען צייגען דייטליך אָן, דאס מען פלעגט דאָרטען מאָרדען אַלטע לייט.

אבער וואו נאר דער פּאַטריאַרכאַט איז פעסט איינגעשטעלט געוואָרן, דאָרטען האבען דיזע מאָרדען אַלץ מעהר אויפגעהערט. דאס איז אבער ניט געשעהען, ווייל דיא פּאַטריאַרכען זיינען געווען גוטהערציג, נאר ווייל דיא אָרגאַניזאַציאָן אונטער דיא הערשאַפט פון מענער האט געגעבען מעהר זיכערהייט און מעהר שפּייז. מען האט שוין געהאַט דיא מעגליכקייט צו האַלטען דיא אַלטע אין וואָהנונגען און צו ערנעהרען זיי. און דיא מנהגים פון דיא פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען זיינען שוין אַז מען זאָל זאָרגען וועגען אַלטע. דיא אידישע געזעצגעבונג פערביטעט צו פערלאָזען אַלטע, און דיא גריכישע געזעצגעבונג פאָדערט שוין, אַז דער זוהן מוז ערנעהרען זיין אַלטען טאַטען.

דיא אַלץ גרעסערע מעגליכקייט צו שפּייזען קינדער האט פון זיך זעלבסט געמוזט פערקלענערן דיא צאָהל פון קינדערמאָרדען. דערצו נאָך איז צוגעקומען דער איינגענטהומס־אינטערעס פון דיא פּאַטריאַרכען, וויא עס איז שוין אויבען בעמערקט געווען. דיא פּאַטריאַרכען האבען שוין געקענט קויפען אַ סך ווייבער און קעפּס־ווייבער, וועלכע זיי האבען געצוואונגען צו פערבלייבען טריי און צו קאָרמענען דיא קינדער. אין פיהפיטערנדען צושטאַנד, ווען דיא מענער האבען בעפעסטיגט זייער הערשאַפט אין דיא פאַמיליען, איז דיא זויג־צייט

פון קינדער אויף פערקלענערט געוואָרן, ווייל מען האט שוין אויס־געלערנט צו מעלקען בהמות און צו בענוצען זיך מיט מילך.

נאר דיא ערמאָרדונג פון בכורים איז נאך פערבליבען א לאנ־גע צייט אונטער פּאַטריאַרכאַלישע פיהרונגען, ווייל דאס איז גע־וואָרן ענג פערבונדען מיט רעליגיאָן. יאָהר־הונדערטע נאכדעם, וויא דער פּאָטער האט אין גאנצען פערשקלאַווט דיא פרוי און גערעכענט זיינע קינדער אלס זיין אייגענטהום, האט ער פון דעסטוועגען געמוזט נאכפאָלגען דעם אלטען מאַטריאַרכאַלישען מנהג צו ברייננען דיא ערשט־געבאָרענע אלס א קרבן צו גאָט. אבער אויך דאָ האט דער פּאַטריאַרך געפונען א׳ן אויסוועג צו לאָזען לעבען דעם בכור און צו־גלייך צו בעפרידיגען דיא געטער. דיזען אויסוועג האט ער געפונען אין אויסקויפונג אדער ערלייזונג. אזוי גוט, וויא דער פּאָטער האט געמוזט דורך געוויסע צערעמאָניעס, וויא צום ביישפּיעל דיא אויבען בעשריבענע פּאָטער־קינדבעטען אדער קוואוואדען, אָפּנעהמען דאס רעכט אויף דיא קינדער ביי דער מוטער, אזוי האט ער געמוזט דורך א געוויסען אָפּפער ערלייזען זיין בכור ביי דיא געטער. דיא בכורים זיינען געוועזן גערעכענט אלס דאס הייליגע אייגענטהום פון דיא געטער, און ווען דיא בעגריפע פון אייגענטהום האבען זיך ענט־וויקעלט, זאָ איז עס נאַטירליך געוועזן צו קומען ביסלעכווייז צום שלוס, אז מען קען אויך אָפּקויפען דאס רעכט אויף בכורים ביי גאָט; און אזוי האט מען טאַקע אָנגעפאנגען אלץ מעהר צו טאָן. דאָ האט מען אייגענטליך אומגעביטען איין אָפּפער אויף א׳ן אנ־דערן: אנשטאָט צו ברייננען דעם בכור זעלבסט פאר א קרבן, האט מען געבראַכט א׳ן אנדער קרבן, אום צו מאַכען שלום מיט גאָט און צו פערזיכערן זיך געגען זיין ראַכע. זאָנסט איז דער בכור וויא אויף דיא מוטער געוועזן גערעכענט „אונריין“, און מען האט זיך צו זיי אפילו ניט געטאָרט צוריהרען. אויך האט מען פעסט געגלויבט, אז ווען מען זאָל א בכור ניט ערלייזען ביי גאָט דורך א קרבן, וועט ער זיי־בער שטאַרבען.

דיא ערלייזונגס־מיטעל זיינען גאנץ פערשיעדען, און פיעלע זעהר קוריעזע צערעמאָניעס זיינען ענטשטאַנען און נאך פערבליבען צוליעב

דעם אפילו ביי קולטור־פעלקער. דער גאָר ערשטער אויסקויפס־מיטעל איז וואהרשיינליך בעשטאַנען אין דעם, וואס דער פאָטער פלעגט זיך אַליין לאָזען בלוט. אזוי וויא דיא פריהערע אויפאָפּפערונג פון בכורים איז דאך אייגענטליך געווען א בלוט־קרבן, זאָ האט מען אויף דיזער וויזע פערביטען דעם פאָטער׳ס בלוט אויף דעם קינד׳ס בלוט. שפּעטער האט מען עס ערלייכטערט דורך פאסטען און נאך שפּעטער דורך א מתנה צו דיא געטער, ד. ה. צו דיא פּריסטער. ביי אידען איז נאך פערבליבען, וויא מיר ווייסען, דער אַלטער מנהג אויסצוקויפען בכורים; און אז קינדער־מאָרד איז געווען שטארק פערבריינט אין ארץ ישראל און בעזאָנדערס ביי דיא ארומיגע פעלקער, דערויף צייגט גאַנץ קלאָר אָן דיא ביבעל.

וויא לאַנג עס האט געדויערט ביז דיא לעצטע שפּורען פון קינדער־מאָרד זיינען פערשוואונדען דורך ערלייזונגען, דאס ווייסט מען ניט דערגיין און דאס איז אויך ניט וויכטיג (אין ווילדען צושטאנד דארף מען איבערהויפּט יעדע אומענדערונג צייהלען דורך לאַנגע יאָהרען); נאר עס איז קלאָר, אז דאס איז געשעהען דורך דיא פּאטריארכאלישע אָרגאניזאציאָן. גריכישע לעגענדען, וועלכע שילדערן אונז אין דיא שלאכטען מיט דיא זאָגענאַנטע אמאזאָנען דעם ביטערן קאמפּף צווישען מוטער־רעכט און פאָטער־רעכט, צייגען אונז אויך, אז אין דער זעלבער צייט האט מען גענומען אויסקויפען קינדער־קרבנות דורך דיא ווירקונג פון העלדען און פון נייע מענער־געטער. איין גריכישע לעגענדע, וועלכע האט א גרויסע עהנליכקייט מיט דיא ביבלישע מעשה וועגען אברהם, וואס האט געוועלט בריינגען יצחק׳ן אלס קרבן, דערציילט, אז נאָט אליין האט ארויסגענגב׳עט א קינד, וואס מען האט געבראכט אלס אָפּפער און האט עס פערביטען דורך א חיה־קרבן. א׳ן אנדער לעגענדע דערציילט, אז א׳ן אָדלער האט געכאפּט דעם מעסער, מיט וועלכען מען פלעגט קיילענען קינדער, און האט איהם ארויפגעלייגט אויף א יונגע קוה. דער גאָט באקכוס אדער דיאָניסיאוס איז גראדע אין דיא גריכישע לעגענדען ענג פערבונדען מיט דיא אָפּשאפונג פון קינדערמאָרד און פון מאטריכריכאַלישע פיהרונגען, וויא אויך מיט דיא איינפיהרונג פון ליעבע. דיזער

לוסטיגער נאָט באַקומט איז אויך געווען אַ גרויסער אויסראָטער פון אַמאַזאָנען, לויט דיא לעגענדען. אין מאַנכע ערטער פון גריכענלאַנד האט מען איינפאַך געבראַכט ליאַלקעס אַנשטאָט קינדער אַלס קרבנות.

אָט אזוי האט עס דער פּאַטריאַרכאַט ביסלעכוויין אָפּגעשאַפט דיא ערגסטע און שרעקליכשטע פאָלגען פון אַלטען מוטער־רעכט און פעסטגעשטעלט אַ פיעל בעסערע און שטאַרקערע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן.

אַכטער קאַפּיטעל.

דיא עמאַנסיפּאַציאָן פון פרויען אונטער פּאַטער־רעכט.

פּאָליגאַמיע. — דיא פערהעלטניסע פון פרויען צו פּאָליגאַמיע אין וויל־דען צושטאַנד. — דיא אויסשיידונג פון דער ערשטער פרוי אלס דער אָנפאַנג פון מאָנאָגאַמיע. — דיא ווירקונג פון אַקערבוי אויף דיא ערהייבונג פון פרויען. — קעפּס־ווייבער און דאס „רעכט פון דער ערשטער נאַכט". — ארמוטה און מאָנאָגאַמיע. — צוזאַמענגעשטעלטע פאַמיליען. — דיא פערטהיילונג פון שטאַמען אין פּאַטערליכע פאַמיליען.

אום צו ענדיגען אונזער אַבהאנדלונג איבער דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון פאמיליען, בלייבט אונז נאך צו בעטראַכטען, וויא אזוי דיא פרוי האט זיך ביסלעכווייז ערוואָרבען א בעסערע און אונ־אַבהייננגיגערע לאַגע אונטער דיא פערבליבענע מענער־הערשאַפט. מיר האבען געזעהען, וויא אזוי דיא פרוי האט געקעמפּפט פיר דיא מאַטריאַרכאַלישע פאָרמען און איז בעזיעגט געוואָרן און אומגעוואַנ־דעלט געוואָרן אין א שקלאַווין; יעצט וועלען מיר אָנצייגען, וויא אזוי דיא פרוי האט צוריק גענומען קריגען איהרע רעכטע.

פּאַטריאַרכאַט איז ענג פערבונדען מיט פיעל־ווייבעריי. אויב עס זיינען אפילו אין דיא ערגסטע צייטען פון דער פרוי׳ס שקלאַוועריי

פערבליבען איינציגע פּאָרען, זאָ איז עס געקומען ניט ווייל דיא מענער זיינען געווען בעשרענקט אין זייער רעכט צו האבען א סך פרויען, נאר ווייל דיא מיטעל צום לעבען אָדער דער מאנגעל אַן פרויען האבען דערצו געצוואונגען. אונטער געוויסע אומשטענדען האט עס זאָגאר געקענט קומען צו פּאָליאַנדריע, און ניט זעלטען האט עס טאקע געטראָפען, אז פרויען איז אויסגעקומען צו לעבען מיט עטליכע מענער. נאר דאָס אַלעס האט ניט געענדערט דעם כלל, אז דיא הערשענדע מענער האבען זיך גענומען דאס רעכט צו בעזיצען אזוי פיעל ווייבער, וויא פיעל זיי האבען נאר געקענט קריגען. און נאך ביז יעצט איז עס אזוי פערבליבען ביי דיא מייסטע פעלקער, און אפילו אין אונזערע ציוויליזירטעסטע לענדער מעגען זיך דיא מענער ערלוי־בען צו טאָן אזעלכע זאכען, פאר וועלכע פרויען ווערן אם שטרענג־סטען פערדאמט. דיא געזעצע וועגען אונטרייהייט זיינען טאקע אין אייראָפּעאישע לענדער גלייך פיר פרויען און מענער; אבער דיא פּראַקטיקע זאָגט עטוואָס גאַנץ אַנדערעס. אין דיא לענדער, וואו פּאָליגאַמיע ווערט נאך געזעצליך אַנערקענט, איז דיא איינציגע בע־שרענקונג דערפון נור דער פערמעגען פון דיא מענער; אבער ניט זייער אַבטונג צו דיא פרויען. אין דיא מאָהאַמעדאַנישע לענדער קענען זיך דיא מייסטע מענער ניט ערלויבען צו האבען מעהר וויא איין פרוי; אבער וויא איינער פון דיא אָרימע קלאַסען קריעגט נאר דיא מעגליכקייט צו ערנעהרען א צווייטע פרוי, שאפט ער זיך שוין אזעלכע.

און ניט אַלע מאָל איז פּאָליגאַמיע געווען א צרה פאר דיא פרויען. עס זיינען געווען אזעלכע צייטען, ווען דיא פרויען זעלבסט זיינען דערמיט צופרידען געווען און האבען נאך דערביי מיטגעהאָלפען דיא מענער. אזוי איז עס בעזאָנדערס געווען אין דיא צייטען, ווען פרויען האבען געמוזט יאָהרענלאַנג קאָרמען זייערע קינדער מיט זייער אייגען מילך. דער מאַן וואָלט איהר דאַן אין גאַנצען פערלאָזען, ווען זיא וואָלט איהם ניט דערלאָזען צו נעהמען זיך אַנדערע פרויען. דאס איז דאַן געווען א נויטווענדיגקייט, מיט וועלכע דיא פרויען האבען זיך געמוזט צופרידענשטעלען, אום צו ערנעהרען זייערע קינדער. יע־

דענפאלס זיינען זיי דערצו אזוי צוגעוואָהנט געוואָרן, אז זיי האבען געוויינליך ניט געפיהלט קיין אייפערזוכט. רייזענדע דערציילען מיט פערוואונדערונג, וויא עטליכע פרויען פון איין מאן לעבען ניט נאר בשלום, זאָנדערן פאַסען נאך אויף גאַנץ פריינדליך אויף דיא קינדער פון אנדערע פרויען. א פרוי פון א׳ן אָרימען זולוס ארבייט קיין מאָל ניט אזוי שווער און ביטער, וויא ווען זיא העלפט איהר מאן צו קלייבען מיטעל, אז ער זאָל זיך קענען קויפען א צווייטע פרוי. דערביי האט זיא אבער א רעכנונג, דען ניט נאר ווערט איהר אר־ בייט ערלייכטערט, ווען איהר מאן האט א צווייטע פרוי, זאָנדערן זיא קריעגט נאך אנדערע פריווילעגיעס און ווערט גערעכענט פאר דיא אמת׳ע „ווירטהין", פאר דיא „הערשענדע פרוי" אין דער פאַ־ מיליע. און וואס מעהר אזא פאַמיליע ווערט רייכער און מעכטיגער, שטייגט אלץ דיא ערשטע פרוי העכער, דען זיא האט שוין אויפצו־ פאַסען אויף אלע קינדער און פרויען פון איהר מאן.

אָט אזוי האט עס פּאָליגאמיע געפיהרט צו דער, זאָ צו זאָ־ גען, אויסטהיילונג פון „דער ערשטער פרוי", און דאס איז געווען דער ערשטער שריט צו מאָנאָגאמיע און בעזאָנדערס צו דער ערהיי־ בונג פון פרויען. אונטער אזעלכע שטרענג פּאטריארכאלישע פיהר־ רונגען, וויא דיא ביבעל שילדערט אונז אין אברהם׳ס צייטען, האבען שוין דיא מענער געהאט געזעצליכע פרויען און קעפּס־ווייבער, וועל־ כע זיינען איינענטליך געוועזן געקויפטע שקלאווינען. שרה האט אליין געשיקט איהר שקלאווין הגר, אז אברהם זאָל האבען א זוהן. אי רחל אי לאה שיינקען זייער מאן יעקב זייערע דיענסטען, און מען האט עס דאן בעטראכטעט פאר א גוטע האנדלונג. דאס האבען זיי וואהרשיינליך געטאָן, אום אליין וויינינגער צו ארבייטען און צו פער־ גרעסערן דעם פערמעגען פון זייער מאן.

און וואס מעהר אוטערשיעד עס איז ענטשטאנען אין דער לאַ־ גע און רייכטהום פון דיא מענער, אלץ מעהר האבען זיך ענטוויי־ קעלט דיא אונטערשיעדע אין דער לאַגע פון דיא ערשטע פרוי, דיא ווירטהין, און פון דיא איבריגע ווייבער. דיא דייטשע ווערטער „פראַאו" און Weib האבען דאן אויסגעדריקט דיזען אונטערשיעד, וועלכער איז

שפעטער אויך איבערגעגאנגען אויף דיא קינדער. אויך אונטער דיא רייכערע האט זיך ענטוויקעלט א מין מאָנאָגאַמיע, הגם דיא מענער האבען געהאַט א סך ווייבער. דער ריכטיגער הייראַטה איז נאר געווען מיט דיא ערשטע פרוי, און אלע איבעריגע זיינען נאר גערעכענט געווען פאר קעפּס־ווייבער. עס איז אמת, אז איין פרוי האט דאָ גע־וואונען אויף דיא רעכנונג פון אַנדערע, וועלכע זיינען געווען שקלאַ־ווינען אין פולען זינען פון דיזען וואָרט; אבער אין אַלגעמיינען איז עס געווען א גרויסער שריט פאָרווערטס, דען דיא פרוי־ווירטהין איז שוין געווען געאַכטעט פון איהר מאַן און קינדער. און זיא האט זיך אליין געקענט ערווערבען א העכערע שטעלע אין דער פאַמיליע און אין דער געזעלשאַפט. אין א צושטאַנד, ווען מענער זיינען געווען שקלאַווען, האט דיא לאַנגע פון פרייע פרויען ניט געקענט ערנידעריגט ווערן דורך דעם, וואס עס זיינען אויך געווען פרויען־שקלאַווינען אלס קעפּס־ווייבער. דיא ערשטע פרוי פלעגט אייגענטליך זיין א הערשערין איבער דיא קעפּס־ווייבער, וויא מיר זעהען עס אויך פון דער ביבעל.

און ווען דער פיהפיטערנדער צושטאַנד האט גענומען אָפּטרעטען פלאַץ דעם אַקערבויערשען; ווען דיא פרויען, וועלכע האבען זיך שטענדיג בעשעפטיגט מיט אַקערבוי, האבען געמוזט מעהר צוהעלפען דיא מענער מיט פלאַנץ־שפּייז, אום צו קענען ערנעהרען דיא פערגרעסערטע בע־פעלקערונג, — אַלץ מעהר וויכטיגקייט האבען זיי געקראָגען דורך זייער אַרבייט און אַלץ מעהר דעה האבען זיי פאַלגליך געהאַט. דיא ערשטע פרוי איז געווען דיא אויפפאַסערין ביי דיזע אַקערבוי־אַרבייט, און איהר ווערדע איז דאַדורך אַלץ געשטיגען. אין אַלגעמיינען קען מען זאָגען, דאס אונטער פיהפיטעריי זיינען דיא פרויען בעזאָנדערס פערשקלאַווט געוואָרן און אונטער אַקערבויעריי האבען זיי ביסלעכווייז געקענט ארונ־טערוואַרפען פון זיך דעם שקלאַווישען יאָך. דורך זייער פעלד־אַרבייט האבען דיא פרויען איינגעפיהרט דעם מאַטריאַרכאַט און דורך דיא זעלבע אַרבייט האבען זיי זיך ווידער ערוואָרבען זייערע רעכטע. ניט דורך רעליגיאָן און מאָראַל־פּרעדיגען איז געקומען דיא עמאַנסיפּאַציאָן פון דיא פרויען, נור דורך זייער האַנד־אַרבייט. וויינינגסטענס איין פרוי איז אין יעדע פאָליגאַמישע פאַמיליע געוואָרן א הערשערין כמעט

אזוי וויא איהר מאַן. אפילו ביי דיא בעדואינען און אַנדערע וואַנ־דערנדע פעלקער האט דיא ערשטע פרוי א גרויסע דעה. אין דעם ענגען פאמיליען־קרייז הערשען זיי אפילו איבער זייערע רויבערישע מענער.

מיט דער צייט האט מען דיא ערשטע פרויען גענומען בע־טראַכטען אלס דיא איינציגע פרויען; דיא איבעריגע זיינען נאר געווען געליעבטע, דיענסטען. אזוי איז עס יעדענפאַלס צוגעגאַנגען אין לענדער, וואו מיט פיהפיטעריי אליין האט מען זיך ניט געקענט ערנעהרען ביי א פערגרעסערטע בעפעלקערונג און דיא פעלד־אַרבייט פון דיא פרויען איז געוואָרן אלין א וויכטיגערע שטיצע. מאָנאָגאַ־מיע איז דאַדורך אלץ מעהר פערברייטעט געוואָרן. דערצו האט נאָך מיטגעווירקט דער מנהג, דאס געוויסע פאַמיליען אדער שטאַמען זאָלען הייראַטהען צווישען זיך. דאס איז געווען דיא פאָרמע פון הייראַטהען דורך אויסבייטונג פון פרויען אדער „קאָננוביאום", וויא מען האט עס בעצייכענט אין אַלטען רוים. אין דיזען פאַל זיינען נור אזעלכע פרויען געווען גערעכענט פאר געזעצליכע, און אלע אַנדערע זיינען שוין געשטעלט געוואָרן אין א נידעריגערע לאַגע. און נור דיא קינדער פון דיזע ערשטע און געזעצליכע פרויען זיינען געווען געזעצליכע און „ליבערי" (פרייע). דיא קינדער פון דיא איבעריגע פרויען זיינען געווען אונטערטעניגע און שקלאַווען.

אויף דיזער ווייזע זיינען אין דיא פאַמיליען זעלבסט ענטשטאַנען פרייע און שקלאַווען, און דאס האט געהאַט א זעהר וויכטיגע בע־דייטונג אין בעצוג אויף אייגענטהום און רעכטע, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען. מיט דיא שקלאַווינען האט דער פאַטריאַרך גע־קענט טאָן, וואס ער האט געוועלט, אפילו אין דיא צייטען, ווען ער האט זיך שוין געוויסערמאַסען געמוזט בעשרענקען אין בעצוג אויף זיין ערשטע פרוי, דיא מוטער פון זיינע געזעצליכע קינדער און יורשים. אום צו האבען פערקעהר מיט זיינע שקלאַווינען האט דער מאַן ניט בעדאַרפט דורכמאַכען אירגענד וועלכע הייראַטס־צערעמאָניעס. און ווען ער האט געהאַט א סך שקלאַווען און שקלאַווינען, האט ער זיי געפּאַרט אין דיא אינטערעסען פון זיין ווירטהשאַפט, ד. ה. אום זיי

זאָלען איהם שאַפען נייע שקלאַווען. מיט דער צייט איז איינגע־פיהרט געוואָרן, אז דער הערר האט נור געהאַט א רעכט אויף זיין שקלאַווין'ס קערפּער ביז ער האט איהר חתונה געמאַכט, און נאָך שפּעטער איז דערפון פערבליבען דאס בעריהמטע „רעכט פון דיא ערשטע נאַכט („פּרימאַס נאָקטיס"), וואס איז נאָך געוועזן אין קראַפט אפילו אין דיא צייטען פון פאַנסטשיזנע אין אייראָפּאַ.

דיא הערערן האבען זיך איבערהויפּט לאנג געהאַלטען אָן פּאָ־ליגאַמיע, ווען דיא פּראָסטע לייט האבען שוין לאנג זיך געהאַלטען אָן מאָנאָגאַמיע, צוערשט אויס נויט און נאכהער אויס געוואָהנהייט און אויך אויס דיא זעלבסטשטענדיגקייט, וואס דיא פאָלקס־פרויען האבען געוואונען דורך זייער ארבייט. זאָ דערציילט דער רוימישער היסטאָ־ריקער ט א צ י ט ו ס, דאס ביי דיא גערמאַנען, וועלכע האבען זעהר געאַכטעט זייערע פרויען און זיינען שוין געווען געניינט צו מאָנאָ־גאַמיע, האבען דיא פיהרער און הערשער דאך געהאַט א סך ווייבער. זאָגאַר, ווען קריסטענטהום איז שוין איינגעפיהרט געוואָרן אין אוי־ראָפּאַ און דיא קאַטוילישע קירכע האט געזוכט צו בעפעסטיגען מאָ־נאָגאַמיע, האט דאָך דער אַלט־פראַנקישער קייזער קאַרל דער גרוי־סער זיך אָפּגעזאָגט פון אלע בעשרענקונגען און האט ביי זיך געהאַט א האַרעם. אין דיא זאָ־גענאַנטע מאַנו־געזעץ פון אינדיען איז פיר יע־דע קאַסטע בעשטימט געווען א געוויסע צאָהל פרויען, וואס העכער דיא קאַסטע אלץ מעהר פרויען; אבער דיא אָרימע זיינען שוין גע־צוואונגען געווען צו מאָנאָגאַמיע.

מיט דער צייט זיינען געוויסע פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען גע־וואַקסען אין צאָהל, רייכטהום און מאַכט ניט נאַר דורך דיא נאַ־טירליכע פערמעהרונג, זאָנדערן אויך דורך דיא אויפנעהמונג פון פרעמדע. יעדער פּאַטריאַרך האט זעלבסטפערשטענדליך געזוכט צו האבען אלץ מעהר מענשען אונטער זיין הערשאַפט, און אום מעהר צוצובינדען פרעמדע צו זיינע אינטערעסען, פלעגט ער זיי אויך אָנ־נעהמען אלס מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע. פרעמדע האבען אויך געקענט גערעכענט ווערן פאר זיינע געזעצליכע זיהן און יורשים, אויב ער האט זיי אויפגענומען אלס אזעלכע, ווען ער האט זאָגאַר געהאַט

גענוג אייגענע קינדער. דיא פערבינדונגען אין פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען זיינען איבערהויפּט ניט געוועזען בעגרינדעט אויף פערוואַנד־שאַפט, וויא אין מאַטריאַרכאַלישע, נאַר אויף אייגענטהום און הערשאַפט. דיא פּאַטריאַרכען אָדער אבות זיינען ניט געוועזען פאָטערס אין דעם זינען, וויא מיר פערשטייען עס יעצט, נאַר בעפעהלס־געבער איבער זייער גאַנצע הויזגעזינד, וועלכע איז בעשטאַנען פון פרויען, קינדער, קינדס־קינדער, קנעכט א. ז. וו. אין גאַנץ גרויסע פאַמיליען איז דער פּאָטער אייגענטליך געוועזען נור דער עלטסטער אדער הויפּט. אלע פרייע מיטגליעדער זיינען געוועזען גערעכענט פאַר זיינע קינדער, עס מאַכט ניט אויס, ווער זייערע פּאָטערס זיינען אין אמת'ן געוועזען. דאַרום דערציילט אונז אויך דיא ביבעל פון טוי־זענדער זיהן פון איין פאַמיליע. אזעלכע זיהן זיינען אין דער ווירקליכקייט אָפט גאַר קיין פערוואַנדטע געוועזען. אָט אזעל־כע פאָטער־הערשער, וויא אונזערע אבות, ווערן עס אין דער קולטור־געשיכטע בעצייכענט אונטער דעם וואָרט פּאַטריאַרך.

דיא ערשטע פּאָטערליכע פאַמיליעס, וועלכע זיינען מייסטענס בעשטאַנען פון פערוואַנדטע, זיינען אַלזאָ ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין צוזאַמענגעשטעלטע עכטע פּאַטריכרכאַלישע פאַמיליען, וואו גאַנץ פרעמדע זיינען אויך געוועזען גערעכענט אלס מיטגליעדער. דער פּאַטריאַרך איז געוועזען דער הערשער איבער דאס גאַנצע הויז־געזינד, און זיין ערשטע פרוי איז געוועזען דיא ווירטהין און דיא אויפ־פּאַסערין אויף זיינע פרויען און לייבליכע קינדער. מאַנכע פון דיא פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען זיינען אזוי געוואַקסען, אז זיי האבען געבילדעט שבטים און פעלקער. אויף דיזער וויזע זיינען ענטשטאַ־נען פיעלע שטאַמען און גאַנצע נאַציאָנען, פון וועלכע דער הערשער איז שוין ניט געוועזען א פּאַטריאַרך, נאַר א'ן אָנפיהרער אדער קעניג. אזא שטאַם איז שוין דאַן צוטהיילט געוועזען אויף עטליכע קליינע פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען, וועלכע זיינען אָבהייננגיג געוועזען פון דעם עלטסטען אדער קעניג, וועמען מען האט אויך ביסלעכווייז אָנגעפאַנ־גען צו וועהלען, וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען ריידען וועגען דיא ענטשטעהונג פון מלוכות און פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען.

די פאַמיליען, אויף וועלכע שטאַמען אָדער פערגרעסערטע צוזאַמענגעשטעלטע פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען זיינען צוטהיילט גע־וואָרן מיט דער צייט, זיינען נאַטירליך אויך געווען אונטער פאַטער־רעכט, אבער זיי זיינען אלץ מעהר פערבונדען געוואָרן דורך ווירק־ליכע פערוואַנדשאַפט מיט די פאַטערס און זייערע ערשטע פרויען, וועלכע האבען אלץ מעהר אנזעהען און דעה געקראָגען. דער הער־שער איבער זיי אלע האט שוין אויך געקענט זיין א יונגער מאַן, בעזאָנ־דערס אין צייטען פון איבערפאַלונגען און מלחמה, אויב ער איז אַנ־ערקענט געוואָרן אלס דער פעהיגסטער דערצו; אבער אין די אויס־געטהיילטע פאַמיליען האט געהערשט דער אמת׳ער פאַטער. די פאַטערס פון אלע פאַמיליעס פון א געוויסען שטאַם אדער פון א געוויסען פערבאַנד פון שטאַמען, וואס פלעגען זיך פון צייט צו צייט בילדען, פלעגען זיך עס צוזאַמענטרעפען אויף אסיפות וועגען פאַ־ליטישע און אנדערע אַנגעלעגענהייטען און זיי פלעגען עס אויסוועה־לען דעם עלטסטען און אלע בעאַמטע. זיי זיינען פעריבליבען הער־שער צו הויזע; אבער זיי זיינען שוין געווען אונטערוואָרפען צו די עלטסטע און איבערהויפּט צו די ענטשיידונגען פון דעם געמיינדע־ראַטה, וועלכער האט געזאָרגט, אז עס זאל הערשען רוהע, אָרדנונג און יושר. די ערשטע פרויען זיינען אויך אלץ מעהר אנערקענט געוואָרן אין זייערע רעכטע וועגען שלום בית, און די פריהער אונ־בעשרענקטע מאַכט פון די פּאַטריאַרכען איבער פרויען איז אלץ ווייטער פערקירצט געוואָרן.

דאס איז אלזאָ אין קורצען די ענטוויקלונגס־געשיכטע פון פאַמיליען ביז צו דער היסטאָרישער צייט. דער פּאַטריאַרכאַט זעלבסט האט געפיהרט אויף א גאַנץ נאַטירליכען וועג צו א פערבעסערונג אין דער לאַגע פון פרויען און צו א נייע פאַטערליכע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז געווען דער ריכטיגער אָנפאַנג פון אונ־זער יעצטיגע. פאַטער־רעכט פערבלייבט ביי אלע קולטור־פעלקער, אבער זיינע פאָרמען האבען זיך אלץ געביטען צום בעסערן, וואס מעהר און ווייטער מענשען זיינען געגאַנגען אויף דעם וועג פון פּראָ־גרעס.

מיר זיינען דאָ ווידער צוגעקומען צו דער היסטאָרישער צייט, און אין דיא נעכסטע קאפּיטלעך וועלען מיר בעטראכטען וויא אזוי פּריוואט־אייגענטהום און רעכטס־בעגריפע, וועלכע זיינען ענג פערבונדען מיט פאמיליען־אָרגאניזאציאָן, האבען זיך גלייכצייטיג ענטוויקעלט.

נייגטער קאַפּיטעל.

אייגענטהום ביי חיות און ביי דיא ווילדעסטע מענשען.

אייגענטהום אלס געפיהל און אלס רעכט. — דער נאַטירליכער גרונד פון אייגענטהום. — יאַגד־פּלעצער, שפּייז־אַנזאַמלונגען און וואָהנונגען ביי חיות. — געמיינשאַפטליכע אייגענטהום פון חיות. — דיא אָרגאַניזאַציאָן פון מוראַש־קעס און בינען. — דיא ענטוויקלונג און ווירקונג פון שקלאַווערייַ ביי מוראַש־קעס. — א פערגלייך מיט מענשליכע אַריסטאָקראַטיעס. — דיא סאָלידאַרישע געפיהלען פון מוראַשקעס און ביהנען דורך זייער געזעלשאַפטליכקייט. — ווילדע סאָרטען מוראַשקעס און ביהנען. — לעטורנאָ׳ס פיער מענשליכע גרופּען. — אייגענטהום ביי דיא ווילדעסטע פעלקער און ביי דיא אויסטראַליער. — דיא ער־שטע „מיינס און דיינס“. — פּערזענליכע אייגענטהום נאָך׳ן טויט. — דיא ראָ־לע פון רעליגיעזע איינבילדונגען ביי דיא בעערדיגונג און צערשטערונג פון פּערזענליכע זאַכען.

מיר זיינען אזוי צוזאַמענגעוואַקסען מיט אונזערע בעגריפע וועגען אייגענטהום, אז מיר קענען זיך קוים פאָרשטעלען וויא מענשען האָבען נאָר געקענט ווען עס איז אַנדערש דורכקומען אָהן „מיינס און דיינס“. און מאַנכע געלעהרטע זיינען זאָגאר נעגאַנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען בעהויפּטעט, דאס ניט נאר האט פּריוואַט־אייגענטהום

איבעראל און אין אלע צייטען עקזיסטירט, זאַנדערן זיין פאָרמע איז כמעט שטענדיג פערבליבען דיא זעלבע. אין מאַנכע לעהרביכער פון פאָליטישע עקאָנאָמיע ווערט מעהר אָדער וויינינער אָפען אויסגע־דריקט דיא מיינונג, אז אפילו דיא יעצטיגע קאפיטאליסטישע פאָרמע פון אייגענטהום איז פון אייביגע יאָהרען.

קולטור־געשיכטליכע נאפאָרשונגען צייגען אבער עטוואָס גאַנץ אַנדערעס. זיי בעווייזען, אז דער בעגריף פון אייגענטהום איז ניט איין איינגעבאָרענער, נאר א ביסלעכווייז ענטוויקעלטער אין פער־לויף פון טויזענדער יאָהרען. זיי בעוויזען אויך, אז אין דעם עכטען ווילדען צושטאנד האט נאר ניט געקענט געמאָלט זיין אפילו א׳ן אַנפאנג פון פריוואט־אייגענטהום און אז דיא ענטוויקלונג פון „מיינס און דיינס“, — דיזע „קאלטע ווערטער“, וויא יאָהאַן דיא „גאָלדענע מויל“, איינער פון דיא ערשטע קריסטליכע לעהרערס, האט זיי אָנ־גערופען — איז אָנגעגאנגען מיט געוואלט און יעדענפאלס מיט א בי־טערן קאמפף. וואס אנבעלאנגט צו אונזער היינטיגער פאָרמע פון אייגענטהום, זאָ איז זיא ערשט אין קראפט געקומען אין 18־טען יאָהר־הונדערט, און דער וואָרט „קאפיטאליסט“ איז ערשט געקומען אין געברויך אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

אום אבער צו האבען דעם שיין פון א בעווייז פיר דיא עוויג־קייט פון פריוואט־אייגענטהום אונטער מענשען ברייננט מען געוויינ־ליך ביישפיעלע, אז דאס זעלבע עקזיסטירט אויך אונטער פערשיע־דענע חיות. נאר הגם דיא פאקטען אויס דעם לעבען פון חיות זיינען טאקע ריכטיגע, האבען זיי פון דעסטוועגען געמיינשאפטליכעס מיט דיא איינפיהרונג פון אייגענטהום ביי מענשען בלויז אין דעם, דאס דער מענש איז אויך א חיה, וואס האט דעם געפיהל פון זעלבסט־פערזיכערונג. נאטירליך, דער ביסען וואָס ליעגט אין מויל איז ווירקליך עוויג געווען פריוואט־אייגענטהום; אבער מען דארף ניט פיעל פילאָזאָפירען, אום צו פערשטיין, אז דאס איז עבען זאָ ווייניג אייגענטהום, וויא יעדער אָרגאַן פון א חיה. דיא פינגער, מיט וועל־כע איך האלט דיא פעדער, וואס שרייבט דיזע צייַלען, זיינען א טהייל פון מיין קערפער. אויב איהר ווילט עס רופען אייגענטהום,

קענט איהר עס זאָגען; אבער דאַן איז אויך דער גאַנצער קערפּער פון א חיה איהר אייגענטהום. ניט דאס מיינט מען אבער אונטער דעם וואָרט אייגענטהום, ווען מען רעדט וועגען דעם אין דער קול־טור־געשיכטע און ווען מען פערפאסט וועגען דעם געזעצע. דיא פעדער, מיט וועלכע איך שרייב, איז אבער מיין אייגענטהום, ניט נאר ווייל איך מאך א געברויך פון איהר, זאָנדערן ווייל איך האב ערוואָר־בען א׳ן אנערקענטען רעכט אויף איהר. אין דעם מענש־ליכען לעבען קען מען דעם בעגריף פון אייגענטהום ניט אָפּטהיי־לען פון דעם בעגריף פון רעכט. ווען מען רעדט וועגען אייגענטהום פערשטייט מען דעם בעזיץ פון א זאך מיט דעם רעכט ניט נאר צו געברויכען איהר אויסשליסליך פיר זיך און ניט צו דערלאָזען אנ־דערע איהר צו בענוצען, זאָנדערן אויך מיט דעם רעכט איהר צו שיינקען, צו בייטען, פערקויפען אָדער זאָגאר פערניכטען. אָט אזא אייגענטהום האט זיך ערשט ביסלעכווייז אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען, ווען מענשען זיינען ארויס פון אוראַלטען ווילדען צושטאנד.

לאָמיר פון דעסטוועגען וואַרפען א בליק אויף דעם, וואס מאנכע רופען אייגענטהום צווישען חיות, אום צו זעהען, וויא אזוי דער בעגריף פון מיינס און דיינס איז ענטשטאנען און אלץ מעהר פערברייטעט געוואָרן.

דער נאַטירליכער גרונד פון אייגענטהום וואָרצעלט זיך אין דעם אינסטינקט פון זעלבסט־פערזיכערונג, וואס אפילו נידריגע חיות בעזיצען. אבער נאר ביי פערהעלטניסמעסיג ווייניגע סאָרטען חיות האט דיזער אינסטינקט געפיהרט צו דער שטרעבונג אָנצוקלייי־בען שפּייז אויף שפּעטער. דיא מייסטע חיות לעבען פון טאָג צו טאָג אָהן שום זאָרג וועגען דיא צוקונפט. וואס זיי קענען אַר־איינכאַפּען, פרעסען זיי גלייך אויף. פאר זיי איז אייגענטהום דאס, וואס זיי קענען פערכאַפּען און אויפפרעסען, און דאס זעלבע איז אויך געוועזען אונטער ווילדע מענשען. דאס איז געוועזען דער סאָרט איי־גענטהום, וואס איז נאכהער בעצייכענט געוועזען אין אלטען רוים אונ־טער דעם וואָרט mancipi (פון דיא ווערטער manus — האַנד און capire — נעהמען).

ווען מיר קוקען זיך צו נעהענטער, וועלכע חיות לעבען, זאָ צו זאָגען, פון לאַפּע אין מויל, געפינען מיר, אז דאס זיינען אדער זעהר נידריגע, וועלכע האבען נים דיא פעהיגקייט צו זאָרגען וועגען דעם מאָרגען, אדער גראדע זעהר שטארקע, וועלכע ברויכען נים צו זאָרגען, ווייל דורך זייער כח און פלינקייט קענען זיי זיך שאפען שפּייז צו יעדער צייט. דער לייב און דער טיגער קענען זיך בעגיין אָהן שפּייז־אָנזאמלונגען, און דאס זעלבע איז אויך מיט דעם עלעפאנט, וועלכער געפינט איבער־גענוג שפּייז אין דיא וועלדער. ווען דיא נאַטור וואָלט איהם נים פערזאָרגט מיט אלעס נויטיגעס אין איבער־שוס, וואָלט דער עלעפאנט זיכער דערגאנגען מיט זיין שכל צו זאמ־לען זיך שפּייז, וויא דאס טוען, צום ביישפּיעל, מייז. ביי דיא לייבען בעמערקט מען שוין אבער, אז יעדער פון זיי פערנעהמט א בעזונדערע אומגעגענד, וועלכע ער בעטראכטעט אלס זיין יאגד־גרונד און פון וועלכע ער פערטרייבט אנדערע מיט געוואלט; און מיר וועלען שפּעטער זעהען, דאס ביי יעגער־פעלקער איז דאָס געמליכע געוועזן. יעדער שטאם פלעגט פערכאַפּען א בעשטימטע שטיק לאנד, און וועה איז געוועזן צו דיא פרעמדע, וועלכע מען פלעגט דאָרטען געפינען.

דיא שטרעבונג צו פערכאַפּען בעשטימטע פלעצער איז ענט־שטאַנען ביי פיעלע סאָרטען חיות, וועלכע יאָגען זיך נאך אנדערע חיות. דאס איז נויטווענדיג, אום איינפאך אָנצוהאלטען זייער עק־זיסטענץ. איינינע סאָרטען רויב־פויגלען פערטהיידיגען אלץ מעהר און ענערגישער זייערע יאגד־פּלעצער, וואס ווענינער שפּייז זיי קריגען דאָרטען. דאס זעלבע האט מען אויך בעמערקט ביי איינינע מינים אַפּען. דיא וואנדערנדע הינט אין מצרים און אין אזיען האבען זיך זייערע בעשטימטע ערטער, און ווען זיי געפינען אין „זייער געגענד“ א פרעמדען הונט, צורייסען זיי איהם איינפאך אויף שטיקער. אָבער אין זייערע יאגד־פּלעצער נופא זאָרגען זיי אייגענטליך נים אָנצוקליי־בען שפּייז אויף שפּעטער.

ביי אנדערע חיות דריקט זיך אוים זייער אייגענטהומס־אינ־סטינקט אין אייגענע וואָהנונגען. דיא קונסט פון פויגלען צו בויען נעסטען איז אלגעמיין בעוואוסט. אויך ווייס יעדערער פון אזעלכע

קונציגע בויערס, וויא דיא באַברעס זיינען. קראַליקעס בויען זיך ניט נאר מערקווירדיגע גאַלערייען אונטער דער ערד, זאַנדערן, וויא דאס איז בעמערקט געוואָרן פון נאַטורפאָרשער, זיי לאָזען אויך איבער זייערע גריבער בירושה צו זייערע פאַמיליען. פיעלע חיות האבען גאַנצע שפייז־מאַגאַזינען אין זייערע גריבער, און עס איז וואהרשיינ־ליך, אז דורך דיא נייגונג אַנצוקלייבען שפייז אויף שפּעטער זיינען זיי געקומען צו בויען זיך אלץ בעסערע און זיכערערע וואָהנונגס־פּלעצער.

אין דיזער בעציהונג שטייען א סך חיות פיעל העכער, וויא מאַנכע פון דיא נאך פערבליבענע ווילדע פעלקער, וואס זייערע וואָה־נונגען בעשטייען פון צווייגען אויף בוימער אָדער שלעכטע געצעלטען אָפט פערשטעלט נאר ביי דער זייט, פון וועלכער דער ווינט בלאָזט. אין דעם קאַפּיטעל איבער מענשליכע וואָהנונגען האָבען מיר שוין געזעהען, וויא אונזערע אורפּאָטערס האבען צוערשט געלעבט אין נאַטירליכע היילען און וויא נאכהער האבען זיי גענומען גראָבען קינ־סטליכע; אָבער אין דיזער קונסט האבען זיי זיך ווייט ניט געקענט אויסגלייכען מיט, צום ביישפּיעל, קראַליקעס. נאר ביי חיות טרעפט אויך, דאס א געוויסע פעהיגקייט ענטוויקעלט זיך אונטער געוויסע אומשטענדען זעהר שטאַרק אויף דיא רעכנונג פון אַנדערע פעהיג־קייטען, וועלכע ווערן דאדורך אלץ מעהר אָפּגעשוואַכט.

ביי געוויסע סאָרטען פויגלעך בעמערקט מען אבער ניט נאר, אז זיי געברויכען דיא זעלבע נעסטען עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד און אז זיי קלייבען אָן א סך שפּייז, זאָנדערן אויך אז זיי האבען א מין נעמיינשאַפּטליכע איינענטהום. זיי לעבען אין גרויסע נעסטען צוזאַמען, וועלכע זיי בויען אויך צוזאַמען. דיא אינדיאַנער שוואַלבען ארבייטען זעהר פלייסיג ביי אלע נעסטען וועלכע זיי בויען בשותפות. עס איז דאָ א סאָרט פויגלעך, וואס בויען צוזאַמען א סך נעסטען און וואס ציהען זיי נאכהער אלע איבער מיט איין דאך. דיזע פאַקטען זיינען ספּעציעל אינטערעסאַנט, דען זיי גיבען אָנווייזונגען ווענען דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג פון קאָמוניסטישע אייגענ־טהום ביי מענשען אויף א געוויסער שטופע פון קולטור. נאר בע־זאָנדערס בעלעהרענד זיינען דיא פיהרונגען פון בינען און מוראַשקעס

(אמייזען). עס איז שווער צו ערקלערן, וואָרום גראָדע ביי דיזע קליי־נינקע און שוואַכינקע אינזעקטען האבען זיך ענטוויקעלט אזעלכע בעוואונדערנס־ווערטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען; נאר דער פאַקט בלייבט, אז זיי שטעהען אין דיזער הינזיכט נעהענטער צום מענשען, וויא אירגענד וועלכע אנדערע חיות. אין מאַנכע בעציהונ־גען האבען זיי זאָגאַר איבערגעשטיגען דעם מענשען זעלבסט. יעדע־רער האט עטוואס געהערט אָדער געלעזען פון דיא וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציאָן פון בינען און מוראַשקעס, און דאָרום וועלען מיר דאָ נאר אין קורצען אָנציינגען, וויא ווייט דער אייגענטהומס־אינסטינקט האט זיך ביי זיי ענטוויקעלט.

ניט נאר איז ביי זיי טיעף איינגעוואָרצעלט דיא שטרעבונג אָנצוקלייבען וואס מעהר שפּייז (א׳ן אויסנאַהמע זיינען נאר דיא סאָרטען מוראַשקעס, וואס לעבען אין קאַלטע לענדער און וואס שלאָפען איין אויף א גאַנץ ווינטער, זאָ דאס זיי ברויכען קיינע אָנ־זאַמלונגען פון שפּייז); זאָנדערן מאַנכע סאָרטען מוראַשקעס זיינען פיעל בעסערע אַקערבויער, וויא א סך ווילדע און זאָגאַר האַלב־ווילדע פעלקער. דיא מוראַשקעס אין טעקסאַס (א טהייל פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא) גראָבען אויף א שטיק לאַנד אַרום זייערע נעסטען, פערזייהען דאָרטען א מין תבואה און קלייבען צוזאַמען דיא זאַנגען, וועלכע זיי לייגען צוזאַמען און טראָגען עס אַוועק אין זייערע שפּייכלערס. נאַכהער קלייבען זיי אויס דיא קער־רענדלעך, און וויא דיא קערענדלעך ווערן פייכט, טראָגען דיא מו־ראַשקעס זיי אַרויס צו טריקענען אויף דער זון! אויסער דעם איז ביי מוראַשקעס מערקווירדיג שטאַרק ענטוויקעלט דיא שטרעבונג צו פערנעהמען בעשטימטע פּלעצער אַלס זייער אייגענטהום, אָדער וויא מיר וועלען עס קורצקייט וועגען רופען: טעריטאָריאַלע איי־גענטהום. ניט נאר היטען זיי שטאַרק אָפּ זייער געגענד אָדער טעריטאָריע פון פרעמדע, נאר זיי זוכען נאָך צו פערגרעסערן זייער, זאָ צו זאָגען, פאַטערלאַנד אַקוראַט וויא מענשען. דאס פיהרט צו שטענדיגע מלחמות אונטער זיי, און זייערע וואָהנונגען היטען זיי שטאַרק אָפּ געגען פּלעצליכע איבערפאַלונגען פון שונאים, פערלייגענדיג דיא

אריינגענגע פון זייערע גאַלערייעס מיט ערד אָדער שטיקלעך האָלץ. וויא בעוואוסט, האבען דיא מוראַשקעס שקלאַווען און זאָגאַר זייערע קיהעלעך, וועלכע זיי מעלקען אויף זייער אַרט. און ביי איבערפאַלונגען ווערן דיא שקלאַווען שנעל פערשפּאַרט פון דיא קריעגערישע מוראַשקעס, אדער זיי ווערן אויסגעשטעלט ביי דיא אַריינגענגע, בילדענדיג אַ לעבעדיגע וואַנד.

איינינע סאָרטען מוראַשקעס זיינען בעריהמט מיט זייערע שטענדיגע מלחמות און איבערפאַלונגען. זיי זוכען נאָר צו רויבען איינע ביי דיא אַנדערע זייערע אייעלעך און זייערע בהמות. ווען דיא איבערפאַלענע צולויפען זיך אדער ווערהען זיך ניט, דאַן בעגנוגענען זיך דיא אָנפאַלער מיט דעם, וואס זיי שלעפּען אוועק אַלעס, וואס זיי געפינען נאָר; אבער ווען עס קומט צו אַ קאַמפּף, דאַן איז ער אַ שרעקליכער, און דיא זיעגערס מאָרדען אונבאַרמהערציג דיא בעזיעגטע. אין דיא איינגענומענע נעסטען לאָזען דיא זיעגערס אָפּטמאָל איבער גאַרניזאָנען, אום דיא בעזיעגטע זאָלען זיך ווידער אהין ניט אריינכאַפּען. דיזע מלחמות האבען עס זיי וואהרשיינליך געפיהרט צו בענוצען דיא געפאַנגענע אלס שקלאַווען אַקוראַט וויא עס איז דער פאַל געווען ביי מענשען. הובער און אַנדערע בעריהמטע נאכפאָרשער האבען אונבעשטרייטבאַר בעוויזען, אז געוויסע סאָרטען מוראַשקעס פּאַסען אויף און קאָרמענען געוויסע חיה׳לעך, וואס מען רופט גראָז־לייז, אום זיי צו מעלקען. דאס זיינען זייערע קיה. זיי קלייבען צוזאַמען דיא אייעלעך פון דיזע פליגעלעך, לייגען זיי צונויף אין שפּייכלערס און פּאַסען אויף, אז דיא יונגע בהמה׳לעך זייערע זאָלען ניט אומקומען. זיי בויען פאַר דיזע קיהעלעך שטאַלען, פיהרען זיי אַרויס אויף דיא פרייע לופט, היטען זיי אָפּ און פיהרען וועגען זיי מלחמות אונטער זיך. דיזע קיהעלעך לאָזען פון זיך אַרויס אַזאַ זאַפט, וואס דיא מוראַשקעס גלייבען זעהר. און ווען מוראַשקעס ווילען טרינקען דעם זאַפט. הייבען זיי אָהן צו קיצלען דיא קיהעלעך מיט זייערע וואָנצעלעך. אבער ווען דיא מוראַשקעס האבען קיין אַנדער שפּייז, פרעסען זיי אויף דיא קיהעלעך אין גאַנצען. זיי האַנדלען דאָ אַלזאָ אַקוראַט וויא מענשען מיט זייערע בהמות.

דיא עכטע קריגערישע מוראשקעס, דיא זאָ־גענאַנטע בלוטיגע, האבען אין גאַנצען פערשקלאַווט דעם שוואַרצען סאָרט. אבער דער־ביי האַנדלען דיא מוראשקעס קליגער און פאָרזיכטיגער, וויא מענ־שען. זיי מאַכען קיין מאָל ניט ערוואַקסענע פאַר שקלאַווען, נאר דיא יונגינקע, און פאַסען אזוי גוט אויף, אז דיא אויסגעקאָרמעטע שקלאַווען ווערן זעהר געהאָרכזאַמע און טרייע דיענער. דיא מוראַש־קעס־שקלאַווען טוען אלע ארבייטען אין נעסט, פערלייגען דיא אריינ־גענגע ביי אַ׳ן איבערפאַל און טראָגען און קאָרמענען אפילו זייערע הערדען, וועלכע בעשעפטיגען זיך נאר מיט קריעג. ביי איינינע סאָר־טען מוראַשקעס נייען דיא שקלאַווען קיין מאָל ניט ארויס פון דיא נעסטען. געוויינליך טראָגען דיא שקלאַווען ארום זייערע הערדען, נאר ווען מען דאַרף איבערציהען אויף אַ נייעם אָרט, דאַן טראָגען שוין דיא הערדען זייערע שקלאַווען אלס זייער אייגענטהום.

דיא פערהעלטניסע צווישען דיא שקלאַווען און הערען ביי איי־ניגע סאָרטען מוראַשקעס זיינען פערשידען, וואס עס ציינט, אז שקלאַוועריי האט זיך ביי זיי ביסלעכווייז ענטוויקעלט. געלעהר־טע נאכפאָרשער האבען אויסגעפונען פיעל בעווייזע, אז שקלאַוועריי איז ענטשטאַנען ביי מוראַשקעס אין פערלויף פון יאָהר־טויזענדע. דאס איז אַ וויכטיגער פאַקט פאַר דיא קולטור־געשיכטע, דען ער בעשטעטיגט דיא לעהרע פון עוואָלוציאָן אדער ענטוויקלונג אונטער מענשען.

זעהר אינטערעסאַנט זיינען אויך דיא פאַקטען, אז דיא שקלאַ־וועריי האט עבענזאָ אזוי שלעכט געווירקט אויף דיא מוראשקעס־אריסטאָקראַטען, וויא אויף מענשליכע אריסטאָקראַטען. עס איז דאָ אַ סאָרט מוראַשקעס, וואס מען רופט אמאַזאָנען און וואס ערנידע־ריגען זיך אפילו ניט צו עסען אָהן דיא הילפע פון דיא שקלאַווען. זייערע מיילער זיינען מיט דער צייט אזוי ענטוויקעלט געוואָרן, אז זיי טויגען נאר דורכצולעכערן אדער דורכצוביייסען דיא קעפּ פון זייערע פיינדע, אבער ניט צו נעהמען שפּייז. אָהן דיא הילפע פון זייערע שקלאַווען, וועלכע שפּאַרען זיי אין מויל אריין שפּייז, וואָלטען דיזע אמאַזאָנען־מוראַשקעס איינפאַך געשטאָרבען. דער געלעהרטער נאַכ־

פֿאָרשער הובער האט פּרובירט לאָזען אליין א 30 אמאזאָנקעס מיט געגוג שפּייז; אבער זיי זיינען געוועזען גאַנץ הילפלאָז און זיינעז מיי־סטענס אויסגעשטאָרבען. נאכהער האט ער צו דיא לעבעדיג־געבלי־בענע אַריסטאָקראַטישע אמאזאָנקעס אריינגעלאָזען איין שווארצען שקלאָוו, און דיזער שקלאָוו האט זיך באַלד גענומען צו דער ארבייט, האט אָנגעקאָרמעט דיא אָבגעשוואַכטע אַריסטאָקראַטען, האט פֿאַ־נאַנדערגעלייגט דיא אייעלעך און האט אלעס געבראַכט אין ארדנונג. אנדערע אַריסטאָקראַטישע מוראַשקעס טויגען שוין אפילו ניט צו מלחמה. דורך זייער ליידיג־גיין און פוילקייט האבען זיי פערלאָרען זייער גאַנצע פיזישע קראַפט, און דיא שקלאַווען טראָגען שוין אויף אוועק דיא גערויבטע אייעלעך.

דאָ בעט זיך א פערגלייך מיט מענשליכע אַריסטאַקראַטען. דאס לעבען אָהן ארבייט, אויף פרעמדע רעכנונג, רופט זיך ביי מענ־שען אויך אָפּ דורך פיזישע און גייסטיגע אָפּשוואַכונג. זאָ איז עס בעוואוסט, אז דיא מייסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען שטאַרבען שנעל אויס; און אין ענגלאַנד, צום ביישפּיעל, וואָלט שוין לאַנג ניט פערבליבען א זוכר פון לאָרדען, ווען זיי וואָלטען ניט „בעגייט דאס בלוט" דורך חתונות מיט אנדערע קלאַסען. דורך סטאַטישטישע רעכ־נונגען איז בעוויזען געוואָרן, אז דיא אַריסטאָקראַטיע אין מענשליכע געזעלשאַפטען גייט אלץ צוריק אי פיזיש אי גייסטיג, זאָ דאס אין עטליכע דורות שטאַרבען זיי אויס, ווייל זיי האבען ווייניג קינדער און לעבען ניט לאַנג. א געוויסע סומע אָנשטרענגונגען איז עבענזאָ נוי־טיג פאר דעם מענשען אזוי גוט וויא פאר חיות, אום צו קענען עק־זיסטירען און זיך פערמעהרען. איינער פון דיא גרויסע נאַטור־געזעץ אין דעם לעבען פון חיות איז, אז ווען א געוויסער אָרגאַן ווערט ניט געברויכט אין פערלויף פון דורות, שטאַרבט ער איינפאַך אָפּ אדער וויא מען דריקט זיך אויס אויף דעם וויסענשאַפטליכען לשון, ער ווערט אַטראָפּירט.

נאר וויא שטאַרק מוראַשקעס, וויא אויך בינען און אַנדערע אינזעקטען (צום ביישפּיעל דיא טערמיטען אין אַפריקא, וועלכע בויען נעסטען פון 4 ביז 5 פוס הויך מיט אונצעהליגע גאַלערייען

און קעמערלעך און וועלכע קלייבען אָן אזוי פיעל תבואה, אז די נענערס בענוצען זיך מיט דעם), זאָרגען ניט פיר אייגענטהום, איז ביי זיי דאך ניט געפונען געוואָרן דער מינדעסטער סמן פון פריוואט־אייגענטהום. אלעס וואס זיי פערמעגען געהערט צו אלעמען און זיי זאָרגען נאר פאר'ן כלל. זייער אייגענטהום איז א פאָלקאָמען געזעל־שאפטליכע און קאָמוניסטישע, וויא עס איז נאך וואהרשיינליך אונ־טער מענשען קיין מאָל ניט געוועזן. יעדע איינצעלנע מוראשקע אדער יעדע איינצעלנע בין איז טאקע נאר א טהייל פון דעם גאנצען נעסט. זיי גנב'ענען אפילו וויא פיעלע אנדערע חיות, אבער נאר ביי פרעמ־דע. ביי זיי זעלבסט איז אלעס פראנק און פריי פיר יעדען. ווען א הונגעריגע בין טרעפט א חבר'טע, וועלכע קעהרט זיך אום פון דער רייזע מיט א פולען בויך, דארף נאר דיא הונגעריגע א לייכטען קלאפ טאָן מיט איהרע וואָנצעלעך איבער דעם קאָפּ פון דער חבר'טע, און יענע צוטהיילט זיך גלייך מיט איהר ברידערליך מיט דיא שפייז, וועלכע איז אָנגעקליבען אין איהר מאָגען. דאס זעלבע איז אויך מיט דיא מוראשקעס, נאר, וויא הובער האט עס בעמערקט, איז נאך ביי זיי אָנגענומען, אז דיא וואס קריגט דיא שפייז זאל דערפאר העפ־ליך דאנקען דיא וואס קאָרמעט איהר. דער אויסדרוק פון דאנק בעשטייט אין דעם, וואס דיא הונגעריגע שאָקעלט זעהר שנעל מיט דיא וואָנצעלעך.

עס איז בעמערקט געוואָרן פון בעוואוסטע נאכפאָרשער, אז וואס לעננער בינען אדער מוראשקעס האבען זיך געהאלטען אין איין נעסט, אלץ פריינדליכער און מיט מעהר אחדות האבען זיי זיך אויפ־געפיהרט. הובער דערציילט פון א נעסט פון מוראשקעס, וועלכע האבען זיך איינע דיא אנדערע געקאָרמעט, געלאָסצעט און ארומ־געטראָגען פון איין אָרט אויף דעם אנדערן. זיי זיינען אלע מעהר אדער וויינינער טהיילען פון איין געזעלשאפטליכען אָרגאניזמוס. עס זיינען אבער אויך פערבליבען אין דער וועלט פון בינען און מוראש־קעס זייערע, זאָ צו זאָגען, ווילדע פעלקער, וואס עס צייגט אם קלאָר־סטען, אז זייערע אָרגאניזאציאָנען און קולטור זיינען נאר ע נ ט ו ו י־ק ע ל ט ע אזוי וויא ביי מענשען. עס זיינען דאָ מוראשקעס, וועלכע

האבען נאך ניט דערגרייכט אפילו צו דיא פערטהיילונג פון ארבייט, וואס איז אזוי ענטוויקעלט אין גוט־איינגעאָרדנעטע געסטען. דיא בינען אין אַמעריקאַ זיינען איבערהויפּט ניט דערגאַנגען אזוי וויט אין דער בוי־קונסט, וויא דיא בינען אין אייראָפּאַ. ביי דיא בינען וואס לעבען בעזונדער און געפינען זיך דארום ניט אונטער דעם איינפלוס פון געמיינשאַפטליכען לעבען, ארבייטען דיא נקבות אזוי גוט וויא דיא זכרים, וואס עס איז ניט דער פאַל ביי, זאָ צו זאָגען, ציוויליזירטע בינען.

ווען מיר וועלען יעצט פון דיזע קורצע בעטראַכטונגען איבער דעם אייגענטהומס־אינסטינקט ביי חיות איבערגייען צום אָנפאַנג פון אייגענטהום ביי מענשען, וועלען מיר געפינען, אז דער גאַנג פון דער ענטוויקלונג איז ביי זיי אַלעמען געוועזען דער זעלבער און אז עס זיינען נאך ביז היינט צו טאָג פערבליבען איינינגע ווילדע פעלקער, וועלכע האבען נאך ניט דערגרייכט צו דער שטופע פון פיעלע חיות, שוין ניט רייי־דענדיג פון מוראַשקעס. אין זיין בעריהמטען בוך „דיא עוואָלוציאָן פון אייגענטהום“ צוטהיילט דער פראַנצויזישער געלעהרטער לעטור־נאָ דיא מענשען אין בעצוג אויף אייגענטהום אין פיער גרופּען: 1) שטאַמען וואס האבען קיין אָרגאַניזאַציאָן אדער וואס געפינען זיך, וויא מען רופט עס, אין אַ'ן אַנאַרכישען צושטאַנד; 2) פעלקער וואס זיינען שוין געוויסערמאַסען אָרגאַניזירט, אבער פערבלייבען נאך רעפּובליקאַניש; 3) פעלקער, וואס האבען שוין א פערשיעדענאַרטיגע אָרגאַניזאַציאָן, מיט שקלאַווען, אַריסטאָקראַטען און געוויינליך אויך קעניגע; 4) פעלקער פערבונדען אין גרויסע דעספּאָטישע מאָנאַרכי־עס. נאר איינינגע ווייסע פעלקער זיינען ארויס פון דער פערטער גרופּע; אַלע איבעריגע געפינען זיך נאך אין איינער פון דיא אָנגע־צייגטע פיער. מען קען נאַטירליך מאַכען אנדערע פערטהיילונגען און סאָרטירונגען, אום צו ערלייכטערן דיא נאַכפאָרשונג וועגען איינעם פון דיא שווערסטע פונקטען אין דער קולטור־געשיכטע, נעמליך: דער אורשפּרונג און דיא ענטוויקלונג פון אייגענטהום; אבער לע־טורנאָ'ס פערטהיילונג שיינט אונז דיא בעסטע און דיא לייכטעסטע פיר אונזער נאַכפאָרשונג און דארום וועלען מיר זיך אָן איהר האַלטען,

וויא ווייט דער פלאַץ וועט עס ערלויבען, דען עס פערשטייט זיך, אז מיר קענען אין אַ׳ן אַלגעמיינע געשיכטע פון קולטור ניט איבערגע־בען אַלע פאַקטען און בעטראַכטונגען וואס געפינען זיך אין א ספּע־ציעלען בוך איבער אייגענטהום.

אלס פעלקער, וואס געפינען זיך נאך יעצט אין דעם אנאַר־כישען צושטאַנד און וואס קענען פאַלגליך בעטראַכטעט ווערן אַלס דיא ווילדעסטע אויף דער ערד, רעכענט לעטורנאָ דיא נעגריטאָסען אין דיא וועלדער פון דעם אינזעל באָרנעאָ, דיא וועדדאַכען אויף דעם אינזעל ציילאָן, דיא בושמענען פו זיד־אַפריקאַ און דיא פועד־זשיאַנער אָדער דיא שוין פיעל מאָל דערמאָנטע אין דיא פריהערע קאַפּיטלעך איינגעבאָרענע פון פייערלאַנד אין סאַמע זיד פון אמערי־קאַ. דיא ווילדעסטע פון זיי זיינען דיא נעגריטאָסען פון באָרנעאָ, וועלכע שלעפען זיך אַרום איבער דיא וועלדער וויא חיות. זייערע נקבות כאַפּען זיי און וואַלגערן זיך מיט זיי אַקוראַט וויא חיות. ביי נאַכט ציהען זיי זיך אויס ערגעץ אונטער א בוים, אָנציינדענדיג נאר א קופּע צווייגען, אום צו פעריאָגען רויבטהירען. זיי לעבען פּאָרענ־ווייז נאר ביז זייערע קינדער ווערן דערוואַקסען, אז זיי זאָלען זיך אליין קענען קריגען שפּייז, און נאַכהער צושיידען זיי זיך.

ביי דיזע ווילדע איז אפילו נאך ניט ענטוויקעלט דיא ערשטע פאָרמע פון אייגענטהום, וויא מיר געפינען עס ביי פיעלע חיות, נעמליך: טעריטאָריאַלע אייגענטהום אדער א בעשטימטער יאַגד־גרונד. קיין צווייפעל דאַרום, אז דיא ערשטע מענשען האבען נאך יאָהר־טויזענדע ניט געוואוסט אפילו דערפון און האבען זיך איינפאך אַרומגעשלעפּט פאָרענווייז אָדער גרופּענווייז איבעראַל וואו זיי האבען נאר געקענט קריגען שפּייז.

ניט העכער פון זיי שטייען דיא נעגריטאָסען פון ציילאָן, גענאַנט וועדדאַכען, וועלכע האבען נאך אפילו ניט אין זייער שפּראך ווערטער צום צעהלען. דיא בושמענען פון אַפריקאַ זיינען אויך ניט פיעל פאָרטגעשריטענער. זיי האבען נאך קיינע הייזער, קיינע סטאַדעס און אפילו ניט בעשטימטע יאַגד־פּלעצער. זיי שלעפּען זיך אַרום אין קליינע גרופּען, זוכענדיג שפּייז און פערכאַפּענדיג אַלעס וואס זיי

קרינגען נאר אונטער דער האַנד. פון דעסטוועגען צײנגען זיי שוין אַרויס געוויסע געזעלשאַפטליכע נייגונגען. זאָ, צום ביישפּיעל, עקזיסטירט ביי זיי א מנהג צו טהיילען זייער שפּייז צווישען אלעמען גלייך; און ווען איינער פון זיי קריגט שפּייז אלס א געשאַנק, זאָ איז ער מכבד זיינע פריינד דערמיט און זיך אליין לאָזט ער איבער א קליינעם חלק.

דיא פּועדזשיאַנער אדער פייערלענדער זיינען שוין א ביסעל ווייטער געגאַנגען וויא דיא בושמענען. זיי קענען שוין בויען שיפלעך, וועלכע זיי האבען דאך ניט אויסגעבעסערט, טראָץ זייער בעקאַנט־שאַפט מיט אייראָפּעער, און אויך געצעלטען פון צווייגען. אויסער דעם האבען זיי שוין געוויסע בעגריפע וועגען אייגענטהום. זיי טהיי־לען זיך אָפּ אין קליינע גרופּען אויף געוויסע ערטער, זאָ דאס זיי זיינען שוין דערגאַנגען צו אייגענטהום אויף אלגעמיינע יאגד־פּלעצער. זיי לעבען פון פאַנגען פיש אין ים, און דאס צווינגט זיי צו וואַנ־דערן; אבער פון צייט צו צייט קעהרען זיי זיך אום אויף זייערע אלטע ערטער, וועלכע מען קען דערקענען נאך דיא קופּעס ים־שיי־סעלעך, וואס זיי וואַרפען אָן לעבען זייערע וואָהנונגען. הנם זיי הונ־גערן זעהר אָפט און קריגען קלעגליכע שפּייז מיט גרויס מאַטערנעס און געפאַהר, זאָרגען זיי פון דעסטוועגען גאַנץ וועניג וועגען דעם מאָרגען. ווען עס טרעפט זיך זיי צו טויטען א זעעהונד, פרעסען זיי זיך אָן ביז צום פּלאַצען און דיינקען גאר ניט עפּעס איבערצולאָזען אויף מאָרגען. און ווען דער ים וואַרפט א מאָל אַרויס אויפ'ן ברעג א טויטען וואַהל־פיש, וואס עס איז פאר זיי דער גרעסטער יום טוב, דאן וואַרפען זיי זיך אויף איהם ארויף וויא א סטאַיע רויב־פויגלעך. אין צייטען פון הונגער שיקען זיי אַרויס מרגלים, און ווען עס גליקט דיא מרגלים צו געפינען א טויטען וואַהלפיש, דאן רייסען זיי אָפּ שטיקער פלייש, וויא פיעל זיי קענען נור מיטשלעפּען; מאַכענדיג לעכער אין דיא שטיקער און דורכשטופּענדיג דורך זיי דעם קאָפּ, אום בעקוועמער צו טראָגען — און אזוי אָנגעלאָדען, קעהרען זיי זיך אום צו דיא פערבליבענע, וועלכע בעגעגענען זיי מיט דיא גרעסטע שמחה און נעהמען זיך צום טהיילען, אז אלע זאָלען קריגען גלייך.

דער טהיילער איז געוויינליך אַ'ן אלטער מאַן, וועלכער ברוממט עפּעס

אונטער דערביי. אפילו אין אזא פאל, ווען יעדערער קריגט שוין פיעל מעהר, וויא ער קען אויפפרעסען, טרעפט עס זעלטען, דאס זיי זאָלען זיך דערמאָנען וועגען שפּעטער און זאָלען בעגראָבען אין זאמד דיא איבערגעבליבענע שטיקער, וויא, צום ביישפיעל, הינט טוען עס.

דאס צייגט, אז דורך זייער פערקעהר אין גרופּען האבען זיך ביי זיי ענטוויקעלט איינינע געזעלשאפטליכע אייגענשאפטען. נאר פון פּריוואט־אייגענטהום האבען זיי נאך הפנים דעם קלענסטען בעגריף. און זאָ האבען מיר א שטאם, וואו דיא בעגריפע פון אייגענטהום ווערן ערשט געבאָרען.

דיא אויסטראַליער געהערען שוין אין אלגעמיין צו דער צוויי־טער גרופּע פון לעטורנאָ, דען זיי האבען שוין ניט נאר שטרענג בעגרענצטע יאגד־פּלעצער, זאָנדערן ביי זיי זיינען אויך איינגעפיהרט בעשטימטע רעגעלען וועגען דיא פערטהיילונג פון שפּייז־זאכען און זיי בעזיצען שוין איינינע זאכען אלס זייער פּריוואט־אייגענטהום. זיי געפינען זיך אויף דער ערשטער שטופּע פון געמיינדע־אָרגאניזאציאָן, דער פונדאמענט פון וועלכער איז פאָלקאָמענע גלייכהייט. זיי זיינען צוטהיילט אין קלאַנען אדער שטאמען, וועלכע פיהרען זיך נאך א גאנצע רייהע לאַנג אָנגענומענע מנהגים אדער ניט־געשריבענע גע־זעץ. אלע מיטגליעדער פון איין שטאם פיהלען זיך סאָלידאריש און זיינען פערפּפליכטעט צו העלפען זיך איינע דיא אנדערע און צו נעהמען ראַכע פאר זייערע מיטגליעדער. אלע זיינען גלייך, קיינע אריסטאָ־קראטען גיבט עס ביי זיי ניט, און דיא פערוואלטונג איז א רעפּוב־ליקאנישע. דאס הויפּטרעכט אויף דעם לאַנד און אויף דעם גאנ־צען פערמעגען געהערט צום גאנצען קלאַן, וועלכער רעגולירט אלעס און דיא האַנדלונגען פון יעדען איינציגען דורך בעשטימטע מנהגים. דאָ האבען מיר דיא ערשטע פאָרמען פון רעפּובליקאנישע געמיינדעס מיט געמיינשאפטליכען אייגענטהום. יעדער מיטגליעד האט א רעכט צו גיין אויף געיעג אויף דער טעריטאָריע פון דעם קלאַן און אויך א רעכט אויף א בעשטימטען טהייל פון שפּייז. דיא בעשרענקונגען פון דיא מיטגליעדער זיינען זעהר שטרענגע. דיא פּוע־דזשיאַנער זיינען נאך זעהר שוואך פערבונדען; אבער דיא אויסטראַ־

ליער ווערן שוין אויף זייער שטייגער בעהערשט אזוי וויא מיט גע־שריבענע געזעץ. יעדער איינער קען שוין ניט טאָן, וויא ער וויל, נאר ער מוז פאָלגען דיא אַלגעמיינע בעשליסע. זיי האבען זיך זייע־רע בעשטימטע רעגעלען וועגען דיא פערטהיילונג פון דיא חיות, וועלכע זיי פאנגען. צום ביישפּיעל, ווען א יעגער טויטעט א׳ן אוי־סטראַליער בער, דאן מוז ער איהם צושניידען אין דער לענג אויף צוויי העלפט, פון וועלכע איין העלפט געהערט צו זיינע פערוואַנדטע און דיא אַנדערע צו דיא פערוואַנדטע פון זיין ווייב. זיך אליין קען ער נאר איבערלאָזען דעם קאָפּ און דעם לעבער; אבער פון דעם קאָפּ דאַרף ער נאך אָפּגעבען א טהייל זיין ווייב, און זיא האט אָפּ־צוגעבען דיא אויערן צו איהר שוועסטער, אויב זיא האט א שוועסטער. וועגען דיא חלוקה פון געפאַנגענע פיש עקזיסטירען א גאַנצע רייהע פון רעגעלן, וועלכע דיא אויסטראַליער פיהרען פּינקטליך אויס, וויא שווער דאס זאָל זיי ניט זיין. דער גאַנצער לעבען פון דעם אויסטראַ־ליער ווערט אזוי רעגולירט דורך מנהגים. און דאס זעלבע איז אויך מעהר אדער וויינינגער דער פאַל ביי אַלע פעלקער, וועלכע שטייען אויף דער זעלבער שטופע פון געמיינדע־אייגענטהום און אלגעמיינע ענטוויקלונג.

דיא פערשיעדענע זעהר בעשרענקענדע רעגעלן וועגען דיא פערטהיילונג פון שפּייז זיינען ביי דיא אויסטראַליער איינגעפיהרט געוואָרן דורך דעם, וואס דאס לאַנד איז אָרעם און וואס עס איז זיי שווער זיך צו ערנעהרען; אבער פון דעסטוועגען דיינקען זיי נאך ניט וועגען אָנזאַמלונגען אויף שפּעטער. ווען זיי האבען א סך, פרע־סען זיי וויא פיעל עס לאָזט זיך, און דאס איבערגעבליבענע צו־וואַר־פען זיי איינפאַך אדער פערניכטען עס גאָר. אין דיזער בעציהונג שטייט דער אויסטראַליער נידריגער וויא פיעלע חיות.

דאָך עקזיסטירט שוין אויף דער בעגריף פון פּריוואַט־אייגענטהום ביי זיי עס ווערט נעמליך אַנערקענט, אז יעדערער האט א׳ן אויס־שליסליכען רעכט אויף זיין געוועהר, זיינע בעפּוצונגען און אויך אויף שטוביגע זאַכען. דאָ טרעפען מיר זיך מיט דיא ערשטע פאָר־מע פון פּריוואַט־אייגענטהום. דאס איז דער אָנפאַנג פון

דעם, וואס מענשען האבען אָנגעפאנגען צו רעכענען אלס „מיינס" און זיך צונעהמען. דער ביישפּיעל פון דיא אויסטראַליער איז ריכ־טיג פיר אַלע פעלקער אויף דער ערד אין דעם זעלבען קולטור־צושטאנד.

ווען מיר וואָלטען אפילו ניט געהאט קיין שום פאקטען וועגען דיא פערשיעדענע פאָרמען פון אייגענטהום ביי ווילדע פעלקער, וואָל־טען מיר איינפאך מיט'ן שכל בעדארפט קומען צום שלוס, אז דיא ערשטע זאכען, וועלכע דער מענש האט גענומען רעכענען אלס זיינע אייגענע, האבען בעדארפט זיין זיינע געצייג, געוועהר און בעפּוצונגען, דאס הייסט אייגענטליך וואס ער האט געטראָגען מיט זיך אדער איינפאך אויף זיין גוף. זאָ לאנג געוויינליכע שטעקענס אדער שטיי־נער זיינען געווען דיא אינסטרומענטען פון מענשען האט מען זיך נאטירליך גאָר ניט געקימערט וועגען האלטען זיי ביי זיך; אבער וויא מען האט אָנגעפאנגען צוצולייגען צו זיי ארבייט, אום זיי אויס־צובעסערן, האבען זיי שוין דורך דעם געקראָגען א ווערטה און יע־דערער האט זיי אָבגעהיט, אום ניט צו פערלירען זיין ארבייט. דיא פערזענליכע ארבייט פון דעם ווילדען איז אַלזאָ געווען זיין ריכטיגע אייגענטהום, און דאס אליין האט ער געשעצט. דער ווילדער פלעגט, זאָ צו זאָגען, צוזאמענגעוואקסען ווערן מיט זיינע ערשטע געצייג, וועלכע זיינען געווען: א פערשפּיציגטער שטעקען, א שפּיז, א שווערד, וועל־כער האט מייסטענס אויך געדיענט אלס א האמער, א שאָלעכין צום טרינקען און אין פיעל שפּעטערע צייטען אויך א פייל־און־בויגען. צוזאמען מיט זיינע פּוץ־זאכען האט ער דאס אלעס שטענדיג געהאט מיט זיך און אויף זיך.

דער בעגריף פון פּריוואט־אייגענטהום פון יעדען אויף דיזע זאכען איז אזוי וויט געגאנגען, דאס אפילו נאך דעם טויט האבען זיי אויסשליסליך געהערט צו איהם. ערשט אין פיעל שפּעטערע צייטען האבען אזעלכע זאכען גענומען איבערגיין בירושה; אין אָנפאנג פלעגט מען זיי בעגראָבען צוזאמען מיט דעם אייגענטהימער אדער איינפאך צושטערען נאך זיין טויט. ביי דיא אויסטראַליער איז נאך מייסטענס איינגעפיהרט מיט־צוגעבען דעם טויטען זיינע פערזענליכע חפצים

אדער זיי צו צוברעכען און צו פערניכטען, אז אנדערע זאָלען זיך דערמיט ניט קענען בענוצען. און דעם זעלבען בעערדיגונגס־מנהג גע־פינען מיר ביי אַלע ווילדע פעלקער און סמנים דערפון ביי אַלע קול־טור־פעלקער, וואס עס צייגט ווידער, אז אַלע פעלקער זיינען דורכ־געגאַנגען דיא זעלבע שטופען פון ענטוויקלונג.

איינינע רייזענדע, וועלכע זיינען נאך ניט בעקאַנט געוועזען מיט דיא נייעסטע קולטור־געשיכטליכע נאַכפאָרשונגען, האבען ערקלערט דיזע זאָנדערבאַר־שיינענדע בעערדיגונגס־צערעמאָניעס דערמיט, דאס דיא ווילדע האבען אויס ליעבע און אכטונג צו זייערע פערשטאָר־בענע ניט געוואָלט ציהען נוצען פון זייערע זאַכען. מען האט דאָ אַלזאָ צוגעשריבען דיא ווילדע אזעלכע עדעלע געפיהלען, וואס אפילו דיא ציוויליזירטעסטע מענשען בעזיצען ניט. מען האט נאך יעדענ־פאַלס ניט געהערט פון אזא פאַל אין אייראָפּאַ, אז איינער זאָל זיך אָפּזאָגען פון א ירושה אויף דעם גרונד פון ליעבע צום פערשטאָר־בענעם. וואס אַנבעלאַנגט צו דיא אויסטראַליער און אנדערע אזעל־כע פעלקער, זאָ גיים זייער איידעלקייט אזוי ווייט, אז זיי לאָזען ביי זיך איבער דיא שאַרבענס און ביינער פון זייערע טויטע, הגם דיא זאַכען פון דיא טויטע לאָזען זיי איבער פיר דיא טויטע. אויסער דעם, ווען עס וואָלט איבערהויפּט מעגליך געוועזען, אז ווילדע זאָלען האָבען אזעלכע עדעלע און דעליקאַטע געפיהלען וועגען זייערע טויטע, וויא מאַנכע רייזענדע האבען עס קינדיש געגעכענט, טאָ וויא אזוי זאָל מען ערקלערן דיא פאַקטען, דאס דיא זאַכען פון דיא פער־שטאָרבענע ווערן איינפאַך צושטערט?

מיר קריגען אבער א גאַנץ קלאָרע און איינפאַכע אַנטוואָרט אויף דיזע פראַגע, ווען מיר נעהמען נור אין אַנבעטראַכט, אז דיא זאַכען, וואס יעדער ווילדער יעגער האט געטראָגען מיט זיך, זיינען ניט נאַר געוועזען געגעכענט פון איהם זעלבסט און פון זיינע ברידער אלס א טהייל פון זיין גוף, זאָנדערן אויך אלס א טהייל פון זיין ג י י ס ט. אין דיא קאַפּיטלעך איבער רעליגיאָן וועלען מיר זעהען, וויא יעדע זאַך איז געוועזען בעזעעלט און בעלעבט פון דעם ווילדען'ס איינבילדונג און וויא מען האט אָנגענומען, אז דיא טויטע בעהאַל־

טען זיך ערגענץ הינטער בערג, אין דער ערד, אין ים א. ז. וו. און פיהרען זיך אייגענטליך אויף וויא פריהער, ווען זיי האבען נאך גע־וואנדערט צווישען דיא לעבעדיגע. עס איז דארום נאטירליך געוועזען פאר ווידלע קעפּ אָנצונעהמען, אז מען דארף צושטעלען דעם ריי־זענדען אויף א'ן אַנדער וועלט אלע זאכען, וועלכע ער האט גע־ברויכט אין זיין לעבען אויף דיזער וועלט, און דארום האט מען איהם אלערערשט איבערגעלאָזען זיינע פּערזענליכע זאכען ביי דער בעערדיגונג. נאכהער, ווען דיא בעגריפע ווענען דיא גייסטער פון טויטע האבען זיך מעהר ענטוויקעלט און מען האט ביי פיעל פעלקער גענומען ברענען דיא טויטע, אום גיכער אָפּצוטהיילען דיא קערפּערס פון דיא נשמות, האט מען צוגלייך אויף געברענט זייערע זאכען, אום אויך אָפּצוטהיילען „דיא נשמות" פון דיזע זאכען. דער גייסט אדער שטן פון דעם פערשטאָרבענעם האָט אלזאָ גערקאָגען דיא שאָטענס פון זיינע זאכען, און מען האט דארום אויך גענומען ברענען דיא ווייבער און שקלאווען פון דיא הערען, אז זיערע שאָטענס זאָלען זיך צוזאמענטרעפען אין דער שאָטען־וועלט. אז אזוי האבען דיא ווילדע ווירקליך געדיינקט נאך זייער לאָגיקע, צייגט אויך דער מנהג פון איינינע פּאָלינעזיער, וועלכע פלעגען ניט ברענען זייערע טויטע, אבער פלעגען צוזאמען מיט דעם קערפּער בעגראָבען זיינע זאכען, צוברעכענדיג זיי אפריהער, אום זיי צו טויטען. דיזע ווילדע האָ־בען געגלויבט, אז אָהן דיזער „טויטונג" וואָלט זיך דער פערשטאָר־בענער ניט געקענט בענוצען מיט דיא שאָטענס פון זיינע זאכען. און אז אונזערע פּאָרפאטערס האבען אויך אזוי געגלויבט, זעהען מיר פון דעם, וואס ביי דיא אויסגראָבונגען אין פיעלע אויראָפּעאישע ערטער געפינט מען לעבען דיא טויטע פון דעם שטיינערנעם פעריאָד זייערע העק צובראָכען.

קורץ, דאס אייגענטהום אויף געצייג, געוועהר און בעפּוצונגען איז געוועזען דער ערשטער אָנפאנג, וואס מענשען האבען געמאכט, אום אויסצוטהיילען זיך פון דעם כלל; אבער דער שריט דערפון צו דעם מינדעסטען געדאנקען ווענען פּריוואט־בעזיץ פון לאנד איז נאך געוועזען אונגעהייער ווייט, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא נעכ־

סטע קאַפּיטלעך. דיזער בעזיין פון פּערזענליכע זאַכען איז אויך גע־
ווען הימעלווייט פון אונזערע יעצטיגע בעגריפע פון פּריוואַט־אייגענ־
טהום ניט נאר צוליעב דעם, ווייל מען האט זיי געוויינליך ניט גע־
קענט אפילו אויסבייטען, זאַנדערן ווייל זיי האבען אפילו ניט געפיהרט
צו אָנזאַמלונגען, דען מען האט זיי נאך דעם טויט פון זייער אייגענ־
טהימער בעגראָבען אין דער ערד אדער פערניכטעט. דאס איז גע־
ווען א פּערזענליכעס אייגענטהום אין פולען זינען פון דיזען וואָרט.
דאס איז געווען א'ן אייגענטהום וואס האט עקזיסטירט און איז
אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם אייגענטהימער און וואס האט
געשפּיעלט א זעהר קליינע ראָלע אין דעם פאָרטשריט פון מענשען.
פערקעהרט, מען קען זאָגען, אז דיא בעערדיגונגס־מנהגים, וואס זיי־
נען דערמיט פערבונדען געוואָרן דורך אבערגלויבענס, האבען נאר
געשטערט דיא מענשען צו קלייבען און צו זאַרגען ועגען דיא צוקונפט.
אונגעהייער פיעל זאַכען זיינען דורך דעם פערניכטעט געוואָרן. זאָ,
צום ביישפּיעל, פלעגען אייניגע פעלקער פון בראַזיליען איבערלאָזען
דיא טויטע אפילו דיא הייזער און דיא ערטער, וואו יענע האבען גע־
לעבט. אין מעקסיקאָ און אין פּערו פלעגט מען דיא טויטע קעניגע
איבערלאָזען זייערע פּאַלאַצען און מאַסען אוצרות, וואס עס האט,
וויא בעוואוסט, געצויגען דיא שפּאַניער איינצונעהמען דיזע לענדער.
מען האט סתם פערניכטעט אדער געמאַכט נוצלאָז מאַסען געצייג
און אַנדערע ניצליכע זאַכען. דיא רעליגיאָן האט דאָ, אלזאָ, אין אָנ־
פאַנג אונגעהייער פיעל געשטערט דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־
אייגענטהום; אבער דערפאַר האט זיא שפּעטער, ווען מען איז גע־
פאַלען אויף דעם פּלאַן זיך אויסצוקויפען דורך קרבנות
פון דיזע פערניכטונג, וויא מיר וועלען עס זעהען, זעהר פיעל מיט־
געהאָלפען צו בעפעסטיגען דיא רעכטע און געפיהלע פון פּריוואַט־
אייגענטהום.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דיא ענטשטעהונג פון פּריוואַט־אייגענטהום בּיי פעלקער אין ווילדען צושטאַנד.

דיא אינדיאַנער פאַר דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. — געמיינשאַפטלי־כע געיעג און דיא וואַהל פון פיהרער. — לאַנד־איבּערבּייטונגען און זייער צוועק. — דיא פּועבּלאָסען און דער אָנפאַנג פון מאָנאַרכישע אָרגאַניזאַציאָן. — סאָלידאַריטעט דורך געמיינשאַפטליכען אייגענטהום. — שקלאַווערייז אין דיא ענטשטעהונג פון קלאַסען. — דיא מלוכות פון פּערו און מעקסיקאָ. — איי־גענטהום בּיי דיא פּאָלינעזיער. — פּריוואַט־אייגענטהום אויף ערד־פּראָדוקטען אלס רעזולטאַט פון ארבּייט. — אייגענטהום אין ניי־זעעלאַנד. — פאַמיליען־אייגענטהום און ירושה־רעכט. — דער יעזואיטען־קאָמוניזמוס אין פּאַראַגוואַי.

ווען אַמעריקאַ איז ענדעקט געוואָרן, האבען זיך דיא אינדיאַנער געפונען אויף פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג. דיא העכסטע שטופע האבען דערגרייכט, וויא מיר ווייסען עס, דיא אַצטעקען אין מעקסיקאָ און דיא אינקאַס אין פּערו. נאר אפילו דיא שטאַמען, וועלכע האבען זיך כמעט אויסשליסליך בעשעפטיגט מיט געיעג, זיינען שוין געשטאַנען עטוואָס העכער וויא דיא אויסטראַליער.

זיי האבען מייסטענס גענהאט בעשטימטע יאגד־פלעצער אדער טער־ריטאָריעס, וואו זיי האבען אזוי שטרענג אָפּגעהיט זייערע געמיינ־שאפטליכע רעכטע, אז דער שטאם אהטען האט, צום ביישפּיעל, געוועלט צווינגען דעם בעריהמטען ענגלישען רייזענדען קאפּיטאן קוק, אז מען זאָל זיי בעלוינען פאר דאס וואסער, האָלץ און גראָז וועלכע דיא מאטראָסען האבען געברויכט. זיי פלעגען זאָגאר אָפּצאמען דיא טייכען אין זייערע טעריטאָריעס, אום אנדערע זאָלען דאָרטען ניט קענען פאנגען פיש און דורכפאָהרען. צוליעב דיא גרענצען פון זייערע טעריטאָריעס פלעגען זיי פיהרען דיא בלוטיגסטע מלחמות.

אבער אויסער אויף גענציג, געוועהר, שיפלעך און שקלאווען האבען זיי נאך זעהר ווייניג אנשפּרוך געמאכט אויף אנדערע זאכען אלס זייער פּריוואט־אייגענטהום. דיא וואָהנונגס־הייזער געהערען נאך צו אלעמען, און מען בויט זיי אויך געמיינשאפטליך. שפּייז־זאכען זיינען אייגענטליך ניט א געזעלשאפטליכעס אייגענטהום; אבער אין פאל פון נויט האט יעדער געהאט א רעכט צו בענוצען זיך מיט דיא זאפּאסען פון זיינע שכנים. ביי פיעלע שטאמען האבען זיך שוין אבער אָנגעפאנגען ארויסצו־ווייזען נייגונגען צו ערווערבען פיר פּריי־וואט־געברויך וואס מעהר זאכען. דאס איז אבער ניט איינגעפיהרט געוואָרן דורך א שטרעבונג צו אָנזאמלונגען, נאר דורך דיא שטרע־בונג צו געווינען אכטונג און איינפלוס. עס איז שוין יעדענפאלס ערלויבט געווען צו האלטען אין פּריוואט־בעזיץ א סך זאכען, ניט וויא ביי אנדערע ווילדע פעלקער, צום ביישפּיעל דיא עסקימאָסען, וועלכע דערלאָזען ניט, אז איינער זאָל האבען מעהר וויא דער אנ־דערער און אז דיא נאטירליכע גלייכהייט זאָל דורך דעם געשטערט ווערן. אויף דיזען גרונד פלעגט מען איבריגע זאכען, ד. ה. אזעלכע וואס מען האט ניט געקענט גלייך פערצעהרען, איינפאך צושטערען און פערניכטען. דאס איז געווען דיא לאָגיקע פון ווילדע מענשען ניט צו דערלאָזען אונטערדריקונג דורך פּריוואט־אייגענטהום. זאָגאר ביי דיא אינדיאנער, וועלכע פלעגען שוין האלטען ביי זיך זאפּאסען און זיי אָפּגעבען דעם כלל, אום זיך אויסצופיינען וועהרענד פעסט־ליכקייטען און געמיינשאפטליכע סעודות און דערמיט קריגען אנזע־

הען און כבוד, פלעגען מאַנכע איינפאַך צושטערען זייערע איבעריגע שיפלעך, צודעקען און אַנדערע זאַכען, אום דערמיט צו בראַווירען און אַרויסצווייזען זייער אונאייגענוציגקייט.

ביי דיא אינדיאַנער, וויא דיא איראָקעזען, וועלכע האבען זיך שוין מעהר בעשעפטיגט מיט אַקערבוי, האט זיך אָנגעהייבען ארויס־צו־ווייזען א שטרעבונג צו פאַמיליען־איינענטהום אין לאַנד. נאך דיא בעגריפע פון אפילו מעהר ענטוויקעלטע אינדיאַנער שטאַמען, וויא איבערהויפט ביי אלע פעלקער אפילו אויף א הויכע קולטור־שטופע, איז דאס לאַנד געוועזן אונפערקויפבאַר, הגם ניט פריי פיר יעדען. „דיא ערד איז אזוי וויא וואַסער און פייער; מען קען איהר ניט פערקויפען", פלעגען דיא אינדיאַנער ענטפערן אויף דיא אָנבאָ־טונגען פון דיא ווייסע צו פערקויפען זיי לאַנד. און אָנפאַנגס פלע־גען זיי נאָר אויס פורכט פערקויפען זייער לאַנד צו דיא ווייסע. אָפּגעבען איינעם א שטיק לאַנד האט ביי זיי געהייסען איהם געבען דאס רעכט איהר צו בעאַרבייטען און צו בענוצען זיך מיט דיא פרוכטען פון דער נאַטור און פון זיין אַרבייט. בלויז איינינע פון דיזע שטאַמען זיינען שוין אין דיזער בעציהונג דערגאַנגען אזוי ווייט, אז עס איז ערלויבט געוועזן פאַמיליען אומצובייטען זיך מיט זייערע פעל־דער. אונבעאַרבייטעטע לאַנד האט יעדער געקענט פערנעהמען, אום דאָרט צו פערזייהען וואס ער האט געוועלט. דאס העכסטע רעכט איז אבער אלץ פערבליבען ביי דעם גאַנצען שטאַם, און אלע האָ־בען זיך געפיהרט נאך זעהר שטרענג בעשטימטע מנהגים, וועלכע האבען שטאַרק בעשרענקט דיא פּערזענליכע פרייהייט פון יעדען איינצעלנעם מיטגליעד. זיי זיינען אבער אזוי צוגעבונדען געוועזן צו זייער שטאַם, האבען זיך געפיהלט אזוי סאָלידאַריש דורך זייער ענגען געמיינשאַפטליכען לעבען, דאס זיי האבען גאָר ניט געדע־כענט דיזע בעשרענקונגען אלס א'ן אָנגריף אויף זייער פּערזענלי־כע פּרייהייט. פריהער פאַר אלץ זיינען ביי זיי געשטאַנען דיא אינטערעסען פון שטאַם, און יעדער האט זיך געפיהלט פערפּפליכ־טעט צו פאָלגען דיא איינפיהרונגען פון נייע בעשליסע און דיא עלטסטע.

זייער געזעצ פלעגען זיי מייסטענס אויף פיהרען געמיינשאפטליך. אפגעזונדערט האט זיך יעדערער געפיהלט ניט נאר שוואך און קליין, נאר איינפאך פערלארען. דארום איז פערטרייבונג פון א שטאם ביי אלע ווילדע פעלקער בעטראכטעט געוועזן פאר דיא שרעקליכסטע שטראף, דען דאס האט איינפאך בעדייטעט טויט נאך דיא גרעסטע ליידען. ארויסצוגיין איינציגווייז אין א געזעצ אויף בופעלאקסען איז געוועזן גערעכענט פאר א פערברעכען, און אלע איינצעלהייטען פון א געמיינשאפטליכען געזעצ זיינען געוועזן רעגולירט אויף דאס מינדעסטע. דיזע געמיינשאפטליכע געזעצ האבען נאטירליכערווייזע געפיהרט צו דיא וואהלען פון אנפיהרער; און דאדורך איז מיט דער צייט געבראכען געווארן דיא אורשפרינגליכע גלייכהייט פון דיא מיטגליעדער פון איין שטאם. ביי דיא שטאמען, וואו פריוואט־אייגענטהום איז שוין דערגאנגען ביז צו שפייז־זאכען און פאמיליען לאנד־חלקים, האט מען שוין גענומען וועהלען דיא פיהרער פון צווישען דיא רייכערע מיטגליעדער, זא דאס עס איז ביסלעכווייז ענטשטאנען דורך דעם א׳ן א ר י ס ט א ק ר א ט י ע, און דיא פיהרער האבען געקראגען אלץ א ג ר ע ס ע ר ע מ א כ ט. דא האבען מיר אלזא דעם איבערגאנג פון רעפובליקאנישע אין מאנארכישע ארגאניזאציאנען; א׳ן איבערגאנג, וועלכער וויעדערהאלט זיך אויף דיא זעלבע ארט און ווייזע ביי אלע פעלקער אויף א געוויסע שטופע פון אייגענטהומס־ענטוויקלונג.

דער קאמוניסטישער גייסט, אלס א סאציאלע ירושה אין פערלויף פון אונצעהליגע יאהרען, איז דאך נאך זעהר שטארק געבליבען איינגעווארצעלט אפילו ביי דיא אינדיאנער שטאמען, וועלכע האבען שוין אנערקענט א פאמיליען־רעכט אויף לאנד. דיזער גייסט האט זיך אויף אויסגעדריקט אין א י ב ע ר ב י י ט ע ן פון צייט צו צייט דיא טהיילען לאנד, וועלכע זיינען בעארבייטעט געוועזן פון דיא מיטגליעדער בעזונדער. אזעלכע איבערבייטונגען פון בעארבייטעטע חלקים לאנד אין געוויסע צייטען זיינען געוועזן איינגעפיהרט ביי אלע פעלקער אין דער וועלט, זא לאנג זיי האבען געלעבט אין געמיינדען מיט א געמיינשאפטליכען אייגענטהומס־רעכט אויף זייערע טערי־

טאָריעס, און זיי זיינען נאך ביז היינט פערבליבען אין דיא לענדער, וואו אזעלכע געמיינדעס האַלטען זיך נאך אָן, טראָץ דיא צושטע־רענדע ווירקונגען פון יעצטיגען פריוואַט־איינענטהום אין זיין קאַפּי־טאַליסטישער פאָרמע. אין רוסלאַנד, צום ביישפּיעל, זיינען נאך ניט אונטערגעגאַנגען אין גאַנצען דיא אַלטע געמיינדעס אָדער „אָבשצי־נעס" (община) מיט דיא פּעריאָדישע איבערבייטונגען פון געמיינ־שאַפטליכע חלקים ערד. דיזע איבערבייטונגען הייסען אויף רוסיש черный передѣлъ (שווארצע איבערמאכונג). אין אינדיען, וואו דער אַלטער געמיינדע־לעבען איז נאך מעהר פערבליבען אין קראַפט, וויא אין רוסלאַנד און אין אַנדערע סלאַווישע לענדער, זיינען דיא מיטגליעדער זעהר שטאַרק אָפּהענגיג פון קהל און אפילו דיא פּראָדוקטען פון בעאַרבייטעטע לאַנד געהערן ניט צו איינצעלנע פּערזאָנען, נאר צו גאַנצע פאַמיליעס. דאס גייט אזוי ווייט, אז ווען א באַיאַ־דערין (טענצערקע) פערדיענט א סך, בעשטימען דיא געמיינדע־ריכ־טער, אז זיא מוז אָפּגעבען א טהייל פון איהר פערדיענסט צו איהרע פערוואַנדטע, „ווייל זיא איז דאך ערצויגען געוואָרן אויף זייערע מיטעל".

דער צוועק פון דיזע פּעריאָדישע איבערבייטונגען פון בעאַרביי־טעטע חלקים לאַנד איז געוועזן אָפּצוהאַלטען דיא ענטשטעהונג פון אונגלייכהייט דורך פּריוואַט־איינענטהום. ווען א פאַמיליע האט ביי א פערטהיילונג געקראָגען א צו גוטען חלק, האט זיא עס געמוזט אָפּטרעטען ביי א'ן אנדער פערטהיילונג צו א'ן אנדער פאַמיליע, און דיא אורשפּרונגליכע גלייכהייט איז פיעל ווינציג אָנגעהאַלטען געוואָרן. יעדענפאַלס האט איין פאַמיליע ניט געקענט צו רייך ווערן ביי אזא אָרגאַניזאַציאָן. דעם זעלבען צוועק האט אויך געהאַט, וויא בעוואוסט, דיא איינפיהרונג פון שמיטה און יובל ביי אידען; נאר ווענען דעם וועלען מיר נאך האבען שפּעטער צו ריידען.

ביי דעם אינדיאַנער שטאַם פּועבלאָסען אין ניי־מעקסיקאָ, וועלכע זיינען ספּעציעל בעוואוסט געוואָרן דורך זייערע מערקווירדיגע גרויסע הייזער, געבוים איינע איבער דיא אַנדערע אזוי וויא ריזיגע טרעפּ, וואו זיי האבען געלעבט אלע צוזאַמען, — ביי זיי איז דאס

איינגענטהום און בעזאָנדערס דיא פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן געווען מעהר ענטוויקעלט וויא ביי אלע איבריגע אמעריקאַנער פעלקער אויסער דיא אַצטעקען און אינקאַס. זייערע לייטער־ארטיגע געביידעס זיינען ענטשטאַנען דורך דעם, וואס זייערע ערשטע גרויסע געמיינשאַפטליכע הייזער האבען זיי צוזאַמענגעשטעלט ביי דיא זייטען פון הויכע בערג אלס א בעשיצונג געגען שונאים, און נאכהער, ניט האָבענדיג געענוג פּלאַץ צו בויען נייע הייזער אין דער ברייט, האבען זיי זיך פערשפּרייט אין דער הויך אויף דיא בערג. מיט דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג זיינען אזוי צוגעקומען אלץ נייע טרעפּ מיט הייזער. זיי האבען זיך מייסטענס בעשעפטיגט מיט אַקערבוי, בעאַרבייטענדיג דאס געמיינשאַפטליכע לאַנד פאַמיליענווייז. זיי האָבען שוין געקענט וועבען פון בוימוואָהל און זיינען אויך וואַהרשיינליך געווען דיא ערשטע צו קולטיווירען אינדיקעס. יעדער טרעפּען־ארטיגער דאָרף זייערער אָדער „פּועבלאָ" האט שוין געהאט א'ן אָנפיהרער און א ראַטה פון עלטסטע. צוערשט זיינען דיא אָנפיהרער געווען אויסגעוועהלט וויא ביי אלע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופע; אבער נאכהער זיינען דיזע אָנפיהרער, גענאַנט קאַציק, געוואָרן אזוי וויא קעניגע און האבען גענומען איבערגעבען זייער אַמט בירושה. דיא נאך יעצט פערבליבענע פּועבלאָסען, אונגעפעהר 7000 נפשות, פיהרען זיך שוין מאָנאַרכיש. אונטער דעם איינפלוס פון דיא אויראָפּעער האבען זיי זיך אויך פיעל געענדערט, זאָ דאס פּריוואַט־איינגענטהום האט שוין ארויסגעשטויסען דאס געמיינשאַפטליכע אדער קאָמונאַלע; און ביי זיי זיינען שוין אויך דאָ אָרימע און רייכע. פון זייער אַלטע געמיינדע־אָרגאַניזאַציאָן זיינען נאר ביי זיי פערבליבען זייערע געמיינשאַפטליכע הייזער, וועלכע זיי בויען אויך אלע צוזאַמען.

אין אַלגעמיינען האבען זיך דיא אינדיאַנער געפונען אין אזא צושטאַנד, בשעת זיי זיינען געקומען אין בעריהרונג מיט דיא אויראָפּעער, דאס ביי זיי האט זיך ערשט גענומען אויסשיידען פּריוואַט־איינגענטהום פון איין זייט און א מאָנאַרכישע אָרגאַניזאַציאָן פון דער אַנדער זייט. דאַרום זיינען זיי נאך לאַנג פערבליבען פרייע קינדער פון דער נאַטור מיט דיא אלע גוטע מעלות, וואס ווערן ענטוויקעלט

דורך א געמיינשאפטליכען לעבען. געוויס זיינען זיי געוועזן ווילד און גרויזאם; אבער מייסטענס נאר צו פרעמדע; און יעדענפאלס וואָלטען זיי נאך ערגער געוועזן, ווען זיי וואָלטען געלעבט אָפּגעזונדערט און ניט בעטראכטעט זיך אלס, זאָ צו זאָגען, צוזאמענגעוואקסענע טהיילען פון זייערע שטאמען. פיעלע רייזענדע האבען בעוואונדערט דיא גאסטפריינדליכקייט און דיא סאָלידארישע געפיהלען פון דיא אינדיאנער. דיא מיסיאָנערען, וועלכע האבען געלעבט צווישען זיי, האבען פיעל געלויבט דיזע ווילדע פאר דיא ליעבענסווירדיגקייט און שטיצע, וואס זיי האבען געצייגט איינער צו דיא אנדערע. דער יעזואיט שאלוואוא דריקט אויס זיין פערוואונדערונג וועגען דעם גוט־ווילען פון דיא אינדיאנער איינע צו דיא אנדערע, וויא זיי פאסען אויף זאָרגפעלטיג אויף דיא יתומים, אלמנות און קאליקעס און וויא שטארק ביי זיי איז ענטוויקעלט דיא גאסטפריינדליכקייט, און ער דרינגט דערפון, אז דיא סאָלידארישע געפיהלען זיינען ביי זיי דער רעזולטאט פון דעם, וואס זיי ווייסען נאך ווייניג פון „מיינס און דיינס" און וואס זיי דיינקען, אז אלעס, וואס מענשען בעזיצען, דארף זיין געמיינשאפטליך.

דער פראנצויזישער רייזענדער לאהאָטאן שרייבט וועגען דיא אינדיאנער אזוי: „דיזע ווילדע ווייסען ניט פון מיינס און דיינס, דען דאס וואס עס געהערט צו איינעם, געהערט אויך צו אלעמען. ווען עס טרעפט, אז איינעם געלינגט ניט אויף דער יאגד, העלפען איהם זיינע חברים ניט ווארטענדיג, אז ער זאָל ביי זיי בעטען. ווען ביי איינעם ווערט צובראָכען א ביקס, איילט זיך יעדערער איהם פאָרצושלאָגען א'ן אנדער ביקס. ווען איינעם'ס קינדער ווערן גע־פאנגען אדער געטויטעט פון פיינדע, גיט מען איהם שקלאווען, אז די זאָלען איהם ערנעהרען. געלט איז נאר פערשפרייט ביי דיא אינ־דיאנער־קריסטען, וועלכע וואָהנען לעבען אונזערע שטעט. דיא אי־בעריגע ווילדע ווילען זיך דערמיט ניט בענוצען און קענען עס אפילו ניט אָנקוקען. זיי רופען געלט „דיא שלאנג פון פראנצויזען". זיי זאָגען, אז מיר טויטען, בעראבעווען, פערקויפען און פערראטהען איינע דיא אנדערע צוליעב געלט; אז פאר געלט פערקויפען מענער זייערע ווייבער

און מוטערס זייערע טעכטער. זיי קענען ניט בענעהמען, וואס ביי אונז זיינען איינע רייך און דיא אנדערע אָרים און וואס מען אכטעט מעהר דיא רייכע... זיי זאָגען זיך ניט, שלאָגען זיך ניט, גנב'ענען ניט און ריידען קיין מאָל ניט קיין רכילות איינע אויף דיא אנדערע".
דער יעזואיט לאפיטאָ און אנדערע פון דיא ערשטע מיסיאָנערען אונטער דיא אינדיאנער בעשטעטיגען דיזע בעשרייבונגען און דערציילען, דאס ווען שטאמען זיינען פריינדליך, העלפען זיי גרויסמוטהיג אויס איינע דיא אנדערע אָהנע ווענען דעם געבעטען צו ווערן.
נאר וויא שוין געזאָגט, זיינען שוין אייניגע אינדיאנער מעהר אדער ווייניגער ארוים פון דיזען ערשטען קאָמוניסטישען און רעפובליקאנישען צושטאנד. ביי מאנכע איז שוין זאָגאר איינגעפיהרט געווען א ירושה אויף געוויסע בעוועגליכע זאכען. נאר דער פאקט אליין, אז שקלאווערייע האט שוין עקזיסטירט ביי פיעלע שטאמען און פעלקער צייגט קלאָר אָן אויף א'ן ענטוויקלונג פון פריוואט-אייגענטהום. דיזע ענדערונג, וועלכע האט געדויערט זעהר לאנגע יאָהרען, האט געפיהרט צו א מעהר אדער ווענינער ענטוויקעלטע מאָנארכישע אָרגאניזאציאָן, וועלכע האט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אין מעקסיקאָ און פערו, וואו דיא שפאניער האבען זיך צוזאמענגעטראָפען מיט גוט אָרגאניזירטע מלוכות. פריוואט-אייגענטהום אויף ערד האט נאך אין אמת'ן ניט עקזיסטירט אפילו ביי דיא פאָרגעשריטענסטע אמעריקאנער פעלקער, וויא דיא אצטעקען און אינקאס. דאס לאנד האט דאָרטען געהערט אין דער פערזאָן פון דעם קעניג צו אלעמען. אין פערו האט עקזיסטירט דיא גרעסטע און מערקווירדיגסטע קאָמוניסטישע מלוכה אויף דער ערד, און דיא קעניגע, וועלכע זיינען געוועזען פערגעטערט אלס דיא ברידער פון דער זון אויף דער ערד, האבען איבער אלעס קאָמאנדעוועט וויא פאטריארכען איבער זייערע פאמיליעס. עס זיינען שוין דאָרט געוועזען ענטוויקעלטע אריסטאָקראטיעס, עס זיינען שוין געוועזען רייכע און אָרימע, עס זיינען שוין איבערהויפט ענטשטאנען בעזונדערע קאסטען און קלאסען; אבער אייגענטהום האט נאך אין אלגעמיינען אלץ אָנגעהאלטען דיא אלטע קאָמונאלע פאָרמען.

אלס דיא ערשטע אורזאכע פון דיא ענטשטעהונג פון קלאסען, קאסטען און איבערהויפּט פון אונגלייכהייט אין פערמעגען דארף מען רעכענען ניט אזוי דיא פּריוואט־פערנעהמונג פון זאכען, זאנדערן דיא פערכאפּונג פון מענשען, אום זיי צו מאכען פאר שקלאווען. עס איז יעדענפאלס זיכער, אז איינע פון דיא ערשטע פארמען פון פּריוואט־איינענטהום איז איבעראל געוועזען דיא פערשקלאוואונג פון פרויען און קריעגס־געפאנגענע. דיא געצייג, געוועהר און פוץ־זאכען זיינען נאַטירליך נאך פריהער געוועזען פּריוואט־אייגענטהום; אבער דאס האט ניט געקענט פיהרען צו א בעמעקבארע אונגלייכהייט שוין צוליעב דעם אליין, וואס יעדער ווילדער האט זיך אליין וויא עס איז גע־קענט שאפען אזעלכע זאכען און קיינער האט ניט בעדארפט זיך איינשאפען מעהר וויא ער האט ווירקליך געברויכט. אויסער דעם זיינען דיזע זאכען מייסטענס צושטערט געווארן נאך דעם טויט פון זייערע אייגענטהימער, וויא מיר האבען עס שוין אין פאריגען קאפּי־טעל געזעהען. גאנץ אנדערס איז עס אבער געווארן, ווען מען האט גענומען אומוואנדלען קריעגס־געפאנגענע אין שקלאווען. פון איין זייט האט דאס געפיהרט צו א פערמעהרונג פון מלחמות און פון דער אנדער זייט צו א פערגרעסערונג פון דער מאכט פון דיא קריעגערס און בעזאנדערס פון זייערע אנפיהרערס. פיהפיטערונג איז ניט גע־ווען ענטוויקעלט ביי דיא אינדיאנער, אויסער טהיילווייז ביי דיא אלטע פּערואנער, וויא מיר ווייסען עס שוין, זא דאס א קלאסען־פערטהיילונג מיט אונגלייכהייט אין פערמעגען האט זיך נאר אנגעפאנגען און פערשטארקט דורך פערכאפּונגען פון שקלאווען אלס ארבייטס־קרעפטע, דען דיא ערד איז דאך אפילו אין דיא פארגעשריטענסטע מאנארכישע לענדער פערבליבען געמיינשאפטליכעס אייגענטהום, אב־הענגיג פון דעם גוטען ווילען פון דיא קעניגע. שוין ביי אזא ווילדען שטאם, וויא דיא נוטקאס זיינען דיא שקלאווען געווארן דיא וויכטיג־סטע סחורה. אויף זיי פלעגט מען ארויפלייגען דיא שווערסטע אר־בייט, און דיא פרויען־שקלאווינען האבען נאך אויך געדיענט אלס פּראסטיטוטקעס. דיא קינדער פון דיא שקלאווען זיינען שוין פון זייער געבורט אן געווען גערעכענט פאר שקלאווען, און אלע צוזאמען

האבען זיי געבילדעט דיא נידריגסטע קאסטע. מיט דיא שקלאווען פלעגט מען זיך בעגיין גראדע וויא מיט בהמות, און זיי זיינען גע־ווען דער גרעסטער האנדעלס־ארטיקעל.

נון, עס פערשטייט זיך, אזוי וויא פאר שקלאווען פלעגט מען אנפאנגס מאבען נאר פרעמדע, וועלכע מען פלעגט מייסטענס קריעגען דורך זיעגרייכע מלחמות, זא האבען דיא שטארקערע און פעהיגערע קריעגערס געקראגען מעהר אויף זייער חלק, און דאס האט שוין שנעל געפיהרט דערצו, אז דיא יעניגע, וואס האבען געהאט מעהר שקלא־ווען, האבען זיך אנגעפאנגען צו בעטראכטען פאר העכערע און „אדע־לערע“ מענשען. דיא שקלאווען זיינען איבעראל בעטראכטעט געווען נים אלס פון דער נאטור געשאפענע, נאר אלס ערווארבענע זאכען, און זעהר זעלטען האט מען זיך דארום בענוצט מיט זיי וויא מיט א געמיינשאפטליכען אייגענטהום. זיי האבען מייסטענס געהערט אויס־שליסליך צו זייערע הערדען, וועלכע האבען זיי דירעקט געפאנגען אדער געקראגען אלס זייער רויב־חלק נאך א שלאכט, און דארום האט מען זיי אויך באלד גענומען איבעלאזען בירושה אלס א פא־מיליען־אייגענטהום; און דאס האט שוין געפיהרט צו דער ענטשטעהונג פון א גאנצען אריסטאקראטישען קלאס און פון מלכים.

מיר קענען נים פערנעהמען מעהר פלאץ מיט אייגצעלהייטען וועגען דיא אמעריקאנער פעלקער אויף פערשיעדענע שטופען פון קול־טור, דען מיר שרייבען נים א ספעציעלעס ווערק איבער דיא ענט־וויקלונג פון אייגענטהום ביי אלע פעלקער; אבער פון דעם געזאג־טען און דיא געבראכטע ביישפיעלע קען מען שוין מיט זיכערהייט שליסען, וויא אזוי פערכאפונגען און פריוואט־אייגענטהום האבען זיך אנגעפאנגען, צושטערענדיג דיא אורשפרונגליכע גלייכהייט מיט דיא רעפובליקאנישע געמיינדע־ארגאניזאציאן און פיהרענדיג צו מאנאר־כיעס און אריסטאקראטיעס, הגם דיא ערד זעלבסט איז נאך לאנג אנערקענט געווארן אלס געמיינשאפטליכעס־אייגענטהום.

דיא מאנארכישע ארגאניזאציאנען אין אמעריקא האבען זיך געפונען ארום צוויי קולטור־צענטערס, וועלכע זיינען בעזונדער אז

זעלבסטשטענדיג ענטשטאַנען אונטער אונגעפעהר דיא זעלבע בעדינ־גונגען. דאס זיינען געווען פערו און בעזאָנדערס מעקסיקאָ, וואוהין דיא ווילדע יעגערס האבען זיך שטענדיג געריסען, אום צו פיהרען א לייכטערן און בעסערן לעבען, אַקוראַט וויא דיא ווילדע און פיה־פיטערנדע פעלקער אין דער אַלטער וועלט האבען זיך אַלץ געריסען נאך דיא דריי וויכטיגסטע קולטור־צענטרעס: מצרים, בבל און כינא. אין אַמעריקא איז אויך אָנגעגאַנגען דער מאַרש פון נאָרד־פעלקער נאך דעם זידען, און איין פאָלק האט געיאָגט דעם אַנדערן פון דיא בעסטע פלעצער—מעקסיקאָ און פערו—צומישענדיג זיך ביסלעכווייז און איבערלאָזענדיג אלס ירושה זייערע בעסטע אויפטואונגען אויף דעם קולטור־וועג. דאַרום זיינען עס אין דיזע צוויי גינסטיגע פונקטען ענטשטאַנען שטאַרקע מלוכות, וועהרענד אַלץ ווייטער צום נאָרד איז מעהר פערבליבען דיא אורשפּרינגליכע רעפּובליהאַנישע אָר־גאַניזאַציאָן מיט דיא אורשפּרינגליכע גלייכהייט.

אונגעפעהר אויף דער זעלבער שטופע פון ענטוויקלונג האבען זיך געפונען דיא שטאַמען אויף דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאַן אדער, מיט איין וואָרט, אין פּאָלינעזיען, ווען אייראָפּעאישע שיפען און רייזענדע זיינען אהין צוגעקומען. דיא מייסטע שטאַמען זיינען שוין לאַנג ארויס אפילו פון דיא אורשפּרינגליכע רעפּובליקאַנישע אָר־גאַניזאָציאָן און האבען שוין געהאַט קעניגע, אַריסטאָקראַטען, א קלאַס פון בעאַמטע און ניט זעלטען אויך שקלאַווען. עס זיינען שוין געווען רייכע און אָרימע, פּריווילעגירטע און פערלאָזענע פון געבורט אָן, און דיא פריהערע געמיינשאַפטליכע אייגענטהומס־רעכטע האבען שוין נאַטירליך ניט עקזיסטירט. נאר פון דעסטווענען זיינען נאך אויף אַלע אינזלען מעהר אדער ווייניגער פערבליבען געווגנג סמנים פון דעם אורשפּרינגליכען קאָמוניזמוס, וויא פיעלע רייזענדע האבען עס פער־צייכענט, צום ביישפּיעל, דער פראַנצויז לאַפּערוז און דער ענג־לענדער קוק. אויף אייניגע אינזלען האבען דיזע ביידע בעריהמטע קאַפּיטאַנען נאך געפונען לאַנגע געמיינשאַפטליכע הייזער, וואו דיא שפּייז האט געהערט צו אַלעמען. אויף דיא סאַמאָא־אינזלען האבען נאר פרייע געהאַט א רעכט צו נעהמען נויטיגע זאַכען ביי שכנים;

אבער ניט דיא שקלאַווען, דען דיא לעצטע זיינען בעטראַכטעט געווען אלס בהמות, וואס זייער בעל־הבית האט צו קאַרמענען, וויא ערקען. אין ניי־זעעלאַנד, וואו דיא ענטוויקלונג איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַמער, ווייל דיזע אינזלען זיינען געלעגען ווייטער צום זידען און האָבען כמעט קיין פערקעהר געהאַט מיט דיא אינזלען צום נאָרד, זיינען נאָך פערבליבען געמיינדעס מיט אלטע פיהרונגען, וואו אפילו דיא נעצען און געוועבטע זאַכען זיינען געווען געמיינשאַפטליכע.

נאר אין אלגעמיינען איז שוין דער געפיהל פון פריוואַט־אייגענטהום געווען פיעל מעהר איינגעוואָרצעלט ביי דיא פּאָלינעזיער, וויא ביי דיא פּאָרטנגעשריטענסטע אינדיאַנער. ניט נאר פערשיעדענע זאַכען זיינען שוין געווען אין פּריוואַט־בעזיץ אזוי ווייט, אז מען האט זיי געברויכט צום אויסטויש און האנדעל, זאָנדערן אפילו דאס לאַנד איז שוין געוויסערמאַסען געווען פּריוואַט־אייגענטהום. דיא בעאַרבייטעטע שטיקער לאַנד זיינען שוין געווען אָפּגעצאַמט, און דיא אייגענטהימער פלעגען זיי שטאַרק אָפּהיטען. דאס ניט בעאַרבייטעטע לאַנד האט נאָך געוויינליך געהערט צו אלעמען, אויב דיא פיהרער אָדער קעניגע וועלכע האבען זיך ביסלעכווייז ערוואָרבען א דעספּאָטישע מאַכט, האַלטענדיג זיך פאַר האלבע אדער גאַנצע געטער, האאבען עס ניט פערכאַפּט פאר זיך, אום צו נעהמען אָפּצאָהלונגען ביי דיא נייע דורות. וויא באַלד איינער האט נאר צוגעלייגט זיין אַרבייט צו א שטיקעל לאַנד אדער האט איינפאַך פערזייהט אדער אויפגעפּאַסט אויף א בוים, איז עס שוין געווען בעטראַכטעט אלס זיין געזעצליכעס אייגענטהום; וואס עס צייגט ווידער, אז דער ערשטער גרונד פון פריוואַט־אייגענטהום איז איינפאַך געווען מענשליכע אַרבייט. ביי דיא פּאָלינעזיער איז דיזער גרונד אזוי ווייט אנערקענט געווען, דאס ניט זעלטען פלעגט עס טרעפען, אז דיא ערד און דיא בוימער וועלכע זיינען אויף איהר געוואַקסען, האבען געהערט צו פערשיעדענע אייגענטהימער.

אזא אָפּזונדערונג פון אייגענטהום אויף ערד און פון אייגענטהום אויף איינגעפלאַנצטע בוימער אדער אויפגעבויטע הייזלעך געפינען מיר ביי פיעלע פעלקער, און ביז היינטיגען טאָג איז נאָך, צום

ביישפיעל, אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ ברעטאַן פערבליבען א
סמן פון דיא פריהערע איינריכטונגען אין דעם זאָ־גענאַנטען domaine
congeable, דאס הייסט אין לאַנד, וואס ווערט אָפּגעגעבען צו בע־
אַרבייטען אויף אַ׳ן אונבעשטימטע צייט, נאר וואס דער איינענטהי־
מער קען צונעהמען. דיזע אָפּזונדערונג איז ארויסגעקומען דורך דעם,
וואס דאס לאַנד זעלבסט איז נאך לאַנג בעטראַכטעט געווען אלס
געמיינשאַפטליכעס און אונפערקויפבאַרעס, ווען דיא פּרוכטען פון
איהר האט מען גערעכענט פאר פּריוואַט־איינענטהום און דערמיט
געהאַנדעלט. און ווען מען האט גענומען פערקאַפען לאַנד אלס
פּריוואַט־איינענטהום אדער קריגען חלקים פון דיא קעניגע, וועלכע
האבען פערקאַפט פאר זיך דעם אויבער־רעכט פון דיא געמיינדעס
אויף זייערע טעריטאָריעס, דאַן איז עס אויסגעקומען, אז דאס לאַנד
האט געקראָגען דער יעניגער, וועלכער האט דאָרטען גאר ניט פער־
זייהט, זא דאס דיא בוימער וויניגסטענס זיינען פערבליבען ביי דיא
אַלטע אַקערבויער.

אין ניי־זעעלאַנד האבען צוגלייך עקזיסטירט דרייערליי לאַנד־
איינענטהימער: דער שטאַם, דיא פאַמיליע און איינצעלנע פּערזאָנען,
און אזוי איז עס אויף א געוויסע קולטור־שטופע געווען ביי אלע
פעלקער. און דאס איז פאָרגעקומען אזוי: צוערשט האט דיא אוי־
בערמאַכט געהערט צום שטאַם, נאר ביסלעכווייז איז דיזע מאַכט
איבערגעגאַנגען צום פיהרער, וויא מיר האבען עס שוין אויבען גע־
זעהען. דורך אַלין וויטערע פערכאַפּונגען פון פערשיעדענע ארבייטס־
און טויש־מיטעל, בעזאָנדערס פון שקלאַווען, איז דיזער פיהרער אַלין
ווייטער געוואָרן א דעספּאָט, וועלכער האט זיך אויך בענוצט מיט
דיא רעליגיעזע איינבילדונגען, אום צו פערגעטליכען זיין מאַכט, וויא
מיר וועלען עס שפּעטער זעהען. נאר דיא ערטער פיר געיעג און
פיש־פאַנגען זיינען נאך לאַנג פערבליבען אַלגעמיינעס איינענטהום.
און אפילו דאָרט, וואו איינצעלנע פּערזאָנען האבען שוין גענומען
רעכענען שטיקער לאַנד אלס זייערע אייגענע, איז דאס אָנפאַנגס
אַנערקענט געווען נאר אזוי לאַנג, וויא דיזע טהיילען ערד זיינען
ווירקליך בעאַרבייטעט געוועז. אין יענע צייטען, ווען

מען האט נאך ניט געוואוסט פון בייטען דיא זריעה אויף פעלדער און אפילו פון בעמיסטיגונג, האט מען געמוזט לאָזען פוסטעווען א פעלד עטליכע יאָהר נאָכדעם וויא מען האט שוין איין מאָל צוזאַ־מענגעקליבען דיא פערזייהטע פלאַנצען. יעדער אַקערבויער האט אַלזאָ געמוזט זיך זוכען נייע פעלדער פיר בעארבייטונג, זאָ דאס זיין אייגענטהום איז נאר אין אמת'ן געווען אויף דיא פראָדוקטען. און ווען אַ'ן אנדערער האט גענומען וויעדער בעארבייטען אַ שטיק פער־לאָזענע לאַנד, זאָ האט דער פריהערער אַקערבויער נור געקענט האָ־בען א רעכט אויף דיא בוימער אדער אייגענטליך אויף דיא פרוכ־טען פון דיא בוימער, וועלכע ער האט דאָרטען פערפלאַנצט אדער דער ערשטער געפונען וואַקסענדיג. נאר אפילו דיא שוין פערנומענע שטיקער לאַנד זיינען מייסטענס געווען בעארבייטעט אין פאָלינעזיען פון גאַנצע מעהר אדער וויניגער גרויסע פאַמיליען, וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט איבערבייטען דיא חלקים פון דיא מיטגליעדער. דאס האט מען געטאָן ניט נאר אום אָנצוהאַלטען א געוויסע גלייכהייט צווישען דיא מיטגליעדער, זאָנדערן ווייל אין פאָלינעזיען האט יעדער ניי־געבאָרענער געהאַט א רעכט אויף א געוויסען טהייל פון פאַמי־ליען־פערמעגען. עס איז גאַנץ מעגליך אז דיא איבערבייטונגען פון בעארבייטעטע שטיקער לאַנד האבען אויך געפיהרט צו דיא אַנער־קענונג פון ירושה־רעכט. אויף פיעלע אינזלען איז געווען איינ־געפיהרט, אז פאַר'ן טויט פון א פאַמיליען־הויפּט פלעגט מען צוזאַ־מענרופען אלע פערוואַנדטע, און ער פלעגט זיי איבערגעבען זיין לעצ־טען ווילען, וועלכער פלעגט הייליג אויסגעפיהרט ווערן. ביסלעכווייז האט מען אויך אזוי גענומען פערטהיילען דעם חלק פון פאַמיליען־לאַנד, וועלכע איז טראָץ דעם געווען אנערקענט אלס געמיינשאַפט־ליכעס אייגענטהום פון גאַנצען שטאַם און יעדענפאַלס אונפערקויפ־באַר. אויף אזאַ ארט האט זיך שוין ירושה־רעכט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אין קאָמוניסטישע געמיינדעס.

פון דעם, אז מען קען פערקויפען לאַנד האבען דיא פאָלינע־זיער אזוי וויניג געוואוסט, וויא דיא אינדיאַנער און אלע אַנדערע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופע. זיי האבען געהאַט גע־

נוג פוסטע לאַנד, וועלכע האט געהערט צו די שטאַמען, און יעדע־
רער האט געקענט אויסקלייבען זיך א שטיק פון דיזען אלגעמיינען
איינענטהום צו בעאַרבייטען, ווען ער האט עס נאר געוואָלט און
בעדאַרפט. ווען דיא אייראָפּעער האבען זיי גענומען פאָרשלאָגען צו
פערקויפען לאַנד, האבען זיי אָנפאַנגס ניט פערשטאַנען, וואס דאס
בעדייטעט, און האבען געדעכענט, אז זיי גיבען נאר אָפּ דאס לאַנד
אויף אַ רענדע. אונבעאַרבייטעטע שטיקער לאַנד האבען זיי איבער־
הויפּט גאַנץ ווייניג געשעצט.

דיזע בעגריפע פון איינענטהום אויף לאַנד האָבען זאָגאַר גע־
ווירקט אויף דיא אייראָפּעער אין ניי־זעעלאַנד, דען דיא רעגירונג ניט
ראָרטען אָפּ לאַנד צו עמיגראַנטען אויף א בעשטימטע צייט, אום
נאכהער צו קענען קריגען העכערע רענט ביי דיא פערגרעסערונג פון
דער בעפעלקערונג. אויך אויף דיא בעריהמטע קאָמוניסטישע אָר־
גאניזאציאָן פון דיא יעזואיטען אין פּאראגוואי (זיד אמעריקא) האָ־
בען דיא מנהגים פון דיא איינגעבאָרענע געהאַט א גרויסען איינפלוס.
דיא יעזואיטען האבען אייגענטליך נאר ניט אוסגעטראַכט אויסער
א שרעקליכע עקספּלואַטאַציע פון דיא אינדיאַנער, וועלכע זיינען צוגע־
וואָהנט געוועזן צו בעאַרבייטען זייער לאַנד צוזאמען. דיא „פּאָטערס" האבען
נאר אויסגעבעסערט דיא פריהערע געמיינדע־סיסטעם, אום צו האבען
גרעסערע איינגאהמען. דערצו זיינען דיא איינגעבאָרענע פון פּאַראַ־
גוואי געוועזן זעהר געהאָרכזאַמע, שטילע און גלויבינגע. דיא יעזואי־
טען האבען זיי אָנפאנגס גענומען עקספּלואטירען אויף דיא טהיי־
פּלאַנטאַציעס און ביסלעכוויז האבען זיי איינגעפיהרט א ריכטיגע
שקלאַווערייִ אונטער דער פאָרמע פון קאָמוניזמוס. אלע אינדיאנער
האבען געמוזט אויפשטיין און ארבייטען אין דער בעשטימטער צייט,
וויא דיא „היילינגע פּאָטערס" מיט זייערע קאָררעדזשידאָרס (אויפפּאַ־
סערס) האבען עס בעשטימט. אלע פּראָדוקטען פלעגען געבראַכט
ווערן אין געמיינשאַפטליכע מאַגאַזינען, וועלכע האבען נאַטירליך
פאַקטיש געהערט צו דיא יעזואיטען און פון וועלכע מען פלעגט איין
מאָל אין מאָנאט אויסטהיילען חלקים צו דיא פיהרערס פון בעשטימ־
טע דיסטריקטען אדער פּלאַנטאַציעס, און דיזע פיהרערס פלעגען עס

שוין ווידער פערטהיילען צו דיא פאמיליעס פון דיא אינדיאנער נאך דיא צאהל פון דיא מיילער. אויף דיזען שטיינער האט הונגער קיינער נים געליטען, אבער אלע זיינען געווען איינפאך פערשקלאווט ביי דיא יעזואיטען, וועלכע האבען זיך אנגעקליבען א ריזיגען רייכטהום.

דיא געשיכטע פון דיא יעזואיטען־הערשאפט אין פאראגוואי איז זעהר אינטערעסאנט אין פיעלע בעציהונגען, אבער מיר קענען זיך דא נים אפשטעלען אויף דעם. וועגען דיזען „קאמוניזמוס" איז דא בלויז דערמאנט געווארן, אום צו צייגען, אז ער איז ענטשטאנען דורך דיא קאמוניסטישע מנהגים פון דיא איינגעבארענע און איז נאר געווען א שלעכטע און זעהר פּזרדארבענע קאפיע פון דיא גרויסע קאמוניסטישע ארגאניזאציאן אין פערו, פון וועלכע עס איז אויבען גערעט געווען.

עלפטער קאַפּיטעל.

דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג פון אייגענטהום ביי קולטור־פעלקער.

דער קאַמפּף מיט דיא „טויטע האַנד“. — דיא ראָלע פון דער קאַטוויליטער קירכע און פון דער רעפאָרמאַציאָן אין דיזען קאַמפּף. — דער אלגעמיינער גרונד פון פריוואַט־אייגענטהום. — דיא ווירקונג פון דיא אַרבייט־פערטהיילונג אויף אָנזאַמלונגען פון זאַכען. — דיא ראָלע פון פיהפּיטערנדען צושטאַנד אין דער ענטוויקלונג פון אייגענטהום. — דער אָנפאַנג פון שקלאַווערייַ. — דער פאָרטשריט פון קולטור דורך שקלאַווערייַ. — דיא ערשטע פאָרמען פון שקלאַווערייַ. — דיא נאַטירליכע גרינדע פון שקלאַווערייַ. — דער שקלאַווישער גייסט. — דיא נשמות פון דיא העררען און שקלאַווען. — דיא ערשטע הערשער און בעהערשטע. — דיא ווירקונג פון מלחמות אויף אויסטויש און אָנזאַמלונגען פון זאַכען.

מיר ווענלען יעצט זוכען דיא וויכטיגסטע אלגעמיינע פּונקטען אויף דעם וועג, וועלכען דיא ענטוויקלונג פון אייגענטהום האט דורכגעמאַכט ביי קולטור־פעלקער. דיא ביישפּיעלען פון דיא ווילדע פעלקער אין דיא פריהערע קאַפּיטלען וועלען אונז לייכטער מאַכען צו

געבען א'ן אנטוואָרט אויף דיא שווערסטע פראַגע אין דער קולטור־געשיכטע, נעמליך: דיא פראַגע וועגען דיא ענטשטעהונג פון פּרי־וואַט־אייגענטהום אין דעם יעצטיגען זינען פון דיזען וואָרט ביי דיא ציוויליזירטע פעלקער.

מיר ווייסען שוין, אז דיא ערשטע זאַכען, וואס מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען אלס זייערע אייגענע, זיינען געוועזען דיא אָרימע ביסעל געצייג, געוועהר און פוץ־זאַכען, וואס זיי האבען זיך מייסטענס געקענט אליין מאַכען נאך לאַנגע מאטערניסען. מיר ווייסען שוין אויך, אז דאס איז געוועזען אזא ריין־פערזענליכער אייגענטהום, דאס נאך דעם טויט פון זייער בעזיצער פלעגען זיי צוזאַמען מיט איהם בעגראָבען אדער פערברענט ווערן, אדער איינפאך צושטערט ווערן אויף זיין קבר; זאָ דאס צו קיינע אָנזאמלונגען און פאָלגליך צו קיין אָנפאַנג פון אמת'ע פריוואַט־אייגענטהום האט עס ניט געקענט פיהרען. פערקעהרט, מען האט לאַנג געמוזט קעמפּפען, אום צו רעטען דיזע פערזענליכע זאַכען פון פערניכטונג.

דיזען קאַמפף איז זעהר וויכטיג און אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגען, וויא ווייט מען קען עס יעצט דערגיין; נאר אזוי וויא ער איז זעהר ענג פערבונדען מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלען מיר עס פאָרלויפיג לאָזען אָן א זייט. מיר וועלען דאָ נאר בעמערקען, אז וואס מעהר דיא מענשען האבען אָנגעפאַנגען צוזאַמלען פראָדוקטען און צו זאָרגען וועגען זייערע לעבענס־מיטעל אין דער צוקונפט, אלץ מעהר האבען זיי אָנגעפאַנגען זיך אויסצוקויפען אדער צו זיך ערלויזען מיט פערשיעדענע דריידלעך פון דיזע אויפאָפּפערונג צו דיא טויטע, פון דיא פאָרדערונגען פון דער זאָ־גענאַנטער „טויטער האַנד". פון דיזע „טויטע האַנד" האט מען אלץ ווייטער אַרויסגעריסען זאַכען, וועלכע מען פלעגט פריהער צוברעכען, בעגראָבען אדער פערברענען אויף דיא קברים פון דיא פערשטאָרבענע. דיא פאָרדערונגען פון לעבען האבען דאָ לאַנג און שווער געשטריטען מיט דיא איי־בילדונגען וועגען דיא שאָטענס פון דיא טויטע, און דאס לעבען האט שליסליך געזיעגט.

מען האט ביסלעכוויז גענומען אָפּטהיילען דיא פערזענליכע

זאכען פון דיא זאכען, וועלכע זיינען גערעכענט געוועזן אלס געמיינ־שאפטליכעס און פאמיליען־אייגענטהום. דער טהייל פון פערזענלי־כע זאכען האט ביי דיא אלטע גערמאנען געהייסען **Heergewaete**, און ער איז עס אין דיא פריהערע צייטען מיטגענאנגען אין קבר אריין צוזאמען מיט דעם אייגענטהימער. דיא אפשאפונג פון דעם אלטען מנהג צו לאזען דיא פערשטארבענע זייערע „העערגעוועטע“ איז אין שפעטערע יאהרען צוגעשריבען געווארן אין לעגענדען דעם דייטשען קייזער היינריך דער ערשטער. נאר וויא דיא מעשה איז ניט געוועזן, דורך אזעלכע בעפעהלע ניט צו צושטערען דיא פערזענליכע חפצים האט מען פון דיא קברים אין דייטשלאנד צוגענומען מאסען שווערטען, וועלכע פלעגען דארטען פערראסטעט ווערן. א געוויסער אלט־דייט־שער געזעץ בעשטימט, אז אנשטאט צו לאזען קליידער דער „טויט־טער האנד“, זאל מען זיי בעסער אפגעבען צו א ר י מ ע ל י י ט. דיא זאכען פון דיא פערשטארבענע האט מען גענומען ביי זיי אויס־קויפען מיט א מטבעה און זיי נאכהער בענוצען אלס ירושה. דיא מטבעה פלעגט מען אריינלייגען דעם טויטען אין מויל אלס א ב ע פ ר י־ד י ג ו נ ג פאר זיינע זאכען, וועלכע מען האט נאך דיזע צערעמאניע גאנץ רוהיג געברויכט. צוליעב דיזע אויסקויפונגען געפינט מען עס אזוי פיעל מטבעות אין קברים פון דיא אלטע צייטען. דיא בעשרייב־ונגען אין דיא אלטע געזעצען פון גריכענלאנד און רוים געגען מא־כען צו רייכע און פערשוועגדערישע בעערדיגונגען האבען אויך גע־האט צו טאן מיט דיזע שטענדיגע שטרעבונגען פון דיא קולטור־פעלקער אוועקצונעהמען דעם פערזענליכען אייגענטהום ביי דער „טויטער האנד“.

וויא עס איז צו זעהען פון דער ביבעל, האט מען ביי אידען אויך געקעמפפט מיט דיא „טויטע האנד“, דען מיר געפינען אין דברים (כ״ו, י״ד) א פערבאט צו געבען א טהייל פון מעשר צו ד י א ט ו י ט ע (ולא נתתי ממנו למת). דיזער פערבאט איז גאנץ אונערקלערליך, ווען מען זאל ניט אננעהמען, אז ביי אידען איז פריי־הער איינגעפיהרט געוועזן צו לאזען זאכען און שפייז אויף דיא קברים פון דיא טויטע. אין נאמען פון גאט ווערט עס צוגענומען ביי דיא

טויטע און עס ווערט אָפּגעגעבען צו דיא לוים, פרעמדע, יתומים און אלמנות, ד. ה. צו נויטבעדירפטיגע (ונתתה ללוי לגר ליתום ולאלמנה ואכלו בשעריך ושבעו).

אָנפאַנגס האבען נאך דיא יורשים מורא געהאַט אליין צו גע־ברויכען דיא זאַכען פון דיא פערשטאָרבענע — דיזע זאַכען זיינען נאך געווען נגערעכענט פאר א הייליגטהום — און דאַרום האט מען זיי גע־נומען פערטהיילען צו אָרימע לייט אויף דיא קברים פון דיא פער־שטאָרבענע. נאכהער האט מען זיך צוגעוואָהנט צו בענוצען פיר זיך אליין א טהייל פון דיזע הייליגע זאַכען, און דעם איבעריגען טהייל פלעגט מען אָפּגעבען צו דיא אָרימע אדער צו דער קירכע. אזוי איז עס געווען אין אויראָפּאַ אין פערלויף פון מיטעלאַלטער, און דיא קאַ־טוילישע קירכע האט דורך דיזע נדבות, גענאַנט אין דייטשלאַנד seelgeraethe, זיך אָנגעקליבען אוגעהייערע עשירות. דורך דיא וויר־קונג פון דער קירכע האט דיא „טויטע האַנד" ווידער גענומען כאַ־פּען ביי דיא לעבעדיגע; אבער דיא זאַכען זיינען שוין יעדענפאַלס פערבליבען און ניט צושטערט געוואָרן. דיא קירכע האט אויף גע־מאַכט א געברויך פון דיזע נדבות, פון דיזע נשמה־רעטונגען, העל־פענדיג אָרימע לייט אין דיא קלייסטערס. יעדענפאַלס איז שוין דאס געווען א'ן אויסקויפונג ביי דער „טויטער האַנד". דיא סומען פון דיזע אויסקויפונגען זיינען מיט דער צייט אלץ פערקלענערט געוואָרן. אין דיא ערשטע יאהר־הונדערטע פון מיטעלאַלטער פלעגט מען א העלפט פון דיא ירושות צוטהיילען צו אָרימע לייט און צו דער קיר־כע, נאכהער האט מען שוין דעם חלק פון דער „טויטער האַנד" בע־שרענקט מיט א דריטעל פון דער ירושה. אזוי איז עס בעזאָנדערס איינגעפיהרט געווען אין דיא שטעדט, וואס האבען אָנגעפאַנגען צו קעמפּפען אלץ שטאַרקער געגען דעם אלטען מנהג, וועלכער איז גע־פאַלען צו לאַסט ספּעציעל אויף זיי. דיא „זעעלענגערעטה", דיא אויסקויפונג ביי דער „טויטער האַנד", איז געוואָרן א רעגעלמעסיגע טאַקסע אויף ירושה, און דיא שטעדט האבען דאַדורך געליטען, ווייל דיא קירכען־גיטער זיינען בעפרייט געווען פון אלע שטייער־צאָהלונ־גען. וויא נאר א שטיק לאַנד אדער א הויז פלעגט געגעבען ווערן

אלס ירושה־אויסקויפונג צו דער קירכע, פלעגט דער איינקונפט פון דיא געמיינדעס פּראָפּאָרציאָנעל פערקלענערט ווערן.

דיא געמיינדעס און שטעדט האבען געזוכט פערשיעדענע מי־טעל צו קריגען זייערע איינקינפטע פון דער קירכע, וועלכע האט פעסט געהאלטען דיא „טויטע האנד"־גיטער; אבער אזוי וויא זיי האבען ניט געקענט אָפּשאַפען דעם גרונד פון דיזע איינפיהרונג, האבען זיי ניט אויפגעהערט צו ליידען דערפון. דיא אָפּשאַפונג פון דער „טוי־טער האַנד" ביי דער קאַטוילישער קירכע איז ערשט געקומען, אלס א שלום פון דיזען קאַמפּף פון דיא שטעדט, מיט דעם אָנפאַנג פון דער רעפאָרמאַציע. דאָ איז ניט דער אָרט צו בעטראַכטען דיא אורזאַכען פון דער רעפאָרמאַציע, וועלכע איז אָפען ארויסגע־טראָטען אין דער פערזאָן פון לוטהער אלס א רעליגיעזע בעוועג־גונג; אבער אין דיזער גרויסער רעליגיעזער בעוועגונג פון מיטעל־אַלטער האט דער קאַמפּף ווענען עקאָנאָמישע אינטערעסען, דארונ־טער אויך דער קאַמפּף ווענען דיא קירכען־גיטער פון דער „טויטער האַנד", געשפּיעלט דיא וויכטיגסטע ראָלע. לוטהער האט נאר דאַ־רום לייכט געקראָגען אזוי פיעל אַנהענגער אין שטעט, ווייל זיי האַ־בען שוין לאַנג געקעמפּפט געגען דיא פערכאַפּונגען און דיא דריי־קענדע מאַכט פון דיא קאַטוילישע קירכע. אָהן דיזען עקאָנאָמישען אינטערעס וואָלט דער ויכוח צווישען לוטהער'ן און דיא קאַטוילישע גלחים ניט געפונען אזא גרויסען און ברייטען אָפּקלאַנג אין דייטש'ן פאָלק. יעדענפאַלס איז דיא רעפאָרמאַציאָן געווען ניט נאר א זעהר וויכטיגע רעליגיעזע ענדערונג, זאָנדערן אויך א טיעפע ענדערונג אין דער ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום.

נאר לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער ענין. לאָמיר זעהען, וויא אייגענטהום האט געקענט זיך אויס'שיידען אין דעם ווילדען צו־שטאַנד, ווען פּערזענליכע זאַכען זיינען נאך צושטערט געוואָרן נאך דעם טויט פון זייערע אייגענטהימער. דיא פראַגע איז: וויא אזוי איז ענטשטאַנען פּריוואַט־פּערמעגען אין דיא רעפּובליקאַנישע גרופּען מיט געמיינשאַפטליכען אייגענטהום? דיא געמיינשאַפטליכקייט פון מענשען אין יענער־צושטאַנד איז דאך געווען א גאַנץ נאַטירליכע.

דער איינצעלנער מענש איז דאן געווען פיעל הילפלאָזער, וויא מיר קענען עס זיך יעצט פאָרשטעלען. מיט זיינע קלענליכע געוועהר האט ער אליין ניט געקענט בייקומען שטארקע און פלינקע חיות, און ער האט זיך געמוזט פערבינדען מיט אַנדערע, אום מיט געמיינשאפטליכע קרעפטע צו שאפען זיך טהיער־שפייז. מיר זעהען דאַרום, וויא דיא ווילדע פעלקער גייען אויף געיעג גרופּענווייז. און אפילו ווען מען האט שוין אָנגעפאנגען צו פערזייהען רעגעלמעסיג און מען האט שוין אויך גענומען זיך איינשאפען הויז־טהיערע, האט מען אויך געוויינליך זיך געשאפען לעבענסמיטעל צוזאמען און זיי פערברויכט צוזאמען. מיר ווייסען שוין פון דיא פריהערע בעשרייבונגען, וויא, צום ביישפיעל, דיא אינדיאנער פלעגען זיך יאָגען נאך בופעלאָקסען אין קאָמפאניעס און וויא עס איז ביי זיי זאָגאר פערבאָטען געווען צו גיין אויף געיעג איינצעלווייז. דער געיעג אויף קענגורוס אין אויסטראליען ווערט אויך געפיהרט פון גרופען ווילדע, וועלכע בעשטייען מאנכעסמאָל זאָגאר פון א הונדערט פערזאָן.

און עס וואָלט געווען א וואונדער, ווען עס וואָלט אנדערס צוגעגאנגען אין ווילדען צושטאנד, ווען יעדער בעזונדער איז געווען אזוי שוואך. איינפאך אוים לעבענספערזיכערונג האבען זיי זיך געמוזט האַלטען צוזאמען און סאָלידאריש אין מעהר אדער וויינינער גרויסע גרופען, וויינינסטענס אין פאמיליען, שוין אָבגעזעהען דערפון, וואס דער מענש איז פון דער נאטור א געזעלשאפטליכע חיה. און ווען דיא ערשטע מענשען וואָלטען געהאט אזעלכע נייגונגען צו אָנזאמלונגען, וויא מיר געפינען עס ביי פיעלע חיות און וויא עס איז אָנגעציינט געווען אין דעם קאפּיטעל איבער אייגענטהום ביי חיות, וואָלטען זיי אייגענטליך דיזע נייגונג לאנג ניט געקענט בעפרידיגען, ווייל זיי האבען געמוזט שווער און ביטער קעמפפען, אום זיך וויא עס איז צו ערנעהרען. אין דיא וויינינע ערטער אויף אונזער ערד, וואו דיא נאטור האט צוגעשטעלט א פארטיגען טיש פאר דיא ערשטע מענשען — און דאָרט האט מען גאר ניט געברויכט צו קלייבען אין צו זארגען ווענען דעם מאָרגען — אין אזעלכע ערטער האבען מענשען געלעבט כמעט אזוי זאָרגלאָז, וויא דער עלעפאנט אין דיא

טראָפּישע וועלדער, און מען האט זיך נאר נעקענט פערמעהרען אין צאָהל, אבער ניט מאכען פּאָרטשריטע אויף דעם וועג פון קול־טור. אין אַלע אנדערע לענדער איז דיא נאַטור נעוועזן א בייזע שטיפמוטער פאר דיא מענשען, און אפילו ווען זיי האבען געזוכט שפּייז צוזאַמען און זיך איינע דיא אַנדערע אויסגעהאָלפען, האבען זיי אָפט נעהונגערט און געמוזט פרעסען זאכען, וואס עקלען אונז יעצט.

דאס אַלעס ווייסען מיר שוין פון דיא פריהערע קאפּיטלעך. וואס מיר ווילען דאָ דערגיין, איז דער גרונד, וועלכער האט בע־וואָגען מענשען ארויסצוטרעטען אלץ ווייטער און ווייטער פון דיזען נאַ־טירליכען צושטאַנד און וועלכער האָט זיי געטריבען צו זיין זעלבסט־שטענדיג און צו קעמפּפען אין זייערע קאָמוניסטישע געמיינדעס, אום צו ערווערבען איינענטהום פיר זייער אייגענעם געברויך.

דיזער גרונד איז דיא פּראָדוקטיווע ארבייט פון מענשען. מיר האבען שוין דערויף אָנגעצייגט, ווען מיר האבען בע־שריבען דיא איינענטהומס־פּאָרמען ביי איינינגע ווילדע פעלקער. דיא זאכען וואס דיא נאַטור שאפט פון זיך זעלבסט האבען געהערט צו אַלעמען. קיין ווילדען איז קיין מאָל ניט איינגעפאַלען צו זאָגען, אז א בוים וואס וואקסט פריי אין וואלד געהערט נאר צו איהם אליין און צו קיין אנדערן. צו אזעלכע געדאנקען זיינען מענשען ערשט גע־קומען אויף פערהעלטניסמעסיג הויכע קולטור־שטופען, ווען מען האט שוין געפיהרט מלחמות צו פאַנגען שקלאַווען און ווען מען האט שוין אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען מלוכות. אבער א בוים, וואס איז פער־פלאַנצט געוואָרן פון א ווילדען, איז שוין גערעכענט געווען אלס זיינער, אלס זיין איינענטהום, ווייל ער האט דערביי אָנגעווענדעט זיין ארביים. חיות אין וועלדער און פעלדער האבען גלייך געהערט צו אלעמען, אבער ווען א יעגער האט געטויטעט איינע פון זיי, איז זיא שוין געווען זיינע, ווייל ער און קיין אנדע־רער האט בענוצט דערביי זיין קראַפט און פלינקייט. שטיינער און שטעקענס, דיא ערשטע מענשליכע געצייגן, האט יעדערער געקענט פריי נעהמען, וויא פיעל ער האט נאר געוועלט; אבער ווען איינער

האט ארומגעקלאפּט א שטיין אדער פערשפּיצט א שטעקען, איז דאס שוין געווען זיין איינענטהום, און אזוי איז עס פערבליבען אפילו נאך זיין טויט. דיא ווילדע יעגערס האבען געהאט גאנץ בעשטימטע רעגעלען וועגען זייער רעכט אויף געטויטעטע חיות. זאָ, צום ביי־שפּיעל, ווען צוויי יעגערס האבען גלייכצייטיג געטויטעט א חיה מיט פיילען, זאָ האט דיא חיה געהערט צו דעם פון זיי, וועמעס פייל איז אריינגעפלויגען נעהענטער צום הארצען.

אין דיא בעשרייבונגען פון רייזענדע און מיסיאָנערען וועגען ווילדע פעלקער קען מען געפינען טויזענדע בעווייזע און ביישפּיעלען, וויא אזוי ווילדע אנערקענען נאר און היטען שטרענג אָפּ זייערע רעכטע אויף זאכען דורך זייער ארבייט. דיא ערשטע פערכאפּונגען, וואס ווילדע האבען געמאכט, זיינען געווען דיא שטיקער לאנד, וועל־כע זיי האבען גענומען בעטראכטען אלס זייער יאגד־גרונד. דיזע פאָרמע פון איינענטהום געפינען מיר אויך, וויא מיר ווייסען שוין, ביי געוויסע סאָרטען חיות, און זיא איז איינפאך ענטשטאנען דורך דיא שוועריגקייט צו שאפען זיך גענוג שפּייז ביי א פערמעהרונג פון מענשען אויף דער ערד. דאס איז אין אלגעמיינען געווען א פער־זיכערונג נעגען פרעמדע; אבער פאר דיא איינענע, ד. ה. פאר דיא מיטגליעדער פון דעם זעלבען שטאם, איז דאס געווען פרייעס און אלגעמיינעס איינענטהום. אויף דיזע טעריטאָריאלע איינענטהום האָ־בען זיך עס ביסלעכווייז געגרינדעט דיא רעפּובליקאנישע געמיינדעס, ווען מען האט זיך גענומען מעהר אדער וויניגער רעגעלמעסיג צום אקערבוי. און יאָהרטויזענדע נאכדעם, וויא מענשען האבען שוין פעסט איינגעפיהרט פּריוואט־איינענטהום אויף בעוועגליכע זאכען, איז דיא ערד זעלבסט פערבליבען אלגעמיינעס איינענטהום. אפילו האלב־ווילדע פעלקער האבען נאך ניט געקענט פערשטיין, וויא מען קען פערקויפען לאנד און איבערהויפּט איהר רעכענען פאר אזא פּריוואט־איינענטהום, וויא זאכען וואס ווערן בעשאפען דורך מענשליכע אר־בייט. פּריוואט־איינענטהום אויף לאנד, וויא מיר פערשטייען עס יעצט, האט מען ערשט גענומען איינפיהרען אין אייראָפּא אין דיא לעצטע יאָהר־הונדערטע, און ביי דיא מייסטע מענשען אויף דער

ערד עקזיסטירט נאך ביז היינט צו טאָג טהיילווייז געמיינדע־בעזיץ און טהיילווייז פאַמיליען־בעזיץ פון לאַנד.

דיא ערשטע פּריוואַט־רעכטע אויף לאַנד זיינען אויך געקומען נאר דורך ארבייט. ווען איינער האט אָפּגעריינינגט א פעלד פון בוימער און שטיינער און דאָרטען עפּעס פערזייהט, איז דאס שוין געוועזן זיינע; אבער אייגענטליך האט דער גרונט זעלבסט צו איהם נאך ניט געהערט, זאָנדערן דיא פּראָדוקטען פון גרונט. דאָ איז געוועזן דאס זעלבע, וואס מיט פערזייהטע בוימער, ווייל איןביידע פעלע האט מען געמוזט צולייגען ארבייט. און ווען א שטיק בעארבייטעטע לאַנד איז פערלאָזען געוואָרן, און א נייער אקערבויער האט עס גענומען וויעדער בעארבייטען, האט עס שוין געהערט צו איהם. אייגענטהום אויף לאַנד אָהן ארבייט איז ניט אנערקענט גע־ווען פיר איינצעלנע פּערזאָנען. דאס האט געהערט צום כלל, צום גאַנצען שטאַם אדער שפּעטער צו דער גאַנצער געמיינדע, וויא מיר האבען שוין דאס געזעהען פון דיא פריהערע בעשרייבונגען פון איי־גענטהום ביי ווילדע פעלקער.

קורץ, פּערזענליכע ארבייט איז איבעראַל געוועזן דער אלגעמיי־נער גרונד און דער ערשטער אָנפאַנג פון פּריוואַט־אייגענטהום. און דאס איז אויך גאַנץ נאַטירליך, דען מען ווערט דאך נאר בערעכ־טיגט צו זאָגען, אז א זאַך איז מיינע, ווייל מען לייגט צו אייגענע ארבייט איהר צו מאַכען. דאָ איז אייגענטהום געוועזן איינפאַך א יושר־רעכט. דורך ארבייט זיינען פּראָדוקטען געוואָרן פּערזענליכע און דורך ארבייט האבען אויך מענשען געקראָגען אלץ א גרעסערע און שטאַרקערע שטרעבונג אָנצוקלייבען זאַכען. דען עס איז דאך קלאָר, אז א ווילדער, וועלכער איז פון דער נאַטור פויל, האט נאר דאַן געקענט זיך נעהמען צו דער ארבייט, ווען ער האט א גע־וויסע זאַך זעהר נויטיג געברויכט, און דאַן האט ער איהר שוין געהאַל־טען ביי זיך. וואס מעהר ארבייט א זאַך האט איהם געקאָסט, אלץ טהייערער איז זיא ביי איהם געוועזן און אלץ מעהר האט ער איהר אָבגעהיט, אום איהר צו בענוצען פאר זיין אייגענעם געברויך. אזעל־כע זאַכען האט שוין אויך געלוינט צו גנב'ענען אדער צו רויבען ביי

אנדערע, ד. ה. צו קריגען אָהן ארבייט, און איבערהויפּט זיי אָנצוזאַמלען וואס מעהר. אין ווילדען צושטאַנד זיינען דיא אַנדערע, ביי וועלכע מען האט ניט נאר גענגב'עט און גערויבט, זאָנדערן אויך געהאַלטען פאר גערעכט אזוי צו טאָן, — געווען דיא מיטגליעדער פון אנדערע שטאַמען. פרעמדע האט מען שטענדיג בעטראַכטעט אלס בלוטפיינדע, וואס מען האט געמעגט טויטען און אויפפרעסען, זאָ דאס וועגען דעם רעכט אַוועקצונעהמען זאַכען ביי פרעמדע האט קיין שום צווייפעל ניט געקענט זיין אין דיא מוחות פון ווילדע.

און וואס מעהר פאָרטשריטע א שטאַם האט געמאַכט אויף דעם קולטור־וועג, וואס מעהר נייע מאַטעריאַלען און קונסטען מען האט אויסגעפונען, אלץ מעהר איז דיא ארבייט פערטהיילט געוואָרן און אלץ מעהר האט מען געקענט אָנקלייבען זאַכען אין פריוואַט־בעזיץ. עס האבען זיך ביסלעכווייז גענומען אויסטהיילען גרופּען, וואס האבען ספּעציעל צוגעשטעלט געוויסע זאַכען, צום ביישפּיעל: ליימע־נע כלים און מעטאַלענע געצייג, זאָ דאס מען האט שוין בעדאַרפט אויסבייטען פּראָדוקטען. און וויא נאר מען האט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע פון אַרבייטס־פערטהיילונג האבען שוין מענשען געמוזט זע־העז צו קלייבען, אום צו טוישען איין זאַך וואס מען האט געהאַט אין איבערשוס, אויף אַנדערע וואס מען האט געברויכט. דיא סומע פון פּריוואַט־זאַכען און דיא שטרעבונג זיי וואס מעהר צו קריגען דורך אירגענד וועלכע מיטעל, ספּעציעל דורך מלחמות, זיינען דאַ־רום אלץ געשטיגען, ארויסרופענדיג דערביי אלץ א גרעסערע און שאַרפערע אונגלייכהייט צווישען מענשען.

דיא ערשטע גרויסע פערטהיילונג פון אַרבייט איז נאך פאָר־געקומען אין יעגער־צושטאַנד, וויא מיר ווייסען עס שוין. דאס איז נעמליך געווען דיא בעשעפטיגונג פון פרויען מיט אקערבוי אדער אין אלגעמיינען מיט דיא צושטעלונג פון פלאַנץ־שפּייז און דיא בעשעפ־טיגונג פון מענער מיט געיעג אדער אין אלגעמיינען מיט דיא צו־שטעלונג פון טהיער־שפּייז. נאר דאַן האט עס בעזאָנדערס געפיהרט צו דיא שטרעבונג פון פרויען אָנצוקלייבען פלאַנץ־שפּייז, אבער האט פערהעלטניסמעסיג זעהר ווייניג געווירקט אויף דיא ענטשטעהונג פון

פריוואַט־איינענטהום. דיא יעגערס האבען אפילו ניט געהאַט דיא מעגליכקייט אַנצוקלייבען זייער שפּייז, דען זיי האבען ניט געוואוסט וויא צו קאָנסערווירען פלייש. אלעס וואס זיי האבען בעזעסען, זיינען געווען זייערע געוועהר און געצייג, און דאס איז געווען דער פּערזענ־ליכער איינענטהום, וואס פלעגט פערניכטעט ווערן נאכ'ן טויט פון זייערע איינענטהימער. דיא אינסטרומענטען, וואס האבען געפאָדערט א סך ארבייט און הילפע פון שטאַם, וויא גרויסע שיפלעך און נע־צען, זיינען געווען געמיינשאַפטליכעס איינענטהום.

אום צו קענען אָנקלייבען טהיער־שפּייז אויף א לאַנגע צייט, דאַרף מען קענען אָנהאַלטען לעבעדיגע חיות אונטער דער האנד. אין יעגער־צושטאַנד האט מען געמוזט גלייך אויפפרעסען אלע געטוי־טע חיות און אזוי האט מען אויך געטאָן, וויא מיר ווייסען עס. דיא אָנקלייבונג פון א לעבעדיגען זאַפּאַס פלייש איז געשעהען אין דעם פיהפּיטערנדען צושטאַנד, ווען עס איז געמאַכט געווען א ווייי־טערער שריט אין דער פערטהיילונג פון ארבייט. דיזער צושטאַנד, וועלכער האט געפיהרט צו פּאַטריאַרכאַט און צו דיא פערשקלאַוואונג פון דער פרוי, האט אויך געפיהרט צו א שטאַרקע ענטוויקלונג פון פריוואַט־איינענטהום.

דיא צאָהל פון זאכען, וואס מען האט געקענט פערבאַפּען, האט זיך זעהר פיעל פערגרעסערט אין דעם פיהפּיטענדען צושטאַנד. ניט נאר דיא בהמות אליין זיינען געווען א'ן אוצר פאר דיא וואנ־דערנדע פעלקער, נאר אויך דיא פּראָדוקטען, וואס מען האָט פון זיי נעקראָגען. דורך דעם זיינען ענטשטאַנען נייע פּאָרדערונגען און קונסטען, וועלכע האבען אלץ מעהר ארויסגערופען דעם חשק צו זאַמלען און צו בעזיצען. אויסער פלייש, מילך, פּוטער און קעז האָ־בען דיא בהמות צוגעשטעלט פעל און וואָל, וועלכע זיינען וואהרשיינ־ליך געווען פון דיא ערשטע פּראָדוקטען, וואס מענשען האבען גע־נומען אלץ מעהר אָנזאַמלען אלס פּריוואַט־פּערמעגען. אום צו צוגע־וואָהנען און צו צאַמען ווילדע חיות האט מען געמוזט אָנווענדען ניט ווייניג געדולד און ארבייט, און אויך מוז מען שטענדיג אויפּפּאַסען אויף דיא סטאַדעס בהמות. דאס פּאָרדערט אלץ ארבייט און זאָרג,

און דאַרום האָט מען גלייך גענומען בעטראַכטען בהמות אַזוי וויא דיא פּראָדוקטען פון בעאַרבייטעטע לאַנד. זיי האָבען געהערט צום פּיהפּיטערער אַלס רעזולטאַט פון זיין אַרבייט. דאָ איז שוין גלייך פון אָנפאַנג קלאָר געוואָרן דער אונטערשיעד פון „מיינס און דיינס“.

נאָר מען דאַרף פון דעסטוועגען ניט מיינען, אַז יעדער איינער האָט ווירקליך געהאַט אָדער זאָגאַר געוועלט האָבען זיינע אייגענע בהמות. דיא אָפּזונדערונג איז געוויינליך געווען פיר גאַנצע פּאַ־מיליעס. דאָס לאַנד האָט נאָך אין פּיהפּיטערנדען צושטאַנד גע־הערט צום שטאַם, צו א גאַנצען פאָלק, אבער דיא פּראָדוקטען פון דיא בעאַרבייטעטע חלקים לאַנד און בעזאָנדערס דיא בהמות האָבען געהערט צו בעזונדערע פּאַמיליעס. דיזע אויסטהיילונג אָדער אויסשיידונג פון פּאַמיליען־אייגענטהום האָט עס אַזוי פעסט־געשטעלט דעם פּאַטריאַרכאַט אין פּיהפּיטערנדען צושטאַנד. דיא ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פּאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מיר האָבען נאַכגעפאָרשט אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון פּאַמיליען, איז טהיילווייז אַרויסגערופען געוואָרן דורך דיא ענטשטעהונג פון פּריוואַט־אייגענטהום אַלס רעזולטאַט פון אַרבייט, און נאַכהער האָט שוין דיזע ענדערונג מעכטיג געווירקט אויף דיא ענטוויקלונג פון „מיינס און דיינס“. דער פּאַטריאַרך, אַלס דער בעפעהלסגעבער איבער זיינע פרויען און קינדער, איז געווען דער אייגענטהימער פון דיא בהמות און פון אַלע בעוועגליכע זאַכען. דיא מיטגליעדער פון דער פּאַמיליע האָבען אבער געאַרבייט אַלע צוזאַמען און געמיינשאַפטליך גענאָסען דיא פּראָדוקטען פון זייער אַרבייט. אין דיא פּאַמיליעס, וויא גרויס זיי זיינען ניט געוועזן, האָט אָנפאַנגס געהערשט פאָלקאָמענער קאָמוניזמוס; אבער ביסלעכווייז, ווען דיא לוסט צו פערכאַפּונגען און צו פּריוואַט־אייגענטהום איז אַלץ שטאַר־קער געוואָרן, האָט מען זיך גענומען אַלץ מעהר אויסשיידען פון דיא גרויסע פּאַמיליעס און אָפּזונדערן זיך אין קלענערע פּאַמיליעס, און דאַדורך איז ווי׳עדער פערגרעסערט געוואָרן דאָס פעלד פון „מיינס און דיינס“. אָט אַזוי האָט עס איין געזעלשאַפטליכע איינפיהרונג געווירק׳ט אויף דיא אַנדערע, א שריט אין איין ריכטונג האָט געפיהרט

צו א שריט אין אַ'ן אַנדער ריכטונג, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דיא אַליץ שטאַרקערע ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום.

נאַר פון בהמות אַליין וואָלט מען נאָך ניט געקענט אָנקלייבען גרויסע רייכטהימער אין איינצעלנע הענד אדער ריכטיגער אין איינ־צעלנע פאַמיליעס, ווען מען וואָלט ניט דערצו בענוצט דיא אַרבייט פון שקלאַווען. וויא פלינק, שטאַרק און שפּאַרזאַם א פּאַטריאַרך וואָלט ניט געווען, וואָלט ער דאָך מיט דיא אַרבייט פון זיינע איינענע פרויען און קינדער ניט געקענט אָנזאַמלען זעהר גרויסע סטאַדעס. יעדענפאַלס וואָלט ער ניט פיעל רייכער געווען וויא דיא אַנדערע פּאַטריאַרכען, און גלייכהייט וואָלט אָנגעהאַלטען געוואָרן וויא אין רעפּובליקאַנישע געמיינדעס מיט געמיינשאַפטליכע ערד. גאַנץ אַנדערס איז עס אבער געוואָרן, ווען פּאַטריאַרכען האבען געקענט צווינגען פרעמדע מענשען צו שאַפען פאַר זיי, אויפצופּאַסען אויף זייערע בהמות און צו אַרבייטען אויף זייערע פעלדער. דאָ האט מען שוין געקראָגען א שאַפענדען קוואַל פון רייכטהום, דען שליסליך ווערט דאס גאַנצע האָב און גוטס פון מענשען געשאַפען נאַר דורך זייער אַרבייט, נאַטירליך אריינגערעכענט דיא קרעפטע און דיא מאַטעריע פון דער נאַטור. און וואס מעהר פרעמדע אַרבייט א פּאַטריאַרך האט געקענט בעקומען, אַליץ מעהר פּראָדוקטען האט ער געהאַט און געקענט אָנקלייבען.

דיא אויסשיידונג פון פּריוואַט־אייגענטהום אין דיא אורשפּרינג־ליכע קאָמוניסטישע געמיינדעס, וואס האט זיך אָנגעפאַנגען דורך דיא ערשטע פערטהיילונג פון מענשליכע אַרבייט, האט געקראָגען א ריזיגען שריט פאָרווערטס, ווען מענשען האבען גענומען אומוואַנדלען זייערע גלייכע אין שקלאַווען, אין אַרבייטססקלאַווען. ווען שקלאַווערייַ האט זיך אייגענטליך אָנגעפאַנגען, איז שווער צו בעשטימען גענוי. זיכער איז עס נאַר, אז זיא האט ערשט געקענט ענטשטיין, ווען מענשען האבען שוין געהאַט וואס צו זאַמלען און האבען זיך שוין צוגעוואָהנט דערצו, איינזעהענדיג דיא גרויסע נוצען דערפון. דאס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, ווען מענשען האבען שוין זיך בעשעפטיגט מיט אַקערבוי און פיהפיטערונג. מיר געפינען יעדענ־

פאלם שקלאווערייַ נאך ביי גאנץ ווילדע פעלקער, וואס בעזיצען נאך אלע צוזאמען זייערע אנגעקליבענע זאכען. מיר האבען אין פאריגען קאפיטעל געזעהען, דאס אפילו געוויסע אינדיאנער יעגער־שטאמען האבען שוין געהאט א סך שקלאווען. דאס הייסט אלזא, אז שוין אין יעגער־צושטאנד האט געקענט געלייגט ווערן דער אנפאנג פון שקלאווערייַ. נאר געוויינליך איז עס ניט אזוי דער פאל געווען. וויא מיר ווייסען עס שוין פון דעם קאפיטעל איבער פיהפיטערייַ, איז אמע־ריקא געווען א׳ן אויסנאהמע אין דיזער בעציהונג, ווייל דיא קליינע צאהלען איינגעבארענע האבען געהאט גאנץ גענוג ווילדע חיות, זא דאס דיא אינדיאנער זיינען נאך געבליבען יעגערס, ווען זיי האבען שוין דערגרייכט צו א צימליך הויכע שטופע פון אקערבוי.

אין דער אלטער וועלט, בעזאנדערס אין דער וויגעלע פון דער מענשהייט, אין אזיען, איז עס צוגעגאנגען אנדערס, און פיעלע פעל־קער בעשעפטיגען זיך דארט מיט פיהפיטערייַ נאך ביז היינטיגען טאג. דארט האט שקלאווערייַ געוויינליך נאר געקענט ענטשטיין צו־זאמען מיט דער ענטוויקלונג פון פיהפיטערייַ. יעדענפאלס איז עס קלאר, אז מענשען האבען ערשט דאן געקענט זיך נעהמען צו האָ־דעווען בהמות, ווען זיי האבען שוין געהאט א שטארקע שטרעבונג צו אנזאמלונגען פון פראדוקטען. ניט װעניגער קלאר איז עס אויך, אז איין מאל האט זיך דיזע שטרעבונג אריינגעריסען אין דעם מענשען׳ס גייסט, האט זיא שוין קיינע גרענעצען ניט געוואוסט אויסער דיא מאכט פון שטארקערע. דער שטארקערער האט איינפאך בערויבט דעם שוואכערען און איהם אליין נאך אומגעוואנדעלט אין א׳ן אר־בייטספיה.

אין אונזער נאכפארשונג איבער דעם פיהפיטערנדען צושטאנד האבען מיר שוין אנגעצייגט, אז מענשען האבען דאן געלערנט צו זיין פארזיכטיג, שפארזאם און איבערלייגט דורך זייער אויפפאסונג אויף זייערע בהמות. דער געפיהל פון פריוואט־אייגענטהום האט זיך ביי זיי דארום שטארק ענטוויקעלט, זא דאס זייערע איבערפאלונגען אויף פרעמדע פעלקער האבען זיי שוין געמאכט מיט א רעכנונג צו פערכאפען פרעמדע זאכען און זיך אנצוקלייבען רייכטהימער. און ביי

אזעלכע רעכנונגען איז עס גאַנץ נאַטירליך געווען צו קומען צום שלוס, אז עס איז פיעל ניצליכער צו צווינגען דיא בעזיעגטע צו אַר־בייטען פיר דיא בעזיעגער, וויא זיי צו טויטען און איינפאַך אויפצו־פרעסען. און אזוי איז עס אויך געווען, וויא קולטור־געשיכטליכע נאכפאָרשונגען צייגען. אויב נאך אויף דיא לעצטע שטופען פון דעם יעגער־צושטאַנד האבען שוין איינינע געקענט זיין אין אַ'ן אונטער־טעניגע לאַגע צו אַנדערע און זאָגאַר בעהאַנדעלט ווערן אלס שקלאַ־ווען, וויא ביי איינינע אינדיאַנער יעגער־פעלקער, זאָ האט עס נאר געקענט פאָרקומען אין איינצעלנע פעלע, יעדענפאַלס אין א קליינע מאָס. אין פיהפיטערנדען צושטאַנד איז אבער שקלאַווערייַ געוואָרן אַ'ן אלגעמיינע איינפיהרונג און מען האט אלץ מעהר גענומען פיה־רען מלחמות און מאַכען איבערפאַלונגען, אום צו פאַנגען וואס מעהר שקלאַווען. אנשטאָט צו יאָגען זיך אויף חיות האט מען זיך געיאָגט אויף מענשען, און אין איינינע לענדער, וואס זיינען גרויס און רייך געוואָרן דורך מלחמות, האט מען נאר נעאַרבייט און געשאַפט מיט שקלאַווען.

וויא שרעקליך דיזער צושטאַנד איז ניט געווען, וויא פירכ־טערליך אונגערעכט שקלאַווערייַ פון מענשען זאָל יעצט אונז ניט שיינען, מוז מען דאך צוגעבען, אז דאס איז געווען א וויכטיגער שריט פאָרווערטס אויף דעם קולטור־וועג. מאַסען מענשען זייגען טאַקע אומגעוואַנדעלט געוואָרן בוכשטעבליך אין ארבייטספיה און א קליינע צאָהל הערשער האבען זיך בענוצט מיט דיא פרוכטען פון זייער ארבייט, אבער שליסליך האט מען דאך געשאַפען מאַסען פראָ־דוקטען און ענטוויקעלט דיא קונסטען און האַנדווערקען. אלע קולטור־פעלקער זיינען דורכגעגאַנגען דיא שטופע פון שקלאַווערייַ. דיא אַר־בייט פון שקלאַווען האט גרויס געמאַכט גריכענלאַנד און רוים און האט אונז געבראַכט צו אונזער ציוויליזאַציאָן. ניט נאר אין ווילדען, זאָנדערן אפילו אין האַלב־ווילדען אדער אין באַרבאַרישען צושטאַנד זיינען מענשען געווען זעהר פויל, און דערצו נאך איז דיא פיזישע ארבייט געווען אלץ מעהר אויסמאַטערנד, וואס ווייניגער אינסטרו־מענטען מען האט בעזעסען. מיט דער הילפע פון מאַשינען ווערט

דיא שווערסטע ארבייט לייכט; אבער שטעלט זיך נאר פאָר, וויא שרעקליך עס האט געמוזט זיין דיא ארבייט אין מינען, ווען מען האט זיך נאך געמוזט בענוצען מיט שטיינערנע העק! מענשען, וועלכע מען האט געצוואונגען דאָרטען צו האקען, זיינען טאקע געפאלען וויא פליגען — זאָל זיך דער לעזער דערמאָנען וואס עס איז געזאָגט געוואָרען איבער דעם אין דעם קאפּיטעל וועגען דיא בעארבייטונג פון מעטאלען — אבער אנדערס וואָלט מען טאקע קיינע מעטאלען גע־האט. מיליאָנען מענשען האט מען אזוי אויפגעאָפּפערט אויף דעם מזבח פון קולטור; אבער שליסליך איז מען דאך געקומען צו א פּראָ־גרעס. דורך דיא ארבייט פון שקלאווען האט מען אויך געלערנט צו שאפען צוזאמען און צו זיין דיסציפּלינירט און אָרגאניזירט אין גרויסע געזעלשאפטען.

קורץ, שקלאַווערייַ איז געווען א שרעקליכע נויטווענדיגקייט פיר דיא קולטור; אבער ניט ביי אלע קולטור־פעלקער און ניט אין אלע צייטען האט זיא עקזיסטירט אויף דיא זעלבע אַרט און ווייזע. מיר וועלען דערוויילע לאָזען אָן א זייט דיא שפּעטערע פאָרמע פון שקלאַווערייַ, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען קנעכט־שאַפט אדער פאַנטשיזנע און וועלכע איז ענג פערבונדען מיט דער ענט־וויקלונג פון לאַנד־אייגענטהום. מיר ווילען דאָ בעטראַכטען דיא לאַגע פון שקלאַווען אין דיא גאַנץ אַלטע צייטען.

דיא ערשטע צייטען, ווען מען האט אָנגעפאַנגען צו לאָזען קריגס־געפאַנגענע לעבען, אום צו בענוצען זיך מיט זייער ארבייטסקראַפט, האט מען זיי נאַטירליך ניט געקענט שטענדיג אזוי אונטערדריקען, איינ־פאַך צו שמידען, וויא שפּעטער, ווען מען האט שוין געלעבט אין בעשטימטע פערבאַפּטע לענדער אונטער דער הערשאַפט פון דעם־פאָטען מיט א גאַנצע רעגירונגס־סיסטעם. דער וואַנדערנדער פיה־פיטערער האט געמוזט מיטשלעפּען מיט זיך דיא שקלאַווען אזוי גוט וויא זיינע בהמות, און ער האט נאַטירליך געמוזט זעהען זיך צו בע־גיין מיט זיינע שקלאַווען אזוי, אז זיי זאָלען זיך ווייניגסטענס ניט צו־לויפען ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט. הגם ער האט זיי געקענט טויטען, ווען ער האט נור געוואָלט, אבער זיין אינטערעס איז

איז געווען, אז זיי זאָלען בלייבען לעבען און ארבייטען פאר איהם. דיא שקלאַווערייַ איז דאַן געווען א הויזליכע און פערהעלטניסמעסיג ניט אזא פירכטערליכע, וויא ווען דיא פיהפיטערער האבען שוין אָר־גאַניזירט זייערע בארבארישע מלוכות. דער שקלאַוו איז אָפט געווען א מיטגליעד פון דער פאמיליע, און אויב ער האט געמוזט ארביי־טען זעהר שווער, זאָ האט ער דערפאר געלעבט רוהיג און זיכער.

ווען מען האט אָנגעהויבען צו מאַכען א'ן אונטערשיעד אין דיא פאַטריארכאַלישע פאמיליען צווישען דיא ערשטע פרוי און דיא קעפּס־ווייבער, זאָ האט עס זיך אויך אָפּגערופען אויף זייערע קינדער. דיא קינדער פון דיא קעפּס־ווייבער זיינען דאַן געשטעלט געוואָרן אין א נידעריגערע לאַגע וויא דיא קינדער פון דיא ערשטע אדער גע־זעצליכע פרוי, וויא מיר האבען עס שוין געזעהען אין אונזער נאַכ־פאָרשונג וועגען פאמיליען. דיזע נידעריגערע לאַגע האט זיך אויס־געדריקט מיט דער צייט אין שקלאַווערייַ; אבער עס פערשטייט זיך, אז דיא פאַטריארכען האבען דאָך בעטראַכטעט דיזע שקלאַווען ניט אלס פרעמדע און זיי אויך גערעכענט פאר פאמיליען־מיטגליעדער. ווען ירושה־רעכט איז איינגעפיהרט געוואָרן, זיינען דיא קינדער פון דיא קעפּס־ווייבער דערפון געוויינליך אויסגעשלאָסען געוואָרן, זאָ דאס די־זער אונטערשיעד אליין האט שוין געפיהרט צו אלץ גרעסערע און וויטערע אונגלייכהייט אין פערמעגען.

אין יענע צייטען, ווען דער פויסט איז געווען דער אונבע־שרענקטער הערשער, האבען דיא שוואַכע איבערהויפּט געמוזט זוכען דיא שטיצע פון דיא שטאַרקע. דיזע שטיצע האבען דיא שוואַכע נור געקענט קויפען דורך אונטערוואַרפונג, דורך א צוואַנג עפּעס צו טאָן פיר זייערע הערען. וויא נאר עס האט זיך אָנגעהויבען ארויסווייזען אונגלייכהייט אין דיא פריהערע רעפּובליקאַנישע געמיינ־דעס דורך דיא אויבען אָנגעצייגטע אורזאַכען און וויא נאר מען האט אָנגעפאַנגען צו יאָגען זיך אלץ מעהר נאָך מענשליכע ארבייטס־קראַפט אלס דיא ניצליכסטע און דיא בעסטע, מאַכענדיג צוליעב דעם איבערפאַלונגען אויף פרעמדע שטאַמען, האט מען אויך גענומען אומוואַנדלען אין שקלאַווען דיא יעניגע פון דיא איינענע מיט־

גליעדער, וועלכע זיינען פערבליבען פערלאָזען און פערשולדעט, וועלכע האבען זיך אליין געפיהלט עלענד.

ליווינגסטאָן דערציילט, דאס ער האט געקענט א נענער, וועלכער האט זיך אליין פערקויפט אלס שקלאוו נאר צוליעב דעם, וואס ער איז געווען עלענד, אָהן א פאָטער, מוטער און נאָהענטע פערוואנדטע, און האט געוועלט האָבען אימעצען, וואס זאָל זיין פער־אינטערעסירט צו בעשיצען זיין לעבען. אזעלכע נידערשלאָגענע און דערשראָקענע מענשען, וואס זיינען צופריעדען צו זיין אָפּהענגיג פון א שטארקערן, אום צו פיהלען זיך זיכערער און רוהיגער — אזעלכע מענשען געפינען זיך איבעראל און אין אלע צייטען, און בעזאָנדערס איז זייער צאָהל געווען גרויס אין דיא צייטען, ווען קיינער האט זיך נים געפיהלט זיכער אפילו מיט זיין לעבען, ווען מען האט שטענדיג געפירכטעט פאר איבערפאלונגען. דיא שוואכערע און אָרימערע זיינען דארום אלין מעהר צוגעשטאנען צו דיא שטארקערע און רייכערע, וועלכע זיינען דאדורך אלין מעכטיגער געוואָרן. אזעלכע עלענדע פלעגען זיך פיהלען אזוי צופרידען מיט זייער קנעכטשאפט, דאס זיי פלעגען גאר נים וועלען ווערן פריי. זיי זיינען אָנפאנגס אויך געוועזן פעררעכענט אלס מיטגליעדער פון דעם פאטריארך׳ס פאמיליע. אָפּ־געריסען פון זייערע פאמיליעס און שטאם־ברידער און קריגענדיג זיי־בערהייט און שפייז פון זייערע הערשער, פלעגען זיי געוויינליך טראָ־גען געדולדיג זייער לאסט און שאנדע. אזוי וויא דיא קינדער פון שקלאווען פלעגען אויך גערעכענט ווערן פאר שקלאווען, זא איז מיט דער צייט ענטשטאנען נאך אין דיא ערשטע בארבארישע אָרגאני־זאציאָנען א קלאס, וועלכער האט שוין נים געוואוסט פון קיין בעסערעס, וויא דיא שקלאווען־קייטען, וועלכער האט שוין נים גע־האט שטרעבונגען צו פרייהייט, וועלכער האט זיך זאָגאר געפיהלט הילפלאָז אָהן זיינע הערשער, וועלכער איז געווען עהנליך צו דיא מוראשקעס־שקלאווען, וואס ווערן ערצויגען נאר צו ארבייטען און צו דיענען דיא קריגערישע מוראשקעס. נים נאר האבען אזעלכע גע־האַכזאם געפאָלגט און שווער געארבייט פאר זייערע הערען, ווייל זיי האבען געפירכטעט פאר דעם בייטש, זאָנדערן אויך ווייל זייער

גייסט איז שוין פערשקלאווט געווען. און ווען צו דיא אלטע און נייי־געבארענע שקלאווען פלעגען צוקומען קריעגס־געפאנגענע, וועלכע האבען זיך געריסען צו פרייהייט און וועלכע האבען בעקלאגט זייער ביטערן שיקזאל, פלעגען זיי שוין מוזען טראגען דעם שווערען יאך, זייענדיג אנגעטריבען אפילו פון זייערע געדולדיגע חברים, ביז זיי פלעגען אויך צוגעוואהנט ווערן צו זייער שקלאווערייי אדער אויסגעשלאכטעט ווערן פון זייערע הערען ביי דעם מינדעסטען ווידערשטאנד.

און וואס מעהר עס האט זיך ענטוויקעלט א קלאס פון שקלאווען, אלץ מעהר האבען דיא הערען זיי אנגעהויבען צו בעטראכטען אלס נידעריגערע בעשעפעניסען, אלס פיה אין מענשליכע געשטאלטען און האבען זיי אלץ מעהר אונטערדריקט און אונטעריאכט. דער שקלאוו איז אזוי אלץ מעהר ערווייטערט און אויסגעזונדערט געווארן פון דער פאטריארכאלער פאמיליע, וועלכע איז אלץ שטארקער און רייכער געווארן דורך דיא ארבייט פון דיא אונטערטעניגע און ער איז געווארן איינפאך א סחורה אקוראט וויא בהמות. דיא פריהערע מילדערע פארמען פון הויז־שקלאווערייי זיינען ביסלעכווייז אומגעוואנדעלט געווארן אין דיא שרעקליכע פארמען, וועלכע שקלאווערייי האט אנגענומען גראדע ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער פון אלטערטהום: דיא גריכען און רוימער, ווען מען פלעגט דיא שקלאווען שיקען זיך ראנגלען מיט רויבטהיערע אין דיא צירקען, אום צו פערשאפען דערמיט א בעסטיאלישען פערגעניגען זייערע „עדעלע“ הערען.

מיט דער צייט זיינען גאנצע שטאמען אזוי אונטעריאכט געווארן, דאס זיי זיינען אויך געווארן גייסטיגע שקלאווען. דיא פיהפיטערער, וועלכע זיינען געווארן מוטהיג, אונטערנעהמענד און געשייט דורך זייערע זארג אנצוהאלטען און צו פערגרעסערן זייערע סטאדעס, האבען גענומען בעהערשען דיא שטאמען, וועלכע האבען זיך ביסלעכווייז בעזעצט אויף געוויסע ערטער, וואס זיינען געווען גינסטיג צו אקערבוי, און האבען דאדורך פערלארען זייער קריעגערישען גייסט, און דיזע פרידליכע אקערבויער פלעגען איינפאך אומגעוואנדעלט ווערן אין שקלאווען אדער מען פלעגט זיי לאזען בעארבייטען זייערע פעלדער מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלען צאהלען א געוויסע

קאָנטריבוציע צו דיא זעגרייבע הערדען. און דיא שטאַמען וואס זיינען אזוי לאַנג בערויבט און בעהערשט געוואָרן פון דיא רויבערישע נאָ־מאַדען, האבען שוין אויך געדולדיג געטראָגען זייער יאָך. עס איז דאַרום ענטשטאַנען א שקלאַווישער גייסט ביי געוויסע פעלקער. מען האָט געקענט ווירקליך זאָגען וועגען זיי, אז זיי זיינען געבאָרענע שקלאַווען. אלס אזעלכע דאַרף מען בעזאָנדערס רעכענען פיעלע פעלקער אין אפריקאַ און איבערהויפּט דיא גאַנצע נעגער־ראַסע. אפריקאַ איז נאָך ביז היינט צו טאָג פערבליבען דער צענטראַל־מאַרק פון שקלאַווען פיר דיא גאַנצע וועלט. ניט אומזיסט האבען דיא אויראָפּעער גענומען איינפיהרען שקלאַווען פון אפריקאַ נאָך אמעריקאַ, אום צו ארבייטען אויף דיא פּלאַנטאַציעס. דיא אינדיאַ־נער, וועלכע זיינען ניט געוואָהנט געווען צו שקלאַווערייי, האט מען טאַקע ניט געקענט אומוואַנדלען אין שקלאַווען. זיי פלעגען איינפאַך אויסשטאַרבען, ווען מען פלעגט זיי צווינגען מיט געוואַלט צו שווע־רע ארבייט.

מיר וואונדערן זיך, דאס א הייפעלע אויראָפּעער בעהערשען מיליאָנען אפריקאַנער און אזיאַטישע איינגעבאָרענע. נאַטירליך דיא בע־סערע געוועהר און מיליטערישע אָרגאַניזאַציאָנען פון דיא אויראָפּעער האבען דאָ זעהר פיעל צו זאָגען, אבער פון דעסטוועגען וואָלטען דיא אויראָפּעער דאָך ניט אין שטאַנד געווען שטענדיג אָנצוהאַלטען מיט קליינע צאָהלען זייער הערשאַפט איבער מיליאָנען נפשות, ווען דיזע מיליאָנען וואָלטען ניט זייט יאָהר־טויזענדע צוגעוואָהנט געווען צו געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון אַנדערע און צו פאָלגען שקלאַ־וויש. וועגען דעם שקלאַווישען גייסט און יעדענפאַלס אונטערטעניג־קייט פון דיא אפריקאַנישע און אזיאַטישע פעלקער פערגעסט מען געוויינליך, ווען מען זעהט, צום ביישפּיעל, וויא עטליכע צעהנדליג טויזענד ענגלענדער בעהערשען הונדערטע מיליאָנען אין אינדיען.

אונטער דיא נעגערן געפינען זיך וויניג אזעלכע, וואס קענען בעהערשען אַנדערע. זיי זיינען געניינט צו זיין אונטערוואָרפען צו שטאַרקערע דורך יאָהר־טויזענדע פון שקלאַווערייי. און דיא זעלבע געפיהלען פון אונטערוואָרפענהייט, פון א געוויסע הילפלאָזיגקייט

האט מען נעקענט זעהען ביי דיא „כלאָפּעס“, דיא פּאנסטשיזניקעס. אונטער דיא רוסישע און אַנדערע סלאַווישע בויערן געפינען זיך נאך ביז היינט צו טאָג אַזעלכע, וואס וואָלטען זיך געפיהלט גאַנץ אונגליקליך, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט א הערר, א „באַרין“ איבער זיך, אז ער זאָל זיי קענען אויסהעלפען אין פאַל פון נויט. עבענזאָ גוט וויא דיא בעפרייטע נעגערן אין אַמעריקאַ זיינען נאך גייסטיג שקלאַוויש, אזוי זיינען נאך דיא בעפרייטע בויערן אין רוסלאַנד גייסטיג אונטערטעניג און נידערשלאַגען.

עס זיינען דארום ענטשטאַנען ניט נאר צוויי גרויסע קלאַסען ביי דיא קולטור־פעלקער, א קלאַס פון הערן און א קלאַס פון שקלאַווען, זאָנדערןביידע קלאַסען האבען זיך זאָגאַר גענומען בעטראַכטען אלס בעזונדערע סאָרטען מענשען, מיט אַנדערע בלוט, מיט אַנדערע נשמות. דיא הערן האבען זיך בעטראַכטעט אלס העכערע בעשעפעניסען, וואס זיינען געשאַפען צו בעפעהלען און צו לעבען אין וואוילטאָג דורך פרעמדע ארבייט, און דיא שקלאַווען האבען זיך אליין געהעכנט פאַר נידעריגערע בעשעפעניסען, וואס זיינען נאר געשאַפען צו האָרעווען און צו ליידען. מיר ווענען זיך דארום ניט וואונדערן, דאס אפילו דיא קליגסטע אַלטע גריכען האָבען געדיינקט, אז דער שקלאַוו האט אַ׳ן אַנדער נשמה, וויא דער הערר. דיא הערן האבען אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען דיא אַרבייט זעלבסט אלס א צייכען פון שקלאַווערי. יעדענפאַלס, ווייסען מיר, אז נאך אין אונזער צייט קוקט מען מיט פעראַכטונג אויף „פראָסטע ארבייטער“. אין אַלטערטהום האט מען געהאַלטען, אז פרייע בירגער דאַרפען זיך ניט ערנידעריגען מיט פיזישע ארבייט, דען נאר שקלאַווען זיינען געשאַפען דערצו. אזוי אבער וויא אָהן ארבייט קען דאָך דיא מענשהייט ניט עקזיסטירען און דיא הערן האבען ניט געוואָלט ארבייטען, דאַרום האבען אפילו אזעלכע געניאַלע גריכען, וויא פלאַטאָן און אריסטאָטעלעס, געהאַלטען, אז שקלאַווערי איז א נויטווענדיגקייט. און עס איז טאקע אין אמת׳ן געווען א שוידערליכע נויטווענדיגקייט, וויא עס איז שוין אויבען ערקלערט געווען.

מען מוז אויך צוגעבען, אז דיא ערשטע צייטען, ווען מען האט

גענומען איינפיהרען שקלאַווערײַ אלס א געזעלשאַפטליכע סיסטעם; זיינען דיא הערדען מייסטענס טאַקע געווען אויסגעקליבענע מענשען. עס איז קלאָר, אז דיא הערשער זיינען געווען און האבען געמוזט זיין שטאַרקער און קליגער, וויא דיא בעהערשטע, ווען עס איז ערשט געמאכט געוואָרן דער אָנפאַנג פון פריוואַט-אייגענטהום און מען האט זיך נאך געפיהרט נאך דיא אַלטע רעפּובּליקאַנישע מנהגים. קיינער האט נאך ניט געקענט קריגען שקלאַווען און איבערהויפּט אייגענ-טהום בירושה, ווייל ירושה-רעכט איז נאך גאר ניט געווען איינגע-פיהרט; און דיא פּאַטריאַרכען האבען געמוזט אליין ערווערבען אלעס. אלס אַזעלכע פעהיגערע און שטאַרקערע מענשען צו בעהערשען אנ-דערע זעהען מיר אַרום דעם אָנפאַנג פון דער געשיכטליכער צייט דיא פיהפיטערנדע אדער נאָמאַדען-פעלקער. זיי בעפאַלען עס און אונ-טערוואַרפען אונטער זיך דיא פרידליכע אַקערבויער, זיי פאַנגען עס אַם מייסטען דיא שקלאַווען, זיי גרינדען עס מעהר אדער וויינינגער גרוי-סע מאָנאַרכיעס, וועלכע צופאַלען זיך אבער אָפט מיט דעם טויט פון זייערע אָנפיהרער. וויא ווילד און גרויזאם זיי זיינען ניט געווען, זיינען זיי מייסטענס געשטאַנען גייסטיג העכער וויא דיא בעזיעגטע און יעדענפאַלס האבען זיי שוין געלערנט צו קאָמאַנדעווען איבער מאַסען און צו אָרגאַניזירען גאַנצע מלכות מיט א צימליך גרויסע אַרבייטס-פערטהיילונג. דיא יעניגע, וואס האבען געקענט ווערן פיה-רערס און קאָמאַנדירען איבער מחנות נאָמאַדען, אַזעלכע שרעקליכע מענשען, וויא דיא אַטילאַס, טשינגיז-כאַנען א. ז. וו., זיינען געווען דיא נאַפּאָלעאָנען פון זייער צייט.

דער פיהפיטערנדער צושטאַנד, וועלכער האט, נאך זיין נאַטור נאך, געפיהרט צו אָנזאַמלונגען, צו פערבּאַפּונגען פון בהמות און פון מענשען און איבערהויפּט צו פריוואַט-אייגענטהום אויף בעוועג-ליכע זאַכען, האט אַלזאָ אויך געפיהרט צו גרויסע אָרגאַניזירטע מלוכות מיט אונטערװאָכטע אַקערבויער און מיט א סך שקלאַווען, וועלכע האבען געשאַפען פּראָדוקטען פיר דיא הערדען, פערגרעסע-רענדיג דערמיט דיא אונגלייכהייט אפילו אונטער דיא בעפעהלס-געבער.

נאר אָבגעזעהען פון דיא שקלאַווען־ארבייט, האבען דיא אי־בערפאַלונגען און מלחמות פון דיא נאָמאַדען געפיהרט צו אונגלייכ־הייט דורך דיא אונגלייכע פערטהיילונגען פון דיא גערויבטע זאַכען, דען דיא פיהרערס און געשיקטערע האבען דאָך אליין געכאַפּט אדער געקראָגען גרעסערע חלקים, און אויך צו אַ׳ן אויסטויש, דען עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אָפט האבען דיא זיעגרייכע נאָמאַדען גראַדע ניט בעדאַרפט האבען זייער טהייל פון דיא גערויבטע זאַכען, נאר עטוואַסאַנדערעס. צום ביישפּיעל, ווען א נאָמאַד, וואס האט שוין געהאַט א סך בהמות און שקלאַווען, נאר האט בעדאַרפט האבען אייזערנע אינ־סטרומענטען, לייוועגט, זאָטלען, צירונגען א. ז. וו., און ער האט נאר בעקומען אויף זיין חלק ווייעדער בהמות און שקלאַווען, זאָ איז עס נאַטירליך געוועזען, אז ער זאָל זיין חלק זוכען אויסבייטען אויף דיא זאַכען, וואס ער האט מעהר בעדאַרפט האָבען. דיזער אויס־טויש האט שוין ביסלעכווייז געפיהרט צו האַנדעל מיט אלץ ווייטע־רע געגענדען און צו דיא ענטשטעהונג פון א הענדלער אדער פער־מיטלער־קלאַס. דער נאָמאַד האט שוין דאַן אויך געקראָגען אַ׳ן אינטערעס צו פערזאָרגען זיך מיט בהומות און שקלאַווען גיט נאר אום צו האבען מעהר דעה און מאַכט אין זיין אייגענעם שטאַם, זאָנדערן אויך אום זיי אויסצובייטען אויף דיא בעסטע, שענסטע און טייערסטע זאַכען, ספּעציעל פּוץ־זאַכען און עדעלע שטיינער, גאָלד און זילבער, מיט וואס מען האט אָנגעהויבען צו האַנדלען אין געוויסע געגענדען. אין דעם קאַפּיטעל איבער דעם מעטאַלענעם פּעריאָד האבען מיר שוין געזעהען, וויא אזוי מען האט נאָך אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען געפיהרט בראָנזע, צין, גלאָז א. ז. וו. פון אזיען נאָך אייראָפּאַ דורך בעשטימטע האַנדעלס־וועגען. און נאָך אין דעם שטיינערנעם פּעריאָד האט מען געפיהרט א האַנדעל מיט דיא בעסטע סאָרטען קרע־מען. דיזער האַנדעל איז דאַן בעשטאַנען אין אַ׳ן אויסטויש פון פּראָ־דוקטען. דיא נאַטור שטעלט ניט איבעראַל צו דיא זאַכען וואס דער מענש ברויכט, און וואס גרעסער דיא בעפעלקערונג איז געוואָרן און וואס מעהר דיא קונסטען האבען זיך ענטוויקעלט, אלץ עפטער און גרעסער איז געוואָרן דער אויסטויש, וועלכער האט שוין נאַטירליכער־

ווייזע געפיהרט צו א שטארקע פערגרעסערונג פון פריוואט־אייגענטהום. שקלאווערייַ פון איין זייט און אויסטויש פון דער אנדער זייט — דאס זיינען געוועזן די שטארקסטע אורזאכען פון דער ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום ביי אלע קולטור־פעלקער.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

דער אָנפאַנג פון לאַנד־אייגענטהום.

פערטהיילונגען פון טעריטאָריעס דורך דיא פערמעהרונג פון מענשען. — הייזער אלס בעוועגליכעס אייגענטהום. — הייזער פון פרויען און פון מענער. — פאַמיליען־געמיינדעס און דאָרף־געמיינדעס. — דיא פערבליבענע פאַמיליען־געמיינדעס ביי סלאַווישע פעלקער. — פאַמיליען־געטער און פאַמיליען־אייגענטהום. — לאַנד־טהיילונגען און איבערבייטונגען פון חלקים דורך דיא ענטוויקלונג פון אינדיווידואַליזמוס. — דיא ענטשטעהונג פון דאָרף־געמיינדעס. — לאַנד־פער־טהיילונגען דורך מלחמות.

יעצט בלייבט אונז נאָך צו בעטראַכטען, וויא אזוי מען האט אויף ביסלעכווייז גענומען פערקאַפען לאַנד אין פריוואַט־בעזיץ.

עס איז שוין אויבען אָנגעוויזען געווען, אז ווילדע פערשטייען אי־בערהויפט ניט, וויא מען קען גאָר פערקויפען לאַנד און אז אפילו ביי קולטור־פעלקער איז פריוואַט־אייגענטהום אויף לאַנד ניט אַנערקענט געוואָרן לאַנג נאָך דעם, ווען מען האט שוין גאר פערגעסען אָן געמיינ־שאַפטליכקייט אין בעוועגליכע זאַכען. אייגענטליך האבען נאָך זעהר ווילדע שטאַמען שוין גענומען פערקאַפען שטיקער לאַנד פאר זיך, וויא מיר ווייסען עס שוין; אבער דאס זיינען געווען געמיינשאַפטליכע יאַגד־

פלעצער אדער טעריטאָריעס, וויא מען געפינט עס אויף ביי אייניגע סאָרטען חיות. ווען מען האט אָנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען זיך אליין מעהר מיט פיהפיטערונג, האט מען אויך גענומען פערכאַפּען בע־שטימטע פּלעצער פאר דיא בהמות. דיא נאָמאַדען פלעגען וואַנדערן מיט זייערע סטאַדעס נאך דיא יאהרעסצייטען נאך און זיי פלעגען זיך אויף יעדען אָרט אויסקלייבען געוויסע פעלדער, אויף וועלכע זיי פלעגען לייגען א חזקה, ווען זיי פלעגען דיא זעלבע פעלדער בענוצען עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. אָנפאַנגס האבען דיא פיהפיטערער גע־זאָרגט, אז זיי זאָלען האבען דיא פרייהייט צו לאָזען פיטערן זייערע בהמות, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען; אבער מיט דער צייט, ווען דיא בעפעלקערונג האט זיך אליין פערמעהרט און מען האט שוין אָנגעהויבען צו קעמפּפען פאר גוטע גראָזפעלדער, האט מען זיי אָנ־געפאַנגען אליין מעהר פערכאַפּען און צו בעשיצען געגען דיא פרעמ־דע. דיא פערכאַפּטע פעלדער האבען אבער דאך געהערט צו דער גאַנצער וואַנדערנדער קאָמפּאַניע פיהפיטערער, וויא גרויס זיא איז ניט געוועזן. דיא סטאַדעס האבען שוין געמעגט געהערען צו איינ־צעלנע פאַטריארכען; אבער דיא פיטערונגס־פעלדער זיינען נאך גע־ווען אלגעמיינעס אייגענטהום.

פון דעסטוועגען האבען דאך דיזע געמיינשאַפּטליכע טעריטאָ־ריעס מיט דער צייט ארויסגערופען ווייטערע טהיילונגען און פערכאַ־פּונגען פון לאַנד דורך אליין קלענערע גרופּען מענשען. אויב עס איז רעכט געוועזן, אז א שטאַרקערער שטאַם זאָל פערכאַפּען א שטיק לאַנד ביי א שוואַכערן, זאָ איז שוין מיט דער צייט, ווען עס איז ענטשטאַנען אונגלייכהייט אונטער מענשען, אויך רעכט געוואָרן, אז שטאַרקערע פּערזאָנען זאָלען פיר זיך אויסקלייבען אדער פערכאַפּען דיא בעסערע חלקים לאַנד אין דער געמיינשאַפּטליכער טעריטאָריע זעלבסט. אזוי האט עס ביסלעכוויז געמוחט פאָרקומען ביי דער פער־מעהרונג פון דער בעפעלקערונג אויף א געוויסער טעריטאָריע. דיא נאַטירלי־כע פערמעהרונג פון מענשען מוז מען שטענדיג נעהמען אין אַנבע־טראַכט ביי דער ענטוויקלונג פון קולטור אין אלגעמיינען און פון פּריוואַט־אייגענטהום בעזאָנדערס. דיא אָנפיהרער און דיא שטאַר־

קערע און קלענערע פּאַטריאַרכען פלעגען דאָן כאַפּען, וויא פיעל זיי האבען נאר געקענט, און דיא יעניגע, וועלכע עס איז ענג און שלעכט געוואָרן, פלעגען זיך אדער אונטערוואַרפען צו דיא שטאַרקערע אדער איינפאַך זיך צוזאַמענקלייבען אין א בעזונדערע קאָמפּאַניע און אויס־וואַנדערן, אום צו פערכאַפּען נייע אדער פרעמדע פּלעצער. און דאס ערקלערט אונז פיעלע אויסוואַנדערונגען און איבערפאַלונגען פון דיא נאָמאַדען, וועלכע האבען אויף אָפּט געגרינדעט נייע מלוכות.

ביי דיא שטאַמען און פעלקער, וועלכע האבען זיך בעזעצט אויף געוויסע ערטער און זיך דאָרטען אָפּגעגעבען מיט אַקערבוי, האט זיך אויך ביסלעכווייז אָנגעהויבען א צוטהיילונג פון דיא געמיינ־שאַפטליכע טעריטאָריע צווישען דיא פאַמיליען. מיר ווייסען שוין, אז דיא פּרוכטען פון בעאַרבייטעטע לאַנד, אלס רעזולטאַט פון אַר־בייט, זיינען שוין פערהעלטניסמעסיג פריה געוואָרן פּריוואַט־אייגענ־טהום פון דיא אַקערבויער־פאַמיליעס; אבער עס איז דאָך זעלבסט־פערשטענדליך, אז דיא יעניגע פאַמיליען, וואס האבען צופעליג אדער דורך פערכאַפּונג נעקראָגען א פּרוכטבאַרען חלק לאַנד, האבען עס געזוכט וואס לענגער אָנצוהאַלטען פיר זיך. און ווערענדיג דורך דעם אליין רייכער און שטאַרקער, האבען זיי שוין געקענט אונטערוואַר־פען אַנדערע אונטער זיך און ווערן דיא אָנפיהרער.

אזעלכע פערטהיילונגען פון לאַנד אונטער פאַמיליען זיינען אבער אָנגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, און אפילו ווען דיא חזקה פון א בעשטימטען טהייל לאַנד איז שוין אַנערקענט געוועזן פון אַנדערע, האט עס דאָך ניט געהייסען פּריוואַט־אייגענטהום אין דעם זינען, וויא מיר פערשטייען עס יעצט. דעם חלק האט מען נאר ב ע ז ע ס ע ן, זאָ צו זאָגען, א ו י ף א ר ע נ ד ע ביי דעם שטאַם, וועלכער איז פערבליבען דער אויבערהאַר איבער דער גאַנצער טעריטאָריע. דיא פאַמיליע האט ניט געקענט און ניט געטאָרט פערקויפען אדער זאָ־גאר שיינקען צו פרעמדע איהר חלק לאַנד און זיא איז נאר אייגענטליך געוועזן דער אייגענטהימער אויף דיא פּראָדוקטען פון לאַנד. א פאַ־מיליע איז דאָן בעשטאַנען, שוין ניט רעכענענדיג שקלאַווען און שקלאַ־ווינען, פון וועלכע דיא יונגע זיינען אויך געוועזן קעפּס־ווייבער, אויס

וויניגסטענס דריי דורות, זאָ דאס צוזאַמען האבען זיי געבילדעט צימליך גרויסע גרופּען, וועלכע האבען זיך אין צייטען פון רוהע און איבערהויפּט אונטער גינסטיגע אומשטענדען ענטוויקעלט צו גאַנצע שטאַמען.

וויא אזוי דיא בעגריפע פון „מיינס און דיינס" אויף לאַנד האָבען זיך לאַנגזאַם פערשפּרייטעט אונטער דיא פּארצייטיגע מענשען, קען מען אויף שליסען פון דעם, דאס הייזער זיינען נאך אפילו ביי דיא אלטע גערמאַנען גערעכענט געווען פאר בעוועגליכעס איינענטהום. דאס איז צוערשט געקומען פון דעם, וואס דיא געצעלטען און הייזלעך פלעגט מען טאקע איבערטראָגען מיט זיך ביי דיא וואַנדערונגען. נאכהער, ווען דיא הייזער זיינען שוין אפילו פעסטער געבויט געוואָרן און זיינען שוין פערבליבען שטענדיג אויף איין אָרט, איז קיינעם ניט איינגעפאַלען צו האַלטען דיא ערד אונטער זיי פאר פּריוואַט־איינענטהום. דיא וואָהנונגס־פּלעצער זיינען אייגענטליך גערעכענט געווען, אלס רעזולטאַט פון ארבייט, פאר פּריוואַט־אייגענטהום אזוי וויא געצייג און געוועהר. נאך ביז יעצט זיינען פערבליבען פיעלע פעלקער, וואס בויען זיך הייזער גאר ניט דיינקענדיג וועגען אייגענטהומס־רעכטע אויף דעם גרונט אונטער זייערע וואָהנונגס־פּלעצער. צוערשט זיינען אי דיא בויערס אי דיא אייגענטהימער פון דיא וואָהנונגס־פּלעצער געווען פרויען, וויא מיר ווייסען עס שוין. איבערהויפּט איז עס אזוי געווען אין דיא מאַטריארכלישע צייטען. נאר ביי מאַנכע פעלקער ענטשטייט מיט דער צייט א׳ן אונטערשיעד צווישען א מאַן׳ס הויז און א פרוי׳ס הויז. דיא פרויען־הייזער זיינען אבער פערבליבען דיא צענטערס פון פאַמיליען־לעבען און פון הויזליכע ווירטהשאַפט שוין צוליעב דעם, וואס דיא פרויען האבען געהאַט אויפצופּאַסען אויף דיא פייער־פּלעצער. דארום זעהען מיר עס, דאס ביי אלע ווילדע פעלקער האבען דיא פרויען אויפצושטעלען דיא געצעלטען. וויא מיר האבען עס שוין בעמערקט אין דעם קאַפּיטעל איבער וואָהנונגען, איז ביי דיא עסקימאָסען איינגעפיהרט, אז אפילו זייערע שטיינערנע ווינטערדיגע הייזלעך ווערן צוזאַמענגעשטעלט פון דיא פרויען און אז דיא מענער גיבען זיך אפילו ניט א ריהר, ווען

דיא פרויען בויגען זיך אין דרייען אונטער דער לאסט פון דיא שטיינער.

הויזווירטהשאפט ווערט נאך גערעכענט אלס א ספעציעלע פרויען־בעשעפטיגונג אויך ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער. ווען דיא פרויען האבען שוין ביי דיא קולטור־פעלקער אויפגעהערט אליין צו בויען הייזלעך, זיינען זיי דאך מייסטענס פערבליבען דיא איינענטהימער פון זיי. לויט דיא אלטע זאקסישע געזעץ האבען דיא פרויען געהאט זייערע אייגענע הייזער. אין איינינע ערטער האט מען זיך געפיהרט, אז דער חתן האט געשאנקען דער כלה א הייזעל אלס א חתונה־געשאנק. נאך דעם טויט פון דעם מאן האט דיא פרוי געמעגט טאן מיט איהר הייזעל, וואס זיא האט געוועלט; אבער דאס לאנד אונטער דער הייזעל האט געהערט צו דער פאמיליע פון מאן. דאס לאנד איז געוועזען דיא „פאמיליען־ירושה". דיא אלמנה האט אויך געהאט דאס רעכט מיטצונעהמען איהר הייזעל און אויפצושטעלען איהר ווייטער אויף דעם גרונט פון איהרע פערוואנדטע. עס זיינען שוין אבער אין דייטשלאנד דאן אויך געוועזען הייזער, וואס זיינען געוועזען פריוואט־אייגענטהום צוזאמען מיט דעם גרונט. דיזע הייזער האט מען גערופען „האללען" און זיי האבען געהערט צום מאן, צום פאטריארך. דיא הילצערנע הייזלעך פון דיא פרויען האט מען דאן גערופען „צימער".

נאר וואס מעהר און בעזאנדערס וואס געדיכטער מענשען זיינען בעזעצט געווארן אויף א בעשטימטען ארט, אלץ מעהר האט מען גענומען בעטראכטען דעם גרונט אונטער און ארום דיא הייזער אלס פאמיליען־אייגענטהום. דיא אויפבויאונג פון הייזער האט אלזא שליסליך געפיהרט צו א'ן אפזונדערונג פון לאנד אלס פריוואט־אייגענטהום. אפילו ביי דיא פיהפיטערער איז דער וואהנונגס־פלאץ געוועזען דער צענטער, מיט וועלכען זייער גאנצער פערמעגען און זאך עקזיסטענץ זיינען געוועזען אם ענגסטען פערבונדען. אקערבוי־און פיהפיטערונגס־פעלדער האט מען גענומען אויסטהיילען צו דיא מיטגליעדער פון א שטאם, אבער דיא וועלדער און זומפיגע ערטער זיינען נאך לאנג שפעטער פערבליבען געמיינדע־אייגענטהום. דיא

רוסישע בויערן בעטראכטעט נאך ביז היינט צו טאָג וועלדער אלס אלגעמיינעס אייגענטהום און זיי גייען אויף האקען האָלץ פאר זייער געברויך, גאר ניט קימערנדיג זיך, ווער עס איז דער געזעצליכער אייגענטהימער פון דיזע וועלדער. נאך דיא געזעצע איז דאס גנבה, אבער אין פיעלע ערטער פון רוסלאנד וועלען נאך פּראָיבערגייען עטליכע דורות, איידער דיא בויערן וועלען דאס אָנערקענען פאר א ווירקליכע גנבה. און פון זייער שטאנדפונקט, וועלכער איז געוועזן דער שטאנדפונקט פון אלע פארצייטיגע מענשען, האבען זיי רעכט. דען דיא וועלדער וואקסען דאך פריי, אָהן דיא אָנווענדונג פון מענשליכע ארבייט, וועלכע בערעכטיגט פּריוואט־בעזיץ פון א זאך, וויא דאס איז שוין אין פאָריגען קאפּיטעל ערקלערט געוואָרן.

אין אקערבוי־געמיינדען זיינען געוויינליך דיא פיהטערונגס־פעלדער אויף פערבליבען געמיינשאפטליכעס אייגענטהום אזוי וויא וועלדער, שוין לאנג נאכדעם, וויא דיא אקערבוי־ערד איז צוטהיילט געוואָרן. יעדע געמיינדע האט זיך געהאט איהר טעריטאָריע, געוויינליך בעגרענצט מיט א וואלד, וועלכער האט צו קיינעם ניט געהערט. אזוי איז עס וויינינגסטענס געוועזן אין אייראָפּא און ספּעציעל אין דייטשלאנד. דיא געמיינדעס זיינען דאָרט צוערשט מייסטענס בעשטאנען פון גרעסערע און שטארקערע פאמיליען, און דיא „האללען" אדער מענער־הייזער זיינען געבויט געוואָרן פאר דעם הויפּט פון דער פאַמיליע און האבען געדיענט אלס ראטה־הייזער פאר אלע דערוואקסענע מיטגליעדער, אום צו רעגולירען דיא ארבייט און צו פאסען בעשליסע. דאָרטען פלעגט מען זיך אויף צוזאמענקומען ביי פעסטליכקייטען, אום צו עסען, טרינקען און זיך לוסטיג מאכען צוזאמען. דאס זיינען געוועזן דיא הייזער פון דיא פאטריארכען. מיט דער צייט אבער, ווען דיא ערשטע פאמיליעס זיינען אויסגעוואקסען אין א שטאם, האבען זיך אויסגעטהיילט נייע קלענערע פאמיליעס, וועלכע האבען ווידער געבויט זייערע „האללען", און נאך שפּעטער, ווען דיא פיהרערס און שטארקערע האבען אָנגעפאנגען צו זאמלען און צו פערכאפּען אלץ גרעסערע חלקים ערד און האבען זיך אויסגעשיידעט אלס א העררען־קלאס, אלס באראָנען, גראפען און איבערהויפּט אלס „אדעליגע", זיינען שוין

פיעלע פון אזעלכע „האללען" אומגעוואנדעלט געווארן אין „הערדען־הייזער" און שלעסער. דיזע אדעליגע האבען אויך גענומען פערכאפען מיט געוואלט די גענייגשאפטליכע ערד פון די געמיינדעס, דערפער און שטעדט און האבען איינגעפיהרט די פעאדאלע סיסטעם, וועלכע האט אויך עקזיסטירט מיט מעהר אדער ווייניגער האפט ביי פיעלע אנדערע פעלקער, צום ביישפיעל אין יאפאן, און וועלכע איז אפגעשאפט געווארן אין פראנקרייך אם ענדע פון 18־טען יאהר־הונדערט, ווען די גרויסע רעוואלוציאן האט דך אנגעפאנגען, און אין רוסלאנד ערשט אין 1861, ווען די פאנטשיזניקעס זיינען בעפרייט געווארן.

נאר לאמיר ניט פערלויפען פאראויס און לאמיר נעוויגטער בעטראכטען די ארגאניזאציאן פון די געמיינדעס זעלבסט. ביז יעצט האבען מיר קיין אונטערשיעד געמאכט, ווען מיר האבען געברויכט דאס ווארט געמיינדע. עס איז אבער דא א זעהר טיעפער און אלגעמיינער אונטערשיעד אין געמיינדעס. ווען מען נעהמט זיך זיי גרינדליכער נאכצופארשען, פערפעהלט מען ניט צו געפינען, אז עס זיינען געווען און עס זיינען ביז יעצט פערבליבען פאמיליען־געמיינדעס און צזאמענגעשטעלטע אדער דארף־געמיינדעס. די פאמיליען־געמיינדעס האבען זיך ענטוויקעלט מיט דעם פאטריארכאט צוזאמען, און די דארף־געמיינדעס האבען זיך אנגעפאנגען צו בילדען, ווען די פריהערע גרויסע פאמיליעס האבען זיך אנגעהויבען אויסצוזונדערן אין קלענערע, ווען די איינגערע מיטגליעדער האבען זיך גענומען אלץ מעהר ארויסרייסען פון די פאטערליכע אויבערמאכט, ווען, מיט איין ווארט, דער אינדיווידואליזמוס איז שטארקער איינגעווארצעלט געווארן ביי מענשען.

פאמיליען־געמיינדעס עקזיסטירען נאך יעצט ביי די סלאווישע פעלקער, נעמליך: ביי די סערבען, בולגארען און טשארנא־גארצעס. אין איניגע פערווארפענע ערטער פון רוסלאנד האט מען אויך ענטדעקט אזעלכע געמיינדעס. זייער ארגאניזאציאן גיט אונז קלארע אנווייזונגען, וויא אונזערע פארפאטערס האבען געלעבט אין די ערשטע פאטריארכאלישע צייטען. די זידליכע סלאווען רופען אזא

געמיינדע „זאדרוגא“ אדער „בראטסטווא (ברודערשאפט)“, און זיא בעשטייט מייסטענס טאקע נור פון פערוואנדטע. פרעמדע קענען אריינטרעטען אין איהר נור דורך א חתונה אדער ווען זיי ווערדן אדאפטירט (אנגענומען) אלס זיהן. דער הויפט הייסט „דאמאטשין“. ער איז דער בעל־הבית און ווערט געוויינליך אויסגעקליבען פון דיא דערוואקסענע און פערהייראטעטע מיטגליעדער. אהן זיין ערלויבניס טאר קיינער ניט צונעהמען פאר זיך אדער אפגעבען זאכען, וואס האבען אירגענד וועלכען ווערטה. ער איז דער קאסירער פון דער געמיינדע און שאפט איין אלע נויטיגע זאכען פיר אלע מיטגליעדער. געוויינליך מעג ער נאר פערקויפען בעוועגליכעס פערמעגען, אבער ניט לאנד. אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען דארף ער אנפרעגען דעם פאמיליען־ראטה, וועלכער קען איהם אויך ארונטערזעצען, אבער נאר אין דעם פאל, ווען אלע זיינען וועגען דעם איינשטימיג. דיא פרוי פון דאמאטשין איז געוויינליך דיא „דאמאטשיצע“ אדער דיא ווירטהין. אין איינינע ערטער האבען דיא פרויען דאס רעכט אליין אויסצוּוועהלען א דאמאטשיצע. זיא פערטהיילט דיא ארבייט צווישען דיא פרויען, ניט איהר ענטשיידונג אין זייערע צאנקערייען און האט א זעהר גרויסע דעה אין חתונה־אנגעלעגענהייטען. אלע מיטגליעדער פון אזא „זאדרוגא“ בענוצען זיך גלייך מיט דעם אלגעמיינעם אייגענטהום. יעדערער האט זיין הלק אין דיא איינקינפטע און א גלייכען רעכט אויף שפייז, וואהנונג און בעלייכטונג פון דער געמיינדע.

עהנליכע פאמיליען־געמיינדעס האט מען אויך אויסגעפונען אין רוסלאנד. אפט לעבען דארטען אזוי פופציג נפשות, וועלכע ארבייטען, עסען און וואהנען צוזאמען. דער געמיינשאפטליכער פערמעגען ווערט פערוואלטעט פון איינעם, וואס ווערט אויסגעקליבען פון דעם פאמיליען־ראטה. קיינער פון דיא מיטגליעדער, אפילו דער עלטסטער, האט כמעט קיין פריוואט־אייגענטהום, און דאס געמיינשאפטליכע לאנד קען יעדענפאלס ניט אפגעזונדערט אדער אפילו צוטהיילט ווערן.

אז אויף דעם זעלבען שטייגער זיינען געוועזן ארגאניזירט דיא אריער־שטאמען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין אינדיען, קען מען

זעהען פון זייערע איבערגעבליבענע הייליגע ביכער, גענאַנט „ריג־וועסטאַ“ און „אַוועסטאַ“. דאָרטען ווערט דערמאָנט וועגען צוויי סאָרטען פערבינדונגען פון פערוואַנדטע, און דעם זעלבען אונטערשיעד האַבען געלעהרטע נאַכפאָרשער געפונען אויך ביי דיא אַלטע גריכען און רוימער. דיא ערשטע גרופּע, גענאַנט „סאַפּינדאַ“ איז בעשטאַנען פון דיא נעהענסטע קרבים, וואס האַבען געוואָהנט אונטער איין דאַך און געגעסען צוזאַמען. געוויינליך זיינען דיזע גרופּען בעשטאַנען פון אַ׳ן עלטער־זיידע, אַ זיידע, אַ פאָטער, זיהן, אייניקלעך און אוראייניקלעך, ד. ה. פון אַזעלכע פאַמיליען־מיטגליעדער, וואס קענען נאָך פערזענליך זיך צוזאַמענטרעפען. זייער אַנערקענטער הויפּט פלעגט פערוואַלטען דעם אַלגעמיינעם פערמעגען, און אַלעס האָט געהערט צו אַלעמען. פון דעסטוועגען איז עס שוין אויך געווען אַנערקענט, דאס ווען איינער פלעגט זיך ערווערבען אַ פערמעגען מיט דער הילפע פון דעם געמיינעד־אייגענטהום, האָט ער געמוזט אָפּגעבען דער געמיינדע נאָר אַ דריטעל דערפון. צוויי דריטעל זיינען שוין אַלזאָ געווען פּריוואַט־אייגענטהום, און עס איז קלאָר, אַז דאס איז געווען איינער פון דיא וועגען, דורך וועלכע פּריוואַט־אייגענטהום האָט זיך מיט דער צייט אַלץ מעהר פערשפּרייט, צושטערענדיג דיא אַלטע קאָמוניסטישע פיהרונגען פון אַ פאַמיליען־גרופּע.

דיא צווייטע גרופּע, גענאַנט „זעמאַנדאָס“, איז בעשטאַנען פון פּערזאָנען, וועלכע האַבען שוין ניט געוואָהנט צוזאַמען. דאס זיינען שוין וואַהרשיינליך געווען אויסגעזונדערטע פון דיא פאַמיליען־גרופּעס, דען זיי פלעגען אויך כמעט קיין אַנטהייל נעהמען אין דיא רעליגיעזע צערעמאָניעס און קרבנות פון דיא פאַמיליען געמיינדעס.

מיר וואָלטען נאָך געקענט ברייננגען אַ גאַנצע רייהע בעווייזע אויס דיא אַלטע מנהגים און געזעץ פון אונזערע פאָרפאַטערס, אַז דיא ערשטע פאָרמע פון לאַנד־אייגענטהום איז געווען דער חלק לאַנד, וואס דיא פאַמיליען־געמיינדעס האַבען פערנומען; אַבער דיא עטליכע געבראַכטע ביישפּיעלע זיינען גענוג איבערצייגענד איבער־הויפּט איז עס גאַנץ נאַטירליך געווען, דאס דיא ערשטע פערטהיילונגען פון לאַנד זאָלען זיין צווישען גאַנצע פאַמיליען פון איין שטאַם,

וועלכע האבען געלעבט פאָלקאָמען געמיינשאַפטליך אונטער זיך.
דאס איז אויך ענטשטאַנען צוליעב א'ן אַנדער אורזאַכע,
וועלכע האט געהאַט דיא גרעסטע וויכטיגקייט אין דער פאַמיליען־
אָרגאַניזאַציאָן. מיר מיינען דאָ נעמליך דיא פערעהרונג פון דיא פער־
שטאָרבענע אורעלטערן ביי אלע פעלקער אויף דער ערד. דיא מיט־
גליעדער פון איין פאַמיליע זיינען דורך דעם געווען זעהר ענג פער־
בונדען, דען זיי האבען מורא געהאַט פאר דעם כעס פון דיא הויז־
גייסטער, ווען מען זאָל זיי אויפ'ן אָרט — און דאס הייסט, וויא מיר
ווייסען עס שוין, לעבען פייער־פּלאַץ — ניט אָפּגעבען כבוד און ניט
ברייננגען קרבנות.

אין דיא קאַפּיטלעך איבער רעליגיאָנען וועלען מיר ערקלערן,
וויא אזוי דיא פערעהרונג פון עלטערן־גייסטער איז ענטשטאַנען ביי
אלע פעלקער; דאָ וועלען מיר אָנצייגען אויף דעם פאַקט, דאס אין
אָנפאַנג פון פאַטריאַרכאַט האט יעדע פאַמיליע געהאַט איהרע איי־
גענע אָבגעטער און איהרע אייגענע רעליגיעזע צערעמאָניעס אדער
גאָטעס דיענסט. מיט זייערע פערשטאָרבענע עלטערן זיינען זיי גע־
ווען אין שטענדיגע פערבינדונג דורך פערשיעדענע קרבנות. מען האט
פעסט געגלויבט, אז אָהן אזעלכע אויפּאָפּפערונגען, וויא צום ביי־
שפּיעל, לאָזען אדער פערברענען א טהייל שפּייז פיר דיא גייסטער,
וועלען זיך דיזע גייסטער פיהלען זעהר אונגליקליך און איינפאַך הונ־
געריג; און אזוי וויא מען האט אויך גערעכענט, דאס זיי וועלען דער־
פאַר אויסלאָזען זייער כעס צו זייערע קינדער, זאָ האט מען אלע
אזעלכע צערעמאָניעס שטרענג אָפּגעהיט. מען האט אויך אָנגעהאַל־
טען געמיינשאַפטליך דעם פאַמיליען־פערמעגען, ווייל מען האט גע־
רעכענט, אז דיא פערשטאָרבענע האבען א חלק אין דעם. דיי־
זער גלויבען איז צוגלייך געווען דיא אורזאַכע, וואָרום דיא פאַטריאַרכען
האבען געקראָגען אזא גרויסע מאַכט איבער זייער גאַנצער הויזגעזינד,
וויא מיר האבען דאס שוין געזעהען, און ווארום דאס פאַמיליען־איי־
גענטהום איז נאך אזוי לאַנג פערבליבען אונפערקויפבאַר, ווען דיא
שטרעבונג צו פּריוואַט־אייגענטהום איז שוין געווען שטאַרק ענטוויי־
קעלט. ווען ניט דער גלויבען אין דיא גייסטער פון דיא פערשטאָר־

בענע וואָלטען דיא פאמיליען געמיינדעס זעהר שנעל צופאַלען נע־וואָרן, וויא נאר מען האט אָנגעפאנגען צו טהיילען דיא שטאַם־טעריטאָריעס. וויא ווייט דאס איז ריכטיג, קענען מיר שליסען פון דעם, דאס ביי דיא פעלקער, וועלכע האלטען זיך נאך אָן דיזען גלויבען, וויא צום ביישפּיעל ביי דיא כינעזער, זיינען נאך ביז היינט צו טאָג פערבליבען שטיקלעך פאמיליען־לאנד (מייסטענס זיינען דאס בעערדיגונגס־פּלעצער), וואס געהערען צו אלע מיטגליעדער און וואס מען טאָר ניט פערקויפען. דאס לאנד ארום איז געוויינליך פּריוואט־אייגענטהום, אבער דיא שטיקלעך פאמיליען־לאנד, אלס פאמיליען־ירושה, וועלען נאך לאנג פערבלייבען אלגעמיינעס אייגענטהום.

אזוי וויא אונטער דעם פּאטריארכאט האט מען נאטירליך נאר געהאלטען פיר נויטיג צו פערעהרען דיא גייסטער פון דיא פער־שטאָרבענע מענער און אזוי וויא מען האט אויך נעגלויבט, דאס דיא גייסטער קענען זיך פיהלען צופרידען נאר דאן, ווען דיא אויפאָפּפע־רונגען צו זיי און דיא צערעמאניעס צו זייער אנדענקען ווערן אויס־געפיהרט פון זייערע אייגענע קינדער, זאָ האט דאס פון איין זייט געפיהרט דערצו, אז מען זאָל שטרענג אָפּהיטען דיא טרייהייט פון דיא פרויען און אז מען זאָל בעזאָנדערס זעהען צו האבען זיהן, און פון דער אנדער זייט האט עס אלץ פערשטארקט דיא מאכט פון דיא עלטסטע זיהן, וועלכע האבען געפּראוועט דיא צערעמאָניעס. מיט דער צייט האבען אזעלכע פּריווילעגירטע אָנגעפאנגען אלץ מעהר צו בענוצען זיך מיט זייער מאכט, אום צו דריקען אנדערע מיטגליעדער און צו פערכאַפּען דיא גרעסטע טהיילען פון דעם אור־שפּרונגליכען פאמיליען־אייגענטהום פאר זיך. דיא ווייטערע פער־וואנדעטע זיינען אזוי אלץ מעהר אויסגעשטויסען געוואָרן פון דעם פריהערן פאמיליען־קרייז און האבען שוין אויך קיין אנטהייל גענומען אין דיא צערעמאָניעס פון דיא פאמיליעס צו דיא פערשטאָרבענע עלטערן און אורעלטערן, וועלכע האבען זיך אזוי אויסגעצייכענט ביי'ן לעבען, אז דיא פאָלגענדע דורות האבען אָן זיי ניט פערגעסען. דיזע אויסגעשיידעטע האבען שוין געלעבט בעזונדער און האבען זיך מייס־

טענס געמוזט געמוזט אליין ערווערבען זייער לעבענס־מיטעל, זאָ דאס אונ־
טער זיי איז פריוואַט־אייגענטהום אלץ ווייטער ענטוויקעלט געוואָרן.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא פאַמיליען־געמיינדעס האבען נעקענט זיך ענטוויקלען אויף א נאַטירליכען וועג נאר אין דיא לענדער, וואס זיינען ניט אָפט בעפאַלען געוואָרן פון וואַנדערנדע פעלקער און וואס זיינען געוועזען גינסטיג צו אַקערבוי. נאר וויא באלד אזעלכע געמיינדעס האבען זיך געקענט האלטען אויף איין אָרט אין פערלויף פון דורות, האט זיך פאַלגליך דיא בעפעלקערונג שטארק פערמעהרט, און דיא נייע דורות האבען שוין געמוזט זיך זוכען נייע שטיקער לאַנד אדער פאַנאַנדערטהיילען דעם פריהערן פאַמיליען־חלק. וואס מעהר א לאַנד איז בעזעצט געוואָרן, האט זיך אויך דיא קול־טור מעהר ענטוויקעלט, און דאס האט ארויסגערופען, וויא מיר האָ־בען עס שוין געזעהען, אלץ א טיעפערע שטרעבונג צו פריוואַט־בע־זיץ און צו אָנזאמלונגען פיר אייגענעם געברויך און פיר אויסטויש. מען האט אויך צוגלייך אָנגעהויבען אלץ שטארקער צו פיהלען דעם דרוק פון דיא פאַטריארכאַלישע פיהרונגען, אלץ מעהר צו וועלען זיין זעלבסטשטענדיג, א בעל הבית פאר זיך. איינער פון דיא גרעסטע און ערגסטע עפעהלערן פון פאַמיליען־געמיינדעס איז, וואס דער יחיד ווערט פערשלונגען און פערלאָרען אין דעם רבים, וואס דיא פערזענליכע זייט פון מענשען ווערט געשטיקט און געדריקט, וואס דיא פאַטריארכען אדער שפעטער דיא אויסגעקליבענע פערוואלטערס בעהערשען צו פיעל דיא מיטגליעדער. מיט יעדען פאָרטשריט אויף דעם וועג פון קולטור, מיט יעדע פערמעהרונג פון פראָדוקטען, מיט יעדע נייע ער־פינדונג, מיט יעדע נייע איינפיהרונג אין דעם לעבען פון דיא פאר־צייטיגע מענשען האט זיך אויך דער פערזענליכער גייסט אלץ ווייּ־טער געריסען פון דיא ראַמקעס, אין וועלכע ער איז געוועזען איינגע־פאַסט אין פאַטריארכאַלישע פאַמיליען און קאָמוניסטישע געמיינדעס. דיא שטרעבונג פון פערזענליכע אונאַבהיינגיגקייט און זעלבסטשטענ־דינקייט אדער דער אינדיווידואַליזמוס גראָבט אלץ אונטער דיא פאַ־מיליען־געמיינדעס און דיא גאַנצע פאַטריארכאַלישע אָרגאַניזאַציאָן. דיא דעוואַקסענע מיטגליעדער הייבען אלץ מעהר אָן צו פאָרדערן, אז

יעדערעד וואָל האבען דאס רעכט צו זיין אליין דער בעל הבית איבער דיא זאכען, וועלכע ער ערווערבט זיך דורך זיינע אייגענע אָנ־שטרענגונגען, און דאס פיהרט אויף ביסלעכווייז ארויס פערטהיילונ־גען פון דעם פאמיליען־אייגענטהום. דער אינדיווידואליזמוס מאכט עס, אז מען הויבט זיך אָן צו רעכענען מיט יעדע פיצעלע, אז מען וויל לעבען פאר זיך און אליין מעהר אָפּגרענעצען „מיינס און דיינס". אין דער פאמיליען־געמיינדע ענטשטייען דארום אליין עפטער צאנקע־רייען און רייסערייען, וועלכע ווערן נאטירליך בעזאָנדערס היים און ביטער נאך דעם טויט פון פאטריארך אדער פערוואלטער, און מען קען זיך שוין מייסטענס ניט אויסגלייכען אָהן אָפּטהיילונגען אין בע־זונדערע קליינע פאמיליען מיט בעשטימטע חלקים לאנד פיר זייער אייגענעם געברויך. דיא פרויען, וועלכע זיינען מייסטענס פון אנדערע פלעצער און שטאמען און וועלכע קענען געוויינליך ניט שטי־מען מיט זייערע שוויגערמוטערס און דיא פערוואנדטע פון זייערע מע־נער, זיי העצען עס בעזאָנדערס אויף דיא מענער ארויסצוטרעטען פון דער פאמיליען־געמיינדע מיט א געוויסען חלק פון דיא געמיינשאפט־ליכע שטיק לאנד, און אזוי וויא ניט אלע פאמיליעס פערמעהרען זיך דאך גלייך און ניט אלע חלקים ערד זיינען גלייך פרוכטבאר און בעקוועם פיר דיא אקערבייער, זאָ הויבט מען אליין עפטער אָן צו פערטהיילען און צו בייטען זיך פון צייט צו צייט מיט דיא חלקים.

דורך דיזע לאנד־איבערבייטונגען, פון וועלכע עס איז שוין אין א פאָריגען קאפיטעל גערעדט געוועז, איז דאך אין פערלויף פון יאהר־טויזענדע אָנגעהאלטען געוואָרן א געוויסע גלייכהייט, וועלכע איז ערשט געבראָכען געוואָרן ביי דיא פאָרטגעשריטענסטע קולטור־פעל־קער דורך פערכאפּונגען מיט געוואלט. יעדער ניי־געבאָרענער האט געהאט א רעכט אויף א חלק פון דער פאמיליען־ירושה, וועלכע איז ביי דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום אויף בעוועגליכע זאכען, בעשטאנען במעט אויסשליסליך פון לאנד, און אלע זיינען וויינינגס־טענס געוועזן פערזאָרגט מיט חיונה. אבער מען האט שוין ניט גע־לעבט געמיינשאפטליך, נאר בעזונדער, און ביסלעכווייז זיינען דיא וויטערע קרבים גאנץ ענטפרעמדעט געוואָרן. דיא פריהערע פאמי־

ליען־געמיינדעס ווערן צופאלען אין אינדיווידועלע פאמיליעס, וועלכע פערבלייבען דער פונדאמענט פון אונזער יעצטיגע געזעל־שאפטליכע ארגאניזאציאן, נאר אזוי וויא דאס העכסטע רעכט אויף דעם לאנד האט נאך געהערט צום שטאם אדער שפעטער צום קע־ניג, און דיא אקערבויער האבען זייערע חלקים ניט געקענט פערקויפען, זא איז ביסלעכווייז ענטשטאנען א געמיינדע פון נאכבארען־אקערבויער אדער דיא דארף־געמיינדע, פון וועלכע מיר ווייסען פיעל מעהר וויא פון דיא אורשפרונגליכע פאמיליען־געמיינדעס, ווייל זיי האבען גאר ניט לאנג צוריק עקזיסטירט מעהר אדער ווייניגער ביי אלע אייראפעאישע פעלקער. דיזע פארמע פון געמיינשאפטליכע לאנד־אייגענטהום טראגט עס אין רוססלאנד דעם נאמען „אבשטינא" און זיא האלט זיך נאך אן אויך אין אינדיען אין אין אנדערע הינ־טערשטעליגע לענדער. ביז דער לעצטער צייט האט מען גערעכענט, אז דיא דארף־געמיינדע איז עלטער וויא דיא פאמיליען־געמיינדע, אבער גרינדליכע נאכפארשונגען האבען בעוויזען, אז עס איז פער־קעהט געוועזן און אז אין רוסלאנד זיינען דיא אבשטשינעס ענטשטא־נען נאך דיא פאנאנדערפאלונג פון דיא פאמיליען־געמיינדעס ערשט אין 17־טען יאהר־הונדערט.

דיא ארגאניזאציאן פון דיזע אלע געמיינדעס וויא אויך דיא פערטהיילונג פון לאנד האבען אבער בעריהרט נאר דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום ביי דיא אקערבויערער, ביי דיא בויערן. אין דער זעלבער צייט האבען שוין אלץ גרעסערע שטיקער לאנד געהערט אלס פריוואט־אייגענטהום צו דיא הערען, צו דיא אדעליגע קלאסען און אויך צו דיא גייסטליכע. דיזעס פריוואט־אייגענטהום איז ארויס־גערופען געווארן דורך דיא אלע פריהער אנגעצייגטע אורזאכען פון דער ענטשטעהונג פון אונגלייכהייט און קלאסען אין דיא אורשפרונג־ליכע רעפובליקאנישע געמיינדעס. דא איז שוין דער בעזיץ פון לאנד אפט געוועזן א רעזולטאט פון מלחמות און פערכאפונגען. דיא געשיכטע צייגט אונז, וויא דיא נאמאדען־פעלקער, וועלכע פלעגען זיך אריינרייסען אין א קולטור־לאנד און בעזיעגען דיא דארטיגע אקערבויער־בעפעלקערונג, פלעגען נאר איבערלאזען דיא אקערבויער

דאס געמיינדע־לאַנד, און דאס גאַנצע איבעריגע לאַנד פלעגען זיי פערכאַפּען און פערטהיילען צווישען זיך. זיי זיינען געווען דיא הער־שער און האבען זיך נאר בענוצט מיט דיא ארבייט פון דיא אַקער־בויער, וועלכע האבען געמוזט צאָהלען קאָנטריבוציעס און שטייערן. ווען דיזע הערשער זיינען ניט באַלד פעריאָגט געוואָרן פון נייע קריי־געריש שטאַמען און האבען זיך בעזעצט אויף דיא פערנומענע לאַנד האבען זיי שוין געבילדעט דעם קלאַס פון פּ ר י צ י ם, און דיא אַקער־בויער האבען זיי צ ו ג ע ב ו נ ד ע ן צו דער ערד, ד. ה. אומגעוואַנדעלט אין קנעכט אדער פּאַנסטשיזניקעס.

אום גענויער צו זעהען, וויא אזוי דאס איז צוגעגאַנגען און איבערהויפּט וויא אזוי שריט נאך א שריט איז מען צוגעקומען צו אונזערע יעצטיגע בעגריפע וועגען פּריוואַט־אייגענטהום, וועלען מיר אין דעם נעכסטען קאַפּיטעל בעטראַכטען דיא ענטוויקלונג פון איי־גענטהום ביי דיא פּאָרטגעשריטענסטע קולטור־פעלקער פון אַלטער־טהום, ביי דיא אמת'ע פּאָטערס פון אונזער ציוויליזאַציאָן: דיא אידען, דיא גריכען און דיא רוימער.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

איינענטהום ביי אידען, גריכען און רוימער.

דיא רעפּובּליקאַנישע אָרגאַניזאַציאָן ביי אידען פאַר און נאָך דיא פערכאַפּונג פון כנען. — זייער שטאַרקער גייסט פון אחדות און גלייכהייט. — וויא דיזער גייסט האט זיך ארויסגעצייגט אין דיא ביבּלישע געזעץ וועגען לאַנד־איינענטהום, שקלאַווען און אָרימע. — דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום אין ארץ ישראל. — דיא מאָנאַרכישע אָרגאַניזאַציאָן און דיא פריהצייטיגע ענטשטעהונג פון אונגלייכהייט ביי גריכען. — ים־רויבעריי און מאַסען־שקלאַווערייאין גריכענלאַנד. — גרויזאַמע בּעהאַנדלונג פון שקלאַווען. — פערכאַפּונגען פון לאַנד. — דיא געזעצע פון סאָלאָן. — דיא ענטוויקלונג פון אינדיווידואַליזמוס און פון פּריוואַט־אייגענטהום דורך האַנדעל און ים־רויב. — גרויסער פּאָרטשריט אין אַטהען. — דיא הערשאַפט פון רייכע און דער אונטערגאַנג פון גריכענלאַנד. — געמיינדע־ און פאַמיליען־אייגענטהום אין רוים. — דאס געזעץ פון 12 טאַבּליצעס. — דיא איינפיהרונג פון צוואה־רעכט. — געזעצע צו בּעשרענקען דאס צוואה־רעכט. — לאַטיפונדיען און ריזיגע פּריוואַט־פערמעגענס.— שטרעבּונגען צו גלייכהייט און דיא פאָדערונגען פון דיא בּרידער גראַקכוס. — שרעקליכע שקלאַווערייא אין רוים. — גלאַדיאַטאָרס און דער אויפשטאַנד פון ספּאַרטאַקוס. — דיא אומוואַנדלונג פון אַקערבּוי־שקלאַווען אין קאָלאָנען אדער פּאַנסטשיזניקעס

ביז דיא אידען האבען זיך בעזעצט אין כנען זיינען זיי געווען וואַנדערנדע פיה־פיטערערס וויא זייערע שטיפבּרידער, דיא אראַבען. עס איז א פראַגע, אויב מען האט זיי אויך געברויכט ביי פעלדאַרבּייט, ווען זיי זיינען געווען שקלאַווען אין מצרים. יעדענפאלס האבען

זיי זיך מעהר מיט אקערבוי ניט געקענט בעשעפטיגען בשעת זיי האבען געוואנדערט אין דיא וויסטענעסען. זייער אָרגאניזאציאָן איז דאן געווען א רעפובליקאנישע און האט זיך וועניג אונטערשיידעט פון דיא אָרגאניזאציאָנען פון דיא בעדואינען, וועלכע וואנדערן נאך יעצט אין דיא מדבריות און וועלכע זיינען פערבליבען אונפערענדערט אין פערלויף פון יאהר־הונדערטע. דיא אידען זיינען געווען צוטהיילט אין שבטים אדער אייגענטליך אין גרויסע פאמיליען, וועלכע זיינען אלע געווען אדער האבען זיך גערעכענט פון איין אָפּשטאמונג, וויא דיא ביבעל זעלבסט שילדערט עס. פון אייגענטהום אויף לאנד האָבען זיי נאטירליך ניט געוואוסט, און דיא בהמות האבען אויך גע־הערט צו גאנצע פאמיליעס, וועלכע האבען זיך געפיהרט פאטריאר־כאליש. וויא ביי אלע אנדערע פעלקער מיט א רעפובליקאנישע אָר־גאניזאציאָן, איז ביי דיא אידען זעהר שטארק איינגעדרונגען געווען דער גייסט פון אחדות און פון גלייכהייט; נאר אזוי וויא זיי זיינען נעקומען אין פערקעהר מיט דיא העכסטע קולטור פון דיא אלטע צייטען, דיא עגיפּטישע, האבען זיי שוין געוואוסט אפילו פון דעם גע־ברויך און אָנווענדונג פון געלט. זיי זיינען אויך בעקאנט געוואָרן מיט פיעלע אנדערע פיהרונגען פון מצרים אונטער דיא פּרעה׳ס און דארונטער מיט דיא גרויסע אונגלייכהייט פון קלאסען און מיט דיא הערשאפט פון דיא כהנים.

אין כנען האבען דיא אידען געטראָפען פעלקער און שטאמען, וואס זיינען געשטאנען אויף א פיעל העכערע שטופע פון קולטור, וויא זיי. זייער לאנד האבען אלע שטאמען פון כנען, וועלכע ווערן אויס־גערעכענט אין דער ביבעל, בעארבייטעט אויף דיא בעסטע ארט אין יענער צייט. אפילו דיא בערג זיינען געווען בעדעקט מיט וויינטרוי־בען און פרוכטבארע בוימער. קאנאלען האבען זיך געצויגען אין פיעלע ערטער, און ניט אומזיסט איז עס געוואָרן א „לאנד פון מילך און האָניג“, וויא דיא ביבעל רופט „דאס פערשפּראָכענע לאנד“. דיא כנענים זיינען אויך געווען בעקאנט אלס גוטע האנדווערקער און בעזאָנדערס אלס שמידען. זיי האבען שוין פאבריצירט רייטוועגען, געצייג און געוועהר פאר אנדערע פעלקער. לעזענדיג דיא ביבעל,

קען מען מיינען, אז דיא פּלשתים, חתים, אמרים א. ז. וו. זיינען נעווען ווילדע ברואים, אבער אין אמת'ן זיינען זיי געווען זעהר פּאָרט־ געשריטען אין אלע קונסטען, אפילו אין דער קונסט פון שרייבען. אזוי וויא כנען איז געווען דער פּערמיטלונגס־פּונקט צווישען בבל און מצרים, דיא ערשטע און גרעסטע קולטורלענדער פון דיא עלטעסטע צייטען, האט דיא דאָרטיגע בעפעלקערונג זעהר פיעל געגאָסען דערפון. נאך לאַנג־לאַנג איידער דיא אידען האבען זיך אריינגעריסען אהין, זיינען דאָרטען געווען שטעט מיט ביבליאָטעקען און אוניווערזיטעטען, וואו מען האט געלערענט צו שרייבען אויף טאַבליצעס דיא פּיילען־אַרטיגע צייכ־ נונגען, וועלכע זיינען ערפונדען געוואָרן אין בבל און אשור און וועל־ כע זיינען ביסלעכוויז פערשפּרייטעט געוואָרן איבער גאַנץ וועסט־ אזיען און אפילו אין מצרים זעלבסט, וויא אייניגע ערד־גראָבונגען האָ־ בען עס בעוויזען. דיזע שריפטען, געגאַנט אין דער וויסענשאַפט קונעאָפאָרם, וויל זיי האבען דיא פאָרמע פון קלינעס אדער פיי־ לען, איז געווען זעהר שווער צו לערנען, און דארום זיינען אין פיעלע פּלעצער געווען ספּעציעלע שולען מיט בעוואוסטע פּראָפעסאָרען און מיט צוגעפּאַסטע לעהרביכער, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון פּלאַכע ציגעל מיט דערויף אויסגעקריצטע צייכנונגען. פון אזעלכע פּלאַכע ציגעל האט מען צוזאמענגשטעלט גאַנצע ביבליאָטעקען, און פיעלע פון זיי זיינען שוין אויסגעגראָבען געוואָרן און געפינען זיך אין מוזעאומס. וועגען דיזע פּיילען־אַרטיגע שריפטען וועלען מיר האבען צו ריידען אין דער נאכפאָרשונג איבער דיא ענטשטעהונג פון שריפטען; יעצט דערמאָנען מיר עס נאר, אום צו צייגען, וויא ווייט כנען איז געווען ענטוויקעלט נאך אין דיא ערשטע ביבלישע צייטען. איינע פון אזעל־ כע שטעט מיט שולען און סופרים ווערט אויך דערמאָנט אין דער ביבעל זעלבסט אונטער דעם נאָמען קרית־ספר.

אָט דיזע „פערשפּראָכענע לאַנד“ האבען דיא אידען פערכאַפּט אויף דעם זעלבען שטייגער וויא דיא אראַבער און אַנדערע באַרבאַ־ רישע אָנגרייפערס האבען עס געטאָן אין אַנדערע לענדער. דאס הייסט: זיי האבען אויסגעראָטעט, פּעריאָגט אדער אונטעריאָכט דיא בעזיעגטע און צוגענומען זייער לאַנד און פערמעגען. וויא דיא ביבעל

שילדערט עס, האבען דיא זיעגרייכע אידען ארויסגעוויזען דערביי נאך אויסערגעוועהנליכע גרויזאמקייט. דיא אראבישע זיעגערס אונטער מאהאָמעד און זיינע נאכפאָלגער זיינען שוין געווען פיעל ווייכהערציגער ביי זייערע אָנפאלונגען. לעטורנאָ בעמערקט גאנץ ריכטיג, אז דיא אידען האבען ארויסגעצייגט מעהר מיטלייד צו זייערע בהמות, וויא צו דיא פלשתים. דיא ביבלישע געשיכטע וויא אזוי אידען האָבען זיך בעזעצט אין כנען איז איבערהויפּט א זעהר ריכטיגער בילד, וויא אזוי פערכאפּונגען פון פרעמדע לענדער זיינען צוגעגאנגען אין דיא אלטע צייטען.

נאר דערביי האבען זיך דיא אידען בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זייער פערטהיילונג פון דיא פערכאפּטע לענדער. אין דעם האט זיך אויף דיא בעסטע און עדעלסטע ארט ארויסגעוויזען זייער גייסט פון אחדות און גלייכהייט. צו זייערע פיינד, צו דיא בעזיעגטע שטאמען, זיינען זיי געווען אונבארמהערציג, אבער צווישען זיך האבען זיי געהאנדעלט מערקווירדיג ברידערליך. דיא ביבלישע לאנד־געזעצגעבונג איז אין דיזער בעציהונג א מוסטערהאפטע. זיא איז געווען און פערבלייבט א צירונג פאר דעם אידישען פאלק. עס איז ווירקליך א וואונדער, וויא אזוי אזא ווילדע און גרויזאמע מחנה וויסטענעס־וואנדערער, וויא דיא בני ישראל זיינען דאמאָלס געווען, האט געקענט איינפיהרען אין א פערכאפּטע לאנד אזא ערהאבענע סיסטעם אָנצוהאלטען גלייכהייט, וויא דיא ביבעל שילדערט עס. אויב משה זעלבסט איז געווען דער פערפאסער פון דיא ביבלישע לאנד־איינענטהומס געזעצע אדער ניט, נאר דאס איז זיכער, אז זיי וועלען אייביג בלייבען א'ן עהרע פאר דעם אידישען פאלק. מיט קיין אנדער זאך, אפילו מיט דעם מאָנאָטעאיזמוס (גלויבען אין איין גאָט), האבען זיך דיא אידען ניט אונטערשיידעט אזוי הויך און גרויס פון אנדערע פעלקער וויא מיט זייערע געזעצע וועגען לאנד־איינענטהום. אין דיזער בעציהונג זיינען זיי ווירקליך געווען א'ן אויסערוועהלטעס פאָלק.

דיא פערכאפּטע שטיקער לאנד זיינען אָפּגעגעבען געוואָרן צו דיא מטות און פערטהיילט געוואָרן צווישען דיא פאמיליעס פּראָפּאָרציאָנעל נאך דיא צאָהל פון זייערע מיטגליעדער. אום אויסצו־

מיידען שטרייטען, האט מען דיא חלקים געזעהען צו מאכען וואס גלייכער און נאכהער האט מען געוואָרפען גורל (לרב תרבה נחלתו ולמעט תמעיט איש לפי פקדיו יתן נחלתו: אך־בגורל יחלק את הארץ לשמות מטות־אבתם ינחלו. במדבר, כ"ו, נ"ד־נ"ה). דיא אנפיה־רערס האבען דאך געקראָגען גרעסערע חלקים. זאָ האט ישוע בן נון געקראָגען תמנת־סרח, וויא ער האט עס פערלאנגט, און צו כלב בן יפנה האט ער שוין אליין אָפּגעגעבען דיא שטאָט חברון. נאר אין אלגעמיינען איז עס געווען א גלייכע און ברידערליכע פערטהיילונג פון לאנד.

זייערע חלקים האבען דיא פאמיליעס נור געקענט בענוצען, אבער ניט רעכענען אלס זייער פּריוואט־אייגענטהום. דאס אויבער־רעכט אויף לאנד האט געהערט צו גאָט, און דיא כהנים און לוים, אלס דיא פערטרעטער פון גאָט אויף דער ערד, האבען זיך דערמיט בענוצט, אום צו קריגען מעשר און צו נעהמען פערשיעדענע אנדע־רע שטייערן. עס האט געהייסען, אז גאָט פערלאנגט ערלייזונג אדער אויסקויפונג; אבער דיא געשאַנקען און קרבנות האבען בעקומען דיא לוים. צוזאמען זיינען דיזע אלע אויסקויפונגען געווען א שווערע לאסט אויף דעם גאנצען פאָלק. דיא לוים האבען נאך דערצו געהאט 48 שטעט מיט לאנד 2000 איילען ארום פאר זייערע בהמות. קורץ, זיי האבען זיך געלאָזט פיין בעלוינען פאר זייער רעכט אויף דאס לאנד אין נאָמען פון גאָט.

דאס פאמיליען־לאנד האט ניט געקענט פערקויפט ווערן. אלע אָפּמאכונגען און קאָנטראקטען זיינען בטול געוואָרן יעדע 50 יאהר. דער יובל יאהר איז געווען איינע פון דיא מערקווירדיגסטע איינפיה־רונגען פון משה, אום אָנצוהאלטען גלייכהייט אונטער דיא אידען. דיא חלקים פאמיליען־לאנד זיינען דאן איבערגעגאנגען צו דיא ערשטע, זאָ צו זאָגען, ארענדאטאָרס ביי גאָט; און דיא פאמיליעס, וואס זיי־נען געצוואונגען געווען צו פערזעצען זייערע חלקים, האבען צוריק גע־קראָגען זייער פערמעגען. אלע אָפּהאנדלונגען וועגען לאנד און פא־מיליען־אייגענטהום זיינען אין אלגעמיינען געווען זעהר בעשרענקט,

וויא ביי אלע רעפובליקאנישע פעלקער. דאס אבסאָלוטע צואה־רעכט איז ניט אנערקענט געוועזן: דאס פאמיליען־פערמעגען פלעגט איבער־ניין בירושה צו דיא פערוואנדטע. ערשט שפעטער, אין דיא צייטען פון דיא תנאים, האט מען אנערקענט דאס רעכט צו מאכען א צואה אדער א טעסטאמענט; אבער נאר אין דעם פאל, ווען דיא קרבים זיינען אויסגעשטאָרבען אדער מען האט זיי ניט געקענט אויסגעפינען. טעכטער פלעגען נאר קענען קריגען ירושה, אז עס זיינען קיינע זיהן געוועזן; און ווען א מיידעל פלעגט ווערן א יורש׳טע, פלעגט זיא שוין ניט קענען חתונה האבען מיט קיין אנדערן אויסער מיט איינעם פון איהר פאָטער׳ס שטאם. דאס איז איינגעפיהרט געוואָרן, אז דיא פאמיליען־חלקים זאלען ניט קענען איבערגיין פון איין שטאם צו א׳ן אנדערן און זאלען שטענדיג פערבלייבען נאך דיא ערשטע פערטהיי־לונג. (ולא תסב נחלה לבני ישראל ממטה אל מטה כי איש בנחלת מטה אבתיו ידבקו בני ישראל. במדבר, ל״ו, ז).

אונטער אזא סיסטעם פון לאנד־איינגענטהום האט מען נאַ־טירליך ניט געקענט אנקלייבען פיעל רייכטהום אין פריוואט הענד. דערצו נאך איז וואוכער שטרענג פערבאָטען געוועזן, און אינדוסטריע און האנדעל זיינען גאר ניט ענטוויקעלט געוועזן ביי דיא בני ישראל אין כנען. ווען זיי האבען בעדארפט בויען דעם בית המקדש, האבען זיי געמוזט אנקומען צו דיא הילפע פון פרעמדע, בעזאנדערס צו דיא פיניקיער. זייער פעהיגקייט צו האנדעל האבען דיא אידען א לאנגע צייט שפעטער גלעצענד בעוויזען; אבער אין דער גאנצער צייט, וואס זייער מלוכה האט זיך אנגעהאלטען, זיינען זיי מייסטענס געוועזן אקער־בויער. האנדווערקען האבען זיי געלערנט ביי דיא בעזיעגטע כנענים. ווען זיי האבען זיך בעזעצט אין כנען, פלעגען זיי מוזען אנקומען צו דיא שמידען פון דיא פלשתים צו פעררירכטען זייערע אקערס.

אום נאך מעהר אנצוהאלטען גלייכהייט צווישען דיא אידען, האט מען אויך געזוכט צו בעשרענקען לוקסוס; דארום האט מען עס פערבאָטען צו טראָגען קליידער פון וואָל מיט לייווענט. וועלכע זיינען דאן געוועזן זעהר טייער.

אין אלגעמיינען האט ביי דיא אידען געקענט ארויסקומען אונ־

גלייכהייט נאר דורך פערכאַפּונג פון פרעמדע לענדער און פון שקלאַ־וועןְ; דאס הייסט איינפאַך דורך געוואַלט און רויב. נאר ווען זיי האבען זיך פעסט בעזעצט אין כנען אויף זייערע בעשטימטע חלקים, האבען זיי שוין ניט געמאַכט אָנפאַלונגען אויף פרעמדע פעלקער. זעהר פיעל שקלאַווען האבען זיי איבערהויפּט קיין מאָל ניט געהאַט. זייער גייסט פון גלייכהייט האט זיך אויך ארויסגעוויזען אין דער ביבלישער געזעצגעבונג װעגען שקלאַװען. אזוי גוט וויא אלע פעלקער אין יענע צייטען, האבען דיא אידען אויך געהאַט צוויי סאָרטען שקלאַווען. זיי פערנעהמען אבער א הויכען עהרען־פּלאַץ דערמיט, וואס זיי זיינען זיך בעגאַנגען מיט זייערע שקלאַווען מערקווירדיג ווייכהערציג און מענשליך. איבערהויפּט זיינען דיא סעמיטישע פעל־קער ניט געווען גרויזאם צו זייערע שקלאַווען און יעדענפאלס פיעל בעסער אין דיזער בעציהונג, וויא דיא גריכען און רוימער.

דיא אמת׳ע שקלאַווען זיינען געווען קריעגסגעפאַנגענע, דאס הייסט: פרעמדע. דיא אַנדערע זיינען געווען מייסטענס אייגענע, דאַ־רונטער אויך אזעלכע, וואס האבען זיך פרייוויליג פערקויפט אלס שקלאַווען דורך נויט און עלענד. ביי אידען האט מען אויך געקענט ווערן א שקלאַוו פאַר ניט בעצאָהלען א חוב און מען האט געמעגט פערקויפען קינדער אין שקלאַווערײ. נאר שקלאַווען פאר שולדען האט מען געמוזט פריילאָזען אין יובל יאָהר צוזאַמען מיט זייערע קינדער; אויך איז עס פערבאָטען געווען צו געבען אזעלכע שקלאַווען שווערע אַרבייט. דיא אידען האבען איבערהויפּט קיין מאָל ניט בעדאַרפט פערגעסען, אז זיי זיינען אליין געווען שקלאַווען אין מצרים, און דארום זיך בע־גיין מענשליך און עדעל מיט זייערע שקלאַווען. צו דעם קלאַס פון איינענע שקלאַווען, וועלכע דיא ביבעל הייסט גוט בעהאַנדלען, האבען אויך געהערט אזעלכע, וואס זיינען דערצו בעשטראָפט געוואָרן פאר גנבה. אזעלכע זיינען אייגענטליך ניט געווען שקלאַווען, זאָנדערן דיענערס אויף א געוויסע צייט.

דיא קריעגסגעפאַנגענע אדער איבערהויפּט שקלאַווען פון פרעמ־דע פעלקער האט מען אפילו געמעגט צווינגען צו דיא שווערסטע אַרבייט און גרויזאם בעשטראָפען, וויא און ווען דיא בעלי־הבתים

האבען עס גענוועלט. דיזע שקלאַווען זיינען שוין געווען פּריוואַט־אייגענטהום אין פּולען זינען פון דיזען וואָרט, און צוזאַמען מיט בהמות האבען זיי עס געבילדעט דעם ערשטען קאַפּיטאַל ביי אידען אזוי גוט וויא ביי אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופּע. דורך דיא צאָהל פון שקלאַווען האט מען ביי דיא בני ישראל געמאָסטען דעם רייכטהום פון איינצעלנע פּערזאָנען. נאר פון דעסטוועגען איז דיא מאַכט פון דיא הערען איבער זייערע אמת'ע שקלאַווען דאָך בעשרענקט געווען ניט נאר דורך דיא אַלגעמיינע ביבלישע פאָרשריפטען פון מאָראַל און מענשענליעבע, זאָנדערן אויך דורך בעשטימטע געזעץ. זאָ, צום ביישפּיעל, איז א הערר בעטראַכטעט געווען אלס א מערדער, ווען א שקלאַוו איז געשטאָרבען אין צוויי טעג אַרום, נאכדעם וויא ער איז געשלאָגען אדער געפּייניגט געוואָרן פון זיין הערר. אויך האט מען ניט געטאָרט אַרויסגעבען א'ן אַנטלאָפענעם שקלאַוו צו זיין הערר; מען האט איהם בעדאַרפט געבען א פּלאַץ, וואס ער וועט זיך אויסקלייבען, (דברים, כ"ג, י"ו).

אזעלכע געזעץ האבען פיעל ווענינ געמוזט ווירקען אפילו אויף דיא גרויזאַמסטע הערען איינצוהאַלטען זיך און צו שאַנעווען זייערע שקלאַווען. יעדענפאלס ציינען זיי, אז דיא אידען זיינען דאַן דורכגעדרונגען געווען מיט אזעלכע עדעלע און ריין־מענשליכע געפיהלע צו זייערע שקלאַווען, וועלכע זיינען געווען פרעמד דיא איבעריגע פעלקער און אפילו שפּעטער דיא גריכען און רוימער.

דיא ביבלישע געזעץ ווענען אָרימע, שוצלאָזע און עלענדע בעווייזען נאך מעהר, וויא טיעף דער גייסט פון אחדות איז געווען איינגעוואָרצעלט ביי דיא גרויזאַמע אונטערדריקערס פון דיא כנענים. דעם ארבייטער האט מען בעדאַרפט בעצאָהלען זיין שכירות ביז דעם זונען־אונטערגאַנג, ווייל ער איז אָרעם (ביומו תתן שכרו ולא תבוא עליו השמש כי עני הוא. דברים, כ"ד, ט"ו). אפילו אָרימע אויסלענדער און פרעמדע ארבייטער איז עס פערבאָטען געוואָרן צו אונטערדריקען (ולא תעשק שכיר עני ואביון מאחיך או מגרך אשר בארצך בשעריך. דברים, כ"ד, י"ד). ווענען אָרימע און פרעמדע האט מען בעדאַפט געדענקען אין שניטצייט און איבערלאָזען עפּעס

פאר זיי. אויך האט מען ניט געטאָרט אויפקלייבען אלע ווייַנטרייַ־
בען (וכרמך לא תעולל ופרט כרמך לא תלקט לעני ולגר תעזב אתם.
ויקרא, י״ט, י), אום אָרימע זאָלען עפּעס קענען געניסען. רייכע האָ־
בען אויך בעדאַרפט מאַכען מאָלצייטען עטליכע מאָל אין יאָהר פאר
זייערע פערוואַנדטע און פאר דיא אָרימע לייט ארום.

דיא מערקווירדיגע זאָרג פאר אָרימע לייט ווייזט זיך אויך
ארויס אין אזעלכע פאָרשריפטען פון דער ביבעל, וויא פאָלגענדע:
„קיינער זאָל ניט נעהמען אין משכון דעם אויבערשטען און אונטער־
שטען מילשטיין, דען ער נעהמט דערמיט א מענשען׳ס לעבען
אין משכון (דברים, כ״ד, ו)״; „אויב דו ועסט איבערהויפּט נעהמען
אין משכון א קלייד פון דיין שכן, זאָלסטו עס אומקעהרען ביז דעם
זונענאונטערגאַנג; דען דאס איז זיין אייַנציגער צודעק, דאס איז דיא
קלייד פון זיין קערפּער; אין וואס וועט ער דען שלאָפען? (שמות,
כ״ב, כ״ו־כ״ז)״; „אויב דו וועסט לייהען געלט צו אירגענד וועלכען
אָרימען פון מיין פאלק, זאָלסטו איהם ניט בעהאַנדלען וויא א פראָ־
צענטניק און זאָלסט אויף איהם קיין וואוכער ניט ארויפלייגען
(שמות, כ״ב, כ״ה)״.

נאר אלע פאָרשריפטען פון דער ביבעל צו בעשיצען אָרימע,
פרעמדע און עלענדע צייגען אויך פון דער אַנדער זייט, אז טראָץ
דיא גלייכע פערטהיילונג פון לאַנד אונטער דיא פאמיליעס און טראָץ
דעם יובל, איז דאָך געוועזען אונגלייכהייט אין פערמעגען. דיא רייכע
און שטאַרקע האבען ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו פערכאַפּען דאס לאַנד פון
דיא אָרימע און שוואַכע. אויסער דעם פלעגט דער עלטערער זוהן קריגען
צוויי מאָל אזוי פיעל פון דער פאמיליען־ירושה, וויא יעדערער פון דיא
איבעריגע זיהן. ווייטער, אזוי וויא דאס לאַנד איז ניט געוועזען בע־
ארבייטעט געמיינשאַפטליך וויא אין געמיינדעס, און דיא ערשטע
חלקים לאַנד פלעגען אלין צוטהיילט ווערן אין קלענערע חלקים צווי־
שען דיא יורשים־זיהן, זאָ האט דורך דעם אליין געמוזט ענטשטיין
מיט דער צייט אונגלייכהייט אויף א נאַטירליכען וועג, ד. ה. צול׳עב
דעם וואס איין פאמיליע האט געהאט מעהר זיהן וויא דיא אַנדערע.
אויך דיזע אונגלייכהייט און דיא פערכאַפּונגען פון רייכע און שטאַרקע

ציינט אויף דער ביטערער געשריי פון דעם עדעלען ישעיה: „וועה געשריען אויף דיא וואס רוקען צו א הויז צו א הויז, דערנעהענטערן א פעלד צו א פעלד, ביז עס בלייבט קיין פלאץ פאר אנדערע. מיינט איהר דען אליין צו פערבלייבען אין לאנד? (ישעיה, ה)".

דיא אונגלייכהייט אונטער אידען ציינט קלאר, אז מיט קיינע געזעץ און בעשרענקונגען קען מען איהר ניט אפהאלטען וויא באלד מען אנערקענט נאר דעם פרינציפ פון פריוואט־איינענטהום. אין זיין סיסטעם פון לאנד־פערטהיילונג האט דאך משה ניט אפגע־שאפט פאלשטענדיגע פריוואט־איינענטהום אויף בעוועגליכע זאכען, אויף בהמות און אפילו אויף שקלאווען, און דאס האט שוין ביסלעכ־וויז געמוזט פיהרען צו אלץ א גרעסערע אונגלייכהייט אין פערמעגען, צו אלץ א שארפערען אונטערשיעד צווישען רייכע און ארימע. איין מאל פאנגט זיך נאר אן דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־איינענטהום, דאן מוז זיא זיך שוין דורכברעכען א וועג אזוי וויא א גרויסער שטראם וואסער און פיהרען צו אלץ א וויטערע ענטוויקלונג פון אונ־גלייכהייט צווישען מענשען.

נאר צוליעב דיא ביבלישע בעשרענקונגען איז ביי אידען, אפילו אין דיא ערגסטע צייטען פון זייער מלוכה, דיא אונגלייכהייט קיין מאל ניט דערגאנגען צו אזא טיעפען אבגרונד, וויא אין דער גריכיש־רוימישער וועלט, בעזאנדערס אין אטהען און רוים.

דיא ערשטע גריכען אדער עלינען זיינען אויך געוועזען צוטהיילט אין שבטים אזוי וויא דיא אידען. נאר ווען זיי האבען זיך בעזעצט אין איינעם פון דיא בעסטע און שענסטע ערטער פון זידליכע אייראָ־פא, אויסראָטענדיג און פערטריבענדיג פון דאָרטען דיא פעלאזגען און אנדערע איינגעבאָרענע שטאמען, האבען זיי זיך שוין געפיהרט א בי־סעל מאָנארכיש. דיא שבטים זיינען געוועזען אונטער דער קאָמאנדע פון קריעגס־פיהרער, וועלכע פלעגען איבערגעבען זייער מאכט בירושה צו זייערע עלטערע זיהן. דורך דעם אליין איז אויפגעקומען א קלאס פון רייכע און אריסטאָקראטען, מיט וועלכע דאס גריכיישע פאלק האט שטענדיג געפיהרט א ביטערן קאמפף. דער סאָלידארישער גייסט, וועלכער האט זיך אזוי לאנג און שטארק אָנגעהאלטען ביי

דיא ביבלישע אידען, איז שנעל אָפּגעשוואכט געוואָרן ביי דיא גרי־
כישע שטאמען דורך זייער מאָנארכישע אָרגאניזאציאָן. ביי זיי האט
זיך שנעל און פריה אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען דער אינדיווידואליס־
טישער גייסט, וועלכער האט צושטערט זייערע געמיינדעס און האט
געפיהרט צו א שרעקליכע שקלאווערייי און צו פערכאפּונגען פון
לאנד. דיא גריכען האבען שטענדיג מעהר געשטרעבט צו פּאָליטי־
שע פרייהייט וויא צו עקאָנאָמישע גלייכהייט. אזוי וויא זיי האבען
זיך צוזייהט און צושפּרייט איבער דיא פיעלע אינזלען צווישען אזיען
און אייראָפּא, און זייער הויפּט־לאנד איז מערקווירדיג צורונצעלט
און דורכגעשניטען פון ים און האט פיעלע גוטע און זיכערע האפענס;
זאָ האבען זיי זיך אָבגעגעבען זעהר פריה צום ים־רויב און צום האנ־
דעל, וואס עס איז אין דיא אלטע צייטען געגאנגען האנד אין האנד
און וואס עס האט שוין נויטווענדיגערווייזע געפיהרט צו א זעהר
שטארקע אונגלייכהייט אין פערמעגען.

האנדעל איז איבערהויפּט געווען און פערבלייבט שטענדיג איי־
נע פון דיא וויכטיגסטע אורזאכען פון אונגלייכהייט אין פערמעגען.
דער הויפּט ארטיקעל פון דיא גריכישע ים־רויבער און הענדלער איז
געווען שקלאווען. וועגען דיא מענשליכע סחורה האבען דיא גריכען און
שפּעטער דיא רוימער ניט אויפגעהערט צו פיהרען שטענדיגע מלחמות,
דען דורך איהר האט מען עס געקראָגען מאכט און רייכטהום. זייערע
שקלאווען האבען דיא גריכען בעהאנדעלט אויף דיא גרויזאמסטע
ארט. וואס פאר א געוואלדיגער אונטערשיעד אין דיא בעגריפע וועגען
שקלאווען ביי דיא אידען און ביי דיא גריכען, דיזע ערשטע פאָ־
טערס פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציאָן! אפילו אריסטאָטעלעס,
איינער פון דיא טיעפסטע גריכישע פילאָזאָפען און איינער פון דיא
גרעסטע גאונים אין דער וועלט, האט ניט נאר אנערקענט שקלא־
ווערייי אלס א פאָלקאָם געזעצליכע און נאטירליכע זאך, וויא דאס
איז שוין אין א'ן אנדער אָרט בעמערקט געוואָרן, זאָנדערן האט אויך
קיין אונטערשיעד געמאכט צווישען געיעג אויף מענשען און געיעג
אויף חיות. „דיא מיליטערישע קונסט, זאָגט ער, איז אזוי וויא א
נאטירליכער מיטעל צו קריעגען זאכען; געיעג איז בלויז איינע פון

די פערטהיילונגען פון דיזער קונסט און ווערט אָנגעווענדעט אויף ווילדע חיות און אויף אזעלכע מענשען, וועלכע, זייענדיג געבאָרן צו געהאָרכזאמקייט, ווילען זיך פון דעספּאָטיזם ניט אונטערגעבען, זאָ דאס די נאַטור אליין זאָגט, אז אזא מלחמה איז גערעכט".

מיט אזעלכע טענות קענען די שטאַרקערע און רייכערע פער־שקלאַווען אלע מענשען, און דאס האבען טאַקע די גריכען געטאָן וויא ווייט עס האט זיך נאר געלאָזען. בעטראַכטענדיג זייערע שקלאַ־ווען אלס נידעריגערע בעשעפּעניסען, וועלכע די נאַטור האט בע־שאַפען צו דיענען זייערע הערן, זיינען זיך די גריכישע שקלאַווען־האַלטערס בעגאַנגען מיט זייערע שקלאַווען אקוראַט וויא מיט זייערע בהמות. דער הערר האט געהאַט דאס רעכט צו טויטען זיין שקלאַוו אזוי וויא א בהמה. אפילו אין אַטהען, די ציוויליזירטעסטע און געבילדעטעסטע שטאָט פון גריכענלאַנד, האט מען צוגעלאָזען צו פערזיכערן א חוב ניט נאר מיט די פרייהייט פון דעם שולדנער זעלבסט, זאָנדערן אפילו מיט די פרייהייט פון זיין פרוי און קינ־דער. נאר אין זעלטענע פעלע האט איינער, וואס איז פרייווילליג געוואָרן א שקלאַוו, געקענט זיך פערזיכערן דורך א בעזונדערן קאָנט־ראַקט, אז זיין הערר טאָר איהם ניט טויטען. זאָ איז עס בעוואוסט פון דער גריכישער געשיכטע, אז די איינוואָהנער פון בעאָטיא זיינען געוואָרן שקלאַווען פון די איינוואָהנער פון טהעסאַליען מיט דער בעדינגונג, אז זייערע העררען זאלען זיי ניט קענען פערקויפען אויסער־האַלב די גרענעצען פון אַרנאַיאי און זאָלען ניט האבען דאס רעכט פון לעבען און טויט איבער זיי.

די צאָהל פון שקלאַווען אין גריכענלאַנד איז געווען שרעקליך גרויס. 5000 פרייע בירגער פון דער שטאָט קאָרינטה האבען בע־זעסען 460 טויזענד שקלאַווען. פלאַטאָן ניט אָן, אז יעדער וואָהל־האַבענדער בירגער פון אַטהען האט געהאַט ביז 50 שקלאַווען. דער גריכישער היסטאָריקער און גענעראַל קסענאָפאָנט בעהויפּטעט, אז פיעלע אַטהענער האבען געהאַט אין די מינען פון 300 ביז 1000 שקלאַווען. דיזער קסענאָפאָנט בעקלאָגט זיך אין איין אָרט פון זיינע שריפטען, אז די שקלאַווען האבען צו פיעל פרייהייט אין אַטהען.

„אין דיזער רעפובליק, שרייבט ער, זיינען דיא שקלאווען מערקווירדיג אויסגעלאסען. מען טאָר אפילו ניט שלאָגען א שקלאוו. יעדער שריט אייערער ווערט אָפּגעשטריטען פון א שקלאוו!“ אין דער צייט פון אטהען׳ס גרויסקייט זיינען דאָרטען געוועזען 20 טויזענד פרייע בירגער און 400 טויזענד שקלאווען, זאָ דאס איינפאך צוליעב זעלבסט־פערזיכערונג און פאָרזיכט האבען דיא אטהענער געמוזט אָנפאנגען בעסער צו בעהאַנדלען זייערע שקלאווען, וועלכע האבען אלעס געשאפען.

אין גריכענלאנד זיינען אפילו געוועזען פרייע האנדווערקער; אבער זייער לאגע איז געוועזען א טרויעריגע, און דיא רייכע הערשער האבען זיי פעראכטעט. פאר אמת׳ע בירגער זיינען זיי ניט גערעכענט געוועזען אין דיא גריכישע רעפובליקען. אפילו אריסטאָטעלעס זאָגט: „א בירגער דאַרף זיך ניט פערנעהמען מיט מעכאנישע ארבייט, אויך ניט מיט האנדעל, דען אין אזעלכע בעשעפטיגונגען שטעקט עפּעס נידריגעס און וויעדערווערטיגעס צו בירגערליכען מוטה... דיא פעלדער דאַרפען געהערען צו דיא בירגער, דען עס איז נויטווענדיג, אז דיא ערדארבייטער זאָלען זיין שקלאווען, בארבארען (דאס הייסט: ניט גריכען) און פּעריעקען (בעזיעגטע און קריעגסגעפאנגענע)“. אין דער שטאָט טהעבעס איז אָנגענומען געוואָרן א געזעץ, אז א בירגער פערלירט זיין רעכט אויף א׳ן עפענטליכען אמט, אויב ער איז 10 יאָהר געוועזען א קליינהענדלער אדער א האנדווערקער.

דיא קלאגע פון קסענעפאָנט געגען דיא פרייהייטען פון דיא שקלאווען אין אטהען צייגען, אין וואס פאר א שרעקליכען צושטאנד זיי האבען זיך געפונען אין דיא אנדערע גריכישע רעפובליקען. דיא ערשטע צייט האט דער הערר געמעגט טויטען זיין שקלאוו אפילו אין אטהען; אבער נאכהער האט מען עס פערבאָטען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרן אין אטהען, אז א שקלאוו האט געמעגט זיך בעהאַלטען אין טעזעי׳ס טעמפּעל און פערקלאָגען דאָרטען פאר ריכטער זיין הערר, אז ער בעגעהט זיך גרויזאם מיט איהם. דיא אטהענער האבען אויך געמוזט שאנעווען זייערע שקלאווען, ווייל אונטער דיא שקלאווען האבען זיך געפונען א סך האנדווערקער, וועלכע דיא הערען פלעגען פערדינגען צו אנדערע.

אין אלע גריכישע שטעט זיינען געווען פלעצער, וואו מען פלעגט עפענטליך פערקויפען שקלאווען. דער געוויינליכער פרייז פון א שקלאוו איז געווען פון 300 ביז 600 דראכמעס (דער ווערטה פון א דראכמע איז געווען אונגעפעהר א פראנק). מען פלעגט זיי ברייננען צוזאַמענפען פון אלע ערטער, וואוהין דיא גריכישע ים־רויבער האבען נאר געקענט דערגרייכען. דער האנדעל מיט שקלאווען איז דאָרטען געווען דער וויכטיגסטער אזוי וויא שפעטער אין רוים. וויא געוויינליך האט מען שקלאווען גערעכענט פאר בעוועגליכעס אייגענטהום, און דיא קויפערס האבען דארום געמענט טאָן מיט זייער מענשליכע סחורה וואס זיי האבען געוועלט, ווערהענד דאס רעכט צו פערקויפען לאנד איז נאך געווען מעהר אדער ווניגער בעשרענקט אין אלע גריכישע רעפובליקען.

דאס געמיינשאפטליכע לאנד איז אם לענגסטען אָנגעהאלטען געוואָרן אין דער שטרענגער מיליטערישער רעפובליק ספארטא, וואו עס זיינען נאך אויך פערבליבען געמיינשאפטליכע סעודות, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא קאפיטלען איבער פאמיליען. נאר דיא לאַגע פון דיא שקלאווען איז דאָרטען פון דעסטוועגען שרעקליכער געווען וויא אין אלע אנדערע גריכישע רעפובליקען. דיא שקלאווען האָבען דאָרטען געטראָגען דעם נאָמען איל אָטען און א סך פון זיי זיינען געווען אלגעמיינעס אייגענטהום; ד. ה. זיי האבען געהערט צו דער גאנצער רעפובליק. זיי זיינען עס געווען דיא אַקערבויער, נאר האבען געמוזט אָפגעבען א העלפט פון זייערע פראָדוקטען צו זייערע הערען. פון צייט צו צייט פלעגען דיא ספארטאנער איינפאך אויסשלאכטען א צעהנטעל פון זייערע אילאָטען, אום זיי צו האלטען אין צוים און ניט צו לאָזען זיי צופיעל צו פערמעהרען זיך. דיא יונגע ספארטאנער פלעגען אויך פראקטיצירען אין דער יאַגד־קונסט אויף דיא הויט פון דיא אילאָטען. דאס אליין בעווייזט גענוג, וויא אונמענשליך דיא גריכען זיינען געווען צו זייערע שקלאווען.

פיעלע גריכישע געזעצע צייגען, אז שוין גאנץ פריה האט מען אין דיא גריכישע געמיינדען גענומען פערכאפען לאנד אין פריוואט־אייגענטהום. אין דער איליאדע (זאמלונג פון גריכישע לע־

גענדען) ווערט שוין דערמאָנט וועגען אָפּגעצאַמטע שטיקער לאַנד פון 50 אַקערס. דער פּריוואַט־בעזיץ פון בהמות און ספּעציעל פון שקלאַ־ווען האט געמוזט פיהרען צו א שנעלע ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף לאַנד. צו לאַנד־אייגענטהום האט מען נאך מעהר אָנגעפאַנגען צו שטרעבען, ווייל דורך דעם האט מען אויף בעזעסען דיא פּאָליטישע מאַכט.

דיא פיטערונגס־פעלדער זיינען נאך פערבליבען געמיינדע־איי־גענטהום, ווען דאס אַקערבוי־לאַנד האט שוין מייסטענס געהערט צו פּריוואַט־פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען גערעכענט פאר דיא אמת׳ע פרייע בירגער. נאר ביסלעכווייז האט מען אויך גענומען פערכאַפּען דיזע פעלדער. אין ספּאַרטא איז עס פערבאָטען געווען צו פערקויפען אדער אָפּצוגעבען דעם פאַמיליען חלק לאַנד; אין אַנדערע רעפּובלי־קען האט איינער נאר געקענט פערקויפען לאַנד, ווען ער האט פריי־הער בעוויזען, אז ער געפינט זיך אין נויט.

נאר אזוי וויא עס איז ערלויבט געווען צו פערזעצען לאַנד און קיין יובל יאָהר איז ניט געווען וויא ביי אידען, זאָ זיינען אלץ מעהר חלקים פאַמיליען־לאַנד איבערגעגאַנגען צו דיא רייכע און פּראָצענט־ניקעס, וועלכע האבען געטראָגען דעם נאָמען אויפּאַטרידען. אין אַטהען פלעגט מען אויף א פערזעצטע שטיק לאַנד שטעלען א סלופּ און אויף א פערזעצטע הויז פלעגט מען אָנקלאַפּען א ברעטעלע מיט דעם נאָמען פון דעם קרעדיטאָר און מיט דער סומע פון חוב. ביס־לעכווייז איז אזוי דיא גאַנצע רעפּובליק בעדעקט געוואָרן מיט סלו־פּעס, און דאס גאַנצע פאלק איז געלעגען געבונדען ביי עטליכע געלטהעד־שער. דאס איז געוואָרן אזוי אונערטרעגליך, אז עס איז גע־קומען צו א גאַנצע איבערקעהרעניש אונטער דער פיהרונג פון דעם קלוגען סאָלאָן. דיזער בעריהמטער געזעצגעבער האט פערבאָטען צו גאַראַנטירען א חוב מיט דער פערזענליכער פרייהייט און מיט דער פּערזאָן פון דער פרוי און קינדער; ער האט ערקלערט פאר אונגילטיג אלע חובות און פערפּפליכטונגען, דורך וועלכע פרייע ביר־גער האבען געקענט אריינפאַלען אין שקלאַווערײ; ער האט געבראַכט צוריק אלע שולדנער, וועלכע זיינען פערקויפט געוואָרן אלס שקלאַווען

אין דער פּרעמד; ער האט געצוואונגען דיא רייכע צו שענקען דיא חובות, זאָ דאס ער האט בעפרייט דיא אטהענער רעפּובליק פון דיא וואוכער־סלופּעס אויף דיא פעלדער, מיט וואס ער האט בעזאָנדערס שטאָלצירט.

ער האט אויך איינגעפיהרט, אז א פרוי דאַרף ניט געבען איהר מאַן קיין פערמעגען אויסער 3 קליידער און קלייניגקייטען, ווייל ער האט געשטרעבט, אז „דיא פערבינדונג פון א מאַן מיט א פרוי זאל נאר זיין אויס ריינע ליעבע און צוליעב דיא פאָרטזעטצונג פון גע־שלעכט, אבער ניט צוליעב געלט". יעדערער איז פערפּפליכטעט גע־וואָרן צו ארבייטען, און דיא ריכטער האבען געדאַרפט זיך ערקונדי־גען וועגען דיא מיטעל פון דיא פרייע בירגער (נאַטירליך האט מען דיא פרעמדע שקלאַווען גאָר ניט נעהאַט אין זינען ביי דיזע אלע רעפאָרמען) און בעשטראָפען דיא פוילערס. סאָלאָן האט אויך ארויסגעלאָזען א בעפעהל, אז א זוהן איז ניט פערפּפליכטעט צו ער־נעהרען זיין פאָטער, ווען זיין פאָטער האט איהם ניט געלעהרנט א מלאכה.

אבער דיזע אלע רעפאָרמען האבען נאר אויף א קורצע צייט געקענט אָפּהאַלטען דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום און פון אונגלייכהייט. סאָלאָן האט שוין ניט געקענט אין גאַנצען פער־ביטען צו פערקויפען לאַנד, נאר ער האט עס געזוכט צו בעשרענקען דערמיט, וואס דער פערקויפער האט דערביי אויך פערלאָרען זיין בירגער־רעכט. אזוי וויא דיא אָרימע האבען זיך ניט געקענט אַנ־דעם העלפען און האבען געמוזט פערקויפען זייער לאַנד, אום זיך צו רעטען פון שקלאַווערייא, דען דיא חובות זיינען מייסטענס פערזיכערט געוועזען מיט דער פּערזאָן פון שולדנער, זאָ איז דער רעזולטאַט פון דיזען געזעץ פון סאָלאָן נאר געוועזען, אז דיא צאָהל פון פרייע בירגער מיט א רעכט צו שטימען און צו פערנעהמען עפענטליכע עמטער איז אלץ קלענער געוואָרן.

דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון פּריוואט־אייגענטהום האט סאָ־לאָן אליין זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דערמיט, וואס ער האט אנער־קענט דאס צוואה־רעכט. פריהער האט מען ניט ערלויבט איבערצו־

לאָזען ירושה נאָך דעם פרייען ווילען פון דעם שטערבענדען. מען האט פערלאַנגט, אַז דאס פערמעגען זאל פערבלייבען אין דער פאַמי־ליע. נאר סאָלאָן האט בעשטימט, אַז יעדערער האט דאס רעכט איבערצולאָזען זיין פערמעגען וועמען ער וויל נאר, אויב ער האט ניט איינענע קינדער. דער פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגענטהום האט דורך דיזען צוואה־רעכט געקראָגען פולע אַנערקענונג, הגם ער איז נאָך בעשרענקט געוועזען דורך פיעלע אַלטע מנהגים און פאַמיליען־בעשטי־מונגען. דיא אַנערקענונג פון צוואה־רעכט ביי א פאָלק איז איבער־הויפּט א זיכערער צייכען פון א שטאַרקע ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום.

אַטהען איז געוועזען דיא ערשטע שטאָט אין גריכענלאַנד איינ־צופיהרען פאָלקאָמענע פּריוואַט־אייגענטהום אויף אַלע זאַכען אויסער לאַנד, וועלכע איז נאָך פערבליבען פאַמיליען־אייגענטהום א לאַנגע צייט שפּעטער צוליעב דיא אַלטע געזעץ. דאס איז געקומען אלס רעזולטאַט פון דיא שנעלע ענטוויקלונג פון דיזער שטאָט דורך האַנ־דעל און ים־רויב. אפילו סאָלאָן האט איבערגעלאָזען דיא שולען, וואו מען האט שטודירט צו זיין א ים־רויבער. דיא איבריגע גריכי־שע שטעט האבען ביסלעכווייז נאכגעפאָלגט אַטהען אין דיזער הינ־זיכט, וויא אין אַלע אַנדערע. ספּאַרטאַ האט ערשט אַנערקענט דאס צוואה־רעכט נאָך א לאַנגער בלוטיגער מלחמה צווישען גריכישע רע־פּובליקען, גענאַנט דיא פּעלאָפּאָנעזער, וועלכע האט געבראָכען דיא העגעמאָניע (אויבערמאַכט) פון אַטהען און געפיהרט צו גרונדע גאַנץ גריכענלאַנד.

אין אַלגעמיינען איז אין גריכענלאַנד צוערשט איינגעפיהרט געוואָרן פּריוואַט־אייגענטהום מיט דיא פולע רעכטע פון פערקויפען און שיינקען, וויא מיר פערשטייען עס יעצט. אַטהען איז אין דיזען פאַל געוועזען דער מוסטער פיר גאַנץ גריכענלאַנד, וועלכע האט נאַכ־הער געדיענט אלס מוסטער פאר רוים און פיר גאַנץ אייראָפּאַ. דער אינדיווידואַליזמוס, וועלכער האט אַזוי הויך אויפגעהייבען גריכענ־לאַנד איבער אַלע פעלקער פון אַלטענטהום, איז איינגעוואָרצעלט גע־וואָרן בעזאָנדערס דורך דעם האַנדעל און ים־רויב, מיט וועלכע דיא

גריכען האבען אָנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען זיך נאָך אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען. זיי פלעגען שטענדיג ארומפאָהרען אויף שיפען און בעפאַלען פרעמדע פעלקער, דיא „באַרבאַרען", מיט דעם צוועק צו פאַנגען זיי און צו פערקויפען פאר שקלאַווען. א האַנדעלסמאַן און א פיראַט (ים־רויבער) זיינען אין יענע צייטען געווען כמעט דאס זעלבע. ים־רויבעריי איז געווען גערעכענט ניט נאר פאר א מוטהיגע און ניצליכע בעשעפטיגונג, זאָנדערן אויך פאר א׳ן עהרענהאַפטע. אין בעצוג אויף פרעמרע זיינען דיא גריכען ניט געווען בעסער וויא אלע אַנדערע פעלקער פון אַלטערטהום. א פרעמדען האט מען גע־מענט אָפּנארען, בעגנב׳ענען און בערויבען. דערמיט האט מען זיך זאָגאר בעריהמט. ניט אומזיסט איז דער גריכישער גאָט מערקור געווען גערעכענט צוגלייך פאר דעם בעשיצער פון הענדלער און פון גנבים.

אזעלכע האַנדלונגען געגען פרעמדע מוזען זיך אבער נויטווענ־דיגערווייזע אָפּרופען אויף אייגענע. וואס מעהר דער האַנדעל און דיא אינדוסטריע ענטוויקלען זיך, אלץ מעהר געברויכען דיא שטאר־קערע און רייכערע דיא זעלבע געוואַלט און שווינדעל געגען דיא שוואַכערע און אָרימערע פון אייגענעם פאָלק, וויא געגען דיא פרעמ־דע. אזוי איז עס אויך געווען ביי דיא גריכען. זיי זיינען געוואָרן אונבאַרמהערציג צו דיא שולדנער, האבען געריסען הויכע פראָצענ־טען און פאר קיין זאך זיך ניט אָפּגעשטעלט, אום צו ערווערבען זיך וואס מעהר שקלאַווען און פערמעגען. זיי האבען איינגעפיהרט וועק־סלען, האַנדעלס־קאָמפּאַניעס, ספעקולאַציעס און אפילו פערזיכערונגס־קאָמפּאַניעס צו קריגען בעלוינונג פאר אַנטלאָפענע שקלאַווען.

אין בעצוג אויף האַנדעל איז גריכענלאַנד און ספּעציעל אַטהען געווען אזוי פאָרטגעשריטען וויא דיא הייטניגע לענדער. דיא גריכען האבען איבערשטייגט דיא פיניקיער, דיא ערשטע גרויסע און מוט־היגע הענדלער פון דיא אַלטע צייטען. זיי האבען דאַרום אויך אָנ־געקליבען ריזיגע רייכטהימער. דיא אָרימע האבען פראָטעסטירט גע־גען דיא האַבזוכט פון דיא רייכע, און דיא שרייבערס און פילאָזאָפען האבען זיך פאר דיא אונטערדריקטע אָנגענומען אזוי וויא דיא אידי־

שע נביאים; אבער אפילו דיא בטשרענקענדע געזעץ פון סאָלאָן אין אטהען און פון ליקורג אין ספּארטא האבען ניט געקענט אָפּ־האַלטען דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום און פון אונגלייכ־הייט.

דיזע אונגלייכהייט האט ביסלעכווייז אונטערגעגראָבען דיא גרויס־קייט פון גריכענלאַנד. אין אלע שטעט האבען געהערשט עטליכע פּלוטאָקראַטען. גאַנץ לאַקאָניא האט געהערט צו א 100 בירגער. דיא אָרימע האבען זיך בעקלאָגט, פּראָטעסטירט און אויך געמאַכט אויפשטענדע. ביי אזעלכע אויפשטענדע וויא אין מעגאַראַ, סאַמאָס, מעסינאַ און ז. וו. מיט איבער 400 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג, פלעגט מען אויסשלאַכטען פיעלע פּלוטאָקראַטען, מיט געוואַלט פערטהיילען דיא פעלדער, אָפּשאַפען דיא חובות און קאָנ־פיסצירען פּריוואַט־אייגענטהום. דיא רייכע הערשער האבען גענומען איינפיהרען אלץ מעהר געדונגענע פרעמדע סאָלדאַטען, אום צו בע־שיצען זיך געגען דיא אונצופרידענע בירגער, וועלכע האבען אויך פערלאָרען דעם מוטה צו פערטהיידיגען זייער פאַטערלאַנד. דיא בע־פעלקערונג איז איינפאַך קלענער געוואָרן און פיעלע שטעט זיינען וויסט געוואָרן, ווייל דיא אָרימע זיינען אומגעקומען פון ליידען אדער האבען אויסגעוואַנדערט אין פרעמדע לענדער. ווען מאַצעדאָניען (מוקדון) איז אויפגעקומען, זיינען דיא רייכע צוגעשטאַנען צו דיזער מלוכה, אום צו קריגען שטיצע געגען דיא אָרימע. דאס זעלבע איז אויך געווען, ווען דיא רוימישע סאָלדאַטען זיינען געקומען איינצונעהמען גריכענלאַנד. דאַרום האט דיזע קליינע לאַנד, וועלכע איז אמאָל גע־ווען מעכטיג גענוג צו בעזיעגען דיא ריזיגע פּערסישע אימפּעריע, פער־לאָרען איהר אונאבהענגיקייט.

רוים האט זיך ענטוויקעלט אויף דעם זעלבען שטייגער און איז געפאַלען דורך דיא זעלבע אורזאַכען, וויא גריכענלאַנד, נאר אין א פיעל גרעסערע מאָס. דאָרטען איז לאַנד אויך פערבליבען דאס איי־גענטהום פון געמיינדעס לאַנג־לאַנג נאכדעם, וויא עס איז ענטשטאַ־נען גרויסע אונגלייכהייט צווישען בירגער דורך פּריוואַט־אייגענטהום אין בעוועגליכע זאַכען. יעדע פאַמיליע האט געהאַט איהר heredium

(ירושה חלק) און האט אויך געהאט א רעכט צו בענוצען זיך מיט דיא ניט־פערטהיילטע קהל'שע לאנד. אנפאנגס האט יעדער בירגער געמענט בענוצען דיא קהל'שע פיטערונגס־פעלדער און שטאאטס־פעלדער; אבער נאכהער האבען דיא פאטריציער (אריסטאקראטישע פאמיליען) פערכאפט פאר זיך דיזע געמיינשאפטליכע שטיקער לאנד. צוואה־רעכט איז לאנג ניט אנערקענט געווען. דיא חלקים לאנד פלעגען איבערגיין בירושה צו דיא פערוואנדטע. אין פאל עס זיינען ניט געווען נאהענטע קרבים פלעגט דיא ירושה איבערגיין צו א מיט־גליעד פון גענטילוס (מטה) — א צייכען פון דיא אמאליגע בלוטפער־וואנדשאפט פון דיא משפחות אין א מטה.

ביי דיא לאטיינישע שטאמען האבען דיא פאמיליען זעהר פריה אנגעפאנגען אויסצוטהיילען זיך פון דיא געמיינדען און גענטילוסען. דיא רוימישע פאמיליע איז געווארן א פאטריארכאלישע אין דעם פולסטען זינען פון דיזען ווארט. דער פאטער, pater familias, איז איינפאך געווען דער אייגענטהימער פון אלע פאמיליען־מיטגליעדער; נאר דעם פאמיליען־חלק לאנד האט ער דאך ניט געטארט פערקויפען אדער שיינקען. אין שפעטערע צייטען, ווען מען האט שוין ער־לויבט צו פערקויפען לאנד, האט מען דאך איינגעפיהרט פיעלע בעשרענקענדע פארמאליטעטען.

אין רוים האט מען אנפאנגס געקענט רייך ווערן נור דורך מלחמה. זיעגרייכע שטאמען און שטעט האבען דורך דעם געקראגען נייע שטיקער לאנד, נאר דיא בירגער האבען גענומען בהמות און קריעגסגעפאנגענע אלס זייער פריוואט־אייגענטהום. דיא ערשטע רוימער האבען נאר גערעכענט פאר געזעצליך און עהרענהאפט בלויז אזא פריוואט־אייגענטהום, וואס זיי האבען זיך ערווארבען דורך מלחמה. בהמות און שקלאווען זיינען געווען דער אנפאנג פון פריוואט־אייגענטהום אין רוים, און בהמות האבען געדיענט אלס געלט ביי'ן אויסטויש גראדע וויא ביי פיעלע אנדערע פעלקער.

רוים איז אלזא אנפאנגס ניט געווען א'ן אויסנאהמע אין בע־צוג אויף אייגענטהום; נאר דיא לאטיינישע שטאמען האבען געהאט דיא געלעגענהייט זיך צו בענוצען מיט דיא מעהר ענטוויקעלטע אר־

נאַניזאַציאָן פון דיא גריכען. ארום 450 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג האט דער רוימישער סענאט געשיקט א קאָמיסיאָן נאך גריכענלאַנד, אום נאכצופאָרשען דיא געזעצע פון סאָלאָן און צוזאַמענצושטעלען עהנליכע געזעץ פיר דיא רוימישע רעפובליק. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דער בעריהמטער קאָדעקס פון געזעצע, וועלכע זיינען אויפגעשריבען געוואָרן אויף 12 טאַבליצעס און טראָגען דארום דעם נאָמען „געזעץ פון 12 טאַבליצעס". דאס איז געווען דער פונדאמענט פון דער רוימישער יוריספרודענץ, וועלכע גאַנץ אייראָפּא האט איבערגענומען און וועלכע דיא גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אַנערקענט ביז היינטיגען טאָג.

אין דיזע געזעץ זיינען מייסטענטהיילס פערשריבען געוואָרן דיא אָנגענומענע פיהרונגען און מנהגים פון רוים. זיי זיינען אָפּגעשטימט געוואָרן פון דיא 3 קלאַסען, אין וועלכע דיא רוימער זיינען שוין דאַן פערטהיילט געווען. דאס רעכט פון פריוואַט-אייגענטהום אויף לאַנד איז אַנערקענט געוואָרן אזוי וויא אין סאָלאָן'ס געזעץ. יעדער בירגער האט שוין געמעגט פערקויפען און איבערלאָזען דורך א צוואה זיין פערמעגען. לאַנד-אייגענטהום האט מען שוין געקענט צוטהיילען אויף קלענערע חלקים און אָנקלייבען. דורך דעם איז דיא אונגלייכהייט זעהר פערגרעסערט און פערברייטעט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט האט דער געזעץ פון דיא 12 טאַבליצעס געגעבען דיא קרעדיטאָרען אַזעלכע רעכטע, וואס האבען קיין גלייכען ניט אין אַלע אַנדערע בעקאַנטע געזעצגעבונגען. איין פּונקט האט געלויטעט, אז אויב נאך דיא ערלויבטע 30 טעג אָפּליינונג פון א חוב וועט דער שולדנער ניט בעצאָהלען און ניט קריגען א גוט-זאָגער, דאַן „זאָל דער קרעדיטאָר איהם אַוועקפיהרען צו זיך, איהם בינדען דיא פיס מיט רימענס און איינשמידען אין קייטען פון 15 פונט געוויכט אדער ווענינגער, וויא דער קרעדיטאָר וויל". א'ן אַנדער פּונקט לויטעט אזוי: „נאך דעם דריטען מאַרק-טאָג מעגען זיי (דיא קרעדיטאָרען) צושניידען איהם (דעם בעל חוב) אויף שטיקער. וואס פאר שטיקער זיי זאָלען ניט אָפּשניידען — גרויסע אדער קליינע — זאל דאס ניט בעטראַכטעט ווערן אלס רשעות".

עס איז שוין פון דעם אליין פערשטענדליך, אז דער קרעדי־
טאָר האט געמענט טויטען דעם שולדנער, וואס האט ניט געקענט
בעצאָהלען דעם חוב אין דער בעשטימטער צייט, אדער איהם פער־
קויפען אלס שקלאַוו. נאר אזוי וויא עס איז אויך איינגעפיהרט גע־
וען, אז קיין רוימישער בירגער האט ניט געטאָרט פערקויפט ווערן
ויף דעם הייליגען לאַנד פון רוים, פלעגט מען דיא אונגליקליכע
ולדנער אריבערשלעפּען איבערן גרענעץ, ד. ה. אויף דעם אַנדערן
יט פון טייך טיבר, און דאָרטען פערקויפען אלס שקלאַווען. נאך
יא געזעץ איז דער בעל־חוב געווען דאס אייגענטהום פון קרעדיטאָר,
יא באַלד ער האט ניט בעצאָהלט דיא שולד אין דער בעשטימטער
ייט. דער קרעדיטאָר האט אויך געהאט דאס רעכט אויסצוקלייבען
לס זיין שקלאַוו דעם שולדנער זעלבסט אדער דעם גוט־זאָגער.
אס פאר א הימעל־וויטער אונטערשיעד צווישען דיזע גרויזאַמע גע־
ין און דיא געזעץ פון משה!

דאס געזעץ פון דיא 12 טאַבליצעס האט אויך בעשטעטיגט
אס צואה־רעכט, וואס מען האט פריהער ביסלעכווייז גענומען אַנ־
רקענען אין רוים. דער דריטער פונקט פון דער פינפטער טאַבליצע
עשטימט: „וויא דער פאָטער פון דער פאַמיליע וועט ענטשיידען
ורך א צואה וועגען זיין פערמעגען אדער וועגען דיא פאָרמונדשאַפט
אַפּעקונסטווע) איבער דיא קינדער, אזוי זאָל עס זיין". דורך דיזע
רייט־געעפענטע טיר איז דער פריהערער פאַמיליען־אייגענטהום אזוי
ונעל צושטערט געוואָרן און דיא אונגלייכהייט איז אזוי טיעף איינ־
עטראָטען, דאס מען האט געמוזט זוכען צו בעשרענקען דאס צואה־
עכט דורך נייע געזעץ. איין געזעץ האט פערבאָטען איבערצולאָזען
ורך א צואה מעהר וויא 1000 אַסען (אזא מטבעה). א'ן אַנדער
עזעץ האט בעשטימט, אז דער בעל צואה מוז אָנגעבען בערעכטיג־
ע גרינדע, ווען ער וויל אָפּזאָגען זיינע קינדער פון דער ירושה, זאָנסט
יז דיא צואה ניט גילטיג. א דריטער געזעץ האט פערזיכערט, דאס
פערטעל פון דער ירושה זאָל געהערען צו דיא יורשים פון דער
אמיליע. וויטערע געזעץ האבען פערגרעסערט ביז א העלפט דעם
ולק פון דיא געזעצליכע יורשים.

נאר דיזע אלע בעשרענקונגען האבען שוין ניט געקענט אָפּ־האַלטען דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט־אייגענטהום. זיי האבען נאר צוגעהאָלפען צו פערטהיילען אַלץ מעהר דיא פערמעגענס. ווען פרוי־ען האבען נאך בעקומען אייגענטהומס־רעכטע, איז נאך מעהר צו־פאַלען געוואָרן דיא אַלטע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן, דורך וועלכע דיא ענטוויקלונג פון אונגלייכהייט איז פיעל־ווינציג געשטערט געווען. דיא רייכע האבען זיך בענוצט מיט דעם אַלעם, אום איינצוקויפען וואס מעהר לאַנד. עס זיינען ענטשטאַנען דיא זאָ־גענאַנטע לאַטיפונ־דיען, אדער ריזיגע מאַיאָנטקעס, דורך וועלכע דיא מעכטיגע רוי־מישע אימפּעריע איז שליסליך צו גרונדע געגאַנגען. דיא צאָהל פון דיא פּאַטריציער אדער רייכע אַריסטאָקראַטען איז אַלץ קלענער גע־וואָרן, און דיא צאָהל פון אָרימע פרייע בירגער אדער פּראָלעטאַריער איז אַלץ געשטיגען. איינינגע האבען צוזאַמענגעקליבען ריזיגע פער־מעגענס. דער רוימישער היסטאָריקער פּ ל י נ י א ו ס דערציילט, אז א העלפט פון דער רוימישער פּראָווינץ אפריקאַ איז געווען דאס אייגענטהום פון 6 פּעריזאָן, וועלכע דער טיראַן נעראָן האט נאַכ־הער געהייסען הינריכטען. רייכע הענדלער און פּראַצענטניקעס האָ־בען אויך גענומען איינקויפען לאַנד ביי דיא נאך פערבליבענע קליינע אייגענטהימער, אום צו קריגען א גרעסערע דעה אין דער רעגירונג, דען דאס רעכט אויף עפענטליכע אמטען איז מייסטענס געווען פערבונדען מיט לאַנד־אייגענטהום. דיא אייגענטהימער פון דיא לאַטי־פונדיען האבען ניט נאר פערנומען אלע הויכע רעגירונגס־שטעלען, זאָנדערן פלעגען אויך נעהמען אין פּאַכט (אָטקופּ) דיא שטייערן, זאָ דאס אלע זאָ־גענאַנטע פרייע בירגער זיינען ביי זיי געלעגען אין דיא הענד.

דיא אונגלייכהייט האט אין רוים דערגרייכט צו א׳ן אונגעהייערע מדרגה. אזוי וויא אַלץ א גרעסערער טהייל לאַנד האט אָנגעפאַנגען צו פּוסטעווען דורך דיא פערכאַפּונגען פון דיא רייכע און הערשער, האט מען אָנגעפאַנגען צו בעזעצען דאָרטען מיט געוואַלט אַקערבויער. דיא פעלדער זיינען בעאַרבייטעט געוואָרן פון שקלאַווען אדער שולד־נער, וואס האבען ניט געקענט בעצאָהלען דיא חובות; אבער הגם

מען האט דיא שקלאווען אָנגעטריבען צו דער ארבייט אויף דיא גרויזאַמ־
סטע אַרט, האבען זיי דאָך ניט געקענט שאַפען אזוי פיעל וויא פריי־
הער דיא קליינע גרונדבעזיצער. דאס איז געוואָרן אזוי געפעהרליך
פיר דיא גאַנצע אימפּעריע, שוין ניט רעדענדיג וועגען דיא שרעקלי־
ע לאַגע פון דיא אָרימע בירגער, דאס איינינע שטאַאטסמענער האָ־
בען פּרובירט איינפיהרען געזעץ צו פערהאַלטען אדער וויינינסטענס צו
געשרענקען דיא שנעלע ענטוויקלונג פון אונגלייכהייט. דורך דיא
אָ־גענאַנטע ליציניער געזעצע איז בעשטימט געוואָרן, אז קיינער
טאָר ניט ארויסשיקען אויף דיא עפענטליכע פיטערונגס פעלדער
מעהר וויא 100 קיה און 500 שעפסען און ניט בעזיצען מעהר וויא
50 יורנערס (אזא מאָס) לאַנד; אז אָרימע בירגער זאָלען קריגען א
ולק פון 7 יורגערס; אז דיא גרויסע לאַנד־אייגענטהימער זאָלען בע־
שעפטיגען אויף זייערע פעלדער אזוי פיעל פרייע בירגער וויא פיעל
שקלאַווען; א. ז. וו. דיא בעריהמטע ברידער גראַקכוס זיינען אַוועק
פיעל ווייטער נעגען דיא רייכע פערכאַפּערס. זיי האבען אָנפאַנגס
פאָרגעשלאָגען אָפּצונעהמען דאס לאַנד ביי דיא רייכע פאר א נעווי־
סע בעלוינונג, נאכהער אבער האבען זיי געפאָדערט, אז דאס לאַנד,
דאס דיא רייכע האבען פערכאַפּט אונגעזעצליך, זאל מען ביי זיי צו־
נעהמען אָהן בעלוינונג. דורכפאָהרענדיג דיא פּראָווינץ עטרוריען,
האט דער נאָבעלער טיווערציאוס גראַקכוס נאר געזעהען ארום און
ארום פערלאָזענע פעלדער אדער אזעלכע וואו שקלאַווען האבען גע־
ארבייט. דאס האט איהם געפיהרט צו פערלאַנגען נייע געזעץ ווע־
גען לאַנד־אייגענטהום. ער האט געקלאָגט אויף דיזען שרעקליכען
צושטאַנד, וואס דיא אָרימע האבען אפילו ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ
אָנצולייגען, וואס אויסער לופט און זונענשיין האבען זיי אבסאָלוט
גאָר ניט געהאַט. „דיא אָרימע נייען אין מלחמה, פלעגט ער זאָגען, צו
שלאָגען זיך און צו שטאַרבען אז אַנדערע זאָלען האבען פערגעניגען,
רייכטהום און איבערפלוס, און מען רופט זיי נאך דיא הערען און
בעפעהלסגעבער פון דער ערד, ווען אין אמת׳ן האבען זיי אפילו ניט
קיין צאָלל לאַנד, וואס זאל צו זיי ווירקליך געהערען!“
נאר עס איז שוין געוועזן צו שפּעט. מיט קיינע געזעצע האט

מען שוין ניט געקענט אָפּהאַלטען דעם פּאַטאַנדערגעגאַסענעם שטראָם פון פּריוואַט־איינענטהום און אונגלייכהייט. דיא רייכע זיינען געוואָרען אַלץ אַלמעכטיגער דורך דיא אַלגעמיינע אויסגעלאַסענהייט און פערדאָרבענהייט, וועלכע זיינען געקומען דורך אונגלייכהייט דיא עדעלע פּאַלקסטריבונען און פייערדיגע רעדנער גראַקכוס זיינען ערמאָרדעט געוואָרען פון דיא רייכע, און דיא מעכטיגע רוימישע רעפּובליק איז שנעל געגאַנגען צו גרונדע דורך דיא זעלבע אורזאַכען, וואס האבען אונטערגעגראָבען דיא גריכישע רעפּובליקען.

עס פערשטייט זיך, אז ווען דיא איינענע אָרימע בירגער זיינען אזוי געדריקט און געשטיקט געוואָרען פון דיא פּאַטריציער, איז שוין דיא לאַגע פון דיא פרעמדע שקלאַווען געווען שוידערליך. מיט זיי איז מען זיך בעגאַנגען נאך ערגער וויא מיט בהמות. זיי האבען אויך ניט זעלטען געקאָסט ביליגער וויא בהמות. ווען רוים האט אָנגעפאַנגען צו פיהרען מלחמות אויסערהאַלב איטאַליען, זיינען שקלאַווען פערקויפט געוואָרען פאר זעהר קליינע פּרייזען, וועלכע זיינען געווען אָפּהענגיג פון דעם געזעץ פון פערלאַנג און אָנבאָט, וויא אַלע אַנדערע זאַכען צום פערקויפען. מען האט אויסגערעכענט, אז זייט דיא גריכישע שטאָט קאָרינטה איז איינגענומען געוואָרען פון דיא רוימער ביז דעם אימפּעראַטאָר סעפּטימיאוס סעווערוס, ד. ה. אין א צייט פון קנאַפּע 400 יאהר (נעמליך: פון 144 יאהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג ביז 235 יאהר נאך דיא קריסטליכע צייטרעכנונג) איז אויף יעדען פרייען בירגער אויסגעקומען צו 3 שקלאַווען. ווען רוים האט איינגענומען דעם אינזעל סאַרדיניען און געבראַכט פון דאָרטען קריעגסגעפאַנגענע צו פערקויפען זיי פאר שקלאַווען, איז געוואָרען א ווערטעל: „ביליג וויא א סאַרד“. דער רוימישער גענעראַל מאַריוס האט געפאַנגען 90 טויזענד טויטאָנען און 60 טויזענד קימוורען. לוקולוס האט געפאַנגען אזוי פיעל מענשען אין דיא לענדער ארום דעם שווארצען ים, דאס דער פּרייז פון א שקלאַוו איז געפאַלען אויף 4 דראַכמעס (3 און א האַלב פראַנק!). רוימישע היסטאָריקער בעהויפּטען, אז יוליאוס צעזאר האט גענומען אין גאַליען (אַלט־פראַנקרייך) א מיליאָן געפאַנגענע.

אויסערדעם פלעגען דיא גריכישע, רוימישע און סעמיטישע (פעניקיער און קארטהאגענער) ים־רויבער ברייננגען א סך שקלאווען. אויף דעם אינזעל דעלאָס איז געווען דער הויפּט־מארק פיר שקלא־ווען, און יעדען טאָג פלעגט מען זיי אהין ברייגגען אין טויזענדער.

קיין וואונדער דארום, וואס דיא פּאטריציער פלעגען שיקען מאסען שקלאווען אין זייערע צירקען צו שלאָגען אויף טויט איינער דעם אנדערן אדער צו ראנגלען זיך מיט לייבען און אנדערע בלוט־דורשטיגע חיות. מען האט געהאט ספּעציעלע שולען פאר שקלאווען, אז זיי זאָלען ווערן גלאדיאטאָרס אדער פעכטערס אין דיא צירקען, אום צו אמוזירען מיט זייער בלוט דיא פרייע בירגער. דיא רוימער, סיי אָרעם סיי רייך, האבען קיין גרעסערן פערגעניגען ניט געהאט, וויא בייצו־וואָהנען דיא בלוטיגע געפעכטען פון דיא גלאדיאטאָרס צווישען זיך און בעזאָנדערס מיט לייבען און טיגרען, וועלכע פלעגען דיא אונגליקליכע צורייסען אויף שטיקער. ביי גרויסע צערעמאָניעס פלעגט מען שיקען ביז 1000 פּאָר גלאדיאטאָרס זיך ראנגלען אויף לעבען און טויט. דער פערוואונדעטער גלאדיאטאָר פלעגט אוועק־לייגען זיין געוועהר און פלעגט געטויטעט ווערן פון זיין געגנער, ווען דיא צוזעהער פלעגען עס ניט פערוועהרען, וואס עס איז אָפט געווען דער פאל (זעה פיגור 74). בלוט האט געפלאָסען טייכענווייז, און דיא פרייע רוימער פלעגען ווערן צוקאָכטע פון ווילדע פריידע. דיא צעזאָרס אדער אימפּעראטאָרס פלעגען אויך בייוואָהנען דיזע שרעק־ליכע שפּיעלען, און אלע גלאדיאטאָרס פלעגען דאן פאר זייער גע־פעכט פערבייגיין זיין לאָזשע און אויסשרייען: morituri te salutant (דיא וואס גייען שטארבען בעגריסען דיך!). איינער פון דיזע גלא־דיאטאָרס, וואס זייער ביטערער שיקזאל איז געווען פריהער אדער שפּעטער צו פאלען טויט אין דיא צירקען צום פערגעניגען פון דיא פרייע רוימער, דער בעריהמטער ספּארטאקוס, האט ארויסגע־רופען און אָנגעפיהרט א ריזיגען אויפשטאנד פון דיא אונגליקליכע שקלאווען, און עס האט ניט פיעל געפעהלט, אז ער זאל ווערן דער הערשער פון רוים. ער איז געפאלען טויט אין א שלאכט אין 71־טען יאהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג. און דיא רוימער



פיגור 74. קאַמפּף פון גלאַדיאַטאָרס מיט לויבען.

האבען דאן אומגעבראכט אויף דיא גרויזאמסטע ארט גרויסע מאס
שקלאווען.

נאך א געוויסען געזעץ איז קיין אונטערשיעד געווען, אויב
האט פערוואונדעט א חיה אדער א שקלאוו. איןביידע פעלע הא
מען נאר גערעכענט דעם שאָדען, וואס דער הערר האט דורך ד
געהאט. א רוימישער שרייבער מיט דעם נאָמען העקאטאָן הא
אין א בוך בעהאנדעלט דיא פראגע, אויב מען זאָל אריינווארפ
אין ים א טייערן פערד אדער א ווערטהלאָזען שקלאוו אין פאל ז
קומט אויס צו רעטען א שיף פון זינקען דורך פערקלענערן אי
משא!

נאר אין דיא לעצטע צייטען פון דער רוימישער אימפערי
וואס מעהר דאס לאנד איז געוואָרן דאס אייגענטהום פון א קליי
צאָהל רייכע און וואס מעהר פעלדער עס האבען דארום געפוסט
ווערט, זיינען דיא הערען געצוואונגען געווען זיך בעסער צו בעו
מיט זייערע שקלאווען און צו זאָרגען, אז זיי זאָלען ווערן צוגעבונ
צום לאנד. ארבייטסזאמע און געהאָרכזאמע שקלאווען האבען ד
לאנד־אייגענטהימער אָנגעפאנגען צו בעזעצען אויף בעשטימטע פ
צער און זיי געבען שטיקלעך לאנד און בהמות, אז זיי זאָלען צו
בונדען ווערן צום אָרט און ארבייטען פאר דיא הערען אויף געווי
בעדינגונגען. אין דיא אינטערעסען פון אקערבוי און פון שטא
האט מען גענומען מאכען קאָנטראקטען מיט דיא שקלאווען־אקע
בויער. מען פלעגט זיי געבען לאנד אויף ארענדע, וועלכע פל
אחך שפעטער איבערגיין בירושה צו זייערע קינדער. דיא לאנד־א
גענטהימער האבען אויסגעפונען אז דאס איז פאר זיי פאָרטהי
האפטער און רוהיגער וויא צו ארבייטען מיט שקלאווען אונטער ד
בייטש פון אויפפאסערס, און זיי פלעגען דארום אָפט צווינגען ד
קינדער פון אזעלכע שקלאווען־ארענדאטאָרס, וועלכע מען האט ג
רופען קאָלאָנען (קאָלאָניסטען) אָנצונעהמען דיא בעדינגונגען ו
זייערע פאָטערס און צו פערבלייבען צוגעבונדען צום לאנד. מען הא
שליסליך פערבאָטען צו פערקויפען אקערבויער־שקלייווען אָהן לאנ
דורך דעם איז איינגעפיהרט געוואָרן דיא לייב־אייגענשאפט אד

סטשיזנע, וועלכע איז א פרייערע און ווייטערע פאָרמע פון
אוועריי. אוננעפעהר אויף דיא זעלבע אַרט איז זיא ענטשטאַ־
ביי פיעלע פעלקער. דיא אויראָפּעאישע פעלקער, וואס האבען
טערט דיא רוימישע אימפּעריע, האבען איבערגענומען דיזע פאַר־
פאָרמע פון פּאַנסטשיזנע. דיא קאָלאָנען פון דיא רוימישע
רען זיינען געוואָרן דיא קנעכט אדער כלאָפּעס פון דיא פיהרערס
דיא גערמאַנישע שטאַמען. דיא בעזיענטע און שוואכע האט
אלץ מעהר געגומען צובינדען צו דער ערד פון דיא הערען,
בע האבען געטראָגען פערשיעדענע טיטולען: באַראָנען, גראַפען,
צאָגען, פירסטען. דיא קלענערע הערען אדער אדעליג זיינען
ען אָפּהענגיג פון דיא גרעסערע און אלע זיינען געוועז אונטער־
פען צום קעניג. דאס איז געוועזן א מין לייטער פון אָפּהענגיג־
: גאר אונטען זיינען געוועזן דיא צוגעבונדענע לאַנד־ארבייטער
ר פּאַנסטשיזניקעס און גאר אויבען זיינען געוועזן דיא קעניגע און
רס. דאס איז דיא זאָ־גענאַנטע פעאָדאַלע סיסטעם,
בע האט געבליהט אין מיטעלאַלטער אין גאַנץ אויראָפּאַ און
בע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין פראַנקרייך דורך דיא גרויסע
אָלוציאָן פון 1799־טען יאהר און אין רוסלאַנד ערשט אין 1861־
יאהר.

אין דיא לעצטע יאהרען פון דער רוימישער אימפּעריע איז דיא
ן פון דיא קאָלאָנען געוואָרן פערהעלטניסמעסיג אזוי גוט, דאס
ע פרייע בירגער פלעגען פרייוויליג אומבייטען זייערע הונגעריגע
הייט אויף דיא זאטע אבהענגינגקייט פון דיא קאָלאָנען. דאס
ץ האט פערטהיידיגט דיא קאָלאָנען אין דיא אינטערעסען פון
רבוי. דער לאַנד־איינענטהימער האט ניט געטאָרט פערטריי־
א קאָלאָן פון לאַנד און פערגרעסערן דעם קאָלאָן'ס פער־
כטונגען און אָפּצאָהלונגען אדער רענטע. עס איז פערבאָ־
געוועזן דיא לאַנד־איינענטהימער אריבערצוציהען צו זיך קאָלאָ־
פון אַנדערע ערטער דורך גוטע פערשפּרעכונגען און צו בעזעצען
קאָלאָנען אויפאַ שטיק לאַנד וואס איז שוין פערנומען און בע־
ייטעט געוועזן פון פריהערע קאָלאָנען.

נאר אין דער זעלבער צייט זיינען נאך פערבליבען גענוג וויינליבע שקלאווען, בעזאנדערס אין די שטעט. מיט אזעלכע מען זיך די גאנצע צייט בעגאנגען העכסט גרויזאם ביז דעם פון דער גאנצער רוימישער אימפעריע אין 476 יאהר נאך ק טום געבורט.

פערצעהנטער קאַפּיטעל.

דיא ערשטע שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָנען.

איבערבליק אויף דיא ענטוויקלונג פון גערדאַנקען וועגען רעכט. — רע־
אין יעדער אָרגאַניזאַציאָן. — דיא ענטשטעהונג פון שטאַאטען נאך דעם
ער פון פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָנען. — צוויי אַלגעמיינע פאָרמען פון פאַט־
אַלישע מלוכות. — דיא ראָלע פון רעליגיאָן אין דער ענטשטעהונג פון
אַטישע מלוכות. — פערהייליגטע פאַמיליען־זאַכען אלס צייכענס פון הער־
. — מלכים פערעהרט וויא געטער. — דיא מלוכות פון פערו און מצרים.
א גרויסע מאַכט פון כהנים אין מצרים. — דיא ערשטע מלוכות פון אוי־
אישע פעלקער. — דיא פערבליבענע פאַטריאַרכאַלישע מלוכות. — געטלי־
עניגע און זייערע הויפטמיניסטערס. — דיא פערטהיילונג פון דיא גייסטלי־
ן וועלטליכע מאַכט פון דיא פאַטריאַרכאַלישע קעניגע. — דיא אויבער־
פון כהנים אין פיעלע לענדער. — דיא וועלטליכע מאַכט פון פאַפּסט.
א קרוינונגס־צערעמאָניעס און דיא קעניגע מיט „גאָטעס גנאַדע״ אלס
פון דיא אַמאָליגע פאַטריאַרכאַלישע מלכים־געטער.

שילדערנדיג דיא ענטוויקלונג פון פאַמיליען און פון אייגענטהום
זונז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו געברויכען דיא ווערטער
, געזעץ, געריכט און רעגירונג. אַנדערס האט עס גאר ניט גע־
זיין, דען דאס זיינען אלץ פערבונדענע טהיילען פון דעם מענ־
ין געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר האבען זיי נאר אָפּגעזונדערט

צו ערלייכטערן אונזער נאכפאָרשונג, האַלטענדיג זיך אָן דעם
ליטישען מעטהאָד, וועלכען מיר האבען שוין אין אָנפאנג פון
באנד ערקלערט.

עס איז קלאָר, אז קיין אָרגאניזאציאָן אונטער מענשען און
איינענטהום קען ניט בעשטיין אָהן א געוויסען בעגריף פון
און פפליכט. איינענטהום איז א רעכט, דאס רעכט צו בע
א זאך. דיזען רעכט מוז מען צוערשט ערווערבען אויף איר
וועלכע ארט און ווייזע. קיין מענש ווערט ניט געבאָרען מיט
נענטהום, וואס דיא נאטור האט נאר פאר איהם אליין אָנגענ
דיא נאטור שאפט פאר אַלעמען גלייך נאך איהרע אייבינע גו
זיא קימערט זיך ניט מעהר וועגען א מענש וויא וועגען א וואָרים
וועגען דיא מינדעסטע חיה׳לע אדער גרעזעלע וואס מיר קענען
בעמערקען דורך א פערגרעסערונגס־גלאָז. אמאָל האבען זיך מע
אין זייער גדלות איינגערעדט, אז דיא זון, דיא לבנה, דיא ש
דיא גאנצע וועלט זיינען נור בעשאפען געוואָרן פאר זיי, פאר
בעקוועמליכקייט אדער פאר זייער שטראָף; יעצט ווייסען מיר
דאס זיינען נור קינדערשע איינבילדונגען, פוסטע פאנטאזיעס.
ווייסען, אז דיא גאנצע ערד איז א פּיצעלע אין דעם אונענד
רוים מיט א׳ן אונענדליכע צאָהל פערשיעדענע הימלישע קער
(זונען, פּלאנעטען, קאָמעטען א. ז. וו.). אלע קולטורנעשיכ
נאכפאָרשונגען איבערצייגען אונז, אז מענשען האבען געמוזט
אין ביטער קעמפּפען אויף יעדען שריט זייערן צו פערזאָרגען זיך
שפּייז, קליידונג, געצייג, וואָהנונג א. ז. וו.

מיר האבען שוין געזעהען וויא דיא ערשטע מענשען
געלעבט און געקענט לעבען. אין זייערע בעציהונגען איינער צו
דערן זיינען זיי געוויס ניט געוועזן בעסער וויא דיא העכערע ס
חיות. אין דעם קאמפּף פיר עקזיסטענץ האט דער שטארקערער
בארמהערציג פערניכטעט דעם שוואכערען. מענשען זיינען נאך
ביי געוועזן גרויזאמער וויא חיות, דען זיי האבען אויך געפ
איינער דעם אנדערן. פון רעכט אלס א בעגריף פון יושר האט
קיין סמן ניט געקענט זיין. מיר זיינען יעצט צוגעוואָהנט צו

ן נאַטירליכע רעכטע פון אלע מענשען; מיר זאָגען אז יעדער מענש
אט דאס נאַטירליכע רעכט אויף עקזיסטענץ, אויף דיא פּראָדוקטען
ן זיין אַרבייט, אויף פרייהייט א. ז. וו.; אבער דאס זיינען בעגריי־
ן וואס ווערן פיעל ווייניג אויסגעפיהרט יעצט נאר אין דיא ציוויי־
וירטעסטע לענדער. זאָגאַר מיט א הונדערט יאָהר צוריק איז עס
ר געווען א טרוים פון פילאָזאָפען. ערשט נאך דיא אַמעריקאַנער
ן פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנען מיט זייערע ערקלערונגען פון מענ־
נרעכטע אַם ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט האבען דיא לעהרען
 גרויסע און עדעלע פילאָזאָפען אָנגעפאַנגען דורכצוברעכען זיך א
טיקעלע וועג אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אין דיא געזעצע פון
ויליזירטע פעלקער.

צו א געדאַנקען וועגען נאַטירליכע רעכטע פון מענשען האט
ן ערשט געקענט קומען נאך יאָהרהונדערטע פון גייסטיגע און
וראַלע ענטוויקלונג, דער רעזולטאַט פון וועלכע איז צוערשט געווען
א אנערקענונג, אז אלע מענשען האבען דיא זעלבע בלוט פון דער
טור, אז קיינער ווערט ניט געבאָרען און דאַרף ניט געבאָרען
רן מיט מעהר רעכטע וויא א'ן אַנדערער, אז אלע זיינען, מיט איין
ורט, גלייכבערעכטיגטע בירגער, הגם דיא נאַטור שאַפט
 דאך מיט אונגלייכע קרעפטע און פעהיגקייטען. אפילו אין דיא
ויליזירטעסטע לענדער פון אַלטערטהום האט קיין רעדע ניט גע־
כט זיין וועגען אזעלכע רעכטע, דען שקלאַווערייא איז דאך אַנערקענט
וען פאר א נאַטירליכע זאך. דיא פרייהייט און רעכטע אין אזעל־
 פאָרטגעשריטענע אַלטע רעפּובליקען וויא דיא אַטהענער און רוי־
טע האבען זיך נור בעצויגען אויף דיא פרייע בירגער, וועלכע האָ־
ן בעטראַכטעט און אויך בעהאַנדעלט זייערע שקלאַווען וויא בהמות.
 בעצוג אויף שקלאַווען איז דאס רעכט פון דיא פרייע בירגער
ר געווען פויסטרעכט, איינפאַכע געוואַלט. נאך אין אונ־
רע צייטען זעהען מיר ניט זעלטען, אז רעכט איז מאַכט און מאַכט
 רעכט. אין דיא אַלטע צייטען איז עס געווען דיא רעגעל. דאס
ם מיר דערגייען יעצט פון דיא אַלטע מנהגים און געזעץ איבער־
גט אונז אין דעם. אפילו דיא רוימישע געזעצגעבונג, וועלכע

איז פערבליבען א מוסטער פאר אלע אויראָפּעאישע געזעצגעבונגען
איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אָהן בעטראַכטונגען וועגען אלגעמיינ
מענשליכע רעכט. דער לאַטיינישער וואָרט jus בעדייטעט אייגינט
ליך ניט רעכט, נאר געזעץ.

אום צו קענען לעבען צוזאַמען, האבען מענשען געמוזט אויס
אַרבייטען געוויסע רעגעלען, בעשטימטע כללים נאך דער צייט א
אומשטענדען. אפילו באַנדעס פון גנבים און רויבער האבען זיך זייע
רע רעגעלען און מנהגים, וועלכע זיי היטען אָפּ גאַנץ שטאַרק. וואו
מעהר א שטאַם האט זיך ענטוויקעלט, אלץ מעהר איז ער געצוואונ
גען געווען צו ענדערן דיא אַלטע כללים און איינצופיהרען נייע, און
צו ענטשפּרעכען דיא נייע איינפיהרונגען און אַנצוהאַלטען וויא ווייט
נאר מעגליך פריעדען צווישען זיינע מיטגליעדער. זאָ לאַנג מענשע
האבען ניט דערגרייכט דיא קונסט פון שרייבען, זיינען דיא רעגעל
און בעשטימונגען איבערגעגעבען געוואָרן מינדליך פון איין דור צו
אַנדערן, און יעדער נייער דור האט עפּעס נייעס צוגעלייגט נאך די
אומשטענדען. ווען מען האט אָנגעפאַנגען צו שרייבען, האט מ
נאַטירליך פערצייכענט דיא נויטווענדיגסטע רעגעלען און מנהגים
דאס איז געווען דער אָנפאַנג פון געשריבענע געזעץ. וויא די
אומשטענדען פון לעבען האבען איינגעפיהרט דיא געזעץ, אזוי האב
מען זיי פערשריבען. פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען און לעהרען וועגע
רעכט האט מען דערביי גאר ניט געהאַט אין זינען. דיא פילאָזאָ
פיען און לעהרען וועגען רעכט זיינען ערשט ענטשטאַנען אין אונזער
צייטען, ווען מען האט גענומען נאכפאָרשען דיא מנהגים און געזע
פון אַלע פעלקער און זוכען דיא אַלגעמיינע פּרינציפּען, אויף וועלכ
זיי בערוהען. דיא ערשטע געשריבענע געזעץ, וועלכע מען געפינ
אין דיא זאָ־גענאַנטע הייליגע ביכער, זיינען פערצייכענט אָהן שו
אָרדנונג, צוזאַמענגעמישט מיט מעשות, פאַנטאַזיעס און רעליגיעז
צערעמאָניעס. דיא ביבעל זעלבסט קען אונז דיענען אלס ביישפּיע
דערפון, הגם אין איהר זיינען שוין פערצייכענט בעגריפע וועגען רעכט
מאָראַל און רעליגיאָן פון פיעל שפּעטערע צייטען, וויא אין דיא היי
ליגע ביכער פון דיא אינדוסען, וואס זיינען געשריבען אין דער סאנ

סקריטישער שפראך, דיא מוטער־שפראך פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער.

אזוי וויא דיא ערשטע פאָרמע פון מענשליכע אָרגאַניזאַציאָן איז געוועזען דיא פאַמיליען־פערבינדונג, זאָ זיינען דיא ערשטע רעגעלען גע־ וועזען וועגען דיא בעציהונגען פון דיא מיטגליעדער אין דער פאַמיליע זעלבסט און וועגען דיא בעציהונגען פון דיא פאַמיליען איינע מיט דיא אַנדערע. וואס מעהר דיא פאַמיליען זיינען געוואַקסען, זאָ דאס זיי זיינען געוואָרן שטאַמען, אלץ מעהר רעגעלען האט מען געמוזט איינפיהרען פיר געגענזייטיגע בעשיצונג און פיר אלגעמיינע פערטהיי־ דיגונג געגען פרעמדע. דער פונדאַמענט פון יעדע מענשליכע געזעל־ שאַפט איז דיא פאַמיליע; אַנדערס קען עס גאר ניט זיין. יעדע גע־ זעלשאַפטליכע פאָרמע איז אדער א וויטערע ענטוויקלונג פון דער פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן אדער עטוואָס זעהר נאָהענטעס דערצו. דיא מענשהייט האט קיינע אַנדערע מוסטערס ניט געהאַט פאר זיך אוי־ סער דאס לעבען אין גרויסע אדער קליינע פאַמיליען־גרופּען.

ווען מיר בעטראַכטען דעם גרונד פון א שטאַאט־אָרגאַניזאַ־ ציאָן, געפינען מיר אז זיא האט אָנגענומען דיא פאָרמע פון א'ן אונגעהייער גרויסע פאַמיליע אדער פון עטליכע אזעלכע גרויסע פאַ־ מיליען, וועלכע האבען זיך דורך געוויסע אומשטענדען פערבונדען צום אלגעמיינעם נוצען. אונטער מאַטריארכאַלישע פיהרונגען זיינען דיא פאַמיליען־פערבינדונגען נור געוועזען געשטיצט אויף בלוטפער־ וואַנדשאַפט. דורך דעם זיינען זיי געוועזען אָפּגעגרעניצט איינע פון דיא אַנדערע. מיר האבען געזעהען, וויא שוואַך דיזע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געוועזען און וויא מען האט געמוזט צולאָזען אפילו בלוטשאַנדע, אום צוזאַמענצובינדען דיא מענער. אונטער אזעלכע אומשטענדען האבען זעהר זעלטען געקענט ענטשטיין שטאַאטען און רעגירונגען. ערשט ווען דיא פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געוואָרן פאַטריארכאַלישע זיינען זיי אלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרן. אונטער גינסטיגע אומשטענדען זיינען זיי אויסגעוואַקסען אין שטאַמען און פעלקער, וואס עס האט שוין ניט געקענט געשעהען אָהן א געוויסע שטאַאטס־ אָרגאַניזאַציאָן.

מיר געפינען דארום, אז דיא עלטעסטע שטאאטען זיינען אלע געוועזען ארגאניזירט נאך דעם זעלבען מוסטער, נעמליך: נאך דיא פאטריארכאלישע פיהרונגען. דיא אבזאלוטע מאכט פון דעם פאטריארך אין דער פאמיליע איז ביסלעכווייז קאפירט געווארן פון דיא פיהרערס אין דעם שטאם. דיא אורשפרונגליכע רעפובליקאנישע פארמע פון דיא ווילדע פעלקער איז איבעראל אומגעביטען געווארן אויף א מאנארכישע. דיא מייסטע פון דיזע מאנארכיען זיינען געוועזען איינפאכע דעספאטיען. דער פיהרער איז געוועזען גערעכענט פאר דעם פאטער פון גאנצען שטאם און זיין מאכט איז געוועזען אונבעשרענקט. דאס פאלק האט קיין ברעקעל דעה ניט געהאט אין דיזע דעספאטישע ארגאניזאציאנען; דיא קעניגע האבען געטאן וואס זיי האבען געוועלט, גראדע וויא דיא פאטערס אין זייערע פאמיליען. וואס גרעסער אזא דעספאטישע מלוכה איז געווארן דורך נינסטיגע אומשטענדען אדער דורך זיעגרייכע מלחמות, אלץ אבזאלוטער איז געווארן דיא מאכט פון דיא מלכים. אזוי וויא דיא פאטריארכען האבען גערעכענט, אז זייער הערשאפט אין דער פאמיליע קומט דורך דעם ווילען פון דיא געטער, אזוי האבען אויך דיא פאטריארכען פון דיא מלוכות גערעכענט, אז זיי זיינען בעשטימט פון דיא געטער צו הערשען נאך זייער ווילען. נאך מעהר, זיי זיינען פון דיא אונטערווארפענע פעלקער פערעהרט געוועזען איינפאך אלס געטער און האבען זיך אין זייער גדלות געהאלטען פאר געטער. אלס מוסטער פון אזעלכע פאטריארכאליש־דעספאטישע מלוכות דארף מען רעכענען דיא גרויסע אזיאטישע דעספאטיען פון בבל, אשור, פרס ומדי, וועלכע זיינען שוין פערבונדען מיט דיא היסטארישע צייטען.

ביי איינינע שטאמען זיינען אבער דיא פאטריארכען געוועזען געוויסערמאסען בעשרענקט אין זייער מאכט דורך דיא דערוואקסענע מיטגליעדער, וועלכע האבען געבילדעט א פאמיליען־ראטה. אזוי איז עס מייסטענס געוועזען אין קלענערע פאמיליען, דען דער פאטריארך איז דאן צופיעל געוועזען אפהענגיג פון דיא דערוואקסענע מיטגליעדער און האט זיך געמוזט רעכענען מיט זייער דעה. ביי גרעסערע פאמיליען, בעזאנדערס נאך אין ערטער און צייטען, ווען עס איז אויס־

נעקומען צו פיהרען אָפטער מלחמות, האבען דיא פּאטריארכען גע־קענט קריגען און האבען אויך געקראָגען א׳ן אבזאָלוטע מאכט. דיא שטאמען מיט אויסגעטהיילטע קלענערע פאמיליען און מיט א פאַ־מיליען־ראטה האבען זיך ביסלעכווייז פערבונדען און אָרגאניזירט אין א שטאאט נאך דיזען מוסטער. ביי זיי האבען שוין דיא אָנפיהרערס און קעניגע ניט געהאט א׳ן אבזאָלוטע מאכט. זאָגאר ווען זייערע קעניגע זיינען שוין מעהר ניט געווען אויסערוועהלטע, נאר האבען נעקראָגען זייער הערשאפט בירושה, זיינען זיי נאך אויך ניט געווען דעספּאָטען אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. זיי האבען זיך שטענ־דיג געמוזט רעכענען מיט א ראטה פון עלטסטע, וועלכע פלעגען בע־שטימען דיא רעגעלען אדער געזעץ. אין מאנכע לענדער, בעזאָנדערס אין גריכענלאנד, האבען דיא קעניגע נאר געמוזט אויספיהרען דיא בעשליסע פון דיא עלטסטע.

עס זיינען אלזאָ געווען צוויי הויפּט־פאָרמען פון שטאאטס־אָרגאני־זאציאָנען: איינע וואס מען קען אָנרופען פאָלקאָם־פּאטריארכאלישע און א צווייטע וואס מען קען רופען בעשרענקט־פּאטריארכאלישע. דיא ערשטע פאָרמע איז דיא עלטסטע און אויך דיא פערברייטעס־טע אויף דער ערד. יעדענפאלס איז עס זיכער, אזביידע פאָרמען זיינען געווען צוגעפּאסט צו בעשטימטע פאמיליען־אָרגאניזאציאָנען.

דיא דעספּאָטישע מלוכות זיינען כמעט איבעראל ענטשטאנען ניט נאר צוליעב מלחמות, זאָנדערן אויך צוליעב דעם גלויבען אין דיא גייסטער פון עלטערן. מיר האבען שוין געזעהען אין א פאָריגען קאפּיטעל, וויא דיא מאכט פון פּאטריארכען איז פערשטארקט גע־וואָרן דורך דעם גייסטער־גלויבען. א פּאטריארך איז צוגלייך געווען דער בעל־הבית איבער דעם גאנצען פאמיליען־פערמעגען, דער הער־שער איבער אלע מיטגליעדער און אויך דער פּריעסט, דער קרבנות־ברייננגער און דער צערעמאָניע־מייסטער. דורך דיא רעליגיעזע צע־רעמאָניעס איז דיא הערשאפט פון פּאטריארך פערהייליגט געוואָרן. מען האט איהם שוין בעדארפט פאָלגען ניט נאר אלס פאָטער און בעל־הבית, זאָנדערן אויך אלס דעם פערטרעטער און פערמיטלער פון דיא געטער. און וואס מעהר מען האט געגלויבט אין דיא מאכט

פון דיא נעטער צו בעשטראָפען, אלץ מעהר האט מען זיך אונטער־
וואָרפען צום ווילען פון פאטריארך. זיינע בעפעהלע האט מען אויס־
געפיהרט, ווייל מען האט מורא געהאט פאר זיין אייגענע בעשטראָ־
פונג אלס אויבערהאר און פאר דיא שטראָף פון דיא נעטער, וועל־
כע ער האט ניט בלויז רעפרעזענטירט אויף דער וועלט, זאָנדערן
איינפאך פערקערפערט אין זיך. ווען מיר וועלען נאכפאָרשען
דעם אָנפאנג און דיא ענטוויקלונג פון רעליגיאָנען, וועלען מיר זעהען,
אז אויף דער קולטור־שטופע פון דיא ערשטע פאטריארכאלישע ציי־
טען איז א פריעסט געוועזען בעטראכטעט אלס א טהייל פון דיא
גייסטער און נעטער. א יורש פון א פאטריארך האט צוזאמען מיט
דעם פאמיליען־פערמעגען אויך איבערגענומען דיא פערבינדונג מיט
דיא פאמיליען־געטער. א פרעמדער יורש וואָלט ארויפגעצויגען אויף
דיא גאנצע פאמיליע דעם צאָרן פון דיא נעטער. מיר האבען שוין
געזעהען אין דעם קאפיטעל איבער דיא ענטוויקלונג פון פאטריאר־
כאט, אז דיזע פורכט פאר אונגעזעצליכע יורשים איז געוועזען
איינער פון דיא הויפטגרינדע, ווארום דיא מענער האבען אָנגעפאנ־
גען אזוי שטארק אָפּצוהיטען דיא טרייהייט פון זייערע ווייבער.

דער אמת'ער יורש, דער אמת'ער הערשער איז דארום געוועזען
דער יעניגער, וועלכער האט בעזעסען דיא זאכען און געצקעס, וועל־
כע מען האט בענוצט ביים גאָטעסדיענסט. דיזע זאכען האט מען
בעטראכטעט אלס פערקערפערטע גייסטער און זיי פלעגען איבערגיין
בירושה פון איין פאטריארך צום אנדערן און שפעטער, ביי דער
פערמעהרונג פון שטארקע און זיענרייכע פאמיליען, פון איין „פאָ־
טערליכען" פיהרער צום אנדערן. זאָגאר אין אונזערע צייטען האלט
מען אלטע פאמיליען־זאכען, וויא צום ביישפיעל א חתימה, א שלי־
סעל, א רינג א. ז. וו. פאר עפעס א הייליגטהום, פאר א בטשיצונג
געגען אונגליק. עס פערשטייט זיך דארום, אז אין דיא אלטע ציי־
טען האט מען אזעלכע זאכען פערעהרט איינפאך וויא נעטער. ביי
דיא גערמאנער שטאמען פלעגט א שווערד דיענען אלס א הייליגע
זאך און פלעגט שטענדיג איבערגיין בירושה. דער פאמיליען־שווערד
איז געוועזען דער צייכען פון הערשאפט. ביי פיעלע אנדערע פעלקער

האט מען אזוי פערעהרט אָ'ן אויסגעשניצטען און בעצירטען שטע־קען. דער געזעצליכער יורש פלעגט דיא ערשטע זאך קריגען אין האַנד דעם פאַמיליען־שטעקען. דאס איז געווען, זאָ צו זאָגען, זיין קרוינונג אלס הויפּט און בעפעהלסגעבער. דערפון שטאַמט עס, וואס א שטעקען אונטער דעם נאָמען סצעפּטער (דאס איז א גריכי־שער וואָרט, וואס בעדייטעט איינפאַך א שטעקען) איז פערבליבען א צייכען פון קעניגליכע הערשאַפט נאך ביז היינט צו טאָג.

דיא ערשטע הערשער פון גאַנץ גרויסע פאַמיליען אדער שטאַ־מען זיינען צוגלייך געווען דיא רעגירער און הויפּט־פּריעסטער. מיט דער צייט האט זיך יעדע פאַמיליע פון א שטאַם געהאַט איהרע אייגענע געטער, בעזאָנדערס דיא גייסטער פון איהרע פערשטאָרבענע עלטערן; אבער אלע צוזאַמען האבען זיי פערעהרט דיא גייסטער פון דיא אור־פאָטערס אדער פון אזעלכע פיהרערס, וועלכע האבען זיך מיט עטוואס אויסגעצייכענט, זאָ דאס זיי זיינען פערבליבען אין דער געדעכעניס פון דיא שפּעטערע דורות. דיזע גייסטער זיינען שוין געוועזן אַלגעמיינע געטער פאר דעם גאַנצען שטאַם אדער פאָלק, און זייער פריעסט איז געווען דער פיהרער פון שטאַם און האט דאַדורך בעקומען א דעספּאָטישע מאַכט. אין איהם זיינען שוין גע־ווען פערקערפּערט דיא אָנגענומענע געטער פון גאַנצען שטאַם, און ער האט זיך אָנגעפאַנגען צו רעכענען פאר זייער דירעקטען יורש, אום ער זאָל קענען איבערגעבען זיין מאַכט צו זיינע אייגענע קינדער. מיר דאַרפען זיך דאַרום גאר ניט וואונדערן, ווען מיר לעזען אין דער געשיכטע, דאס דיא הערשער פון דיא אַמאָליגע מלוכות זיינען גע־ווען פערעהרט וויא געטער.

דיא לאַגע פון אזעלכע געטליכע הערשער איז דערפאַר אבער אויך אָפט געווען פערבונדען מיט גרויסע געפאַהרען. ווען עס פלעגט טרעפען א גרויסער אונגליק, ווען עס פלעגט זיין א טריקענעס, א פערפלייצונג, א פערוויסטענדער שטורם, א'ן ערדציטערנים א. ז. וו. פלעגט מען איהם האלטען פעראַנטוואָרטליך דאַפיר, ד'ען מען פלעגט דענקען, אז דיא געטער זיינען אונצופריעדען מיט איהם און שטראָ־פען דאס גאַנצע פאָלק, פאר וואס מען פאָלגט איהם. ניט זעלטען

פלעגט מען אזא פערזינדיגטען הערשער ארונטערוואַרפען און טויטען, אום איינצושטילען דורך דיזען קרבן דעם צאָרן פון דיא געטער. נור ווען א שטאַם פלעגט בעזיעגען אַנדערע שטאַמען און זיך בעזעצען אין א געוויסע לאַנד, פלעגט דער פיהרער קריגען אַלץ א גרעסערע מאַכט. דיא זיעגערס פלעגען פערשקלאַווען דיא בעזיעגטע און ווערן דער „אַדעליגער" קלאַס. זייער אינטערעס איז דאַן געוועזען צו האַלטען זיך צוזאַמען ארום זייערע פיהרער, דען זאָנסט וואָלטען דיא פערשקלאַווטע זיי געקענט פערטרייבען, וויא דאָס האט אויך ניט איין מאָל געטראָפען. זיי האבען אויך בעדאַרפט זעהען, אז דיא בעזיעגטע זאָלען אַנערקענען זייער פיהרער אלס א גאָט, אום דערמיט לייכטער און זיכערער אָנצוהאַלטען זייער הערשאַפט.

אין דער מלוכה פון דיא אינקאַס אין פערו האט זיך דיא פאַטריאַרכאַלישע דעספּאָטישע אָרגאַניזאַציאָן בעזאָנדערס ריין און שאַרף ארויסגעצייגט. דער זיעגרייכער שטאַם איז געוואָרן דער אדעליגער קלאַס, וועלכער האט בעהערשט דיא בעזיעגטע אזוי וויא איין פאַמיליע. זייער פערגעטערונג פון דיא זון האבען דיא זיעגערס איינגעפיהרט אין גאַנצען לאַנד. זיי זיינען געוועזען צוגלייך דער קריגערישער און גייסטליכער קלאַס. איבער זיי אַלעמען האט געהערשט זייער פאָטער, דער א י נ ק א, וועלכער איז געוועזען בעטראַכטעט אלס דיא פערקערפּערונג פון דעם זונען־גאָט אויף דער ערד. דער אינקאַ איז געוועזען דער אייגענטהימער פון גאַנצען לאַנד, דער פאַטריאַרך פון גאַנצען פאָלק, דער געטליכער בעפעהלס־געבער און דער בעל־הבית איבער אַלעס און אַלעמען. נור א דריטעל פון דיא בעאַרבייטעטע ערד איז אָפּגעגעבען געוועזען צו דיא אַקערבויער פיר זייער אייגענעם געברויך. דיא איבעריגע צוויי חלקים האבען זיי דערפאַר בעדאַרפט בעאַרבייטען פיר דיא הערשער מיט זייער אינקאַ. דיא אַקערבויער זיינען אַלזאָ געוועזען פאַנסטשיזניקעס אדער קנעכט. דער אינקאַ פלעגט יעדען יאהר בעשטימען דיא שטיקלעך לאַנד פיר דעם אַרביי־טענדען פאָלק לויט נאַכדעם, אין וועלכען אָרט מען האט געדאַרפט מעהר אַקערבויער. גרעסערע פאַמיליען פלעגען בעקומען גרעסערע חלקים. דיא בעזיעגטע קנעכט פלעגען אויך דאַרפען בויען וועגען,

טעמפּלען און פּאַלאַצען אויף דעם בעפעהל פון דעם פּאַטערליכען אינקאַ. דעם איבערשוס פון תבואות פלעגט מען האַלטען אין ספּע־ציעלע מאַגאַזינען, אום צו ערנעהרען דאס פאָלק אין פאַל פון אונ־גערעטעניסען. אין דיזער איינפאַכער שטאַאַטס־אָרגאַניזאַציאָן איז יעדער געווען פערזיכערט מיט ברויט; אבער דאס פאָלק איז געווען פערשקלאַווט און אפילו דיא אַדעליגע זיינען געווען אונטערוואָרפען דעם גוטען ווילען פון דעם פּאַטריאַרכאַלישען דעספּאָט אינקאַ.

דיא פּרעה׳ס זיינען אויך געווען אזעלכע פּאַטריאַרכאַלישע דעספּאָטען וויא דיא פּערואַנער אינקאַס; זיי זיינען אויך געווען גע־רעכענט פאר דיא זיהן פון דעם עגיפּטישען הויפּטגאָט אַמאָן־ראַ. דיא פּערזאָן פון א פּרעה איז געווען אזוי הייליג וויא א געצקע. דאס פאָלק פלעגט גלויבען, אז פּרעה שיקט צו גוטע שניטצייטען און בריינגט גליק, אז ער איז דער הערשער פון דער וועלט און זאָ־גאַר א בורא. דיא אַלטע עגיפּטער פלעגען זאָגען, אז פּרעה „גיט יעדען לעבען און א נשמה“, און דאס איז ניט געווען בלויז א פראַזע, אָ׳ן אונטערלעקעריי, נאר א ווירקליכער גלויבען. נאָך דיא רעליגיאָן פון דיא מצריים האט אמאָן־ראַ געקענט אריינוואַנדערן אין יעדע זאַך. אבער נור דיא פּריעסטער האבען געוואוסט דיא ריכטיגע מיטעל, וויא אריינצואָטהמען דעם גייסט פון גאָט אין א שטיינערנע געצקע. איי־נער פון דיזע מיטעל איז געווען „זאַלבונג“. דיא איינפיהרונג פון אמאָן־ראַ׳ס גייסט אין א פּרעה האט אויך נאר געקענט געשעהען דורך דיא פערמיטלונג פון דיא פּריסטער. אָהן זייער זאַלבונג האט א פּרעה ניט געקענט ווערן א געזעצליכער און געטליכער הערשער.

דורך דיזען גלויבען האבען אבער דיא פּריעסטער מעקראָ־נען א גרויסע מאַכט אין מצרים. ביסלעכווייז האבען זיי זיך ער־וואָרבען גרויסע רייכטהימער, האבען פערנומען דיא העכסטע שטע־לען אין שטאַאַט און געפיהרט דיא מלוכה וויא זיי האבען געוועלט, מאַכענדיג דיא פּרעה׳ס פאר זייער שפּיעלצייג און פאר צאַצקעס פיר׳ן פאָלק. דאס לאַנד האט געהערט צום שטאַאַט אדער, וואס עס איז בעטראַכטעט געווען איינס און דאס זעלבע, צום פּרעה, נאר דיא פּריעסטער, וועלכע האבען גענומען איבערגעבען זייערע אמטען

בירושה צו זייערע קינדער, האבען אויך גענומען אויסטהיילען זייערע לענדער אלס פּריוואַט־אייגענטהום פון זייערע פאמיליען. דאס פאָלק איז יעדענפאלס געווען פערשקלאַווט; נאר דער פּאטריארכאלישער דעספּאָטיזמוס פון דיא פּרעה׳ס איז שוין געווען בעשרענקט דורך דיא מאכט פון דיא כהנים.

אויף דעם זעלבען שטייגער האבען זיך געפיהרט אלע אלטע מלוכות, בעזאָנדערס אין אזיען, וואו דער דעספּאָטיזמוס פון דיא מלכים־געטער האט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע. אבער אין גריכענלאנד און אין רוים האט זיך ענטוויקעלט דיא צווייטע פאָרמע פון פּאטריארכאלישען שטאאט, נעמליך: וואו דיא פיהרער זיינען געווען בעשרענקט דורך א ראטה פון עלטטסע. דיא זעלבע פאָרמע איז מעהר אדער וועניגער איינגעפיהרט געוואָרן ביי דיא גערמאנען און אנדערע פעלקער, און דאס האט שוין ארויסגערופען א פרייערע שטאאטס־אָרגאניזאציאָן. אין וועסט־אייראָפּא האט דארום קיין מאָל ניט עקזיסטירט אזא שטיקענדער דעספּאָטיזמוס וויא אין דיא אזיא־טישע לענדער. דער גריכישער נאָמען באזילעאוס פאר דיא פיה־רער פון דיא פערשיעדענע אונאבהענגיגע שטאאטען, אין וועלבע גריכענלאנד איז צוטהיילט געווען, ווערט געוויינליך איבערזעצט: קעניג. נאר אין אמת׳ן איז א באזילעאוס נאר געווען דער פּאטרי־ארך פון שטאם און האט גאנץ וועניג מאכט געהאט. א באזילעא־אוס איז מייסטענס גערעכענט געווען פאר דעם הויפּט־פּריעסט. דער אלט־דייטשער וואָרט Kunning, פון וואנען עס שטאמט דער וואָרט קעניג, בעדייטעט נאר א פיהרער פון א „קונע“ אדער פון א שבט. ביי דיא ערשטע רוימער האט זייער rex געהאט מעהר מאכט וויא דער באזילעאוס ביי דיא גריכען, אבער ער איז דאך געווען פיעל מעהר א פּריעסט וויא א קעניג. ער איז געווען דער הויפּט־פּריעסט פון שטאאט אלס דער פּאטריארך פון גאנצען שטאם. זיין פּערזאָן איז געווען הייליג, ווייל מען האט געגלויבט, אז ער פערקערפּערט דעם הויפּטגאָט יופּיטער. דער רעקס און דיא סטאטוע פון יופּיטער זיינען אויף דיא זעלבע ארט בעפּוצט געווען. אזוי וויא דאס געזיכט פון יופּי־טער׳ס סטאטוע איז געווען בעשמירט מיט א רויטע פארב (א גע־

וויסע בליי־זאלץ), דאָרום איז אויף דער פּנים פון דעם רעקס געוועזן אזוי בעשמירט. זיין מאכט איז אבער געוועזן בעשרענקט פון דעם סענאַט אדער ראַטה פון עלטסטע.

ביז היינט צו טאָג זיינען נאך פערבליבען פּאַטריארכאַלישע מלוכות אויף דעם אלטען שטייגער. דיא גרעסטע און עלטסטע פון זיי איז דיא כינעזישע. דער כינעזישער קייזער ווערט בעטראַכטעט אַלס א פערקערפּערטער גאָט. אזוי וויא דיא כינעזער האַלטען, דאס גאָט געפינט זיך ניט גראַדע אויף דער זון, נאר אויפ׳ן גאַנצען הי־מעל, דאָרום ווערט זייער שטאַאט גערופען דיא „הימלישע מלוכה" און זייער הערשער דער „הימעלזוהן". זיי בעטראַכטען זייער קעניג אַלס דעם הערשער פון דער גאַנצער וועלט און גלויבען, אז ער איז פּעראַנטוואָרטליך פאר גוטע אדער שלעכטע גערעטעניסען. זיין פּער־זאָן איז זעלבסטפערשטענדליך הייליג. ער איז דער אייגענטהימער פון דער גאַנצער ריזיגער אימפּעריע. קיינער קען זיך דאָרום ניט בענוצען מיט א שטיקעל לאַנד, ווען ער צאָהלט ניט דערפאַר א בעשטימ־טען חלק דעם הימעלזוהן, וועלכער איז דער פאָטער פון גאַנצען פאָלק. ער מעג און קען צו יעדער צייט פּעריאָגען דיא אַקערבויער פון זיינע שטיקלעך ערד, וועלכע זייערע אור־אור־עלטערן האבען נאך בעאַרבייטעט; אבער אין דער ווירקליכקייט טרעפט עס נאר, ווען א׳ן אַקערבויער איז נאַכלעסיג און לאָזט פּוסטעווען זיין פעלד.

אויף דיא זעלבע אַרט איז אָרגאַניזירט געוועזן ביז ניט לאַנג צוריק דיא מלוכה אין יאַפּאַן. דער הערשער פון יאַפּאַן, דער מי־קאַדאָ, איז אויך געוועזן גערעכענט פאר א פערקערפּערטען גאָט און פאר דעם אייגענטהימער פון גאַנצען לאַנד. דער דאַלאַי־לאַמאַ אין טיבעט, צענטראַל־אזיען, ווערט נאך ביז היינט צו טאָג פּערעהרט אלס א פערקערפּערטער גאָט.

נאר אזוי וויא אזעלכע פערגעטערטע הערשער האבען זיך גע־מוזט אָפּזונדערן וויא ווייט נאר מעגליך פון זייערע אונטערטאַנען, אַפילו פון דיא דיענערס אין זייערע פּאַלאַצען, אז עס זאל זיך ניט וואַרפען צופיעל אין דיא אויגען, דאס זיי זיינען מענשען גלייך מיט אַלעמען אין זייערע פיזישע בעדירפניסע, האבען זיי אויך געמוזט אי־

בערלאָזען אלץ מעהר מאכט זייערע הויפּט־מיניסטערס. דורך דעם פלעגען אזעלכע מיניסטערס ביסלעכווייז ווערן דיא ווירקליכע רעגי־רערס. זייערע געזאלבטע הערשער פלעגען זיי אומוואנדלען אין איינ־פאכע נעצקעס. אזוי איז עס געוועזן אין יאפּאן, וואו דיא הויפּט־מיניסטערס אדער „טאיקונען“ האבען געהאלטען דיא רעגירונגס־לייצעס אין זייערע הענד, און אזוי איז עס יעצט אין טיבעט, וואו דער „קעניג פון געזעצע“ איז דער רעגירער, און דער דאלאי־לאמא איז א פערשפּארטער גאָט, וואס נאר זיינע נעהענטסטע דיענער קענען זעהען. אין מצרים האבען דיא הויפּט־פריעסטער פון אמאָן אָפּט פערנומען דיא שטעלע פון הויפּט־מיניסטערס און זיינען געווען דיא ווירקליכע רעגירערס.

אויך דיא געשיכטע פון אייראָפּא ציינט אונז אָן אויפּ ביי־שפּיעלע פון אזא פערטהיילונג פון דער מאכט, וועלכע איז אָנפאנגס געווען אין דיא הענד פון דעם פּאטריארכאלישען הערשער און פער־קערפּערטען גאָט. ביי דיא אלטע פראנקען זיינען זייערע קעניגע געוואָרן איינפאכע נעצקעס, וועלכע מען פלעגט ארומפיהרען אין א וואָגען מיט איינגעשפּאנטע אָקסען, וויל מען האט געגלויבט, אז זיי בעזיצען דיא צויבערקראפט אויסצוהיילען קראנקע דורך אָנריהרען זיי. מיט דער פערוואלטונג פון לאנד האבען זיך דיזע קעניגע, געגאנט אין דער געשיכטע מעראָווינגען, גאָר ניט בעשעפטיגט. זיי האבען דאס איבערגעלאָזען צו דיא אויפפאסערס פון זייער פּאלאץ, דיא זאָ־גענאנטע מאזשאָרדאָמען, וועלכע האבען געשפּיעלט דיא זעלבע ראָלע וואס דיא טאיקונען אין יאפּאן. איינער פון זיי פּעפּין דער קורצער, האט שליסליך איינגעשפּארט זיין „געטליכען הערשער“ אין א קלויס־טער (אין דער צייט האבען שוין דיא פראנקען געהאט אָנגענומען דעם קריסטענטהום) און איז אליין געוואָרן קעניג, גרינדענדיג א נייע דינאסטיע אין פראנקרייך, גענאנט דיא קארלאָווינגען נאך דעם קייזער קארל דער גרויסער, וועלכער איז געשטאָרבען אין 814 יאָהר.

אבער דיא היילקראפט, וועלכע מען האט צוגעשריבען דיא מעראָווינגען, האט מען אויך אריבערגעטראָגען אויף דיא קארלאָווינגען. אויך אין ענגלאנד האט מען דיא קעניגע צוגעשריבען א וואונדער־

באַרע היילקראַפט. מאַסען קראַנקע פלעגען קומען בעטען. דיא מלכים זיי נאָר אָנריהרען מיט דיא הענט, גלויבענדיג, אז דאס וועט זיין זייער רפואה שלמה. דער קעניג קאַרל דער צווייטער פון פראַנקרייך האט 100 טויזענד מאָל דורכגעמאַכט דיא צערעמאָניע פון קורירען דורך אָנריהרען. דיא יעניגע וואס גלויבען אין עין הרע אָפּשפּרעכעז, אין טאָטערס, מכשפים, אין דיא וואונדער־קראַפט פון צויבער־רינגען, אין קאַמייעס א. ז. וו., דאַרפען זיך ניט וואונדערן, דאס מען האט אויך געגלויבט אין דיא הייל־קראַפט פון קעניגע. פיר דיא קולטור־געשיכטליכע נאַכפאָרשונגען איז דיזער פאַקט פון דער אויראָפּעאי־שער געשיכטע אין מיטעלאַלטער אונטער דער פאָלקאָמענער הער־שאַפט פון קריסטענטהום נאָר אינטערעסאַנט אַלס א צייכען פון דעם נאָר אַלטען גלויבען אין דיא געטליכקייט פון פּאַטריאַרכאַלישע קעניגע, וויא דאס איז אויבען ערקלערט געוואָרן.

דיא גייסטליכע און וועלטליכע מאַכט, וועלכע דיא פּאַטריאַר־כאַלישע הערשער האבען אָנפאַנגס בעזעסען, איז מיט דער צייט ביס־לעכוויז צוטהיילט געוואָרן כמעט אין אַלע לענדער, נאָר אויף פער־שיעדענע אַרטען. אין אייניגע ערטער זיינען דיא קעניגע פערבליבען איינפאַכע געצקעס, און דיא אמת׳ע רעגירענדע מאַכט איז איבער־געגאַנגען צו דיא הויפט־מיניסטערס; אין אַנדערע האבען דיזע הויפט־מיניסטערס זיך אַליין ערקלערט פיר הערשער און דיא פריהערע געטליכע קעניגע אַרונטערגעשליידערט, וויא דיא פרענקישע מאַזשאָר־דאָמען האבען עס געטאָן, אדער זיי איבערגעלאָזען פיר הויפט־פּריע־סטער וויא אין טיבעט. אין פיעלע לענדער האט זיך דורך דעם ענטוויקעלט א זעהר שטאַרק אָרגאַניזירטע גייסטליכקייט. א דינאַס־טיע פון געטליכע קעניגע האט געקענט אונטערגיין, א קעניג האט געקענט אומגעבראַכט ווערן דורך אַ׳ן אויפשטאַנד אדער געטויטעט ווערן אין א מלחמה; אבער דיא פּריעסטער, וועלכע האבען געדיענט דיא אַלגעמיינע געטער פון שטאַאט, זיינען דאך שטענדיג פערבליבען אַלס קלאַס. זיי האבען עס אָנגעהאַלטען דעם אַלטען גלויבען און געפּראַוועט דיא אַלגעמיינע צערעמאָניעס. ווען א קעניג פלעגט שטאַרבען דורך וועלכע ניט איז אורזאַכע, פלעגען דיא פּריעסטער

איינאָטהמען דורך בעשמירונג, וויא אין מצרים, אדער דורך א׳ן אַנדער צערעמאָניע דעם שטאַאטס־גאָט אין דעם קערפער פון א נייעם קעניג. וואס עפּטער דיא קעניגע פלעגען זיך בייטען, אלץ מעהר מאַכט האבען דיא פּריעסטער דורך דעם געקראָנגען. אזוי וויא נאר דורך זייער האַנד פלעגען דיא קעניגע קריגען זייער געטליכע מאַכט, האבען דיא פּריעסטער געקענט שטעלען דיא מלכים געוויסע פאָרדערונגען ביי דער קאָראָנאַציאָן און זיך ארויסשטעלען איבער־הויפּט העכער פאר דיא מלכים זעלבסט. דאס איז נעמליך געשע־הען אין מצרים און אין אַנדערע לענדער. אום צו האַלטען אין צוים דיא פּרעה׳ס, וועלכע פלעגען אָפּט ניט קענען אריבערטראָגען דיא איבערמאַכט פון דעם הויפּט־פּריעסט פון אַמאָן־ראַ, האבען דיא כהנים פון מצרים געלערנט, אז א פּרעה קריגט נאר זיין מאַכט פון זיי און אז גאָט קען פערלאָזען זיין קערפּערליכע הייטעל, דעם גוף פון פּרעה, ווען ער איז מיט איהם ניט צופריעדען. ווער האט אבער געקענט ענטדעקען, אז גאָט איז אין צאָרן אויף זיין לעבעדיגע געצקע און האט פערלאָזען זיין אויסערוועהלטען פערטרעטער אויף דער ערד? נאַטירליך אלץ דער הויפּט פּריעסט. אויף דיזער אַרט האבען דיא כהנים פון מצרים געהאַלטען דעם שיקזאל פון דיא פּרעה׳ס אין זייערע הענד.

ביי דיא בורגונדען, וועסטגאָטען, פראַנקען און אַנדערע גער־מאַנער שטאַמען האבען דיא הויפּט־פּריעסטער אויך געקראָנגען א זעהר גרויסע מאַכט, און ווען קריסטענטהום איז איינגעפיהרט גע־וואָרן, האבען דיא ביסקופּען נאַטירליך געוועלט שפּיעלען דיא זעלבע ראָלע אין דיא נייע מלוכות, וועלכע דיזע שטאַמען האבען געגרינדעט. דער ביסקופּ פון רוים, וועלכער איז ביסלעכווייז געוואָרן דער הויפּט פון אלע קריסטליכע גייסטליכע אין וועסט־אייראָפּאַ און האט זיך ארויסגעשטעלט פאר דעם פערטרעטער פון קריסטוס אויף דער ערד, האט אויך געקראָגען א גוואַלדיגע וועלטליכע מאַכט אין זיינע הענט. דער פּאַפּסט האט ניט נאר בעהויפּטעט, אז ער האט א געטליכען רעכט צו קרוינען און אראָפּצוזעצען קעניגע, וויא דיא רוימישע קיר־כע טענה׳ט עס נאך עד היום, זאָנדערן ער האט עס אויך פּאַקטיש

דורכגעפיהרט אין מיטעלאלטער. עס איז געווען גענוג, אז דער פאפסט זאל ארייגלייגען אין חרם א קעניג, אום דיזער קעניג זאל קומען צו איהם בעטען גנאדע אויף דיא קניע. עס זיינען געווען צייטען, ווען א חרם פון פאפסט האט בעדייטעט א טויטאורטהייל אפילו פאר א גאנצען שטאט און א פערוויסטונג פאר גאנצע געגענדען. וואס פאר א גרויסע ראלע דער פאפסט שפיעלט נאך יעצט ביי דיא קאטאליקען, ווייס יעדערער, הגם ער בעזיצט נאר אין רוים זיין פאלאץ וואטיקאן און האט שוין קיין שום וועלטליכע מאכט.

אין דיא פינסטערע צייטען פון דיא קרייץ־ציגע, ווען דער קריסטליכער פאנאטיזמוס האט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע און ווען מאסען מענשען זיינען געגאנגען אויף גאט'ס בעראט בעפרייען דעם קבר פון יעזוס קריסטוס און זיינען אויפ'ן וועג געפאלען וויא פליגען — ד. ה. אין פערלויף פון צוויי יאהרהונדערטע (דער ערשטער קרייץ־צוג נאך פאלעסטינא האט זיך אנגעפאנגען אין 1095 און דער לעצטער קרייץ־צוג איז געווען אין אין 1270) — אין יענע צייטען זיינען דיא פאפסטען ווירקליך געווען אלמעכטיג וויא געטער. א פאפסט איז דאן געווען א מלך המלכים אין פולען זינען פון דיזע ווערטער. אויף זייער בעפעהל זיינען ריזיגע מחנות געגאנגען אין פייער און אין וואסער, האבען געברענט און געשלאכטעט אהן ערבארמען. דער גרעסטער און שטארקסטער פון אלע פאפסטען, דער זעלבער גרעגאריאוס דער זיעבעטער וואס האט געצוואונגען דיא גלחים צו טאן א נדר צו לעבען אונפערהייראטעט, האט אויך ארויסגעוויזען זיין גאנצע מאכט אין זיין קאמפף מיט דעם דייטשען קייזער היינריך דעם פיערטען. דיזער קייזער, וועלכער האט געהערשט פון 1056 ביז 1106, האט פרובירט פיהרען א קאמפף געגען דיא אויבערמאכט פון דעם פאפסט און האט איהם זאגאר אראפגעזעצט. אבער ער איז ביטער דורכגעפאלען. גרעגאריאוס VII האט איהם ארייגעלייגט אין חרם, און דיזער חרם האט אזוי וויט געווירקט, אז דער שטאלצער קייזער האט געמוזט טאן תשובה און בעטען פערגעבונג, שטייענדיג בארוועס לעבען דעם פאפסט'ס שלאס אין קאנאסא, איטאליען!

אויסער דעם פאפסט זיינען נאך אין אייראפא פערבליבען

אנדערע סמנים פון דיא אלטע פאטריארכאלישע שטאאטס־אָרגאני־
זאציאָן, צום ביישפיעל: דיא פערעהרונג פון סצעפטערס, קרוינען,
שווערדען און אנדערע אזעלכע צייכענס פון קעניגליכער מאכט; דיא
צערעמאָניע פון קאָראָנאציאָן מיט דער „זאלבונג“. דורך דיא קאָ־
ראָנאציאָנס־צערעמאָניע, וועלכע ווערט נאטירליך געפראוועט פון
דיא גייסטליכע אין נאָמען פון גאָט, קריגען עס דיא קעניגע זייער
טיטול „מיט גאָטעס גנאדע“. אין איינינע לענדער ווערט נאך ביז
היינטיגען טאָג א קעניג אָהן א „זאלבונג“ ניט בעטראכטעט פאר
א בערעכטיגטען און פאָלקאָמענען מלך. קעניגע מוזען דאָרטען
דורכמאכען דיא קאָראָנאציאָנס־צערעמאָניע, אום צו קריגען פולע
מאכט.

דאָ זעהען מיר ווידער וויא אוראלטע פיהרונגען און צערע־
מאָניעס פערבלייבען אין דער ווירקליכקייט אונטער נייע פאָרמען.

פופצעהנטער קאפיטעל.

נייע פאָרמען פון שטאאטס־אָרגאניזאציאנען.

דיא פערשיעדענהייטען פון פאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען. — דיא ווירקונג פון פערשיעדענע בעשעפטיגונגען אויף דיא שטאַאַטס־פאָרמען. — אַזיאַטישע פיה־פיטערער און דעספּאָטישע מלוכות. — געצוואונגענע איבערוואַנדערונג פון פעלקער. — דיא גרינדונג פון דער אידישער מלוכה. — דיא גינסטיגע לאַגע פון אוויראָפּאַ. — דער קאַמפּף פון דיא פעראייניגטע פרייע גריכישע רעפּובּליקען מיט דעם אַזיאַטישען דעספּאָטיזמוס. — דיא אלגעמיינע פאָרמע פון שטאַאַטס־אָרגאַניזאַציאָן אין אוויראָפּאַ. — דיא ענטשטעהונג פון שטעט אין צענטראַל־אוויראָפּאַ. — דיא שטרעבּונג צו פריעדען און דיא ווירקונגען דערפון אין אַזיען און אין אוויראָפּאַ. — דיא גרינדונג און דיא מלחמות פון רוים. — דיא גרופּי־רונגען און פערבּינדונגען אין דיא אינטערעסען פון פריעדען. — דער אָנפאַנג פון פּאַרלאַמענטען. — דיא צוויי הייזער פון ענגלישען פּאַרלאַמענט. — דער קלאַסען־קאַמפּף אין גריכענלאַנד און אין רוים. — דער קאמפּף פון דיא שטעט אין מיטעלאַלטער. — דער האַנזאַ־פערבּאַנד. — דיא ראָלע פון דיא שטעט אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. — דער אָנפאַנג פון דיא רעפּרעזענטאַטיווע רעגי־רונגס־סיסטעם.

יעצט בלייבּט אונז צו בעטראַכטען וויא אזוי עס האבען זיך פון דיא אַלטע פּאטריארכאלישע פאָרמען ענטוויקעלט נייע פאָרמען פון שטאאטס־אָרגאַניזאַציאָן. מיר האבען שוין געזעהען, אז דיא

דאָפּעלטע מאכט פון דיא פּאטריאַרכאַלישע הערשער, דיא גייסטלי־
כע און וועלטליכע, איז בּיסלעכוויז אָפּגעטהיילט געוואָרן, פיהרענדיג
יעדענפאַלס צו דער ענטוויקלונג פון א שטאַרקען און גוט־אָרגאַני־
זירטען פּריעסטער־שטאַנד. דאס איז אבער געשעהען ניט אין איין
צייט און ניט גלייך ביי אלע פעלקער אפילו אויף דער זעלבער קול־
טור־שטופע. פאָלקאָמענע עהנליכקייט עקזיסטירט איבערהויפּט ניט.
וויא גלייך צוויי איינפאַכע זאכען זאָלען ניט זיין, אונטערשיידען זיי
זיך דאך מיט עטוואס. און מענשליכע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַצי־
אָנען, וויא קליין און שוואך זיי זאָלען ניט זיין אין אָנפאַנג, זיינען
אזעלכע קאָמפּליצירטע און צוזאַמענגעשטעלטע זאכען, דאס מען מוז
זיי גרינדליך נאכפאָרשען, אום צו ענטדעקען עהנליכקייטען צווישען
זיי, אום צו בעשטימען זייערע אלגעמיינע פּרינציפּען.

זאָגאַר דיא יעצטיגע אייראָפּעאישע נאציאָנען, וועלכע געפינען
זיך אויף איין קולטור־שטופע און זיינען אזוי ענג פערבונדען איינע
מיט דיא אַנדערע אין זייער עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען,
אונטערשיידען זיך זעהר פיעל אין זייערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען.
איינינע האבען שוין איינגעפיהרט רעפּובליקען, אַנדערע האַלטען נאך
אָן דיא מאָנאַרכישע פאָרמען, און איין רעפּובליק אונטערשיידעט
זיך אין פיעלע איינצעלהייטען פון א'ן אַנדערע. נאך מעהר איז עס
דער פאַל אין דיא זאָ־גענאַנטע קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיען. וויא
גוואַלדיג גרויס איז דער אונטערשיעד אין דער פּאָליטישער אָרגאַני־
זאציאָן פון דער ענגלישער און דייטשער מאָנאַרכיען! אין יעדען
לאַנד וויעדער זיינען דיא פיהרונגען פון איין שטאָט ניט גלייך צו
דיא פיהרונגען פון א'ן אַנדער שטאָט. יעדע שטאָט האט זיך איהר
בעזונדערע פיזיאָגנאָמיע. א רוסישער ווערטעל זאָגט גאַנץ ריכטיג:
וואס א שטאָט — א'ן אנדער מנהג. וויא אזוי דיזע פערשיעדענהיי־
טען ענטשטעהען און ענטוויקלען זיך, דאס איז געוויינליך זעהר
שווער צו ערקלערן. מיר ווייסען נאר, אז דאס היינגט אָפּ פון פער־
שיעדענע אומשטענדען און צופעלע, וועלכע מיר קענען ניט קאָנ־
טראָלירען. מיט דיזע פערשיעדענהייטען דארפען מיר זיך רעכענען,
דען זיי צייגען אונז וויא וויט און אויף וועלכער אַרט און וויזע

דיא ערשטע און אַלגעמיינע פאָרמען קענען זיך ענדערן. נאר נאך מעהר דאַרפען מיר זוכען עהנליכקייטען און מאַכען פערגלייכע, אום אויסצוגעפינען דיא געזעצע, וועלכע בעהערשען יעדע געזעל־שאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן. דאס איז שוין אבער דיא אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט, וואס הייסט סאָציאָלאָגיע.

עס איז יעדענפאַלס קלאָר, אז דיא זעלבע אורשפּרינגליכע פּאַטריאַרכאַלישע שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָן האט געמוזט קריגען פער־שיעדענע פאָרמען ביי פעלקער, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מייס־טענס מיט אַקערבוי אדער מיט פיהפיטעריי. א פאָלק וואס איז גע־וועזען מעהר בעשיצט נעגען איבערפאַלונגען פון ווילדע קריגערישע שטאַמען, אדער וואס האט ניט געהאַט צו פיהרען אָפטע מלחמות האט נאַטירליך לעננער אָנגעהאַלטען דיא אַלטע מנהגים און אָרגאַ־ניזאַציאָן, וויא א פאָלק וואס האט געהאַט שטענדיג צו קעמפּפען פיר זיין אונאַבהענגינקייט, אדער וויא א פאָלק וואס איז עטליכע מאָל בעזיעגט און פערשקלאַוומ געוואָרן. א לאַנד, וואס איז בעזעצט געוואָרן פון פערשיעדענע פעלקער אין פערשיעדענע צייטען, האט געמוזט איבערנעהמען א טהייל פון דיא פיהרונגען פון יעדען פאָלק, און דיא שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָן האט זיך דאָרט דארום אויך גע־מוזט אָפט ענדערן.

דער פיהפיטערנדער צושטאַנד האט נאַטירליך געהאַט בע־שטימטע ווירקונגען אויף דיא ענטוויקלונג פון גרויסע מלוכות, וויא אויף דיא ענטוויקלונג פון שקלאַווערייא און פּריוואַט־אייגענטהום. זעהר פיעלע מלוכות זיינען געגרינדעט געוואָרן פון קריגערישע פיה־פיטערנדע שטאַמען; אבער דיא מייסטע פון זייערע מלוכות זיינען ניך צופאַלען געוואָרן. דיא פיהפיטערער האבען געקענט פערשקלאַ־ווען דיא בעזיעגטע און בילדען דורך דעם צאָהלרייכע מחנות; אבער זיי זיינען געוועזען צו בעוועגליך און צו וועניג צוגעבונדען צו איין לאַנד, אום זיך דאָרט צו בעזעצען און צו פערבלייבען. איין קריגע־רישער שטאַם האט געיאָגט דעם אנדערן און געוויינליך געזוכט צו בערויבען דיא אַקערבויער, וועלכע פלעגען נאַטירליך מוזען פערבליי־בען אויף זייערע ערטער און זיך פיהרען אויף זייער אַלטען שטייגער.

אזא לאנד וויא אינדיען האט געהאט פערשיעדענע הערשענדע פעל־קער, אבער דיא אקערבויער האבען אנגעהאלטען זייערע געמיינדעס נאך ביז היינט צו טאג. דיא הערשער פלעגען נאר פערלאנגען א חלק פון דיא פראדוקטען און האבען געוויינליך צו רוהע געלאזען דיא אקערבויער און דיא האנדווערקער.

אויף דיזער ווייזע האבען דיא שטארקערע שטאמען און מלוכות געקענט איינגעהמען א סך שוואכערע און גרינדען ריזיגע אימ־פעריעס. פאר דיא אקערבויער איז עס געוויינליך נאר געווען א'ן ענדערונג פון הערשער אזוי זיי האבען זיך אפט גאר ניט געוועהרט געגען דיא נייע הערשער. אזעלכע ריזיגע אימפעריעס פלעגען אויפ־קומען און נאך א געוויסער צייט צופאלען ווערן דורך דעם אנגריף פון א נייעם מעכטיגען קריגערישען שטאם בעזאנדערס אין אזיען, דיא וויגעלע פון דער מענשהייט. דיא גרויסע דעספאטישע מלוכות פון מדי, אשור, בבל און פרס, וועלכע האבען בעהערשט איינע נאך דיא אנדערע וועסט־אזיען אין אנפאנג פון דיא היסטארישע צייטען, זיינען נאר געווען א פארטזעטצונג פון דיא, וואס זיינען אויפגעקומען אין דיא ביז־היסטארישע צייטען, וויא מאנכע אויסגראבונגען בעוויי־זען עס. דיא הערשער פון דיזע פאטריארכאלישע מלוכות פלעגען אויף אפרייסען גאנצע פעלקער פון זייערע בעארבייטעטע פעלדער און זיי אוועקשלעפען אין געפאנגענשאפט אנדערסוואו. דאס האבען דיזע דעספאטען געטאן, אום צו פערהיטען זיך געגען אויפשטענדע און צו זיין רוהיגער וועגען דיא בעהערשטע. פיעלע פעלקער זיינען דורך דיזע געצוואונגענע וואנדערונגען צומישט און איינגעשלונגען געווארן. אין דער ביבעל געפינען מיר ביישפיעלע פון דיזער בארבא־רישער פאליטיק, וועלכע דיא דעספאטען פון אשור, בבל און פרס האבען פארטגעזעצט נאך פריהערע מוסטערס. צעהן אידישע שבטים זיינען אזוי אין גאנצען פערשוואונדען געווארן, און שמרון איז בע־זעצט געווארן פון שטאמען, וואס שלמנאסר מלך אשור האט ארי־בערגעשלעפט פון בבל, כות א. ז. וו. וויא עס ווערט געשילדערט אין מלכים ב, י״ז.

אין שפעטערע צייטען האט מען אויף אנגעווענדעט איבערזאנדע־

רונגען פון גאַנצע פעלקער, נאר אין א קלענערע מאָס און אין אזעלכע פעלע, ווען מען האט געהאַט צו פּאַסט צו אונטערדריקען אויפשטענ־דע פון א פאָלק, וואס האט ניט אויפגעהערט צו קעמפפען פאר זיין אונאבהענגיגקייט. איבערשלעפּען א פאָלק פון איין אָרט אויף א'ן אנדערן איז ניט נאר א זעהר שווערע און קאָסטבארע אונטער־נעהמונג, דען דערביי מוזען אומקומען פיעלע יונגע און אלטע לייט, זאָנדערן דאס רואינירט אויף א גאַנצע לאַנד. דיא פעלדער בלייבען וויסט, גאַנצע געגענדען ווערן חרוב, און איידער דיא נייע אקערבוי־ער קענען עפּעס ארויסקריגען פון דער ערד גייען פּאַריבער עטליכע יאָהר. אפילו דיא גרעסטע און ווילדעסטע אזיאַטישע דעספּאָטען, וועלכע פלעגען פערוויסטען גאַנצע לענדער אין צייט פון זייערע אי־בערפאלונגען און מלחמות, האבען דאך געמוזט זאָרגען, אז זיי זאָלען אויך האבען מיט וואס צו דעקען זייערע אויסגאַבען. זיי האבען זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם לעבען פון זייערע אייגענע סאָלדאַטען און האבען געהייסען אויסשלאַכטען גאַנצע שטאַמען צו בעפריעדיגען זייער גרויזאַמקייט און איינפאַך קאַפּריז; אבער זיי האבען אויך גע־מוזט נעהמען אין בעטראַכט, אז אָהן אקערבויער און האַנדווערקער מוזען זיי מיט זייערע גאַנצע מלוכות צו גרונדע גיין.

דיא אזיאַטישע דעספּאָטען האבען נאך געקענט זיך ערלויבען צו טראַנספּאָרטירען דיא אַקערבויער פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן, ווייל דער שאָדען דערפון איז נאר געווען אויף א בעשטימטע צייט ביז דיא זעלבע אַקערבויער האבען געקענט שאַפען פּראָדוקטען אויף נייע פעלדער. אבער מינענאַרבייטער און שמידען האט מען שוין גע־מוזט לאָזען אויף זייערע ערטער ווייל דיא מינעס האט מען דאך ניט געקענט אריבערשלעפּען. אזעלכע ארבייטער זיינען אין דיא אלטע צייטען זעהר הויך געשעצט געווען, און זיי האט מען געוויינליך ניט געריהרט, וויא פיעל הערשער עס האבען זיך ניט געביטען. דיא בני ישראל האבען געלאָזען ביי זיך דיא פּלשתים און אנדערע כנענים, וואס האבען צוגעשטעלט מעטאַלענע געצייג און געוועהר, און דאס זעלבע האבען אויך געטאָן דיא אזיאַטישע דעספּאָטען. אין דעם קאַ־פּיטעל איבער דיא בעאַרבייטונג פון מעטאַלען האבען מיר שוין גע־

זעהען, אז דיא שמידען אין אפריקא געהערען דארום אָפּט צו גאנץ אנדערע שטאמען, וויא אלע ארום זיי.

דיזע אלע אומשטענדען און פיעלע אנדערע, אויף וועלכע מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען, ווייל דאס ווערט אונז צו ווייט אראָפּפיהרען פון אונזער ענין — האבען נאטירליך געהאט זייערע ווירקונגען אויף דיא פּאָליטישע אָרגאניזאציאָן פון יעדען לאנד. נאר אין אזיען, וואו גרויסע מאסען מענשען האבען זיך געפונען מיט יאָהרטויזענדע פריהער איידער אויראָפּא האט נאר געהאט א מענשליכע בעשעפענים — אין אזיען האבען דיא גרעסערע און שטארקערע שטאמען איינגעשלונגען קלענערע און שוואכערע, בילדענדיג אזוי גרויסע אימפּעריעס, וואס יעדע פון זיי האט ניט לאנג עקזיסטירט, נאר אלע צוזאמען האבען זיי אָנגעהאלטען און איינגעוואָרצעלט ביז'ן היינטיגען טאָג דיא אלטע דעספּאָטיש־פּאטריארכאלישע רעגירונגס־פאָרמע. דיא שטאמען און פעלקער, וואס האבען זיך געפיהרט אויפ'ן רעפּובליקאנישען שטייגער, וויא דיא אידען צום ביישפּיעל, אדער וואס האבען געהאט מלכים, וועלכע זיינען בעשרענקט געוועזען דורך ראטהען פון עלטסטע, האבען ניט געקענט בעשטיין געגען דיא ריזיגע מחנות, וואס דיא פּאטרי־ארכאלישע דעספּאָטען פלעגען צוזאמענקלייבען אונטער זייער קאָמאנ־דע. דיזע מחנות פלעגען זיך אראָפּלאָזען וויא היישעריקען אויף א לאנד און אלעס פערניכטען און חרוב מאכען. דיא גרויסע אזיאטישע אימפּעריעס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף דיא חורבות פון פיעלע קלענערע.

אנדערע רעפּובליקאנישע שטאמען האבען אליין געמוזט ארויפ־זעצען אויף זיך דעספּאָטען, אום בעסער צו קענען אָנהאלטען זייער אונאבהענגיגקייט. אזוי איז אויך געוועזען דער פאל מיט דיא אידען, וויא דאס ווערט פּאָרטרעפליך געשילדערט אין שמואל א, ח. אויב דיא אידען האבען אליין ניט געוואוסט, וואס זיי האבען צו ערווארטען פון א מלך, האט זיי דער אלטער שמואל גאנץ דייטליך ערקלערט, וואס עס הייסט „משפּט המלך". אייערע זיהן, האט שמואל זיי גע־וואָרנט, וועט דער מלך מאכען פאר זיינע סאָלדאטען, פאר אינ־סטרומענטען פון מלחמה, פאר אָנטרייבערס פון זיינע רייטוועגען;

אייערע טעכטער וועט ער צונעהמען פאר זיין קיך; אייערע בעסטע פעלדער וועט ער פערכאפּען פאר זיך און פאר זיינע דיענערס. ער וועט נעהמען א צעהנטעל פון אייערע פּראָדוקטען און וועט אייך אלעמען מאכען פאר זיינע שקלאַווען. און איהר וועט דאַן שרייען פון ווייטאָג, אבער עס וועט אייך שוין ניט העלפען.

נאר אויף אלע טענות פון דעם קלוגען שמואל האבען דיא אי־דען אין איין קול געענטפערט: מיר ווילען האבען א קעניג, מיר ווי־לען זיין גלייך מיט אלע נאציאָנען, מיר ווילען האבען איינעם וואס זאָל אונז אָנפיהרען אין אונזערע מלחמות. און זיי האבען זיך אויס־געקליבען א קעניג אין דער פּערזאָן פון שאול, וויא יעדערער ווייס עס. אין דיזער זעהר אינטערעסאנטער און באראקטעריסטישער שילדערונג פון שמואל וועגען דעם „משפט המלך" געפינען מיר אויך א'ן אָפּ־רוף פון דעם קאמפּף צווישען דיא גייסטליכע און וועלטליכע מאכט, א קאמפּף וועלכער איז געפיהרט געוואָרן ביי פיעלע אנדערע פעל־קער, וויא מיר ווייסען עס שוין פון פאָריגען קאפּיטעל. שמואל האט געוועלט אָנהאלטען דיא הערשאפט פון דיא שופטים, אבער דיא בני ישראל האבען געוועלט האבען א בעזונדערן וועלטליכען פיהרער, אום בעסער צו פערטהיידיגען זיך נעגען זייערע שונאים, מיט וועלכע זיי האבען געהאט צו פיהרען אָפטע שלאכטען. יעדענפאלס האבען דיא אידען געהאט נאך ערגערע מלכים, וויא שמואל האט עס זיי פאָר־אויסגעזאָגט. דיא אידישע מלכים זיינען אלע געווען שרעקליכע דעס־פּאָטען, וויא דיא ביבעל זעלבסט שילדערט עס. איינער איז געווען פערדאָרבענער און גרויזאמער פאר דעם אנדערן. און אזוי איז עס אויך געווען ביי אלע אנדערע פעלקער אין יענע צייטען. דיא אידי־שע מלכים זיינען געוויס ניט געווען א'ן אויסנאהמע; פערקעהרט, זיי האבען ניט געקענט האבען אזא דעספּאָטישע מאכט וויא דיא מלכים פון אנדערע אזיאטישע פעלקער, ווייל דיא ביבלישע געזעץ און דיא נביאים האבען זיי געהאלטען א ביסעל אין צוים.

אין אייראָפּא האבען קליינע פעלקער מיט א רעפּובליקאנישע אדער א בעשרענקטע פּאטריארכאלישע רעגירונגס־פאָרמע געקענט זיך אָנהאלטען און ווייטער ענטוויקלען, ווייל אייראָפּא איז פערהעלט־

ניסמעסיג זעהר וועניג בעזעצט געוועזן מיט מענשען. געגען דיא אָנ־פאַלונגען פון אַזיאַטישע מחנות איז אייראָפּאַ בעשיצט געוועזן דורך דעם מיטעלמעער און דיא סטעפּעס און וועלדער פון רוסלאַנד. דער זידליכער טהייל פון אייראָפּאַ, וואו עס איז געוועזן דיא וויגעלע פון אונזער ציוויליזאַציאָן, איז אויך בעשיצט אין נאָרד־זייט דורך הויבע בערג (אַלפּען, פּירענעען און באַלקאַנען), זאָ דאס דיא שטאַמען, וועלכע האבען ארויסגעוואַנדערט פון אזיען (אלע אייראָפּעאישע פעלקער זיינען פון אַזיאַטישער אָפּשטאַמונג) און האבען זיך דאָרט בעזעצט, האבען געקענט פיעל רוהיגער און זיכערער לעבען, וויא אין אַזיען.

דיא אייראָפּעאישע שטאַמען, וועלכע זיינען דיא ערשטע ארויס־געטראָטען אויף דעם פאָרדערגרונד פון דער געשיכטע, זיינען געוועזן דיא עלינישע אדער גריכישע. זייער אָרגאַניזאַציאָן קען דיענען אַלס מוסטער פאר אַלע אַנדערע פעלקער, וואס האבען זיך בעזעצט אין אייראָפּאַ. דורך דיא גינסטיגע געאָגראַפּישע לאַגע פון זייער לאַנד האָבען דיא גריכען זיך שנעלער ענטוויקעלט וויא זייערע שכנים צום נאָרד און וועסט, אבער אָנפאַנגס האבען זיך אַלע אייראָפּעאישע שטאַמען געפונען אונגעפעהר אויף א'ן עהנליכער קולטור־שטופע. אין זייער קליינע לאַנד האבען דיא גריכען געלעבט אין אונאַבהענגיגע גרופּען, וועלכע זיינען מייסטענס בעשטאַנען פון א שטאָט מיט א שטיק לאַנד ארום. זיי האבען פון צייט צו צייט געפיהרט מלחמות אונטער זיך; אבער געגען א'ן אויסלענדישען שונא זיינען זיי אלע געוועזן פעראייניגט. דאס האבען זיי בעזאָנדערס בעוויזען אין זייער העלדישען קאַמפּף מיט דער מעכטיגער פּערסישער דעספּאָטיע אין אָנפאַנג פון פינפטען יאָהרהונדערט פאר דיא קריסטליכע צייטרעכ־נונג. דיזע הייפעלע פרייע און מוטהיגע מענער פון א קליינינקע לאַנד האבען בעוויזען וואונדער אין א מלחמה מיט דיא 2 מיליאָן סאָלדאַטען און 4000 שיפען פון דעם דעספּאָט קסערקסעס. 300 ספּאַרטאַנער אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער קעניג לעאָני־דאס האבען אָפּגעהאַלטען ביי דעם בערג־דורכגאַנג טהערמ פּי־לעס אין טהעסאַליען (א נאָרדליכער טהייל פון גריכענלאַנד) דיא אונצעהליגע מחנות פון קסערקסעס. דיא גריכען האבען פער־

שטאַנען, אז זייער אַלעמעס פרייהייט איז אין געפאהר דורך דעם אַזיאַטישען דעספּאָטיזמוס, און זיי זיינען אַלע ארויסגעטראָטען וויא ברידער פון איין פאַמיליע געגען דעם געמיינשאַפטליכען שונא. אין דער בעריהמטער שלאַכט לעבען דעם אינזעל סאַלאַמין האבען דיא גריכען בעזיעגט דעם ריזיגען פלאָט פון קסערקסעס (אין יאָהר 480 פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג) און דערמיט גערעטעט אוי־ראָפּאַ פון אַזיאַטישען דעספּאָטיזמוס. דער ווילדער דעספּאָט קסערק־סעס האט פאר בעס געהייסען שמייסען מיט קייטען דעם ים, אבער ער האט זיך דאך געמוזט צוריקקעהרען נאך פּערסיען. ער האט געבושעוועט איבער גאַנץ וועסט־אַזיען; אבער דאס קליינע גריכענ־לאַנד האט ער דאך ניט געקענט איינגעהמען. נאך מעהר, בלויז מיט א 150 יאהר שפּעטער האט דיזע הייפעלע גריכען אונטער דער פיהרונג פון אַלעקסאַנדער מוקדון זיך אָפּגערעכענט פאר דעם אי־בערפאַל פון קסערקסעס, צושטערענדיג דיא גאַנצע פּערסישע אימ־פּעריע און איינגעהמענדיג אַזיען ביז אינדיען און דערצו נאך אויך מצרים. דיא גריכען זיינען אַזוי פערבליבען דיא הערשער פון דער אַלטער וועלט ביז עס זיינען אויפגעקומען נייע אייראָפּעאישע וועלט־הערשער — דיא רוימער.

זייער וואונדערבאַרע קראַפט האבען דיא גריכען און שפּעטער דיא רוימער בעוויזען נור דורך זייער פרייע אָרגאַניזאַציאָן. זיי זיינען ניט געווען א מחנה סאָלדאַטען, וואס זיינען געטריבען געוואָרן אין מלחמה פון א דעספּאָט אָהנע צו וויסען פאר וואס און פאר ווען, נאר יעדערער איז געווען ציעלבעוואוסט און האט געקעמפּפט פאר פרייהייט און פאר זיין פאַטערלאַנד. דיא פערבינדונגען פון דיא גריכישע שטאַמען און פון זייערע קליינע רעפּובליקען זיינען אויך מייסטענס געווען פרייוויליגע. דער צוועק פון דיא פערבינדונגען איז געווען זיכערהייט, פריעדען. איין פאַמיליע האט זעלטען איינגעשלונ־גען און פערשקלאַוט א'ן אַנדערע, וויא אין אַזיען, דען זיי האבען זיך געפונען אונטער עהנליכע בעדינגונגען און זיינען אַלע געווען גע נוג שטאַרק צו פערטהיידיגען זיך געגען אָנגרייפער. פאַמיליען און געמיינדען זיינען צוזעשטאַנען איינע צו דיא אַנדערע אויס געמיינ־

שאפטליכע אינטערעסען און זיינען דארום געוועזן און פערבליבען גלייכבערעכטיגטע מיטגליעדער. אפילו אין דיא שפעטערע צייטען, ווען אין גריכענלאנד איז ענטשטאנען א זעהר גרויסע אונגלייכהייט דורך דיא ענטוויקלונג פון האנדעל, ים־רויב און שקלאווערייא, וויא דאס איז ערקלערט געוועזן אין א'ן אנדער קאפיטעל, אפילו דאן האבען דיא גרעסערע רעפובליקען ניט געשטרעבט אין גאנצען צו אונטערדריקען דיא קלענערע, זאנדערן צו האבען א הענעמאָניע, דאס הייסט צו האבען א העכערע דעה און אויבערלייטונג אין גאנץ גריכענלאנד. דיא פעלאפאָנעזער מלחמה, וועלכע האט אונטערגעגראבען דיא לעצ־טע קרעפטען פון גריכענלאנד, איז אייגענטליך געפיהרט געוואָרן צווישען דיא שטארקסטע גריכישע רעפובליקען, אטהען און ספארטא, צוליעב דיא העגעמאָניע אין דעם פערבאנד פון אלע גריכישע רע־פובליקען.

נאך אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען, ווען דיא גריכישע שטאַ־מען האבען געהאט זייערע באזילעאוסען אדער קעניגע, זיינען זיי ניט געוועזן אונטערוואָרפען צו דיזע קעניגע, וויא דיא שטאמען וואס זיינען פערבליבען אין אזיען. דאס איז געקומען דורך דעם, וואס זיי האָ־בען אויך שטענדיג אָנגעהאלטען זייערע ראטהען פון עלטסטע. זייערע קעניגע האבען געקראָגען דורך דיא פאטריארכאלישע אָרגאניזאציאָן אזוי פיעל מאכט, אז זיי האבען געגומען איבערגעבען זייער אמט בירושה צו זייערע זיהן; נאר דאס האט פון דעסטוועגען ניט געשטערט, אז מיט דער צייט זאָלען דיזע קליינע מאָנארכיעס אומגעוואנדעלט ווערן אין מעהר אדער וועניגער פרייע רעפובליקען. דורך דיא פאמיליען־ראטהען האט זיך דיא ערשטע פאטריארכאלישע אָרגאניזאציאָן אין גריכענלאנד און אין רוים גאנץ אנדערס ענטוויקעלט וויא אין אזיען. דיא פערטהיילונג פון דיא גייסטליכע און וועלטליכע מאכט פון דיא פאטריארכאלישע קעניגע האט ביסלעכוויז געפיהרט צו א רעפובלי־קאנישע פאָרמע. דער באזילעאוס איז געוואָרן א פריעסט און דיא וועלטליכע מאכט איז איבערגעגאנגען צו דיא אסיפות פון דיא פרייע בירגער. וואס מעהר דיא גריכישע שטאמען און שטעט זיינען גע־וואקסען, וואס מעהר דיא אינדוסטריע און האנדעל זיינען געשטיגען,

אלץ פערשיעדענאַרטיגער און קאָמפּליצירטער איז געוואָרן דיא פּער־וואלטונג פון דיא קליינע שטאַאטען. מען האט ניט נאר בעדארפט פערזאָרגען פיעלע נייע זאַכען אין דיא פערגרעסערטע שטעט זעלבסט, זאָנדערן אויך אלץ מעהר פערהאַנדלען מיט דיא אַנדערע שטעט און רעפּובליקען. דיא יורשים פון דיא באַזילעאוסען זיינען נאַטירליך ניט אלע מאָל געווען פעהיג צו פערוואַלטען זייערע מלוכות וויא געהעריג, און דיא ראַטהען פון דיא עלטסטע האבען אין אַזעלכע פעלע געמוזט אויסוועהלען פעהיגע פיהרער, בעזאָנדערס אין צייט פון מלחמה און אונרוהען. אויסער דעם האבען דיא באַזילעאוסען בעדארפט אָפּגעבען פיעל צייט צו דיא רעליגיעזע צערעמאָניעס. דארום האבען דיא גריכישע געמיינדעס גענומען אָפּגעבען זייערע באַזילעאוס־פאַמיליען בעשטימטע טהיילען לאַנד, אז דיא באַזילעאוסען זאָלען זיך קענען לעבען פיין און רוהיג אלס הויפּט־פּריעסטער און ריכטער, נאר קריעגספיהרערס האבען זיי אָנגעפאַנגען אויסצו־וועהלען אונטער דיא פעהיגסטע און אָנגעזעהענסטע פון דיא געמיינדע־מיטגליעדער.

אזוי זיינען ענטשטאַנען דיא קליינע גריכישע רעפּובליקען מיט קעניגע־פּריעסטער; אזוי זיינען אויפגעקומען פיעלע גריכישע פּריע־סטער־פאַמיליען, וואס האבען געפיהרט זייער אָפּשטאַמונג פון אַמאָ־ליגע קעניגע און פלעגען איבערגעבען זייער אמט צו זייערע זיהן בירושה.

אויף דעם זעלבען שטייגער איז דיא מאָנאַרכישע אָרגאַניזאַצי־אָן פון דיא ערשטע רוימער אומגעוואַנדעלט געוואָרן אין א רעפּובלי־קאַנישע. אין רוים זיינען דיא קעניגע איבערהויפּט געווען אויסער־וועהלטע, און עטליכע שטאַמען האבען זיך פערבונדען מיט גלייכע רעכטע. דער קעניג ווערט מיט דער צייט נאר א פּריעסטער, גענאַנט ex sacrificulus', און דיא רוימישע געמיינדע פערוואַלטעט דיא וועלטליכע אנגעלעגענהייטען. איהר סענאַט, א ראַטה פון עלטסטע, קריעגט דיא גאַנצע שטאַאטס־מאַכט.

אין מיטעלאַלטער האבען זיך אונגעפעהר אויף דיא זעלבע אַרט אויסגעטהיילט דיא „פריי שטעט" אין צענטראַל־איוראָפּאָ, בע־זאָנדערס אין דייטשלאַנד. דיא ערשטע שטעט אין דייטשלאַנד האָ־

בען זיך ענטוויקעלט אין דיא ערטער, וואו דיא קאטוילישע ביסקופען אדער „פרינצען פון דער קירכע" האבען אויך פאָליטיש געהערשט. דיזע קירכען־פרינצען האבען ביסלעכווייז אָפּגעטראָטען א טהייל פון זייער מאַכט צו דיא געמיינדען, אום זיי צוצובינדען צו זיך און צו קענען בעסער בעשטיין געגען דיא אָנגריפע פון דיא וועלטליכע פרינ־צען. זיי האבען אויך בעדארפט זיך בעשעפטיגען מיט דעם גאָטעס־דיענסט און מיט רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, און זייערע דערפער און שטעטלעך האָ־ען דארום געקראָגען זעלבסטפערוואלטונג. אין דיא לענדער פון דיא וועלטליכע פרינצען האבען דיא שטעט געמוזט אויסקויפען א רעכט צו האבען אייגענע ריכטער. נאכהער האבען דיא בירגער, ד. ה. דיא איינוואָהנער פון בורגען אדער גרויסע דער־פער, ארומגערינגעלט זייערע פלעצער מיט ווענט און האבען ניט זעלטען געקעמפפט געגען זייערע העררען, אום אָנצוהאלטען זייערע ערוואָרבענע פרייהייטען. דאָ איז ניט דער אָרט צו שילדערן דיא העכסט אינטערעסאנטע געשיכטע, וויא שטעט זיינען ענטשטאנען און האבען זיך ענטוויקעלט אין אייראָפּא. פאר אונז איז גענוג צו וויסען, אז דיא אורשפּרונגליכע פּרייערע פּאטריארכאלישע אָרגאַני־זאַציאָן פון דיא אייראָפּעאישע שטאַמען האט שליסליך געפיהרט צו דיא זעלבע רעזולטאטען אין גריכענלאַנד, רוים און וועסט־אייראָפּאַ. אין מיטעלאַלטער וואָלטען נאָך אין אייראָפּאַ אויך אויפגעקומען אונ־אַבהענגיגע פּריעסטער־פאמיליען וויא אין גריכענלאַנד, ווען דער פּאפּסט גרעגאָריאוס VII וואלט ניט איינגעפיהרט צו ענדע פון 11־טען יאהרהונדערט, אז דיא קאטוילישע גלחים זאלען ניט חתונה האבען. דיא קאטוילישע קירכע איז אַלזאָ געוואָרן דיא יורש'טע פון דעם פערמעגען פון אלע רעליגיעזע אָרדענס.

אין דיא ערגסטע צייטען פון דער רוימישער אימפּעריע, ווען דיא אימפּעראטאָרס זיינען געוואָרן שרעקליכע טיראַנען און האבען זיך ערקלערט פאר געטער, און אין דיא פינסטערסטע יאָהרען פון מיטעלאַלטער איז אייראָפּאַ דאך געוועזן זעהר ווייט פון א'ן אַזיאַטי־שע דעספּאָטישע מלוכה. שטענדיג איז פערבליבען א קערענדעל פון פרייהייט און אונאַבהענגינקייט, וועלכער איז געוואקסען און האט

נעשפּראָצט. פון דיזען קערענדעל איז געוואָרן א מעכטיגער און וועלט־בעגליקענדער בוים — דיא אויראָפּעאישע ציוויליזאציאָן. שטענדיג האט וועניגסטענס א טהייל פון פאָלק געהאַט א שטיקעל דעה אין דער פערוואלטונג פון לאַנד. דיא אַקערבויער זיינען געווען מעהר אדער וועניגער פערשקלאַוט, צוגעבונדען צו דער ערד, אבער אין דיא שטעט האבען זיך אַלין פערמעהרט פרייע בירגער, וועלכע האָבען געפאָרדערט און אויך געקראָגען א דעה אין דער רעגירונג דורך דיא פּאַרלאַמענטען. דיא מאַכט פון דיא קעניגע איז אויך בעשרענקט געווען דורך דיא רעכטע און פריווילעגיעס פון דיא אדעליגע. דיא שטעט פלעגען זיך דא פערבינדען מיט דיא אדעליגע געגען דיא קעניגע, דאָרט מיט דיא קעניגע געגען דיא אדעליגע, וויא דיא אומשטענדען האבען עס געפאָרדערט. דיא שטרעבונג פון דיא שטעט איז דערביי שטענדיג געווען אָנצוהאַלטען זייערע פרייהייטען, וועלכע זיי האבען זיך ערוואָרבען פאר געלט אדער פאר זייער הילפע אין מלחמות אדער איינפאַך מיט געוואַלט.

דיא העכסטע און וויכטיגסטע שטרעבונג פון אלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען איז געווען און פערבלייבט: זיכערהייט. אפילו דיא ערגסטע דעספּאָטישע מלוכות זיינען שליסליך געווען בעסער פאר דיא אונטערטאַנען וויא א צושטאַנד פון שטענדיגע איבערפאַלונגען, רויבערייען און מלחמות. דיא פּאַטריארכאַלישע דעספּאָטען האבען געשטיקט און געדריקט, האבען זיך צוגענומען דעם גרעסטען חלק פון דיא פּראָדוקטען און האבען אויך ניט אויפגעהערט צו פיהרען שטענדיגע מלחמות, אום צו פערגרעסערן זייערע מלוכות און צו אונטערייאָכען וואס מעהר פעלקער, אבער זייערע לענדער זיינען זיי געווען אין שטאַנד צו בעשיצען געגען איבערפאַלונגען און זייערע אונטערטאַנען האבען זיי געקענט צווינגען צו לעבען פריעדליך און צו ארבייטען. אין פיהפיטערנדען צושטאַנד איז מלחמה געווען א צוועק, א רעגעלמעסיגע בעשעפטיגונג, און דיא אַקערבויער־שטאַמען פלעגען געדולדיג איבערטראָגען דיא גרעסטע טיראַניי פון דיא אזיאַטישע הערשער, אַבי נור צו שטיין אונטער זייער שוץ און צו זיין פערזיכערט געגען איבערפאַלונגען פון רויבערישע שטאַמען, וויא דיא בעדואינען

זיינען עס ביז היינטיגען טאָג פערבליבען. דער אונגליק פאר דיא אַזיאטיישע פעלקער איז אבער געווען, אז זיי האבען זיך שטענדיג געפונען צווישען צוויי פייערן, דען דיא דעספאָטען האבען געוועלט בעהערשען אלין מעהר לענדער און האבען דארום געפיהרט שטענדי־גע מלחמות. א טהייל פון דיא אונטערטאנען אין דיא דעספאָטישע מלוכות פלעגט אבער דאך בלייבען אויף דיא פעלדער, אין דיא מי־נען און אין דיא שטעט מעהר אדער וועניגער בעשיצט געגען איבער־פאַלונגען און רויבערייען, און דאס איז שוין געווען פיעל בעסער וויא א צושטאנד פון שטענדיגע אונזיכערהייט דורך אָפטע געגענזייטיגע מלחמות.

נאר בעזאָנדערס האט זיך דיא שטרעבונג צו זיכערהייט און פריעדען אויסגעדריקט אין דער פּאָליטישער אָרגאניזאציאָן פון אוי־ראָפּעאישע פעלקער. דיא פערבינדונגען פון פאמיליען און שטאמען אין קליינע מלוכות אדער רעפּובליקען זיינען הויפּטזעכליך געמאכט געוואָרן, אום אָנצוהאלטען פריעדען אונטער זיך און צו האבען א שטארקערע בעשיצונג געגען פיינדליכע שטאמען. צוליעב דעם זיינען עס דיא פערבונדענע געווען גערעכענט פאר גלייכע בירגער מיט דיא זעלבע שטימע אין דער פערוואלטונג. רוים איז געגרינדעט געוואָרן פון וויינינגסטענס דריי שטאמען, וועלכע האבען זיך אָנפאנגס בעזעצט אויף דריי בערג און האבען זיך ביסלעכווייז אין גאנצען צוזאמענגע־שמאָלצען. דיא אונגלייכהייט אין יעדען שטאם, נעמליך דיא פער־טהיילונג פון דיא פרייע בירגער אין צוויי קלאסען: פאטריציער (ארי־סטאָקראטען) און פּלעבעיער (פּראָסטע בירגער), איז פערבליבען אין דעם בונד. דיא פאטריציער פון יעדען שטאם האבען געבילדעט דיא העכערע קלאסע און דיא פּלעבעיער זיינען געוואָרן דאס פּראָסטע פאָלק פון דער רוימישער רעפּובליק. אזוי איז עס אויך צוגעגאנגען ביי אנדערע אויראָפּעאישע פעלקער אין דיא אלטע צייטען, נאר דיא גרינדונג פון רוים איז מעהר בעקאנט און מעהר נאכגעפאָרשט גע־וואָרן פון געלעהרטע, און דארום דיענט זיא אלס ביישפּיעל. רוים איז אויך געגרינדעט געוואָרן פערהעלטניסמעסיג ניט לאנג, מיט א יאָהר 753 פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג, זאָ דאס מיר קענען

מעהר דערגיין וועגען דעם פון דיא איבערגעבליבענע שריפטען און מאָנומענטען, וויא אפילו וועגען דיא גרינדינג פון דיא ענטוויקעלט־סטע גריכישע רעפובליק אטהען.

דיא רוימישע רעפובליק און שפעטער דיא אימפעריע האבען ניט אויפגעהערט צו פיהרען מלחמות, נאר פון דעסטוועגען איז דער צוועק דערביי ניט בלויז געווען צו בעהערשען און צו פערשקלאווען פרעמדע פעלקער, נאר אויך איינצופיהרען פריעדען אין דער גאנצער אלטער וועלט. דיא ערשטע מלחמות האבען דיא רוימער ווירקליך געפיהרט אין דיא אינטערעסען פון פריעדליכען פערקעהר. ווען זיי פלעגען צווינגען איין שכן אריינצוטרעטען אין זייער פריעדענס־פער־באנד, פלעגען זיי זיך צוזאמענטרעפען מיט א'ן אנדערן, וועלבער האט וויעדער געשטערט דעם פריעדען. דערגרייכענדיג אזוי אלץ וויטער און וויטער און בעהערשענדיג גאנץ איטאליען, זיינען זיי געקומען אין צוזאמענשטויס מיט דיא קארטהאגענער, גריכען און אנדערע פעלקער, וועלכע זיי האבען שוין געזוכט איינצונעהמען און צו בעהערשען, אום צו האבען מעהר שקלאווען און רייכטהום. אבער איבעראל, וואו זייערע זיעגרייכע סאלדאטען האבען דערגרייכט, האבען זיי געזוכט אנצוהאלטען ארדנונג און פריעדען, איינצופיהרען זייער סיסטעם פון פערוואלטונג און יוריספרודענץ, צו פערשפרייטען, מיט איין וואָרט, דיא גריכיש־רוימישע ציוויליזאציאן.

דער איינפלוס פון דיזע ציוויליזאציאן אויף דיא אלטע וועלט איז געווען זעהר גרויס, נאר אין אזיען איז זיא פערניכטעט געוואָרן דורך דיא אנפאלונגען פון נייע מחנות קריעגערישע און רויבערישע פיהפיטערער און דורך דיא צו שטארק און פעסט איינגעוואָרצעלטע פאטריארכאליש־דעספאָטישע שטאאטס־פאָרמען; אבער אין אייראָפא איז זיא פערבליבען אפילו אין דיא פינסטערע צייטען פון מיטעלאל־טער און איז שליסליך ארויסגעטראָטען אין פולער קראפט אין 15־טען יאָהרהונדערט, א צייט וואס טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען רענעסאנס (renaissance). דיא בעדייטונג פון דיזען וואָרט איז אויפלעבונג, נייע געבורט. אייראָפא האט דאן ווירקליך אנגעפאנגען א נייעם לעבען און איז אוועק אויף דעם וועג,

וועלכער האט אונז געבראכט צו אונזער יעצטיגער ציוויליזאציאָנס־שטופע.

דער פונדאמענט פון דער אויראָפּעאישער פאָרמע פון שטאַאטס־אָרגאניזאציאָן איז אַלזאָ געווען א פערבאנד אין דיא אינטערעסען פון פריעדען. מיט דער ענטוויקלונג פון קונסטען, האנדעל און קענטשאפטען זיינען דיא פערבונדענע גרופּען — מיט געוואלט אדער דורך פריעדליכע אָפּמאכונגען — אלץ מעהר צוזאמענגעמישט און צוזאמענגעוואקסען געוואָרן, ביז עס זיינען ענטשטאנען דיא יעצטיגע נאציאָנען.

א גוטען און קלאָרען ביישפּיעל, וויא אזוי דיא אויראָפּעאישע שטאאטס־פאָרמע האט זיך ענטוויקעלט, געפינען מיר אין דער אָרגאניזאציאָן פון דיא סקאנדינאווען (נאָרמאנען און דענען), וועלכע האבען זיך בעזעצט אויף דיא אינזלען גאָטלאנד און אייזלאנד. דאָרטען האבען זיי קיינע בהמות געפונען און האבען זיך גלייך גענומען צו אקערבוי. דאס לאנד איז פערטהיילט געוואָרן צו איינצעלנע פאמיליען. עטליכע פאמיליען האבען געבילדעט א געמיינדע, און דיא געמיינדען האבען ביסלעכווייז גענומען שליסען א פערבאנד. צוערשט האבען זיך פעראייניגט דיא געמיינדען, וועלכע זיינען געווען אין נעהענטערע בעציהונגען. דיא מיטגליעדער פלעגען זיך אין א בעשטימטע צייט פון יאָהר צוזאמענטרעפען אין א בעשטימטען אָרט. אויף דיזען אָרט פלעגען זיי פיהרען זייער האנדעל, פאסען בעשליסע, משפּט'ן און אויך אָפּהאלטען רעליגיעזע צערעמאָניעס. דיזער צוזאמענטרעף־פּונקט איז געווען צוגלייך א יאהרמארק, א געריכט און א טעמפּעל. דאָרט האט זיך אויך געפונען דער אלגעמיינער פייערפּלאץ אלס צייכען פון פערבאנד און פון פריעדען. אזעלכע פריעדליכע גרופּען האבען געטראָגען פערשיעדענע נעמען ביי פערשיעדענע שטאמען און פעלקער — ביי דיא רוימער „קוריא", ביי דיא גערמאנען „זענד", ביי דיא דענען „הערעד" א. ז. וו. — אבער זייער כאראקטער איז פערבליבען דער זעלבער. יעדע פאמיליע האט געהאט איהר פּאטריארך, וועלכער איז געווען צוגלייך דער ריכטער און דער פּריסט פון אלע איהרע מיטגליעדער; יעדע געמיינדע האט געהאט אי'ן עלט־

סטען אדער אויבער־פּאטריארך, וועלכער איז געווען אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון דיא פאמיליען־פּאטריארכען. ווען עטליכע געמיינדען פלעגען זיך פערבינדען, פלעגען זיי אויסוועהלען א הויפּט, א פיהרער, אדער איבערלאָזען דיא פערוואלטונג פון דיא אלגעמיינע געשעפטען פון פערבאנד אין דיא הענד פון דיא געמיינדע־פּאטריארכען, וועלכע פלעגען זיך צוזאמענטרעפען אין בעשטימטע צייטען און ערטער צו פאסען בעשליסע, צו ענטשיידען וויכטיגע שטרייטען און צו בעשטראָפען פערברעכער געגען דיא אלגעמיינע אינטערעסען פון דעם פערבאנד. יעדער הויפּט, א גרויסער אדער א קליינער, איז שטענדיג געווען אי א ריכטער אי א פריעסטער אזוי וויא דיא שופטים ביי אידען.

מיט דער צייט זיינען דיא גרופען זעלבסט געוואקסען אין צאָהל מיטגליעדער און האבען אויך געדארפט שליסען פריעדען מיט דיא גרופען ארום, אום פריעדליך אויסצוטוישען זייערע פּראָדוקטען. דיא האנדעלס־אינטערעסען זיינען דאָ געווען דיא גרעסטע פריעדענס־מאכער. דיא פערבאנדען זיינען אלץ גרעסער און פעסטער געוואָרן ביז אלע געמיינדען צוזאמען האבען געבילדעט איין שטאאט מיט א געוויסען צענטראל־פונקט. אין רוים, צום ביישפּיעל, איז א קוריא בעשטאנען פון עטליכע gentes, ד. ה. פון פאמיליען, וועלכע זיינען געווען אדער האבען זיך גערעכענט אלס קרובים; עטליכע קוריען צוזאמען האבען געבילדעט א טריבע (שבט), און דריי פערבונדענע טריבען האבען געגרינדעט דעם רוימישען שטאאט. ביי אידען זיינען געווען ענהליכע פערטהיילונגען און פערבינדונגען: עטליכע משפחות האבען געבילדעט א מטה, עטליכע מטות — א שבט און דיא 12 שבטים — דעם אידישען שטאאט.

דיא עלטסטע פון דיא שבטים זיינען געווען דיא געזעצגעבערס פון גאנצען פאָלק אזוי וויא אין רוים דער סענאט, וויא ביי דיא אלטע טשעכען און אנדערע סלאווען דער „קעמט" א. ז. וו. יעדער עלטסטער איז געווען א פּ ע ר ט ר ע ט ע ר פון זיין גרופּע און אלע צוזאמען האבען געפאסט בעשליסע צום וואָהל און בעסטען פון גאנצען לאנד. דיא אסיפות פון דיא עלטסטע קען מען בעטראכטען אלס דעם אָנפאנג פון פּ א ר ל א מ ע נ ט א ר י ז מ ו ס.

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, וועלכער האט געדיענט אלס מוס־טער פאר אלע יעצטיגע אייראָפּעאישע נאַציאָנען, בעשטייט פון צוויי טהיילען, וואס ווערן גערופען: דיא הויז פון לאָרדען און דיא הויז פון קאָמאָנס. ביידע דיזע געזעצגעבענדע הייזער טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון גאַנץ אַלטע צייטען און פיהרונגען. דיא הויז פון לאָרדען בעשטייט נאָך יעצט פון פערטרעטער פון דיא העכסטע פאַמיליען אין ענגלאַנד. זייער רעכט צו זיצען אין דיזער הויז האָ־בען דיזע פאַמיליען בירושה. אלע צוזאַמען פערטרעטען זיי יעצט דיא אַלטע רעכטע און פּריווילעגיעס פון דעם אדעליגען קלאַס. דיא הויז פון לאָרדען איז נאָך אויך ביז היינט צו טאָג אַנערקענט פאר דעם העכסטען געריכט אין ענגלאַנד, אזוי וויא אמאָל דער סענאַט אין רוים און איבערהויפּט דיא אסיפות פון דיא עלטסטע, וואס פאר נעמען דיזע אסיפות האבען ניט געטראָגען ביי פערשיעדענע פעלקער.

מיר האבען שוין אין א פריהערן קאַפּיטעל געזעהען, וויא אזוי עס זיינען ענטשטאַנען הערען און בעהערשטע, וויא עס זיינען אויפגעקומען אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען. דיא פערטרעטער פון דיזע פאמיליען זיינען געוועזן דיא עלטסטע, דיא פאַטערס, patres conscripti, וויא מען האט גערופען דיא סענאַטאָרען אין רוים. זיי האבען געפּאסט בעשליסע און געזעצע פאר׳ן גאַנצען פאָלק און האָ־בען נאַטירליך געזוכט צו בעשיצען פריהער זייערע אייגענע אינטע־רעסען. דאס רעכט צו פערנעהמען א זיץ אין דיא אסיפות פון דיא עלטסטע האבען דיא שטאַרקערע און רייכערע אַריסטאָקראַטישע פאמיליען פערבאַפּט פיר זיך אין עטליכע לענדער, דאַרונטער אויך אין ענגלאַנד, וואו עס איז אזוי פערבליבען ביז היינט צו טאָג דורך געוויסע אומשטענדען, וועלכע ווערן ערקלערט אין דער געשיכטע פון דיזען לאַנד. אזא הויז פון לאָרדען, וויא אין ענגלאַנד, איז אויך געוועזן אין סקאָטלאַנד. ביידע דיזע אַריסטאָקראַטישע הייזער זיינען צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרן, ווען ענגלאַנד האט איינגענומען סקאָט־לאַנד. ניט יעדע אַריסטאָקראַטישע ענגלישע פאַמיליע האט א רעכט אויף א זיץ אין דער הויז פון לאָרדען, בלויז אייניגע וואס זייערע פאָרפאַטערס האבען זיך ערוואָרבען דיזע פּריווילעגיע. אין דיא אַלטע

צייטען זיינען דיא לאָרדען טאקע געווען ניט נאר דיא הערען איבער דיא אַקערבויער, זאָנדערן אויך דיא אָנפיהרער פון בעשטימטע גע־גענדען. דיזע געגענדען זיינען געווען דאס אייגענטהום פון עטליכע פערבונדענע געמיינדען, נאר דיא הערען, גענאַנט געוויינליך גראַ־פען, האבען ביסלעכווייז פערכאַפּט דאס לאַנד פאר זיך, ווען דיא ארבייטער זיינען געוואָרן קנעכט אדער פּאַנסטשיזניקעס. דיזע גראַ־פען זיינען אייגענטליך געווען דיא אַלטע פּאַטריאַרכען, נאר אין א נייע פאָרמע. דער ענגלישער נאָמען פיר א בעצירק אונגעפעהר וויא א רוסישער אויעזד הייסט „קאונטי“, וואס עס בעדייטעט א שטיק לאַנד אונטער דער הערשאַפט פון א „קאונט“ אדער גראַף. זאָגאר אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען איז דער נאָמען קאונטי פערבליבען פיר דיא בעצירקען, אין וועלכע יעדער שטאַאט איז פערטהיילט צוליעב אַדמיניסטראַטיווע און וואַהל־צוועקען.

אין 11־טען יאָהרהונדערט האבען דיא נאָרמאַנען, וועלכע האָ־בען זיך פריהער בעזעצט אין פראַנקרייך, איינגענומען ענגלאַנד אונטער דער פיהרונג פון ווילהעלם, וואס טראָגט אין דער געשיכטע דיא נעמען עראָבערער אדער ממזר. דיא זיעגערס האבען פערכאַפּט דיא לענדער פון דיא איינגעבאָרענע אַדעליגע און אויך פון דיא געמיינ־דען, און דיא יעצטיגע לאָרדען־פאַמיליען שטאַמען עס מייסטענס פון דיזע פערכאַפּערס. פיעלע פון זייערע אַמאָליגע פריווילעגיעס, וויא אויך דיא פערכאַפּטע גרויסע שטיקער לאַנד, האבען דיא מייסטע פון דיזע נאָרמאַנער פאַמיליען אָנגעהאַלטען ביז יעצט, און דאַרום איז עס אויך פערבליבען אין ענגלאַנד א הויז פון לאָרדען וועהרענד אין אַנדערע לענדער איז שוין לאַנג דערפון א סמן ניט געבליבען.

וואס אַנבעלאַנגט צו דער הויז פון קאָמאָנס, זאָ איז זיא דער רעזולטאַט פון דעם קאַמפּף, וואס דאס פּראָסטע פאָלק אין אויראָ־פּאַ האט ניט אויפגעהערט צו פיהרען געגען דיא הערשאַפט פון דיא אַדעליגע אדער אַריסטאָקראַטען. דאס איז געווען א קאַמפּף פון דיא געמיינדען געגען דיא הערען, פון דעם נייעם גייסט געגען דעם אַלטען, פון דעם פרייען פערבאַנד געגען דעם אַלטען פּאַטריאַרכאַלי־שען, פון אַלגעמיינע גלייכע מענשענרעכטע געגען פריווילעגיען — א

קאמפף, וועלכער ווערט נאך עד היום פארטגעזעצט אין דיא לענ־
דער, וואו דיא אדעליגע בעזיצען נאך געוויסע פריווילעגיען און וואו
גלייכהייט פאר׳ן געזעץ ווערט נאך ניט אויסגעפיהרט אין גאנצען.

דיא גאנצע געשיכטע פון גריכענלאנד און רוים איז פול מיט
דיזען קאמפף. אין גריכענלאנד האבען דיא קעמפפענדע פארטייען
געטראגען דיא נעמען אריסטאקראטען און דעמאקראטען און אין
רוים — פאטריציער און פלעבעער. דיזע נעמען זיינען ביז יעצט
פערבליבען אין אלע שפראכען צו בעצייכנען דיא אדעליגע און רייכע
קלאסען און דעם פראסטען פאלק. דיא פלעבעער האבען זיך צו־
ערשט ערווארבען דאס רעכט פון פרייע בירגער און א שטיקעלע
דעה אין שטאאטס־אנגעלעגענהייטען, נאר דער סענאט איז געבליבען
אין דיא הענט פון דיא פאטריציער. גאנצע 400 יאהר האט געדויי־
ערט דיזער קלאסענקאמפף, וועלכער האט זעהר פיעל מיטגעווירקט
צו דער אפשאפונג פון דיא אלטע פאטריארכאלישע קעניגע און צו
דער איינפיהרונג פון דער רעפובליק. דיא פלעבעער האבען ביסלעכ־
ווייז געצוואונגען דיא פאטריציער אלץ מעהר נאכצוגעבען, און זייערע
ריכטער, גענאנט טריבונען האבען געקראגען א גרויסע מאכט. דיא
געזעצע פון דיא 12 טאבליצעס, וועגען וועלכע מיר האבען שוין גע־
רעט אין א פאריגען קאפיטעל, זיינען טהיילווייז ארויסגערופען גע־
ווארן דורך דיא קלאגען פון דיא פלעבעער געגען דיא אויבערמאכט
און פערכאפונגען פון דיא פאטריציער, דיא פאמיליען פון דיא פריי־
הערע געמיינדע־פאטריארכען. ביסלעכווייז האבען דיא פלעבעער אויך
געצוואונגען דיא פאטריציער צו אנערקענען דיא זא גענאנטע comita
tributa. דאס זיינען געווען פאלקספערזאמלונגען, וואו פרייע בירגער
האבען געהאט א גלייכע שטימרעכט. דער הויפטצוועק פון דיזע
פאלקספערזאמלונגען איז אנפאנגס געווען אויסצוקלייבען דיא טריבו־
נען צו פערטרעטען דיא אינטערעסען פון דיא פלעבעער אין דער
רעפובליק; אבער נאכהער האבען זיי געקראגען א גרויסע וויכטיג־
קייט אין שטאאטס־אנגעלעגענהייטען.

דיזע קאמיטא טריבוטא קען מען רעכענען פאר דעם אנפאנג פון
דיא היינטיגע פארלאמענטען אדער פון געזעצגעבענדע הייזער, וואו

עס זיצען דעפּוטאַטען, אויסערוועהלטע פערטרעטער פון פאָלק. אין גריכענלאַנד, בעזאָנדערס אין דער אַטהענער רעפּובליק. זיינען דיא אסיפות פון פרייע בירגער געוואָרן דיא הערשענדע מאַכט. דיא גרי־כישע אַריסטאָקראַטען זיינען קיין מאָל ניט געוועזן אזוי שטאַרק וויא דיא רוימישע פּאַטריציער, און דער קאַמפּף מיט זיי איז דארום גע־ווען לייכטער, זאָ דאס עטליכע גריכישע רעפּובליקען זיינען געוואָרן דעמאָקראַטישע, דאס הייסט אונטער דער הערשאַפט פון גאַנצען דעמאָס אדער פאָלק.

אין מיטעלאַלטער איז דער זעלבער קאַמפּף אָנגעפיהרט גע־וואָרן צווישען דיא אַדעליגע און דיא גרויסע דערפער אדער בורגען, וועלכע זיינען ביסלעכווייז געוואָרן שטעט. דיא פרייע בירגער פון דיא שטעט, וועלכע זיינען גטוועזן צוטהיילט אין צעכען נאָך זייערע בעשעפטיגונגען, האבען אָנגעפאַנגען צו פערלאַנגען אלץ מעהר רעכט און פרייהייט. דיא איינוואָהנער פון דיא בורגען האבען געבילדעט דעם מיטעלקלאַס אדער בירגערשטאַנד, וועלכער איז בעשטאַנען פון קויפלייטע און מייסטערס־האַנדווערקער. דער וואָרט בירגער האט אָנפאַנגס בעדייטעט א'ן איינוואָהנער פון א בורג. אזוי וויא דיזע איינוואָהנער האבען זיך ערוואָרבען פרייהייט ביי דיא אַדעליגע און גייסטליכע הערען, האט דער וואָרט בירגער שפּעטער אויך בעדייטעט א פרייען מאַן מיט א שטימרעכט אין שטאַאטס־אַנגעלעגענהייטען, וואס מיר פערשטייען אויך יעצט אונטער דיזען וואָרט. דער פראַנצויזישער וואָרט פיר בירגער איז בורזשוא און פיר בירגערשטאַנד — בורזשוא־זיע. יעצט הייסט בורזשואזיע דער מיטעלקלאַס, ספּעציעל קויפלייטע און פאַבריקאַנטען. אונגעפעהר אזוי איז עס אויך געוועזן אין מי־טעלאַלטער, נאר אזוי וויא דיא אינדוסטריע און האַנדעל זיינען נאָך געוועזן וועניג ענטוויקעלט, איז דיזער קלאַס געוועזן קליין אין צאָהל און דארום אויך פּאָליטיש שוואַך. דאס פאָלק איז בעשטאַנען פון אַקערבויער, וועלכע זיינען געוועזן צוגעבונדען צו דער ערד, און איבער זיי האבען געהערשט דיא אַדעליגע, וועלכע זיינען דארום געוועזן דיא הויפּטמאַכט אין שטאַאט.

נאר דיא שטעט זיינען ביסלעכווייז אלץ געוואַקסען אין בע־

פעלקערונג און אין רייכטהום און זיי האבען דארום אויך געקראָגען אלץ מעהר מאַכט און זיך עדוואָרבען אלץ מעהר פרייהייטען ביי דיא גראַפען, פירסטען און קעניגע. זיי האבען אלץ מוטהיגער גענומען פערלאַנגען א שטימע אין דער רעגירונג און אין דיא שטאאטס־אסיפות אדער פּאַרלאַמענטען. אין 1241 יאהר האבען זיך עטליכע דייטשע שטעט פעראייניגט, אום צו פערטהיידיגען זייערע רעכטע און פּריווילעגיען געגען דיא פּרינצען און אויך צו בעשיצען דעם האַנ־דעל געגען רויבער אויף דער יבשה און אויף'ן באַלטישען ים. דיזער פערבאַנד איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען האַנזאַ. פּיעלע שטעט זיינען צוגעשטאַנען צו דיזען בעריהמטען בונד, אפילו אויך צוויי רוסישע שטעט, נעמליך: נאָווגאָראָד און פּסקאָוו. דיזע שטעט האבען געהייסען פרייע, ווייל זיי האבען דורך געוויסע אָפּמאַכונגען מיט דיא פירסטען אדער קעניגע געקראָגען דאס רעכט פון זעלבסטפערוואלטונג. דער האנזא־פערבאַנד איז געווען צונלייך א קאָמערציעלער און א פּאָליטישער. ער האט גע־שפּיעלט א העכסט וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון אייראָפּא און האט עקזיסטירט עטליכע יאָהרהונדערט. אם ענדע פון 16־טען יאָהרהונדערט איז ער בעשטאַנען פון 64 האנדעלס־שטעט, האט בעזעסען א'ן אייגענעם פלאָט, א'ן אייגענע אַרמעע, א בעזונדערע קאַסע און זאָגאַר א ספּעציעלע רעגירונג. דיזע האַנזא־שטעט זיינען געווען א שטאַאט אין א שטאאט, און איינינע פון זיי, וויא ליובעק, ברעמען און האַמבורג, בעזיצען נאך יעצט א סך פון דיא אַלטע פּריווילעגיען און הייסען פרייע שטעט.

עס איז שוין אויבען בעמערקט געווען, אז אין זייער קאַמפּף פאר פרייהייט האבען דיא שטעט אמאָל געשטיצט דיא באַראָנען, גראַפען און פירסטען געגען דיא קעניגע און אמאָל פערקעהרט, וויא זייערע אינטערעסען האבען עס געפאָדערט. געוויינליך פלעגען דיא שטעט שטיצען דיא זייט, וועלכע פלעגט זיי פערזיכערן מעהר פריע־דען און פערשפּרעכען מעהר פּריווילעגיען. אין פראַנקרייך האבען דיא שטעט געשטיצט דיא קעניגע געגען דיא אַדעליגע, וועלכע האָ־בען געוועלט אָנהאַלטען אלע זייערע אַלטע פּריווילעגיען און האבען

געוועלט זיין וואס מעהר אונאבהענגיג פון קעניג אין זייערע גיטער און געגענדען. מיט דער הילפע פון דיא שטעט האבען אבער דיא פראנצויזישע קעניגע געבראכען דיא מאכט פון אדעליגען קלאס, נאר דאס האט ווידער געפיהרט צו א נייע צרה פאר׳ן פאלק, נעמליך: צו א׳ן אבזאלוטע הערשאפט פון דיא קעניגע, וועלכע הערשאפט איז ערשט געבראכען געווארן פון דעם פערשטארקטען און ענטוויקעלטען מיטעלקלאס מיט דער הילפע פון דיא פערקנעכטעטע בויערן אם ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט דורך א רעוואלוציאן, דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן פון 1789 יאהר.

דאן איז אפגעשאפט געווארן דיא אלטע מלוכה מיט אלע פריווילעגיען פון דיא אדעליגע; דיא בויערן זיינען בעפרייט געווארן, און אלע מענשען זיינען ערקלערט געווארן פאר גלייכבערעכטיגטע בירגער.

אין ענגלאנד איז עס גראדע אויסגעקומען פערקעהרט: דיא איינוואהנער פון דיא בורגען און שטעט האבען זיך פעראייניגט מיט דיא אדעליגע געגען דיא קעניגע. דורך דעם האבען דיא אדעליגע געמוזט צולאזען, אז דיא שטעט זאלען האבען א דעה אין דער פערוואלטונג פון לאנד. דיא אדעליגע האבען אבער ניט געוועלט זיצען צוזאמען מיט דיא פערטרעטער פון דיא קאמאנס אדער געמיינדען, אזוי וויא דיא סענאטארען פון רוים האבען ניט געוועלט זיצען צוזאמען מיט דיא פערטרעטער פון דיא פלעבעער. דיא לארדען האבען דארום פערטראטען זייערע קלאסען־אינטערעסען אין זייער אלטע הויז, און דיא געמיינדען פון מיטעלקלאס האבען אויסגעוועהלט איי־גענע פערטרעטער, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט בעזונדער. דאס איז געשעהען אין 13־טען יאהרהונדערט און דאס איז געווען דער אנפאנג פון דיא הויז פון קאמאנס.ביידע הייזער האבען געהאנדעלט צוזאמען צו בעשיצען זייערע פרייהייטען און רעכטע און האבען זעהר שטארק בעשרענקט דיא מאכט פון דיא קעניגע. ניט איין מאל איז זיי אויסגעקומען צו בעקעמפפען איינע דיא אנדערע, ווען זייערע קלאסען־אינטערעסען האבען עס געפאדערט; אבער געגען דיא קעניגליכע מאכט זיינען זיי געוויינליך געווען איניג.

אויף אזא אַרט איז אין ענגלאַנד צוערשט איינגעפיהרט גע־וואָרן דיא רעגירונגס־סיסטעם, וואס ווערט גערופען קאָנסטיטוציאָנע־לע אדער רעפּרעזענטאַטיווע און וואס איז אין 19־טען יאָהרהונדערט אָנגענומען געוואָרן אין אלע וועסט־אייראָפּעאישע לענדער און אויך אין יאַפּאַן, דיא פאָרטגעשריטענסטע מדינה פון אזיען. דיזע סיסטעם איז מעהר אדער וועניגער בעקאַנט יעדען איינעם. זיא בעשטייט אין דעם, דאס דיא רעכטע און פרייהייטען פון פאָלק ווערן בעשטימט דורך געזעצע, וואס הייסען קאָנסטיטוציאָנעלע און וואס דיענען אלס פונדאַמענט פון דער שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָן. דיא הויפּט־פּונקטען פון דיזע קאָנסטיטוציאָנעלע געזעץ זיינען, דאס דיא געריכטליכע מאַכט איז מעהר אדער וועניגער אונאַבהענגיג פון דער רעגירענדער אדער אויספיהרענדער, דאס דיא רעגירענדע מאַכט איז אבהענגיג פון דער געזעצגעבענדער און דאס דיא געזעצגעבענדע מאַכט געהערט צום פאָלק זעלבסט דורך זיינע אויסערוועהלטע רעפּרעזענטאַנטען אדער פערטרעטער. אלס הויפּט פון דיא אויספיהרענדע מאַכט קען זיין א קעניג אדער א פּרעזידענט, וועלכער ווערט דירעקט אדער אונדירעקט אויסגעוועהלט פון פאָלק, אבער דיא געזעצגעבענדע מאַכט מוז געהערען צו פּאַרלאַמענטען אדער אסיפות פון פאָלקס־פערטרע־טער. זאָנסט איז עס ניט א קאָנסטיטוציאָנעלער שטאַאט, נאר א'ן אבזאָלוט־מאָנאַרכישער נאָך דעם אלטען שטייגער. אין דיא לענדער אָהן א קאָנסטיטוציאָן ליגט דיא געזעצגעבענדע מאַכט אין דיא הענד פון דיא קעניגע.

זעבצעהנטער קאפּיטעל.

געזעץ, געריכטען און שטראָפען.

פויסטרעכט. — דיא ענשטעהונג פון געזעץ און געריכטען דורך דיא ווירקונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. — דיא עלטסטע געשריבענע געזעצ־געבונגען. — גרוייזאַמע שטראָפען. — געריכטען אין אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע שטאַאטען. — חזקה־צערעמאָניעס. — מאַרקען און געריכטס־פּלעצער. — העכערע און נידעריגערע געריכטען. — דיא ערשטע געריכטס־פיהרונגען אין רוים. — חזקה דורך מאַנציפּאַציאָן. — ווינדעקסען. — פאָלקסגעריכטען און שעפּענס ביי דיא אַלטע דייטשען. — קרימינאַל־געריכטען און גאולת הדם. — דיא איינפיהרונג פון געלטשטראָפען פאר מאָרדען. — פערשטאָרבענע אלס עדות. — אָראַקעל און אַנדערע מיטעל צו דערגיין דורך דיא גייסטער און געטער דעם אמת אין געריכטען. — געטליכער משפט. — דיא פאָרמען פון אָרדאַליען און פון געוועינליכע שבועות. — עדות און צייכענס צו געדיינקען דיא פערהאַנדלונגען וועגען אייגענטהום. — פייניגונגען אין געריכטען. — זעלבסט־פייניגונגען פאר פערברעכען. — זעלבסט־פייניגונגען נאך דיא הייליגע ביכער פון דיא אַלטע אינדוסען.

אויב מען דארף גאר האבען בעווייזע, אז דיא ערשטע מענשען פלעגען ענטשיידען זייערע שטרייטען מיט זייערע פויסטען, קענען מיר זיי געפינען אין דיא אַלטע געזעצגעבונגען און אפילו אין דעם זאָגענאַנטען „געטליכען משפט“, פון וועלכען עס וועט שפּעטער דיא

רייך זיין. דער שטארקער האט ניט נאר בערויבט דעם שוואכען אויף דעם שטיינער פון ווילדע חיות, נאר האט נאך אויך אויפגע־פרעסען זיין געפאלענעם אפפער. יושר און רעכט זיינען געווען אזוי פרעמד דיא ערשטע מענשען, וויא זיי זיינען פרעמד דיא העכערע סארטען חיות. אבער וויא נאר מענשען האבען זיך אנגעפאנגען צו פערבינדען אין מעהר אדער ווייניגער גרויסע פאמיליען־גרופען, איז שוין זייער אלגעמיינער אינטערעס געווען צו פערהיטען דיא עקזיס־טענץ פון דיא שוואכע מיטגליעדער געגען דיא קולאקעס פון דיא שטארקע. עטליכע שוואכע מיטגליעדער צוזאמען האבען נאטירליך געקענט בעזיעגען א שטארקען, און דאס האט ביסלעכווייז געמוזט פיהרען דערצו, אז דיא שטארקערע זאלען זיך אנהייבען צו רעכענען מיט דעם ווילען פון דער גאנצער גרופע.

מיר געפינען דארום ביי דיא ווילדעסטע פעלקער געוויסע רע־געלען, וועלכע אלע מוזען פאלגען. ענטשיידונגען פון שטרייטען דורך דיא קראפט פון פויסט זיינען נאך אין מאנכע פעלע אנערקענט אין דיא ציוויליזירטעסטע לענדער, וויא צום ביישפיעל דועלען ביי דער ענטשיידונג פון פראגען וועגען עהרע; אבער מען האט אלץ מעהר גענומען איינפיהרען בעשרענקונגען. דיא קעמפפענדע האבען געמוזט אננעהמען בעשטימטע רעגעלען און ברייננגען עדות דערביי, אז דער זיעגער זאל ניט בעשולדיגט ווערן אין מארד און אז דיא געמיינדע זאל דעם פויסט־קאמפף אנערקענען פאר א מין רעגעלמעסיגען גע־ריכט. קורץ, דיא אייגענמאכט האט געמוזט אלץ מעהר בעשרענקט און בעשטראפט ווערן, וואס מעהר מענשען עס האבען זיך אנגעפאנ־גען צו פערבינדען צוזאמען. יעדער צוזאמענלעבען וואלט געווען אונ־מעגליך, ווען יעדער איינער וואלט געמענט טאן, וואס ער וויל, און ווען דער ווילען פון דער מעהרצאל, וועלכער איז נאטירליך שטענדיג געווען צו גונסטען פון פריעדען צווישען דיא מיטגליעדער, וואלט קיין מאל ניט אויסגעפיהרט געווארן.

דער ווילען פון דעם כלל האט נאטירליך אלץ מעהר געמוזט אויסגעדריקט ווערן אין אלגעמיינע רעגעלען, און דאס איז געווען דער וויכטיגער אנפאנג פון רעכט, פון געזעץ און פון געריכטען. וויא

פיעל צייט עס האט גענומען ביז מענשען זיינען געקומען צו אזא שטופע, ווען דער צוזאמענלעבען איז פיעל ווייניג רעגולירט געווארן דורך בעשטימטע רעגעלען, דאס קענען מיר ניט וויסען. עס איז קלאר יעדענפאלס, אז דיזע שטופע האט ערשט געקענט דערגרייכט ווערן, ווען מענשען האבען שוין געלעבט אין גרויסע פאמיליען, וועלכע זיינען געוועזן, וויא מיר ווייסען עס שוין, דיא ערשטע געזעלשאפטליכע פערבינדונגען.

דער אנפאנג פון געריכטען איז נאטירליך ענג פערבונדען מיט דיא ארט און ווייזע, וויא דיא פאמיליען האבען זיך ענטוויקעלט און זיך פעראייניגט פיר געגענזייטיגע בעשיצונג. ווען פאטער־רעכט האט פערנומען דעם פלאץ פון מוטער־רעכט, וויא עס איז ערקלערט געווען אין דיא קאפיטלען איבער פאמיליען־לעבען, זיינען דיא פאטריארכען זעלבסטפערשטענדליך אויך געווען דיא ריכטער איבער דיא מיטגליעדער אונטער זייער הערשאפט. דיא פאטערליכע מאכט פון א פאטריארך איז געווען צוגלייך א געזעצגעבענדע און ריכטערליכע. דער פאטריארך האט בעפוילען און בעשטראפט, וויא ער האט געוועלט און פערשטאנען. זא לאנג דיא פאטריארכאלישע פאמיליען זיינען פערבליבען אפגעזונדערט איינע פון דיא אנדערע, איז ניט געווען קיינע העכערע מאכט צו בעשרענקען דעם ווילען פון דיא פאטערס איבער דעם לעבען פון זייערע קינדער און אלע אנדערע, וואס זיינען גערעכענט געווען אלס זייער הויזגעזינט. דער אינטערעס פון א פאטריארך איז זעלבסטפערשטענדליך געווען אז זיין פאמיליע זאל בעזיצען וואס מעהר פערמעגען און זיין וואס צאהלרייכער און שטארקער, נאר קיינער האט איהם ניט געקענט צווינגען צו האנדלען שטענדיג נאך דיזען אינטערעס. קיינער האט איהם, צום ביישפיעל, ניט געקענט פערוועהרען צו ערמארדען זיינעם א קינד, ווען ער איז געווען אין כעס אויף איהם. קורץ, א פאטריארכאלישער געריכט איז געווען דאס זעלבע וואס דער פאטערליכער ווילען.

נאר ווען פאמיליען האבען זיך אנגעפאנגען צו פעראייניגען אין אלץ גרעסערע גרופען, וויא מיר האבען דאס שוין געזעהן אין דיא פאריגע צוויי קאפיטלעך, איז שוין דיא מאכט פון דיא פאטריארכען

איבער זייערע פאמיליען ביסלעכווייז בעשרענקט געוואָרן דורך דיא אלגעמיינע אינטערעסען פון דער גרופע. דיא שטרייטען צווישען מיטגליעדער פון אָפגעזונדערטע פאמיליען האט מען אָנגעפאנגען צו שליכטען פריעדליך דורך דיא בעשטימונגען פון דיא עלטסטע אָנ־שטאָט דורך א געשלעג, וויא אין פריהערע צייטען. דיא עלטסטע זיינען געוויינליך געווען פאטריארכען פון דיא פעראייניגטע פאמיליען. זיי האבען געמוזט אויפפאסען, אז אלע זאָלען זיך פיהרען נאך אַל־געמיינע רעגעלען, וועלכע זיינען אריינגעטראָטען אין קראפט דורך דיא אומשטענדען פון געזעלשאפטליכען לעבען. א פאטריארך האט שוין ניט געקענט האנדלען אייגענהענטיג, ווען זיינע האנדלונגען האָ־בען ניט געשטימט מיט דיא אינטערעסען און מנהגים פון דער גאנצער געמיינדע. דיא פריהערע אונבעשרענקטע מאכט פון דיא פאטריארכען איז אזוי ביסלעכווייז איבערגעגאנגען צו א ראטה פון עלטסטע. דיא ענטשיידונגען פון דיא עלטסטע זיינען געוואָרן געזעץ. אין זייערע ענטשיידונגען האבען דיא פאטריארכען און שופטים גע־האנדעלט נאך זייער פערשטאנד, און אזוי וויא אויף דיא זעלבע שטופע פון ענטוויקלונג דיינקען געוויינליך מענשען אויף דער זעלבער ארט און ווייזע, זאָ זיינען דיא ערשטע בעשטימונגען און מנהגים געווען עהנליך ביי אלע פעלקער.

דער געזעלשאפטליכער לעבען פון דיא ערשטע גרופען איז גע־ווען זעהר איינפאך, און זייערע אלגעמיינע רעגעלען זיינען דארום אויך געווען זעהר איינפאך, צוגעפאסט צו דיא אומשטענדען. דיא ערשטע שטאאטס־פערבינדונגען האבען געוויינליך געהאט א מילי־טערישען צוועק. עטליכע פאמיליען פון איין אָפשטאמונג פלעגען זיך פעראייניגען, אום בעסער צו בעשיצען זיך געגען איבערפאלונגען אדער אום אליין צו איבערפאלען אנדערע. דיא אינערליכע אָרגאני־זאציאָן פון יעדער מיליטערישער גרופע איז פערבליבען, וויא פריהער, דאס הייסט: אונטער דער הערשאפט פון דיא פאטריארכען. נאר מיט דער צייט איז דער מיליטערישער פערבאנד אויך געוואָרן א מיטעל פון אינערליכע אָרגאניזאציאָן אין דיא גרופען. דיא פערבונדענע פאמיליען האבען זיך אָנגעפאנגען צו פיהלען און צו בע־

טראַכטען אלס מיטגליעדער פון איין שטאַם, און דיא פריהערע אָפּ־זונדערונג אין פאַמיליען איז דאַרום שוואַכער געוואָרן. דיא וואס פלעגען זיך אויסשיידען פון דיא גרויסע פאַמיליען, אום צו זיין פרייער און אונאַבהעננגיגער, פלעגען שוין קענען עקזיסטירען אונטער דעם שוץ פון שטאַאט. דיא אלגעמיינע פערוואַלטונג פון דער גרופּע איז דורך דעם אלץ קאָמפּליצירטער און פערשיעדענאַרטיגער געוואָרן, און דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אז מען האט געמוזט פאַסען אלץ מעהר נייע בעשליסע צו רעגולירען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און איינפיהרען רעגעלמעסיגע געריכטען מיט בעשטימטע שטראָפען פאַר פערשיעדענע פערברעכען און פאַר אונגעהאָרכזאַמקייט.

דאס אלעס איז ווידער געוועזען דער רעזולטאַט פון דער געזעל־שאַפטליכער ענטוויקלונג. דיא געשיכטע פון אַלטע צייטען צייגט אונז אָן אויף גרויסע געזעצגעבער, און געוויס זיינען אזעלכע מענשען וויא מאַנו (ער ווערט גערעכענט פאַר דעם הויפּט־פערפאַסער פון דיא הייליגע געזעצביכער פון דיא אַלטע אינדוסען), מען (ער ווערט גערעכענט פאַר דעם פערפאַסער פון דיא עלטעסטע עגיפּטישע גע־זעץ), משה, סאָלאָן, ליקורג א. ז. וו. — געוועזען גרויסע גאונים; אבער אין אמת'ן האבען זיי נאָר צוזאַמענגעשטעלט אין א געוויסע אָרדנונג און בעסער אויסגעדריקט דיא געזעץ און מנהגים, וואס זיינען אין פערלויף פון ווער ווייסט וויא פיעל יאָהרען אָנגענומען געוואָרן פון דיא פעלקער, אום צו קענען פריעדליך לעבען אין געזעלשאַפטען. דיא עלטעסטע געזעצגעבונגען זיינען זעהר יונג אין פערגלייך מיט דיא ניט געשריבענע געזעץ, וואס פלעגען מינדליך איבערגעגעבען ווערן פון איין דור צום אַנדערן. ווען מען איז דערגאַנגען צו דער קונסט פון שרייבען און מען האט אָנגעפאַנגען צו פערצייכנען דיא געזעץ און רעליגיעזע פאָרשריפטען און צערעמאָניעס, האט מען נאַ־טירליך אזא וויכטיגע ארבייט איבערגעגעבען צו דעם קליגסטען אָנ־פיהרער אדער בעסטען ריכטער, וועלכע האבען אלעס צוזאַמענגע־קליבען, און דיא שפּעטערע דורות האבען גענומען בעטראַכטען דיזע פערזאָן אלס דעם אמת'ן פערפאַסער פון דיא „הייליגע" געזעצביכער. דיא שטרעבונג צו פריעדען, וועלכע האט געפיהרט צו דיא אָרגאַני־

זאציאָן פון שטאאטען, וויא מיר וויסען עס, האט צוגלייך בעוואָגע דיא מענשען צו בעשטימען געוויסע אלגעמיינע רעגעלען, וועלכע אלע זאָלען פאָלגען. דיא אָרגאניזאציאָן פון שטאאטען און געריכ־טען איז אַלזאָ געגאנגען האנט אין האנט אין דיא אינטערעסען פון דיא געזעלשאפטליכע גרופען.

דאָרט וואו עס זיינען אויפגעקומען שטאאטען נאך דעם מוס־טער פון שטרענג פאטריארכאלישע פאמיליען, וויא דיא אזיאטישע דעספּאָטיען — דאָרט איז דער הערשער נאטירליך פערבליבען דער הויפּט־ריכטער, נאר ער האט דאך שוין אליין ניט געקענט ענטשיי־דען אלע שטרייט־פראגען און משפט'ן אלע פערברעכער. א טהייל פון זיין מאַכט האט ער געמוזט איבערגעבען צו זיינע אנפערטרויטע דיענער, וועלכע זיינען געוואָרן דיא ריכטער. ער אליין האט געקענט און געמעגט ענטשיידען, וויא עס האט זיך איהם געלוסט, ער איז פאר קיינעם ניט פעראנטוואָרטליך געווען, אפילו ניט פאר דיא גע־טער, דען ער איז דאך גערעכענט געוועזן פאר א פערקערפּערטען גאָט, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא פאָריגע קאפּיטלעך. אבער זיינע אָנגעשטעלטע ריכטער זיינען געווען פעראַנטוואָרטליך צו איהם. זיי האבען איהם בעדארפט אָפּגעבען א רעכנונג פון זייער דין ומשפט און זיי האבען געמוזט זעהען, אז ער זאָל בלייבען צופריעדען מיט זיי און מיט זייערע ענטשיידונגען. אום צו קענען אויספיהרען זיין ווילען האבען זיי געמוזט האבען געוויסע אויסגעארביימע רעגעלען, און דאס האט נאטירליכערווייזע געפיהרט צו א בעשטימטע געזעצ־געבונג און צו א געוויסע אָרגאניזאציאָן פון רעגעלמעסיגע געריכטען.

דיא שטראָפען זיינען אָנפאנגס געווען זעהר גרויזאמע, וויא דיא מענשען זעלבסט. עין תחת עין, שן תחת שן איז געווען דער פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט. פאר גאנץ אונבעדייטענדע פערברעכען פלעגט מען בעשטראָפען מיט אָפּהאַקען גליעדער און אפילו מיט'ן טויט. ביז מען האט גענומען בויען געפענגניסע זיינען פאָריבער וועך ווייסט וויא פיעל יאָהרען. אפילו אין דיא צייטען, ווען אנ־שטאָט אויפצופרעסען קריעגס־געפאנגענע, האט מען זיי גענומען מא־כען פאר שקלאווען, איז א מענשען'ס לעבען זעהר ווייניג געשעצט

געוועזן. דיא וואס האבען ניט געפאַלגט דיא אַנגענומענע געזעץ און האבען געשטערט דעם פריעדען פון כלל, זיינען אָהן צערעמאָניעס געטויטעט געוואָרן. דיא שטראָף איז איבערהויפּט ניט געשאַצט געוועזן נאך דעם פערברעכען. דער פּאַטריאַרך, וועלכער האט בעטראַכט יעדע איבערטרעטונג פון זיין ווילען פאר א גרויסען פערברעכען, האט אין זיין צאָרן בעשטראָפט וויא ער האט געוועלט. אום מען זאל מורא האבען פאר איהם, האט ער געזוכט איינצושרעקען דורך גרויזאַמע שטראָפען. זייער כעס פלעגען דיא פּאַטריאַרכאַלישע הערשער אויסלאָזען צו גאַנצע שטאַמען, צו גאַנצע דערפער און געגענדען, אפילו צו ניט־לעבעדיגע זאַכען.

אין פאָריגען קאַפּיטעל איז שוין בעמערקט געוועזן, אז דער פערסישער דעספּאָט קסערקסעס האט געהייסען שמייסען מיט קייטען דעם ים, ווייל זיינע שיפען זיינען אונטערגעגאַנגען אין דער צייט פון א גרויסען שטורם, ווען ער האט זיי געשיקט צו פערניכטען דיא „חוצפה'דיגע" גריכען. דאס איז גאר ניט געוועזן אזא משוגעת, וויא מיר דיינקען עס יעצט. דער פערסישער דעספּאָט, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר א גאָט, האט אויף אזא ארט געוועלט בעשטראָפען דעם ים־גאָט וועמען ער האט געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך פאר דעם שטורם און דיא צערשטערונג פון זיינע שיפען. אזעלכע בעשטראָפונגען זיינען גאר ניט געוועזן אזא זעלטענהייט, און אין דער ביבעל זעלבסט געפינען מיר ביישפּיעלע פון אזא משונה'דיגע פּאַטריאַרכאַלישע גערעכטיגקייט. עס איז גערעכענט געוועזן פאר א גאַנץ געוויינליכע זאך צו בעשטראָפען גאַנצע פאַמיליען און זאָגאַר שטעט פאר דעם פערברעכען פון איין מיטגליעד. אפילו דיא צוקונפטיגע דורות זיינען גערעכענט געוועזן פאר מיטשולדיגע. דאס איז שוין געוועזן פערבונדען מיט רעליגיעזע אַנזיכטען מען האט נעמליך געגלויבט, אז דער בייזער גייסט פון דיא עלטערן גייט איבער צו דיא קינדער און קינדס־קינדער.

דיא ערשטע געזעץ און געריכטען זיינען נאַטירליך געוועזן קרימינעלע. אויסער גנבה זיינען דיא פערברעכען געוויינליך געוועזן געגען פערזאָנען, מייסטענס רויב פון פרויען און מאָרדען. דארום זיינען

אויף דיא שטראָפען געווען אזעלכע גרויזאמע. אונגעהאָרזאמקייט צו דיא פאטריארכען איז גערעכענט געווען פאר אונגעהאָרזאמקייט צו דיא געטער און איז דארום אויך זעהר גרויזאם בעשטראָפט געוואָרן. דיא ציווילנע אדער בירגערליכע געזעץ זיינען ענטשטאנען פיעל שפּעטער, הויפּטזעכליך ווען פּריוואט־אייגענטהום האט זיך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען. עס איז קלאָר, דאס זאָ לאנג אייגענטהום איז געווען געמיינשאפטליך, האט מען ניט בעדארפט האבען אונזערע יעצטיגע בערג מיט געזעץ וועגען קויפען, פערקויפען, ירושה, חובות, פּראָצענטען, באנקראָטען א. ז. וו. שטרייטען וועגען אייגענטהום האבען געקענט פאָרקומען צווישען פאמיליען און שטאמען, און דיזע שטרייטען זיינען געוויינליך ענטשיעדען געוואָרן דורך מלחמות און ניט דורך געריכטען.

אין דיא שטאאטס־אָרגאניזאציאָנען אויף דעם אויראָפּעאישען שטייגער זיינען דיא פערהעלטניסע פון דיא מיטגליעדער פון איין פאמיליע און פון דיא פאמיליען אין דיא געמיינדען געווען פיעל פערשיעדענארטיגער און קאָמפּליצירטער וויא אין דיא פאטריארכאלישע שטאאטען נאך דעם אזיאטישען מוסטער. דיא מאכט פון דיא פאטריארכען איז בעשרענקט געווען דורך דעם פאמיליען־ראטה. דאס שטראָף־רעכט פון דיא פאָטערס איז נאך זעהר גרויס, וויא דיא רוימישע געזעץ צייגען עס; אבער דיא שטאאטס־מאכט מישט זיך אלץ מעהר און ווייטער אריין אין דיא פאמיליען זעלבסט און בעשרענקט דיא רעכטע פון דיא פאָטערס. פריהער נעהמט מען ביי דעם פאָטער צו דאס רעכט צו טויטען זיינע קינדער און ווייבער, זיין רעכט זיי צו פערקויפען, און שפּעטער בעשרענקט מען אפילו זיין מאכט איבער זיינע שקלאווען. דיא געזעצגעבונגען פון גריכענלאנד און רוים בעווייזען דאס גאנץ קלאָר. דאס אויבער־רעכט איבער דיא פאמיליען געהערט צו דיא געמיינדען, וועלכע רעכענען זיך ספּעציעל מיט דיא אינטערעסען פון גאנצען כלל. דיא געמיינדע בעשטימט שוין, וויא דיא פאטריארכען דארפען זיך פיהרען און בעשטראָפט זיי, ווען זיי פאָלגען ניט און איבערטרעטען דיא אלגעמיינע רעגעלען.

וואס מעהר פּריוואַט־אייגענטהום עס ווערט איינגעפיהרט און איינגעוואָרצעלט, אַלץ נויטוועגדיגער ווערט עס פיר דיא געמיינדען און שטאַאטען צו רעגולירען דיא פערהעלטניסע פון דיא מיטגליעדער. דיא פאַמיליען זיינען פערבונדען מיט גלייכע רעכטע, און דיא געמיינדע מוז זאָרגען, אַז דיזע רעכטע זאָלען וויא ווייט מעגליך אָנגעהאַלטען ווערן אין דיא אינטערעסען פון פריעדען. דיא געמיינדע קען ניט דערלאָזען, אַז יעדער איינער זאָל פערטהיידיגען זיינע רעכטע און זיין חלק אייגענטהום מיט זיינע אייגענע קולאַקעס, דען זאָנסט וועט מען לעבען אין א שטענדיגען קריעגס־צושטאַנד. יעדער אַנשפּרוך אויף אייגענטהום מוז דאָרום אַנערקענט ווערן פון דער געמיינדע. נור דורך דיזע אַנערקענונג קריעגט מען דאַס רעכט צו בעזיצען אייגענטהום. זאָנסט הייסט עס רויב, און דיא געמיינדע בעשטראָפט דערפאַר וויא ווייט זיא קען נאָר. אום אויסצופיהרען איהר ווילען און איהרע בעשטימונגען, מוז זיא איינפיהרען א געריכט מיט פערשיעדענע פאָרמאַליטעטען. אַלע אָפּמאַכונגען וועגען אייגענטהום וויא קויפען, שיינקען, אויסטוישען א. ז. וו. דאַרפען זיין עפענטליכע, וועניגסטענס אין דער אַנוועזענהייט פון א בעשטימטע צאָהל עדות. אויך דאַרפען זיי פאָרקומען אויף א בעשטימטען אָרט און אין א בעשטימטע צייט. זאָנסט קריעגט מען ניט דיא נויטיגע חזקה. אין פאַל מען קען ניט גראַדע איבערגעבען אייגענטהום אויף דעם בעשטימטען אָרט און נאָך דיא בעשטימטע פאָרמאַליטעטען, מוז מען צוזאַמענרופען א געוויסע צאָהל שכנים אַלס עדות.

ביי פיעלע פעלקער זיינען איינגעפיהרט געוואָרן פערשיעדענע צערעמאָניעס מיט דעם צוועק צו געבען א חזקה אויף ערוואָרבענע זאַכען. מען האַט בעדאַרפט דורך עטוואָס בעווייזען דאַס אייגענטהומס־רעכט אויף א זאַך. דאַס וואָס מען טוט יעצט דורך געשריבענע דאָקומענטען, האַט מען אין דיא אַלטע צייטען געטאָן דורך א צייכען, א צערעמאָניע. דאָס איז אויך דער אורשפּרונג פון דעם זאָ־גענאַנטען „טאַבו" ביי דיא פעלקער אויף דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאַן. א טאַבו איז א מין חרם. א זאַך וואָס איז ערקלערט געוואָרן פאַר טאַבו קען נאָר געברויכט ווערן פון איהר

אנערקענטען איינענטהימער. דיא ווילדע פעלקער היטען שטארק אָפּ דיזע פערבאָטען און חרם׳ס, ווייל דערמיט זיינען אויך פערבונדען רעליגיעזע צערעמאָניעס. איינע פון דיא מיטלען צו מאַכען א זאַך פאר טאבו און צו קריגען דורך דעם חזקה אויף איהר בעשטייט אין דעם, דאס דיא זאַך ריהרט מען אָן מיט׳ן צונג, מאַכענדיג אזוי וויא מען וואלט איהר ארומלעקען. ביי דיא עסקימאָסען איז אויך איינגעפיהרט, אז זיי טראָגען צו צום מויל יעדע זאַך וואס זיי קויפען, מעג עס זיין אפילו א נאָדעל אדער א פּאַטשערקע.

דיא ערטער, וואס זיינען בעשטימט געווען פיר אויסטויש אדער האַנדעל מיט זאכען, האבען ביי דיא פראַנקען געהייסען „מאלבערג“. זיי האבען זיך געוויינליך געפונען לעבען דיא וואָהנונגען פון דיא אמאָ־ליגע פּאַטריארכען און ריכטער. אין דיא פאר־קריסטליכע צייטען האט מען אויף דיזע ערטער אויך געפראַוועט רעליגיעזע צערעמאָני־עס. אין דיא קריסטליכע צייטען זיינען דאָרטען געוואָרן קירכען־פּלעצער. אין קליינע דערפער פלעגט דער געריכט זיין אין דער הויז פון דעם עלטסטען אדער געמיינדע־מייסטער און אין דיא אַלטע שטעט פלעגט דער געריכטס־אָרט זיין אויף א פּלאַץ לעבען א קירכע. אזוי איז עס געווען אין פּראַג, בערלין, האַלע, ברעמען א. ז. וו.

אלגעמיינע אַנערקענונג אדער א פאָרמאלנע חזקה אויף גע־קויפטע, אויסגעביטענע אדער געשאָנקענע זאכען האט מען נאר גע־קראָגען, ווען דיא פערהאנדלונגען זיינען געשלאָסען געוואָרן אויף דיזע ערטער אין דער אַנוועזענהייט פון א סך פערזאמעלטע מענשען. אויף דעם אינזעל גאָטלאַנד האט מען קיין חלק לאַנד ניט געקענט פערקויפען אָהן דיא ערלויבנים פון דיא גאַנצע געמיינדע, וועלכע איז אָנפאנגס בעשטאַנען פון עטליכע פערוואנדטע פאַמיליען, דאס הייסט פון א צוזאמענגעשטעלטע פאַמיליע. אזוי איז עס אויך געווען אין אַנדערע ערטער, און דאס צייגט, אז מען האט נאך געדארפט קריגען דיא צושטימונג פון דער פאַמיליע ביי׳ן פערקויפען פון לאַנד, ווען אפילו קליינע פאַמיליען האבען זיך שוין אויסגעטהיילט פון דיא פריהערע גרויסע און געלעבט אין איין אָרט צוזאמען מיט פרעמדע פאַמיליען אין א׳ן אַקערבוי־געמיינדע.

אזוי וויא דאס אויבער־רעכט אויף לאנד־אייגענטהום איז מיט דער צייט איבערגעגאנגען פון דיא גרויסע פאטריארכאלישע פאמיליען צו דיא נייע געמיינדע־גרופען, זא האט אויך דיא געמיינדע געהאט צו געבען דיא נויטיגע ערלויבניס אויף אירגענד וועלכע ענדערונג אין דער פערטהיילונג פון לאנד־אייגענטהום. שפעטער אבער ווען דיא אלטע פאמיליען־פערבינדונגען און פערפפליכטונגען זיינען פערגעסען געווארן, ווען דאס אייגענטהומס־רעכט אויף לאנד איז אנערקענט געווארן אזוי וויא אויף בעוועגליכע זאכען, איז פון דער אלטער צושטימונג פון דער געמיינדע נאר פערבליבען א צייכען אין דער פארמאליטעט אדער צערעמאניע, דאס א סך מענשען זאלען זיין אנוועזענד אויף א בעשטימטען פלאץ ביי אלע אפמאכונגען וועגען אייגענטהום. מיר זעהען דא אלזא ווידער, וויא א׳ן אלטער מנהג, וועלכער האט אנפאנגס געהאט א העכסט וויכטיגען ראיעלען גרונד, נעמליך: דיא צושטימונג פון דער פאמיליע אויף דיא פערטהיילונג און פערקויף פון איהר אייגענטהום — איז אומגעוואנדעלט געווארן אין א פארמאליטעט, אין א חזקה־צערעמאניע, אהן וועלכע מען האט זיך שוין גאנץ פיין געקענט בעגיין.

אזוי וויא אויף דיא בעשטימטע געריכטס־פלעצער פלעגען זיך געוויינליך צוזאמענקומען א סך מענשען אין פייער־טעג אדער מארק־טעג, זא פלעגט מען אפליינען אלע אפמאכונגען וועגען האנדעל און דיא שליסונגען פון מינדליכע אדער געשריבענע קאנטראקטען אויף דיזע טעג. דיא מארקען און ירידען־פלעצער זיינען דארום אויך געווען געריכטס־פלעצער. אפילו חתונות פלעגט מען דארט מאכען. א ווייב איז בעטראכטעט געווען, וויא מיר וויסען עס שוין, פאר פריוואט אייגענטהום. אזוי וויא געזעצליכע אנערקענונג אויף אייגענטהום פלעגט מען נאר קריגען, ווען דיא קאנטראקטען זיינען געשלאסען געווארן אויף דיא ירידען אין דער אנוועזענהייט פון גאנצען פערזאמעלטען פאלק, דארום האט מען אויך דארטען געשלאסען הייראטהס־קאנטראקטען. דערפון האט געשטאמט דער מנהג צו פיהרען דיא כלה ארום דעם זא־גענאנטען „ראלאנד“ אדער דעם אלטען געריכטס־פלאץ. דארטען פלעגט מען אויך קויפען שקלאווען. ווען

קריסטענטהום איז איינגעפיהרט געוואָרן, האט דיא קירכע פטרנומען, וויא שוין אויבען בעמערקט, דיזע אלע געריכטס און האנדעלס־פּלע־צער, וואו מען פלעגט פריהער אויף בריינגען קרבנות צו דיא געטער און פּראָווען רעליגיעזע צערעמאָניעס. דאָרום פלעגט מען שפּעטער פריילאָזען שקלאַווען, מאַכען חתונות און בריינגען נייגעבאָרענע לעבען דעם אַלטאַר (מזבח) פון דיא קריסטליכע קירכען.

דיא העכערע געריכטען זיינען געווען דיא ערטער, וואו דיא פערטרעטער פון עטליכע פערבונדענע געמיינדען פלעגען זיך צוזאַ־מענטרעפען. דאָרט פלעגט מען שוין ענטשיידען שטרייטען צווישען געמיינדען וועגען זייערע גרענעצען און אנדערע אַנגעלעגענהייטען. א׳ן ענטשיידונג אויף אזא אָרט איז געווען דיא העכסטע חזקה. אין דיא עלטערע צייטען איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פונקטען פון דיזע אסיפות געווען וועגען דעם, וואס דיא רוימער האבען גערופען connubium, דאס הייסט אויסטויש פון כלות. אלע פערבינדונגען פון דיא רוימער מיט אַנדערע שטאַמען זיינען אָנפאַנגס געמאַכט גע־וואָרן צוליעב conubium און commercium (האנדעל). מיט דעם אויסטויש פון כלות איז אויך געווען פערבונדען גאולת הדם. וויא מיר האבען עס שוין געזעהען, איז דיא פּפליכט צו נעהמען נקמה פאר פערגאָסענע בלוט געלעגען אויף דיא פערוואַנדטע פון דער מו־טער׳ס זייט. אזוי וויא דיא מוטערס האבען געוויינליך געהערט צו אַנדערע שטאַמען וויא זייערע מענער, זאָ פלעגט א מאָרד ארויסרו־פען א שטרייט צווישען וועניגסטענס צוויי שטאַמען אדער געמיינדען. ווען עס פלעגט געשעהען א מאָרד פון א מאַן, וואס זיין מוטער האט געהערט צו א׳ן אנדער שטאַם, פלעגען איהרע ברידער דאַרפען נעהמען נקמה פון דיא מיטגליעדער פון דעם שטאַם, צו וועלכען דער מערדער האט געהערט. דאָרום זיינען דיא שטאַמען און גע־מיינדען געצוואונגען געווען זיך צו פערבינדען, אום פון איין זייט צו שליסען פריעדען צווישען דיא שטרייטענדע גרופּען און פון דער אנדער זייט צו בעשטראָפען דיא שולדיגע מיט דער אלגעמיינער צו־שטימונג.

אויסער דעם זיינען דיא אינטערעסען פון גאַנצען פערבאַנד ניט

זעלטען געוועזען אָנגעריהרט דורך דיא פערטהיילונגען אדער פערקויף פון לאַנד אין איין געמיינדע, בעזאָנדערס ווען דיזע לאַנד איז נעלע־גען לעבען א טייך, וואס האט זיך געצויגען דורך דיא שטיקער לאַנד פון אַנדערע פערבונדענע געמיינדען. אין אזעלכע פעלע איז שוין נויטווענדיג געוואָרן צו קריגען דיא צושטימונג פון אלע פעראינטע־רעסירטע געמיינדען. איבערהויפּט וואס מעהר דיא פערבונדענע פאַ־מיליען און שטאַמען האבען זיך צוזאַמענגעמישט און זיינען געקומען אין נעהענטערן פערקעהר, אלץ עפטער זיינען פאָרגעקומען פעלע, ווען דער גאַנצער פערבאַנד האט בעדאַרפט ענטשיידען און געבען זיין הסכמה. אויף אזא אַרט זיינען ביסלעכוויז ענטשטאַנען נידריגערע און העכערע געריכטען. נאר אזוי וויא עס איז מיט דער צייט געוואָרן אונמעגליך, דאס אלע מיטגליעדער פון געמיינדע זאָלען אנטהייל נעה־מען אין דער פערוואַלטונג פון קהל׳שע זאכען און אין דער ענטשיי־דונג פון שטרייטען און קלאַגען, זאָ איז דורך דעם ביסלעכוויז ענט־וויקעלט געוואָרן א סיסטעם פון פערטרעטערשאַפט. יעדע גע־מיינדע האט גענומען אויסוועהלען א בעשטימטע צאָהל ריכטער, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענקומען אין געוויסע אויסגעקליבענע ער־טער און ענטשיידען דיא פראַגען, וואס זיינען נוגע געוועזען דעם פער־באַנד.

דיא אַלטע גריכען, רוימער און גערמאַנען האבען געהאט אזעל־כע געריכטס־פלעצער אונטערן פרייען הימעל. נאך אין דיא גרויאַל־טע צייטען איז בעריהמט געוועזען דער אָרט „מאָנטע קאָנאָ“, וואו דער „לאַטיינישער פערבאַנד“ פלעגט האלטען זיינע אסיפות און געריכטען. אין פראַנקרייך זיינען געריכטען פערבליבען אויף אָפענע פלעצער אפילו אין דיא צייטען פון דעם קעניג לודוויג דעם 9־טען, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט און איז א קורצע צייט נאך זיין טויט אין 1270 יאהר געמאַכט געוואָרן פאר א הייליגען פון דער קאַטוילישער קירכע. דיזער קעניג פלעגט אויך אליין משפט׳ן זיצענדיג אונטער א דעמבענעם בוים אין ווענסען (א פאָרשטאָט פון פאַריז).

דיא אַלטע רוימישע געריכטס־פיהרונגען קענען דאָ ווידער

דיענען אלס ביישפּיעל פאר אלע אוויראָפּעאישע פעלקער. דיא ריכ־טער זיינען אָנפאַנגס געווען איינפאַכע מיטגליעדער פון דער געמיינ־דע, וואס דיא שטרייטענדע פלעגען רופען אלס עדות און פערמיט־לערס. זיי זיינען געווען מעהר וויא געוויינליכע עדות: זיי האבען אָפּ־געשעצט דיא זאכען, אויסגעהערט דיא טענות פוןביידע צדדים און געזאָרגט אז דער מסחר זאָל צוגיין ריכטיג. ווען זיי פלעגען צושטי־מען, פלעגען זיי דערמיט אויך גאַראַנטירען געגען שווינדעל און איינפאַך צווינגען, אז דער אָפּמאַך זאל ריכטיג אויסגעפיהרט ווערן. ניט זעלטען פלעגען זיי בענוצען זייערע קולאקעס געגען דעם צד, וואס האט געבראָכען דעם קאָנטראַקט. עס איז גערעכענט גע־ווען פאר א שאַנדע זיך אָפּצוזאָגען פון אזא פערמיטלונג, און ווען איינער פלעגט זיך אָפּזאָגען דערפון, פלעגט מען איהם ערקלערן פאר א'ן עהרענלאָזען און אונפעהיגען מענש.

א סמן פון דיזע עדות מיט קולאקעס איז נאך פערבליבען אין דיא רוימישע געזעצגעבונג אין דער צייט פון דער אימפּעריע. זאָ, צום ביישפּיעל, איז א פּרוי ניט אַנערקענט געווען אלס עדות ביי דיא צוזאמענשטעלונג פון טעסטאַמענטען; און דער אלטער גרונד דערפון איז געווען, דאס א פרוי האט דאך ניט שטארקע קולאקעס צו צווינגען דיא יורשים צו פאָלגען דעם לעצטען ווילען פון דיא, וואס האבען געלאָזען א ירושה מיט א צוואה.

דיא איינפיהרונג פון עדות־פערמיטלער איז שוין געווען א גרוי־סער שריט פאָראויס אין פערגלייך מיט דיא צייטען, ווען מען פלעגט אייגענהענטיג ענטשיידען שטרייטען. אויסער דעם האבען דיא פּער־זאָנען, וואס מען פלעגט מייסטענס רופען צו זיין אזעלכע עדות־פער־מיטלער צוליעב זייער ערפאַהרונג און קלאָרען פערשטאַנד אדער איינפאַך צוליעב זייערע שטאַרקע קולאקעס, געקראָגען אלץ מעהר אָנזעהען און אויטאָריטעט אין דיא געמיינדען. מען האט זיי אָנגע־פאַנגען צו בעטראַכטען אלס דיא פערטרעטער פון דער גאַנצער גע־מיינדע ביי שטרייטען און קאָנטראַקטען, דען עס פערשטייט זיך, אז אין זייערע האַנדלונגען האבען זיי זיך בעדאַרפט רעכענען מיט דיא מיינונגען און גלויבענס פון אלע מיטגליעדער. דאדורך איז שוין א'ן

עדות־פערמיטלער טהיילווייז געוואָרן אויף ריכטער, דען ער איז שוין געוועזן ערפאַהרען און פלעגט דאַרום בעשטימען וויא דיא פערהאַנדלונגען דאַרפען אָנגיין, אום זיי זאָלען קריגען געזעצליכע אנערקענונג. ווען איין זייט פלעגט ברעכען דעם אָפּמאַך, פלעגען דיא עדות־פערמיטלער אָנגעבען אלע איינצעלהייטען און אָנגענומענע פאָרמאַליטעטען און זאָגען זייער מיינונג, ווער עס איז שולדיג און וויא ווייט ער איז שולדיג. אזוי וויא דיא זעלבע פערהאַנדלונגען פלעגען נאַטירליך אָפּט פאָרקומען צווישען פערשיעדענע מיטגליעדער פון דיא געמיינדען, זאָ זיינען מיט דער צייט אויסגעאַרבייט געוואָרן בעשטימטע פאָרמען און ענטשיידונגען, נאך וועלכע מען פלעגט שוין האַנדלען וויא נאך אָנגענומענע געזעץ.

אויף דיא עקזיסטענץ פון פערמיטלער ביי אלע ציווילע פערהאַנדלונגען צייגט בעזאָנדערס אָן דיא קוריעזע רוימישע חזקה אויף זאכען, וואס האט געטראָגען דעם נאָמען „מאַניספאַציאָ“ און וואס בעדייטעט איינפאך: נעהמען מיט דער האַנט. דאס איז געוועזן דיא ערשטע און וויכטיגסטע חזקה אויף זאַכען. ביי דיא רוימער זיינען זאכען געוועזן פערטהיילט אויף „רעס מאַנסיפּי“ און „רעס נעק מאַנסיפּי“. דיא זאַכען וואס מען פלעגט איבערגעבען פון האַנד צו האַנד זיינען גערעכענט געוועזן פאר „רעס מאַנסיפּי“. דיא פאָרמע פון דיזען איבערגעבען איז געוועזן אזוי: אין דער אַנוועזענהייט פון וועניגסטענס פינף דערוואַקסענע רוימישע בירגער און נאך איינעם, וואס פלעגט האַלטען אין דיא הענט בראָנזענע וואָג, פלעגט דער קויפער אויסרופען האַלטענדיג אין דער האַנד א שטיקעל קופּער אדער דיא זאך זעלבסט (א מאָל פלעגט מען דאַרפען איינפאך אָנכאַפּען דיא זאך מיט דער האַנד): „איך ערקלער אז דיזער מענש (אדער זאך) איז מיינער נאך דעם רעכט פון קוויריטען (אזוי האט מען בעצייכענט דיא רעכטע פון א פרייען רוימישען בירגער) און אז ער ווערט געקויפט פון מיר מיט דיזען מעטאַל און דיזער וואָג“.

נאכהער פלעגט דער קויפער אָנריהרען דיא וואָג מיט דעם מעטאַל און אָפּגעבען דעם מעטאַל צום פערקויפער. דאס שטיקעל מעטאַל איז ניט געוועזן דער פרייז־ווערטה פון דיא געקויפטע זאך, נאר

בלויז א צייכען דערפון, דען אין דיא אַלטע צייטען פלעגען שטיקלעך קופּער דיענען אַלס געלט. אמאָל פלעגט מען וואהרשיינליך ניט בלויז אָנריהרען דיא וואָג מיט א שטיקעל מעטאַל, נאר איינפאַך אָפּוועגען אזוי פיעל קופּער, וויא פיעל מען האט אָפּגעמאַכט צו געבען פאר דיא נעקויפטע זאך. געשטעמפּעלטע מטבעות זיינען ערשט איינגעפיהרט געוואָרן ארום דער צייט, ווען מען האט אָנגענומען דעם געזעץ פון דיא 12 טאַבליצעס. דיא אַלטע חזקה־צערעמאָניע איז אבער לאַנג פערבליבען אין איהרע הויפּט־פּונקטען.

ביי קאָנטראַקטען וועגען חתונות, הלואות, אָפּצאָהלען חובות א. ז. וו. האבען אויך שטענדיג געמוזט זיין 5 עדות אויסער דעם l bripens (טרעגער פון דיא וואָגשאָלען). זיי פלעגען דארפען זיין ביי דיא פּראָצעסען, אום אָנצוגעבען וויא דיא קאָנטראַקטען זיינען געשלאָסען געוואָרן. דיא אורזאַכע, ווארום מען האט אין רוים גראָדע פערלאַנגט 5 עדות (אין מאַנכע פעלע אויך 10), איז ווייל דיא צאָהלען 5 און 10 האבען ביי דיא רוימער געהאט א בעזונדערע בעדייטונג. אלע זייערע רעכנונגען און פערטהיילונגען האבען דיא רוימער געמאַכט נאך דיא צאָהלען 5 און 10: דיא צייט איז גערעכענט געווען נאך 10 טעג, גענאַנט דעקאַדען; פאָלקסצעהלונגען זיינען געמאַכט געווען יעדע 5 יאָהר; דאס פאָלק איז צוטהיילט געווען אין 5 קלאַסען א. ז. וו.

וויא געזאָגט, זיינען דיא עדות פריהער געווען דיא פערמיטלער וועלכע האבען אייגענהענדיג געצוואונגען אויסצופיהרען ריכטיג דיא קאָנטראַקטען. אזא מאַכט פון עדות איז אנערקענט געוואָרן אפילו אין דיא געזעצע פון דיא 12 טאַבליצעס. דאס איז געווען „דיא אויספיהרונג פון געזעץ דורך ארויפלייגען דיא האַנט". ספּעציעל האט מען דיזען אַלטען מיטעל בענוצט ביי'ן אויפמאָהנען א חוב ביי איינעם, וואס האט ניט געקענט אדער ניט געוועלט בעצאָהלען. אין דער בעגלייטונג פון דיא עדות־פערמיטלער ביי דער הלואה פלעגט דער קרעדיטאָר אויפזוכען דעם בעל חוב און אויף איהם ארויפלייגען דיא האַנט. דערביי פלעגט ער אויסרופען דיא בעשטימטע דערצו ווערטער. דער בעל חוב האט געמוזט פאָלגען און נאָכגיין זיין קרע־

דיטאָר, וועלכער איז בעשיצט געוועזן פון דיא עדות. פאר דעם בעל חוב האט זיך אימיצער געמעגט אָננעהמען. אזא פערזאָן האט מען גערופען „ווינדעקס", און געוויינליך איז עס געוועזן איינער פון דעם בעל חוב'ס פערוואנדטע. דער ווינדעקס פלעגט פערטרעטען דעם בעל חוב און פיהרען א פראָצעס מיט דעם קרעדיטאָר; אין פאַל ער פלעגט פערלירען דעם פראָצעס, פלעגט ער אליין מוזען בעצאָהלען דעם חוב. דער קרעדיטאָר האט אויך געהאַט דאס רעכט צו פער־כאַפּען א זאַך ביי דעם בעל חוב אין דער אנוועזענהייט פון עדות און דיא זאַך פערהאַלטען ביז ער וועט קריגען בעפריעדיגונג פון דעם בעל חוב. דערביי האט דער קרעדיטאָר נאר בעדאַרפט אויס־שרייען דיא בעשטימטע דערצו ווערטער.

דער קלעגער האט איבערהויפּט בעדאַרפט אליין ברייננגען צום געריכט דעם אָנגעקלאָגטען. דיא געזעץ פון דיא 12 טאַבליצעס בעשטימען דיא פאָרמען, וויא דאס דאַרף צוגיין און וואס דער קלע־גער דאַרף זאָגען בשעת ער פאַקט דעם אָנגעקלאָגטען. דער אָנגע־קלאָגטער האט געמוזט פאָלגען, זאָנסט פלעגט ער געצוואונגען ווערן פון דיא עדות נאכצופאָלגען דעם קלעגער. ווען דער אָנגעקלאָגטער איז געוועזן אַלט אדער קראַנק, איז דער קלעגער פערפפליכטעט גע־ווען איהם צו ברייננגען אויף דעם געריכטס־אָרט אין א וואָגען, אויף א פערד אדער אויף א'ן עזעל. אנשטאָט דעם אָנגעקלאָגטען האט געמעגט קומען זיינער א שטעלפערטרעטער, א ווינדעקס. מיט דער צייט איז פון א ווינדעקס געוואָרן א'ן איינפאַכער גוט־זאָגער.

אָט אזוי האט זיך עס ביסלעכווייז ענטוויקעלט דיא יוריספּרו־דענץ ביי אלע פעלקער, נאר בעזאָנדערס ביי דיא רוימער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קונסט צו פערוואַלטען און צו בעהערשען. זיי האבען אויסגעאַרבייט אזא פאָלקאָמענע סיסטעם פון יוריספּרודענץ, אז זיא איז פערבליבען אלס מוסטער אויך אין אונזער צייט.

איידער דיא רוימישע סיסטעם איז אין גאַנצען איינגעפּיהרט געוואָרן ביי אלע אייראָפּעאישע פעלקער, זיינען וויכטיגע פּראָצעסען פערהאַנדעלט געוואָרן אויף פאָלקס־געריכטען. דיא ריכטערס זיינען

אייגענטליך נאר געווען דיא פּרעזיצענדע. זייערע ענטשיידונגען האָבען ניט געהאַט דיא קראַפט פון א געזעץ זאָ לאַנג דאס פאלק האט דערצו ניט צוגעשטימט. דיא ריכטערס, וועלכע האבען געטראָגען ביי דיא גערמאַנער דעם נאָמען שעפען, זיינען נאטירליך געווען אויסגעקליבען פון דיא אָנגעזעהענסטע און ערפאהרענסטע מיטגליעדער אין דעם געמיינדע־בונד, און זיי האבען דאַרום געהאַט א גרויסע דעה. זיי פלעגען שוין אויסקלייבען עטליכע „גערענקמענער", וועלכע זיינען געווען א מין דזשורי און האבען פערטראָטען דיא מיינונגען און אינטערעסען פון דער געמיינדע. דיא שעפענס מיט דיא גערענקמענער פלעגען נעהמען אַנטהייל אין דיא אלגעמיינע געריכטען פון דעם געמיינדע־פערבאַנד. ביסלעכווייז אבער האבען דיא שעפענס אָנגעפאַנגען אויסצוטהיילען זיך אליין מעהר פון פאָלק אלס ספּעציעלע ריכטערס. דאס איז געקומען דורך דעם, וואס מיט דער צייט האט מען אליין מעהר געמוזט קענען דיא פריהער אָנגענומענע געזעץ און פיהרונגען. דאס פאָלק האט זיך געמוזט פערלאָזען אויף דיא קענערס פון יוריספּרודענץ, און דיזע קענערס האבען אליין גענומען ענטשיידען דיא שטרייט־פראַגען און פּראָצעסען. צולעצט איז ביי'ן פאָלק נאר פערבליבען א רעכט אויסצודריקען דורך אפּלאָדיסמענטען זיין צושטימונג צו דיא ענטשיידונגען פון דיא שעפענס.

דיא ערשטע קרימינאַל־געריכטען, וועלכע זיינען איינגעפיהרט געוואָרן אום אָפּצושאַפען גאולת הדם, וויא מיר ווייסען עס שוין, זיינען צוזאַמענגעשטעלט געווען פון דיא עלטסטע אדער פּאטריארכען. דער צוועק פון דיזע געריכטען, וויא פון אלע אנדערע, איז נאטירליך געווען אָנצוהאלטען פריעדען און צו פערמיידען אייגענהענדיגע האַנדלונגען, פויסטרעכט. דיא ערשטע דייטשע קרימינאַל־געריכטען פלעגען נאר ארויסלאָזען א פּסק. דיא אויספיהרונג פון דעם פּסק פלעגען זיי איבערגעבען צו דעם קלעגער זעלבסט אדער צו זיינע פערטרעטער. עס איז אוועק א צייט ביז בעשטימטע פּערזאָנען זיינען אנפערטרויט געוואָרן אויסצופיהרען דיא אורטהיילען פון דיא געריכטען. דער קרימינאַל־געריכט פלעגט אלזאָ נאר געבען דער בעליידיגטער זייט א רעכט צו נעהמען נקמה מיט דער צושטימונג פון דער גאַנ־

צער געמיינדע, אייגענטליך דעם זעלבען רעכט, וואס דער גואל הדם האט זיך פריהער אליין גענומען. דורך דיזע אנערקענונג פון קרימי־נאל־געריכט האט שוין אבער דער בעליידיגטער ניט געקענט ליידען אדער פערפאלגט ווערן פאר זיין נקמה נעהמען. דער פערברעכער פלעגט פערלירען יעדען רעכט צו זיין בעשיצט פון דער געמיינדע, און ביי דער אויספיהרונג פון דער שטראף האט שוין דער נקמה־נעהמער געהאט דיא שטיצע פון דער געמיינדע. דעם פעראורטהיי־לטען פערברעכער׳ס אייגענטהום און לעבען פלעגען ווערן הפקר.

ביסלעכוויז האט מען גענומען איינפיהרען געלט־שטראפען פאר אלע פערברעכען, אפילו פאר מארדען. אין דיא אלטע דייטשע גע־ריכטען פלעגעןביידע זייטען, דער קלעגער און דער אנגעקלאגטער אייניגען געוויסע סומען אלס פארי אדער וועט־געלט, אז זייערע טענות זיינען ריכטיג. און דיא זייט, וואס פלעגט פערלירען דורך ענטשיידונג פון דיא ריכטער, פלעגט אויך פערלירען דאס וועט־געלט. דיזער פערלוסט איז געווען גערעכענט פאר דיא שטראף. וואס אנ־בעלאנגט צו דיא געלט־שטראפען פאר מארדען, זא האט מען זיי ביסלעכוויז איינגעפיהרט ניט אלס א בעלוינונג פאר דעם פערלוסט פון א מענשליכען לעבען, זאנדערן אלס א בעפריעדיגונג דעם גואל הדם דערפאר, וואס ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין רעכט צו נעהמען נקמה. אין זיין קאמפף מיט׳ן מערדער וואלט דער גואל הדם געקענט עפעס געווינען, ווען ער וואלט ארויס דער זיעגער. ווען ער האט זיך אבער אין דיא אינטערעסען פון דער געמיינדע אפגעזאגט פון זיין רעכט צו נעהמען נקמה, האט ער דערפאר גע־מעגט פערלאנגען, אז דיא געמיינדע זאל איהם גאראנטירען א געווי־סע בעלוינונג פאר אזא האנדלונג, דורך וועלכע ער האט ניט גע־קענט צופריעדענשטעלען זיין ראכע־געפיהל און אויך ניט פערכאפען דעם מערדער׳ס זאכען אין פאל פון א זיעג. דיזע גאראנטיע איז געווען דיא ענטשיידונג פון דער געמיינדע, אז דער מערדער דארף צאהלען דעם גואל הדם א בעשטימטע סומע אלס שטראף.

אנפאנגס איז דער גואל הדם ניט געצוואונגען געווען אנצונעה־מען אירגענד וועלכע געלט־שטראף פון דעם מערדער אלס „קאמפא־

זיציאָן" אדער בעפרידיגונג. ער האט געמענט פאָרדערן זיין אלטען רעכט צו נעהמען אליין נקמה. דארום פלעגט דיא נעלטשטראָף פאר א מאָרד ניט געגעבען ווערן צו דיא קינדער און צו דער פרוי פון דעם ערמאָרדעטען, הגם זיי האבען דאך ספּעציעל געליטען דורך דעם מאָרד, זאָנדערן צו דיא יעניגע, וועלכע האבען בעדארפט נעהמען ראכע פאר דיא פערגאָסענע בלוט.

עס פערשטייט זיך, אז אין דיא צייטען, ווען מען האט נאך ניט געוואוסט פון שרייבען אדער ניט בענוצט געשריבענע דאָקומענטען, זיינען דיא בעווייזע אין אלע געריכטען און ביי אלע פּראָצעסען צוגעשטעלט געוואָרן נאר דורך עדות. אין דיא אלטע צייטען זיינען אבער פאר עדות גערעכענט געווען ניט בלויז לעבעדיגע מענשען, זאָנדערן אויך געשטאָרבענע. דאס שיינט אונז ווילד און אונגלויבליך, אבער אזוי איז עס געווען און אנדערש האט עס אויך ניט געקענט זיין. אלעס וואס מיר וויסען שוין פון דיא פריהערע קאפּיטעלעך וועגען דעם אמאָליגען גלויבען אין דיא גייסטער אדער נשמות פון טויטע, גיט אונז א גענינגענדע ערקלערונג, וואָרום מען האט זיך אויך ביי פּראָצעסען בענוצט מיט דער גייסטער-וועלט, אום צו דערגיין דיא וואָרהייט, ווען דורך לעבעדיגע עדות האט מען עס ניט געקענט בעווייזען. מיר האבען שוין געזעהען, אז מען האט געגלויבט, דאס דיא שאָטענס אדער גייסטער פון דיא פערשטאָרבענע וואנדערן ארום צווישען דיא לעבעדיגע און מישען זיך אריין אין אלע אנגעלעגענהייטען פון דיא לעבעדיגע. מיר האבען אויך געזעהען, אז פאר דיא טויטע פלעגט מען זאָגאר איבערלאָזען שפּייז אויף דיא קברים, אז מען פלעגט זיי זוכען גוט צו מאכען דורך געבעט און קרבנות. עס איז דארום געווען גאנץ נאטירליך צו זוכען צו דערגיין דיא וואָרהייט ביי פּראָצעסען דורך דער גייסטער-וועלט.

וויא אזוי האט מען עס אבער געקענט דערגיין? דיא גייסטער ענטפערן דאך אליין ניט, און ניט אלע מאָל ווילען זיי ענטפערן דיא פריעסטער און מכשפים. דאָ האט מען שוין געמוזט זוכען געוויסע אָנווייזונגען, געוויסע צייכענס, אָפּשפּרעכונגען א. ז. וו. קורץ, מען האט זיך געמוזט בענוצען מיט דיא רעליגיעזע צערעמאָניעס.

וועלכע מען האט איבערהויפט געברויכט ביי דער פערגעטערונג פון יער גייסטער־וועלט. דאס וואס מיר בעטראכטען יעצט אלס צופאל אדער אלס רעזולטאט פון נאטירליכע אורזאכען, האט מען אמאל גערעכענט פאר דיא ווירקונגען פון דיא גייסטער און געטער. אלעס וואס דער מענש פערשטייט ניט מיט זיין אייגענעם שכל, בעטראכט ער פאר א דירעקטע אריינמישונג פון א׳ן איבערנאטירליכע אדער געטליכע קראפט. אזוי איז שוין דעם מענשען׳ס דיינקונגס־קראפט בעשאפען. און עס פערשטייט זיך, אז ווען מענשען האבען ניט גע־קענט ערקלערן דיא מינדעסטע נאטירליכע ערשיינונג, האבען זיי אין יעדע זאך געזעהען א גייסט אדער דיא ווירקונג פון א גייסט. מען האט דארום אויך געגלויבט, אז א פערברעכען איז אדער דירעקט ארויסגערופען געוואָרן פון א גייסט אדער יעדענפאלס בעגאנגען גע־וואָרן מיט זיין וויסען. דיא פארצייטיגע מענשען האבען פעסט גע־גלויבט, אז פון דער גייסטער־וועלט האט מען קיין זאך ניט געקענט בעהאלטען און אז מען קען ביי זיי דערגיין יעדע געהיימנים, ווען מען זאל נאר געברויכען דיא ריכטיגע מיטעל דערצו.

דער אבערגלויבען און דיא ערפינדונגס־קראפט פון מענשען האבען אויסגעטראכט זעהר פערשיעדענע וועגען און מיטלען אויסצו־פרעגען און צו קריגען אנטוואָרטען ביי דיא גייסטער און געטער. מען קען אָנפילען גאנצע ביכער מיט אפילו קורצע בעשרייבונגען פון דיזע מיטלען. דער אלגעמיינער נאָמען פאר זיי איז אָראקעל (פון דעם לאטיינישען וואָרט orate, וואס הייסט: ריידען). אָנפרעגען א׳ן אָראקעל האט געהייסען אויספרעגען דעם ווילען פון דיא געטער דורך בעשטימטע פריעסטער. אין גריכענלאנד און רוים זיינען געווען גע־וויסע בעזאָנדערס בעריהמטע אָראקעלן, וועלכע מען פלעגט קומען אָנפרעגען פון דיא וויטעסטע ערטער. דער בעריהמטעסטער איז געווען אין דעם דעלפיער טעמפעל, וואו א פריעסטין, וואס מען האט גערופען פיטהיע, פלעגט ענטפערן אויף פראגען אין נאָמען פון גאָט אפאָלאָן. איידער זיא פלעגט אָנפאנגען צו געבען איהרע צוויידייטיגע אנטוואָרטען (עס פערשטייט זיך, אז דיא פריעסטער פלעגען ספעציעל זוכען צו געבען אנטוואָרטען, וועלכע עס זאל זיין

וואס שווערער צו פערשטיין און צו פערטייטשען), פלעגט זיא פאַס־טען דריי טעג. נאכהער פלעגט זיא קייען לאָרבער־בלעטער און פלעגט דערפון ווערן זעהר אויפגערעגט און בערוישט. אין דיזען היס־טערישען צושטאַנד פלעגט זיא זיך זעצען אויף א דרייפיסיגען ביינ־קעל איבער א׳ן עפענונג, פון וועלכע עס פלעגען זיך אויפהויבען בע־רוישענדע גאַזען. איהר גאַנצער קערפּער פלעגט דאַן ציטערן, איהרע האָר פלעגען זיך שטעלען קאַפּויר און פון איהר פערקרימטען מויל פלעגט ארויסגיין שוים. ערשט דאַן איז זיא געווען פערטיג צו גע־בען אַנטוואָרטען אין נאָמען פון גאָט אויף אלע פראַגען, וועלכע מען האט איהר געשטעלט. וואס פאר א׳ן אונזין עס פלעגט ניט ארויס פון איהר מויל, האט מען עס אָנגענומען פאר א געטליכע אַנטוואָרט און זיך געבראָכען דעם קאָפּ צו פערטייטשען עס נאך׳ן שכל.

ביי נאכפאָרשונגען וועגען פערברעכען איז דער געוויינ־ליכסטער מיטעל געווען צו וואַרפען גורל. דיזער מיטעל איז אָנגעווענ־דעט געווען ביי אלע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופע. ביי אידען פלעגט מען אויך דורך גורל זוכען ביי שטאַמען און פאַמיליען אויב אונטער זיי געפינט זיך ניט דער פערברעכער. דיא כהנים פון מצרים פלעגען טראָגען מיט זיך א זעקעל מיט גורל׳ס ביי פּראָצע־סען, אין וועלכע זיי פלעגען שוין צוליעב דעם אליין אַנטהייל נעהמען. דיזע פערבינדונגען פון געריכטען מיט געטליכע בעווייזע האט נאַטיר־ליכערווייזע געפיהרט דערצו, אז דיא טעמפּלען און איבערהויפּט פּלע־צער פון גאָטעס־דיענסט, בעזאָנדערס ערטער, וואו מען פלעגט בריינ־גען קרבנות, זאָלען צוגלייך זיין געריכטס־ערטער. אין אפריקא ווערן נאך יעצט געברויכט פערשיעדענע מיטעל, וועלכע ענדיגען זיך מיט א גורל, ווען מען זוכט אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען פערברעכער. ביי דיא אַלטע אינדוסען פלעגט דער אָנגעקלאָגטער זיך מוזען צו־ריהרען צו דיא געצקעס (און דאס האט בעדייטעט צו דיא געטער זעלבסט) און פערלאַנגען פון זיי א שטראָף, אויב זיינע ווערטער זיי־נען פאַלש. אלע אינדוסען זיינען געווען איבערצייגט, אז אויף דיזער ארט וועט זיך ארויסצייגען דיא וואַהרהייט, דען דיא געטער וועלען דאך געוויס בעשטראָפען דעם מאַן, וואס האט ניט מורא געהאַט פאר

זייער צאָרן. עס איז געווען אָנגענומען, אז דיא פּערזאָן וואס האט פאַלש געשוואָרען אין נאָמען פון דיא געטער, ווערט זיכער בעשטראָפט ווערן אין פערלויף פון א יאָהר. אזא אַבערגלויבען איז נאך איינגעוואָרצעלט ביז היינט צו טאָג ביי דעם פּראָסטען עולם אין אייראָפּאַ: מען גלויבט נאך אלץ, אז דער וואס האט פאַלש געשוואָרען ווערט ניט איבערלעבען א יאָהר. דיא אינדוסען פלעגען נאך אריינגעהמען אין זייער שבועה פאר דיא געטער זייערע קינדער און ווייבער, זאָ דאס ווען איינער פון דער פאַמיליע פלעגט שטארבען אין פערלויף פון א יאָהר נאך זיין שבועה, איז דאס גערעכענט געווען אלס א שטראָף פאר פאַלש שווערען.

איבערהויפּט האט מען געגלויבט, אז נאך דעם שיקזאַל פון דיא זאַכען, וואס מען האט אריינגערעכענט אין דער שבועה, קען מען אויסגעפינען דעם וואהרען פערברעכער. אַבערגלויבען איז נאך יעצט אזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט ביי מאַסען מענשען אפילו אין דיא ציווילי־זירטעסטע לענדער, אז מיר דאַרפען זיך גאר ניט וואונדערן וואס דיא פּארצייטיגע מענשען האבען ניט נאר געגלויבט אין דיא ארייני־מישונג פון דיא גייסטער און געטער אין אלע מענשליכע אנגעלע־גענהייטען, זאָנדערן האבען אויך דיזען גלויבען דירעקט אָנגעווענדעט צו זייערע שטרייטען און פּראָצעסען. קיינער האט ניט געצווייפעלט אז דיא שבועה אין נאָמען פון דיא געטער מוז ווען עס איז מקוים ווערן, אז דער וואס האט פאַלש געשוואָרען מוז פריהער אדער שפּע־טער בעשטראָפט ווערן. אבער אין דער ווירקליכקייט האט מען נאַטירליך ניט פערפעהלט איינצוזעהען, אז דיא ווירקונגען פון דער שבועה זיינען יעדענפאַלס זעהר לאַנגזאַם, אז דיא זינדיגע ווערן דאך ניט בעשטראָפט פאר פאַלש שווערען. ביי פּראָצעסען, וואו דיא אינטערעסען פון דיא שטרייטענדע האבען פערלאַנגט א שנעלע ענדע, האט מען דארום געזוכט אַנדערע מיטעל צו דערגיין דיא וואַהרהייט. איינער פון דיזע מיטעל איז געווען דיא אָ ר ד אַ ל י ע, דאס הייסט א שבועה מיט א פּראַקטישע פּראָבע אויסצוגעפינען דעם ווילען פון דיא געטער. גלייך נאך דער שבועה פלעגט מען דעם אָנגעקלאָגטען שטעלען אין אזא געפעהרליכע לאַגע, אז דיא שטראָף פון דיא

געטער פאר א פאַלשע שבועה זאל זיך וואס שנעלער ארויסווייזען.

אזעלכע פראָבעס זיינען זעהר פערשיעדען ביי אלע פעלקער. ביי דיא נערמאַנישע פעלקער איז דיא געברויכליכסטע פראָבע געווען א געריכטס־געפעכט אדער א דועל. דער קלעגער און אָנגעקלאָג־טער פלעגען ארויסגיין פעכטען מיט זייערע שווערדען. דער געווינער איז גערעכענט געווען פאר דעם גערעכטען. מען האט פעסט גע־גלויבט, אז ביי אזא געפעכט וועלען דיא געטער שטיצען דיא גע־רעכטע זייט און בעשטראָפען דעם וואס האט פאַלש געשוואָרען. פאר דיא ריכטער איז דאַן נאר געבליבען ארויסצולאָזען א פסק, אז דיא גערעכטיגקייט און דיא געטער זיינען אויף דער זייט פון דעם זיגנער. נאך דיא אַלטע זאקסישע געזעץ פלעגט מען איינשווערעןביידע זייטען, דעם קלעגער און דעם אָנגעקלאָגטען. איין זייט האט דאך אַלזאָ זיכער פאַלש געשוואָרן, און גאָט'ס משפט האט זיך גע־מוזט ארויסווייזען, דען איינער פון דיא נעגנער האט דאך געמוזט זיגען. דעם געפעכט פלעגט מען אָנפאַנגען נאך דעם אויסרוף ביי דער שבועה: „זאָ וואהר מיר גאָט העלפע צו דיזען קאמפף!" אנ־דערע פראָבעס זיינען געווען מיט פייער, אָנגעברענטע אייזען, קאלטע וואסער, געוויסע געטרענקע און שפייזען א. ז. וו. ווער עס פלעגט אויסאַלטען דיא פראָבע, פלעגט גערעכענט ווערן פאר דיא גערעכטע זייט. דאס איז געווען דער בעסטער בעווייז פון אונשולד. נאר גע־וויינליך זיינען דיא פראָבעס געווען אזעלכע שווערע און פּייניליכע, אז מען פלעגט זיי ניט קענען אויסהאַלטען, און דאַן פלעגט פאַלגען דיא אונבאַרמהערציגע שטראָף, געוויינליך דיא טויט־שטראָף. דיא פּייניגונגען און אלע צוואַנגס־מיטעל ביי דער אונטערזוכונג פון פער־ברעכען שטאַמען אויף טהיילווייז פון דיזע אָרדאַליען אדער געטליכע געריכטען.

ווען דיא קריסטליכע קירכע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין אייראָפּאַ האט זיא גענומען איינפיהרען א ריין רעליגיעזע אָרדאַליע, נעמליך דיא צערעמאָניע וואס טראָגט דעם נאָמען הייליגע אוי־קאַריסטיע (ד. ה. דיא ברייט און וויין וואס שטעלען פאָר דעם קערפּער, דיא נשמה און דאס בלוט פון יעזוס קריסטוס). אזא שבועה

איז נעוועזן און ווערט גערעכענט פאר דיא העכסטע נאך דיא לעה־רען פון דער קריסטליכער קירכע. דערמיט האבען דיא קריסטליכע גייסטליכע געזוכט ניט נאר צו פערשטארקען זייער איינפלוס, זאָנ־דערן אויך אָפּצושוואכען דיא געריכטס־געפעכטען און אנדערע פראָ־בעס, וועלכע זיינען פערבליבען פון דעם פריהערן געצענדיענסט.

דער פּרינציפּ פון דער אָרדאַליע אדער גאָט׳ס משפט איז אבער פערבליבען אין דער נייער קריסטליכער פאָרמע. דיא נעוויינ־ליכע שבועות און דיא אָרדאַליען, וועלכע זיינען אָנפאַנגס נעווען ענג פערבונדען, האט מען דארום ביסלעכווייז גענומען אָפּטהיילען. נאר אין זעהר וויכטיגע פעלע און אליץ זעלטענער האט מען ערלויבט אין געריכטען דיא געפעכטען און דיא געצענדינערשע פאָרמען פון גאָט׳ס משפט. מען האט אויך ביסלעכווייז אָנגעהייבען איינצוזעהען, אז דורך אזעלכע מיטעל קען מען דאך ניט דערגיין דיא וואהרהייט. דיא זיטען זיינען עדעלער געוואָרן, און דיא פראָבעס מיט דיא פּיי־ניגונגען האט מען גענומען בעטראכטען אלס א בארבאריי. דיא געפעכטען זיינען נאר פערבליבען אונטער דיא ריטער, מייסטענס אין עהרען־פראגען. דיא היינטיגע דועלען זיינען א צייכען פון דיזע רי־טערליכע זיטען און מנהגים. מען האט געהאלטען, אז עהרען־פראגען געהערען ניט צו געריכטען, נאר דארפען ענטשיידען ווערן איינענ־הענטיג פון דיא ריטער זעלבסט. א פלעק אויף דער עהרע פון א ריטער, האט מען געדיינקט, קען נאר אָפּגעוואשען ווערן דורך א דועל, און אזוי דיינקען אויך יעצט געוויסע קלאסען מענשען, מייסטענס אריסטאָקראטען און מיליטעריסטען, אין געוויסע לענדער, וואו דועלען ווערן גערולדעט און זיינען נאך אין דער מאָדע.

אין אלגעמיינען איז דיא שבועה אליין, אָהן געפעכטען און בארבארישע פראָבעס, פערבליבען אלס א וויכטיגער בעווייז אין גע־ריכטען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער. איהר בעדייטונג איז גרעסער געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון דער קריסטליכער רעליגיאָן, ווייל פאר פאלש שווערען האט מען אויף געסטראשעט מיט שטראָפען אויף יענער וועלט. דיא שטראָף פאר א פאלשע שבועה איז געוועזן און ווערט גערעכענט א דאָפּעלטע: אי אויף דער וועלט (נאטירליך, ווען

מען געפינט עס אויס) אי אויף יענער וועלט. אלע שרעקען פון ניהנם ערוואַרטען דעם וואס האט פאַלש געשוואָרען. דיא פאָרמע פון דער שבועה איז דאַרום געענדערט געוואָרען. אנשטאָט צו זאָגען: „זאָ וואהר מיר גאָט העלפע צו דיזען קאמפף“, פלעגט מען שוין זאָגען: „זאָ וואהר מיר גאָט העלפע צו א י י ב י נ ע ז ע ל י ג ק י י ט“.

דיא פאָרמע פון שבועות האבען זיך איבערהויפט געענדערט מיט דער צייט לויט נאך דיא רעליגיעזע אַנזיכטען. אין דיא געצענדינער־שע צייטען האט מען גערעכענט, אז א שבועה קען נאר זיין גילטיג, ווען זיא ווערט געגעבען אין דער אַנוועזענהייט פון א גאָט אויף דעם געריכט זעלבסט, וואס איז געוויינליך אויף געווען דער אָרט פאר קרבנות און רעליגיעזע צערעמאָניעס, וויא מיר ווייסען עס שוין. דאַ־רום פלעגט מען ביי א שבועה אָנריהרען געצקעס אדער אַנדערע זאכען, וואס זיינען בעטראַכטעט געווען אלס פערקערפערונגען פון דיא געטער. קריגערישע שטאַמען האבען זעהר פערעהרט פאמיליען־שווערדען, וויא מיר ווייסען עס שוין, דאַרום פלעגען זיי מייסטענס מעבען שבועות מיט זייערע שווערדען אדער אַנדערע געוועהר אין דיא הענט. דיא קריסטליכע קירכע האט לאַנג געפּרעדיגט גע־גען דיזען געצענדיענערשען מנהג, וויא געגען פיעלע אַנדערע. דיא גלחים האבען געזוכט איינצופיהרען אנשטאָט דיא פריהערע געצקעס קריסטליכע הייליגע זאכען ביי שבועות, וויא צום ביישפּיעל, דיא ביי־נער פון הייליגע, איקאָנעס (הייליגע בילדער), קרייצען א. ז. וו. אָהן דיזע זאכען האט א שבועה אָפּט קיין שום בינדענדע קראַפט ניט געהאַט פאר דיא שבועה־געבערס. זאָ איז עס בעקאַנט פון דער גע־שיכטע דער פאַל דאס דיא געזאַנדטע פון דיא אַלטע פראַנקען האָ־בען אָהן שום שאלות און מעלות געבראָכען זייער שבועה, וועלכע זיי האבען געגעבען אָנריהרענדיג זיך אָן א קעסטעלע מיט דיא ביינער פון א הייליגען, ווייל דורך א שווינדעל האט מען פריהער ארויסגע־גנב'עט דיא ביינער פון דאָרטען. דיזע געזאַנדטע האבען ספּעציעל גע־מאַכט דיזען דיפּלאָמאַטישען דריידעל, אום זייער שבועה זאל זיין ניט גילטיג פאר זיי.

נאך דיא אַנזיכטען פון דיא אויראָפּעאישע פעלקער, וועלכע

האבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, זיינען דיא הייליגע גע־
שטאַנען נעהענטער צו דיא מענשליכע אַנגעלעגענהייטען אויף דער
וועלט, וויא גאָט. דיא פערעהרונג פון דיא קריסטליכע הייליגע איז
אייגענטליך געוועזען א פאָרטזעטצונג פון דעם אַלטען גלויבען אין גייס־
טער. דארום פלעגט מען אויך געברויכען דיא פאָלגענדע פאָרמע ביי
שבועות: „זאָ וואהר מיר גאָט העלפע און זיינע ליעבע הייליגע“.
ביסלעכוויין האט מען אנשטאָט דיא ביינער פון הייליגע און אַנדערע
אזעלכע געטליכע זאכען גענומען געברויכען ביי שבועות דעם אַלטען
און דעם נייעם טעסטאמענטען אדער דיא יעוואַנגעליע אליין. דאַן
האט מען עס ערשט אָנגעפאנגען צו ערקלערן, אז מען שווערט איי־
גענטליך ניט מיט דעם הייליגען בוך, נאר מיט זיין אינהאַלט, וויא
מען פערשטייט עס יעצט. אָט אזוי ענדערן זיך עס דיא פאָרמען און
אַנזיכטען מיט דער ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט.

ביי נעווינליכע אָפּמאכונגען וועגען אייגענטהום האט מען
ניט בעדאַרפט אָנקומען צו דיא עדות פון גייסטער און געטער, דען
מען פלעגט זיך פריהער פערזאָרגען מיט לעבעדיגע עדות. מען פלעגט
צוזאַמענרופען עדות, און יעדער האט געהאַלטען פאר זיין פפליכט
צו פאָלגען נאך דעם צוזאמענרופער, אום איהם צו העלפען אין פאַל
פון נויט און יעדענפאלס אום צו זיין אויגענצייגע. דאס צוזאַמענרופען
פון עדות האט ביי דיא אַלטע דייטשען געהייסען „געריפטע“. יעדע
אָפּמאַכונג, יעדע ענדערונג פלעגט מען בעקאַנט מאַכען צו דיא אַרו־
מיגע מענשען דורך אויסגעשרייען. אלע וואס האבען געהערט
דיזע געשרייען זיינען שוין דורך דעם אליין גערעכענט געוועזען פאר
עדות. א סך אזעלכע עדות האבען אויך געמענט זיין דיא ריכטער
און בעשטראָפען דעם פערברעכער. אייגענטהומס־רעכטע פלעגען
איבערגעבען ווערן ניט נאר אין דער אַנוועזענהייט פון עדות, זאָנדערן
אויך דורך געוויסע צייכענס, וויא דורך איבערברעכען א שטעקען,
שפּרינגען איבער א פּארקען א. ז. וו. דיזע צערעמאָניעס זיינען איינ־
געפיהרט און אָנגעהאלטען געוואָרן, אום דיא עדות זאלען בעסער
געדיינקען, וויא דיא פערהאנדלונג איז צוגעגאנגען. מען האט אזוי
שטענדיג געהאָט עפּעס א פאַקטישען צייכען, דאס זאכען און אויף

לאַנד זיינען איבערגעגאַנגען פון איין איינענטהימער צו אַ'ן אַנדערן.

איינינגע פון דיזע חזקה־צערעמאָניעס זיינען נאָך פערבליבען ביז היינט צו טאָג. זאָ, צו ביישפּיעל, איז פערבליבען דער מנהג צו טרינקען נאָך אַ מסחר. פריהער פלעגט מען טראַקטירען עדות מיט געטרענק (מייסטענס מיט וויין, פון וואַנען עס שטאַמט דער דייטשער נאָמען דאפיר „לייקויף־וויינקויף"), אום זיי זאָלען בעסער געדיינקען ווען און וויא אַזוי דער מסחר איז געשעהען. ביי איינינגע דייטשע שטאַמען פלעגט מען דיא עדות אָנבאַפּען פאַר דיא אויערן, אַז זיי זאָלען בעסער בעטראַכטען דיא פערקויפטע אָדער אויסגעטוישטע זאַכען. ווען לאַנד־איינענטהום איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, פלעגט מען אויך ביי איינינגע שטאַמען אַרומפיהרען עדות איבער דיא גרענעצען פון דיא ערוואָרבענע שטיק לאַנד און אויף געוויסע פּונקטען איינפּאַך שמייסען יונגע לייט, אַז זיי זאָלען געדיינקען דיזע פּונקטען זאָלאַנג זיי וועלען לעבען.

ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו געברויכען אין געריכטען פּייניגונגס־מיטעל צו צווינגען פערברעכער און עדות צו זאָגען דעם אמת, ווייס מען ניט. זיכער איז נאָר, אַז צוערשט האָט מען דיזע מיטעל אָנגעווענדעט געגען שקלאַווען. מען פלעגט שמייסען און שלאָגען דיא שקלאַווען אום זיי זאָלען זאָגען דעם אמת געגען זייערע הערען און זיך מודה זיין אין זייערע אייגענע פערברעכען. דאָס האָט מען געטאָן ניט נאָר, ווייל מען האָט איבערהויפּט גרויזאַם בעהאַנדעלט דיא שקלאַווען, זאָנדערן אויך ווייל מען האָט זיי געהאַלטען פאַר ליגנערס און פאַלשע מענשען. אין רוים האָט מען ביסלעכווייז גענומען אָנווענדען אַלין מעהר שמערצליכע צוואַנגס־מיטעל, אום צו צווינגען שקלאַווען צו זאָגען עדות געגען זייערע הערען. פרייע בירגער האָבען נאָר געהאַט אויסצושטיין דיא פּייניגונגען, וועלכע זיינען געווען פערבונדען מיט גאָט'ס משפט. מיט דער צייט אָבער האָט מען אויפגעהערט צו מאַכען אונטערשיעדע צווישען שקלאַווען און פרייע בירגער ביי פּייניגונגען אויף געריכטען. אַזוי איז עס בעזאָנדערס געווען אין מיטעלאַלטער, ווען אויראָפּאַ האָט נאָך איבערגעשטיגען אַזיען אין דער אָנ־ווענדונג אָן אין דער שרעקליכער גרויזאַמקייט פון דיא געריכטס־

פייניגונגען. דיזע פייניגונגען האבען דערגרייכט זייער העכסטע און שרעקליכסטע שטופע אין דיא שפּאנישע און רוימישע אינקוויזיציאָנען.

וואס אנבעלאנגט צו דיא שטראָפען, איז שוין אויבען בעמערקט געווען, אז זיי זיינען געווען זעהר גרויזאמע. אפילו אין דיא צייטען, ווען מען האט אָנגעפאנגען צו פערשרייבען געזעץ, זיינען דיא שטראָפען פערבליבען אזעלכע בארבארישע וויא אין ווילדען צושטאנד. דיא פערבליבענע הייליגע ביכער לאָזען אונז קיין ספק ניט איבער וועגען דעם. דער צוועק פון אלע שטראָפען איז געווען און פערבלייבט ניט נאר אָפּצורעכענען זיך מיט דיא פערברעכער, זאָנדערן אויך ארויפצולייגען א שרעק אויף אלעמען, אז מען זאל קיינע פערברעכען בעגיין. אזוי וויא אבער דיא פּראקטיקע האט בעוויזען אין אלע צייטען און לענדער, אז פערברעכען קען מען ניט אָפּשאפען מיט שטראָפען, וויא גרויזאם און פירכטערליך דיא שטראָפען זאָלען ניט זיין, זאָ האט מען אויך געזוכט אלץ מעהר איינצושרעקען דורך דיא שטראָפען פון דיא געטער און גייסטער. מען האט אויך ביסלכוויז איינגעפיהרט זעלבסט־שטראָפען אלס תשובה פאר בעגאנגענע פערברעכען, אום דערמיט איינצושטילען דעם צאָרן פון דיא געטער און צו רעטען דיא נשמות פון גיהנם, ווען דיא ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָן איז דערגאנגען צו דער לעהרע פון א גיהנם און פון א גן־עדן.

בעזאָנדערס אינטערעסאנט און וויכטיג זיינען אין דיזער בעציהונג דיא הייליגע ביכער פון דיא אלטע אינדוסען. א גרויסער טהייל פון זיי איז פערנומען מיט אויסרעכנונגען פון דיא שטראָפען אין דיא 22 אָבטהיילונגען פון גיהנם, וועלכע ווערן בעשריבען ניט נור מיט פיעלע איינצעלהייטען און מיט בעשטימטע אויסלייטערונגען פון דיא זינדיגע נשמות, זאָנדערן אויך מיט פאָרשריפטען פון זעלבסטפייניגונגען, אום צו קענען אויסמיידען דיא שרעקען פון גיהנם. אין איין אָרט ווערט דעם בעל־תשובה פאָרגעשריבען זיך צו קאלעטשיען (פערקריפּעלן) און צו גיין אין א בעשטימטע ווענדונג ביז ער וועט אנידערפאלען טויט. אין א'ן אנדער אָרט הייסט מען דעם בעל־תשובה אריינווארפען זיך דריי מאָל אין פייער אריין אדער גיין אין א שלאכט און זיך אויסשטעלען אזוי, אז דיא פיינדע זאָלען איהם טויטען. פאר

א גרויסען פערברעכען איז דיא תשובה בעשטאַנען אין ליינען זיך אויף א רויט־אָנגעברענטע אייזערנע בעט אדער אין פערברענען זיך אויף טויט אין א צימער.

דיא ריכטער זיינען נאַטירליך געווען דיא פּריעסטער, דיא בראַמינען־קאַסטע. זיי האבען עס אויך אויסגעארבייט און פערשריבען דיא הייליגע געזעץ. נאר נאַטירליך זעהר ווענינע פערברעכער האבען געקענט תשובה טאָן נאך דיא גרוילינע פאָרשריפטען פון דיא הייליגע ביכער, וויא אבערגלויביש מען איז דאַן ניט געווען. דיא בראַמינען האבען דאַרום בעדאַרפט האבען א וועלטליכע מאַכט אויסצופיהרען דיא פאָרגעשריבענע שטראָפען. דיזע מאַכט האבען זיי איבערגעגעבען צו דיא פיהרערס און קעניגע. סער הענגרי מעין, דער בעוואוסטער נאכפאָרשער וועגען אַלטע געזעץ און מנהגים, דיינקט, אז דיא קעניגע זיינען נאר געווען העלפערס פון דיא בראַמינען און אז זייער פפליכט איז געווען צו צווינגען אויסצופיהרען דיא פאָרשריפטען פון זעלבסט־בעשטראָפונג פאר עבירות און פערברעכען. אין דעם הייליגען בוך פון א פּ אַ ס ט אַ מ ב אַ ווערט אויסדריקליך ערקלערט: „ווען אירגענד וועלכע פערזאָנען וועלען איבערטרעטען דעם בעפעהל פון זייער גייסטליכען פיהרער, זאל ער זיי בריינגען פאר דעם קעניג. דער קעניג דארף זיך בעראַטהען מיט זיין הויז־פּריעסט וועלכער דארף קענען דיא געזעץ און אויך וויסען וויא צו רעגירען איבער מענשען. אויף זיין ראַטה הייסט דער קעניג דיא שולדיגע אויספיהרען דיא נויטיגע תשובה, אויב דיא שולדיגע זיינען בראַמינען; ער קען זיי אויך צווינגען צו טאָן תשובה דורך פערשיעדענע מיטעל אויסער קערפּערליכע שטראָף און פערשקלאַפונג. אבער מענשען פון אַנדערע קאַסטען קען דער קעניג בעשטראָפען זאָגאר מיט'ן טויט נאכדעם ער האט נאכגעפאָרשט זייערע פערברעכען".

דיא געריכטליכע שטראָף איז אַלזאָ בעשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון דיא בראַמינען אין דער גע צוואונגענער אויס־פיהרונג פון דיא זעלבסט־פייניגונגען, וואס דיא הייליגע ביכער האבען בעפוילען אום צו טאָן תשובה. און דער „הויז־פּריעסט" פון דעם קעניג איז פאַקטיש געווען דער הויפּט ריכטער און רעגירער,

אייגענטליך דער ערשטער מיניסטער. אז דיא בראַמינען זיינען גע־
ווען דיא פּערפאַסערס פון דיא געשריבענע געזעץ, קען מען אויך זע־
הען פון דעם, דאס זיי האבען ערקלערט, אז „א בראַמין טאָר מען
ניט קערפּערליך בעשטראָפען; דיא העכסטע שטראָף פאר איהם איז
בעקאַנט צו מאַכען זיין פערברעכען, איהם פעריאָגען און שענדען“.

מיר קענען זיך אבער דאָ ניט אָפּגעבען מיט א ספּעציעלע
נאכפאָרשונג וועגען דיא אַלטע געזעץ פון דיא אינדוסען און פון אַנ־
דערע פּאַרצייטיגע פעלקער, דען דאס וועט אונז אָוועקפיהרען אין צו
ווייטע דרכים. פאר אונז איז גענוג צו וויסען דעם אלגעמיינעם וועג,
וויא געזעץ און געריכטען זיינען ענטשטאַנען און חיא מען האט גע־
משפּט אין דיא אַלטע צייטען, וויא דאס איז ערקלערט אין דיזען
קאַפּיטעל.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

אלגעמיינע געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט.

דאס לעבּען אין סטאַדעס. — מוטערליכע פאַמיליען, אָנקעל־רעכט און פאָטער־רעכט. — פּאָליגאַמיע, ערשטע פרויען און מאָנאָגאַמיע. — דיא וויר־קונגען פון פּאַטריאַרכאַט אויף דעם געזעלשאַפטליכען לעבּען און אויף דיא ענט־שטעהונג פון שטאַאַטען. — דיא געגענזייטיגע ווירקונגען פון האַנדעל און שטאַ־אַטס־אָרגאַניזאַציאָן. — דיא קולטור־ראָלע פון שקלאַווערייי. — פערטהיילונגען אין קלאַסען און קאַסטען. — פּעאָדאַליזמוס. — טעאָקראַטישע שטאַאַטס־אָרגאַ־ניזאַציאָנען. — דער קלאַסענקאַמפּף. — דיא אַריער אין פערגלייך מיט אַנדערע פעלקער און ראַסען. — דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג פון דיא אייראָפּעער. — דיא אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן.

מיר זיינען יעצט צו ענדע מיט אונזערע נאכפאָרשונגען איבער דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון דיא פארצייטיגע מענשען און אונז בלייבט נאר צו בעטראכטען זייער גייסטיגען לעבען, נעמליך: דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון שפּראכען, שריפטען, קונסטען און גלויבענס.

מיר האבען אבער אין דיא פאָריגע 16 קאפּיטלעך אָנגעריהרט אזוי פיעל העכסט קאָמפּליצירטע פונקטען — מיר זאָגען אָנגעריהרט, ווייל וועגען יעדען פון דיזע פונקטען האט מען שוין אָנגעשריבען בערג מיט ביכער — און דערביי האבען מיר געהאט צו בעהאנדלען דיא גע־

זעלשאפטליכע פיהרונגען און אָרגאַניזאַציאָנען בעזונדער, וועהרענד אין דערווירקליכקייט זיינען זיי שטענדיג געוועזען ענג צוזאַמענגעפלאָכטען און צוזאַמענגעוואַקסען,—דאס עס וועט גאר ניט איבריג זיין צו וואַרפען א'ן אלגעמיינעם בליק אויף דעם פּאָרט־שריטס־וועג, וואס דיא מענשהייט האט אזוי לאַנגזאם און מיט אזעלכע שוועריגקייטען דורכגעמאַכט ביז אונזער צייט.

נאך אין דיא אונגעהייער ווייטע צייטען צוריק, ווען מענשען האבען זיך גאַניץ וועניג אונטערשיידעט פון דיא העכערע סאָרטען אפּפען, האבען זיי שוין אייגענטליך ניט געלעבט יעדער בעזונדער, נאר אין קליינע גרופּען. דאס האבען זיי געמוזט טאָן אום צו האבען א בעסערע בעשיצונג געגען אַנדערע חיות, וועלכע זיינען שטאַרקער און בעסער בעוואָפענט פאר זיי פון דער נאַטור. דיא ערשטע מענשען האבען געוואַנדערט איבער דיא וועלדער אין גרופּען פון א פאָטער און מוטער מיט זייערע יונגע קינדער אזוי וויא נאך ביז היינטיגען טאָג דיא וועדדאַכען אויף דעם אינזעל סעילאָן, דיא ווילדעסטע מענשען אויף דער ערד. נאר דער אינסטינקט פון זעלבסט־פער־טהיידיגונג האט דיא ווילדע מענשען געטריבען צו פערבינדען זיך אין אַלץ גרעסערע גרופּען. דאס זיינען אבער נאך ניט געוועזען געזעל־שאַפטען, נאר סטאַדעס. דיא מיטגליעדער האבען אויך געלעבט וויא חיות אונטער דער אָנפיהרונג פון שטאַרקערע זכרים. אין דיזע מענשליכע סטאַדעס האבען אלע ווייבער געהערט צו אלע מענער, בעזאָנדערס צו דיא פול־ערוואַקסענע און שטאַרקערע. בלוטשאַנדע איז געוועזען א געוויינליכע זאך, און דיא קינדער האבען קיינע פאָטערס געהאַט און געהערט צו דער גאַנצער גרופּע. געזעכענט האבען זיי זיך נאך זייערע מוטערס, וועלכע האבען זיי געמוזט קאָרמענען יאָה־רענלאַנג, דען עס איז נאך קיין אַנדער שפּייז פאר יונגינקע קינדער געוועזען אויסער מוטערמילך. מוטערליעבע איז געוועזען דיא ערשטע און שטאַרקסטע צוציהונגס־קראַפט פון פאַמיליען לעבען. ארום דיא מו־טערס האבען זיך גרופּירט זייערע קינדער, בעזאָנדערס זייערע טעכ־טער, וועלכע זיינען פריהצייטיג געוואָרן מוטערס און האבען צוגעצוי־גען צו זיך מענער אלס בעשיצער און העלפערס.

דאס האט נאַטירליכערווייזע געפיהרט צו דער פאַמיליען־אָר־
גאַניזאַציאָן, וועלכע ווערט בעצייכענט אין דער קולטור־געשיכטע מיט
דעם נאָמען מאַטריאַרכאַט און וועלכע איז ערקלערט און בע־
שריבען געוועזען אין דיא ערשטע דריי קאַפּיטלעך פון דיזען באַנד.
דיזע פערבינדונגען זיינען געוועזען זעהר שוואַכע, בעזאָנדערס צווישען
דיא מענער און פרויען. זיי האבען זיך אָנגעהאַלטען נאר דורך דיא
בלוטפערוואַנדטשאַפט. דיא פרויען האבען נאַטירליך ניט געקענט
בעהערשען דיא מענער אפילו אין דיא צייטען פון פאָלקאָמענע מו־
טער־רעכט, ווען דיא פרויען זיינען געוועזען גאַנץ אונאַבהענגיג אין זייער
חיונה פון דיא מענער און האבען צוגעשטעלט פלאַנץ שפּייז. דיא
מענער האבען געהאַט בעזונדערע שוואַכע פערבינדונגען פיר געיעג און
מלחמה. גרופּירונגען אין געמיינדען און שטאַאַטען האבען ערשט גע־
קענט ענטשטיין, ווען וועניגסטענס א טהייל פון דעם אַלטען מוטער־
רעכט איז איבערגעגאַנגען אין אָנקעל־רעכט. מיט דער פערמעה־
רונג פון דיא מאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען איז אַלץ נויטיגער געוואָרן
אָנצוהאַלטען דאס צוזאַמענלעבען דורך דיא שטאַרקע האַנד פון א
מאַן, וועלכער איז צוערשט געוועזען דער ברודער פון דער מוטער, דער
אָנקעל, און וועלכער איז גערעכענט געוועזען פאַר דעם פאָטער נאָך
דיא אורשפּרינגליכע בעגריפע וועגען בלוטפערוואַנדשאַפט.

אין דיא מאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען זעלבסט איז אַלזאָ בּיס־
לעכווייז פערשטאַרקט געוואָרן דיא מאַכט פון דיא מענער. קינדער
האבען זיך נאָך אַלץ גערעכענט נאָך דיא מוטערס און ירושה איז
איבערגעגאַנגען ניט צו דיא זיהן פון דיא פאָטערס, נאר צו דיא פּלע־
מעניקעס; אבער אין אַלע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען האבען שוין
געהערשט דיא מענער. סמנים פון מוטער־רעכט זיינען דאַרום פער־
בליבען ביז היינטיגען טאָג אפילו ביי קולטור־פעלקער. אבער ווען
דיא מענער זיינען שוין אין זייער חיונה ניט געוועזען אבהענגיג פון גע־
יעג אליין, בעזאָנדערס ווען זיי האבען זיך גענומען פיר פיהפּיטערונג
און געקענט ערנעהרען זייערע פרויען און קינדער, האבען זיי ביסלעכ־
ווייז איינגעפיהרט זייער רעכט, פאָטער־רעכט. אויף דעם פּלאַץ
פון מאַטריאַרכאַט איז אויפגעקומען דער פּאַטריאַרכאַט, וויא דאס

איז ערקלערט אין פינפטען קאפּיטעל. דיא פּאַטערס האבען זיך ביס־לעכווייז צוגעבונדען צו זייערע קינדער און זיינען געוואָרן פּאַלקאָמע־נע הערשער איבער זייערע פרויען, וועלכע זיי פלעגען כאַפּען מיט געוואַלט, וויא פריהער, אדער אויסקויפען ביי זייערע עלטערן אדער שטאַמען. דיא קינדער און פרויען זיינען געוואָרן דאס אייגענטהום פון דיא מענער, וועלכע האבען גענומען אלץ מעהר בעשרענקען דיא פריהערע ליעבע־פרייהייט פון דיא פרויען. מען האט איינגעפיהרט אלץ שטרענגערע הייראַטס־פאָרמען און שטרענג בעשטראָפט דיא פרויען פאר אונטרייהייט. נאכהער האבען דיא מענער אויך אָנגע־פאנגען צו בעשרענקען דיא ליעבע־פרייהייט פון דיא מיידלעך.

פרויען האבען שוין געקענט אָנצייגען אויף דיא פּאַטערס פון זייערע קינדער, הגם דיא קינדער האבען נאך געטראָגען דיא נעמען פון זייערע מוטערס אויף דעם אלטען שטייגער אדער האבען געהערט צום גאַנצען שטאַם. ביסלעכווייז האבען זיך דיא פרויען בעפרייט פון דעם שרעקליכען שקלאַווען־יאָך, וועלכען זיי האבען געטראָגען אין דיא צייטען, ווען דער פּאַטריאַרכאַט איז אריין אין פולע קראַפט נאך א מעהר אדער ווייניגער לאַנגען קאַמפּף מיט דיא אלטע מאַט־ריארכאַלישע פיהרונגען און גרופּירונגען. פּ אָ ל י ג אַ מ י ע איז געווען אלגעמיין, אָפּהענגיג נאר פון דיא מאַטעריעלע מיטעל פון דיא מענער און פון דיא צאָהל פרויען וואס דיא מענער האבען געקענט פאַנגען אדער קויפען; אבער ביסלעכווייז האבען זיך אלץ מעהר גענומען אויס־טהיילען דיא ערשטע פרויען, וועלכע זיינען געוואָרן דיא וויר־טהינען און האבען מעהר אדער ווייניגער געהערשט איבער דיא אנ־דערע פרויען פון זייערע מענער. דיא ערשטע פרויען זיינען מיט דער צייט אנערקענט געוואָרן אלס דיא געזעצליכע און זייערע קינ־דער זיינען געוואָרן דיא געזעצליכע יורשים, דיא נאָמענטרעגערס פון זייערע פּאַטערס. עס איז אזוי ענטשטאַנען מ אָ נ אָ ג אַ מ י ע, און דיא פרויען האבען זיך ערוואָרבען אלץ מעהר רעכטע און אויך פרייהייט. פּאַטער־רעכט איז פערבליבען און האט ארויפגעלייגט זיין שטעמפּעל אויף אלע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען; אבער דיא מאכט פון דיא פּאַט־ריארכען איז ביסלעכווייז בעשרענקט געוואָרן ביי אלע קולטור־פעלקער.

אונטער דעם פּאַטריאַרכאַט איז ניט נאָר איינגעפיהרט גע־וואָרן א שטרענגע און שטאַרקע פאַמיליען־אָרגאַניזאַציאָן, זאָנדערן אויך א פעסטע און שטרענגע אָרדנונג אין דיא בעציהונגען פון דיא פאַמיליען איינע צו דיא אַנדערע. דיא פאַמיליען זיינען געוואַקסען אין צאָהל, אין קראַפט און אין פערמעגען, און פיעלע פון זיי זיינען אויסגעוואַקסען אין גאַנצע שטאַמען. דאס האט שוין געפיהרט צו א געוויסע שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָן, צו א פערבאַנד צווישען פון מעהר אדער וועניגער פערוואַנדטע פאַמיליען און נאַכהער פון בע־נאַכבאַרטע געמיינדען. דיא שטאַאטליכע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען דורך דעם אלץ פערשפּרייטעט און ענטוויקעלט געוואָרן.

אָנפאַנגס האט מען זיך ספּעציעל פערבונדען. מיט מיליטערישע צוועקען, אום בעסער צו בעשיצען זיך געגען איבערפאַלונגען אדער ערפאָלגרייכער צו בעפאַלען אַנדערע שטאַמען. קריעג איז געווען דער אָנפאַנג און דער סוף פון דיא ערשטע פערבאַנדען פון פאַמי־ליען און שטאַמען. אין דיא פאַמיליען זעלבסט זיינען דיא פּאַטריאַר־כען פערבליבען דיא אַבזאָלוטע הערשער. דער ווילען פון א פּאַטרי־אַרך איז געווען א געזעץ פאַר זיינע פרויען, קינדער און שקלאַ־ווען, וויא גרויס זייער צאָהל איז ניט געווען. נור ווען דיא מיליטע־רישע פערבאַנדען האבען אָנגעהאַלטען א לענגערע צייט, זיינען דורך דעם ענטשטאַנען אויך געוויסע בירגערליכע פערהעלטניסע צווישען דיא מיטגליעדער. אין דיא אינטערעסען פון אינערליכען פריעדען איז ניט אייז מאָל אויסגעקומען צו שליכטען דורך אַלגע־מיינע בעשליסע שטרייטען צווישען פאַמיליען. דיא גרויסע נוצען פון פריעדען און אָרדנונג האבען נאַטירליך אויך דיא ווילדעסטע מענ־שען איינגעזעהען און דאַרום האט מען אלץ מעהר גענומען שליסען פערבאַנדען צווישען גרופּען, וויא ווייט עס האט נאָר געקענט אויס־געפיהרט ווערן. שוין צוליעב דיא בעשרענקונג פון דיא אַלטע גאולת הדם, וואס עס איז אזוי ענג פערבונדען געווען מיט דעם מאַטרי־ריאַרכאַט און וואס האט געפיהרט צו שטענדיגע גענענזייטיגע אויס־שלאַכטונגען פון פאַמיליען און שטאַמען, האט מען געמוזט איינפיה־רען א בעשטימטע אָרגאַניזאַציאָן פון געריכטען, אום צו בעשטראָ־

פען דיא שולדיגע נאך אלגעמיין אנגענומענע רעגעלען. פאמיליען און שטאמען האבען גענומען אפמאכען, אז זיי זאלען ארויסגעבען איינע דיא אנדערע זייערע פערברעכער אדער אליין צו בעשטראפען זיי, אום אנצוהאלטען שלום. דאס זעלבע איז אויך געוועזען וועגען דעם רויב פון פרויען, וועלבער האט אין דיא מאטריארכאלישע צייטען ארויסגערופען שטענדיגע שטרייטען און מלחמות.

צו דער זעלבער צייט ווען דיא פאטריארכען האבען אפגע־שאפט מוטער־רעכט און גענומען איינפיהרען זייער ארדנונג, האט שוין דיא מענשהייט געמאכט גרויסע פארטשריטע אין אקערבוי, פיהפיטערונג און האנדווערקען. מען האט שוין געקענט ארויסקריגען פון דער ערד מעהר פראדוקטען, וויא מען האט עס בעדארפט צום געוויינליכען געברויך; מען האט שוין געהאט גרויסע סטאדעס בהמות און דערגאנגען וויא צו וועבען פערשיעדענע שטאפען, וויא צו שמעל־צען מעטאלען און צו שמידען געוועהר און געצייג. דיא מאטעריעלע קולטור איז, מיט איין ווארט, שוין געוועזען ווייט ענטוויקעלט אין דיא אלע לענדער, וואו דער פאטריארכאט האט פערנומען דעם פלאץ פון אלטען מאטריארכאט. איין זאך איז דא געוועזען אפהענגיג פון אנדערע, וויא אין אלע מענשליכע אנגעלעגענהייטען און אויפטואונ־גען. אהן דיא מעגליכקייט צו שאפען פראדוקטען דורך ארבייט און ערפינדונגען וואלט דער מאטריארכאט פערבליבען וויא נאך ביז היינט צו טאג ביי דיא ווילדע פעלקער אויף דער נידריגסטער קולטור־שטופע, און אהן דעם פאטריארכאט וואלט מען ניט געקענט צוערשט צווינגען און נאכהער צוגעוואהנען מענשען צו שטענדיגע צוועקמעסיגע ארבייט און אויך ניט געקענט איינפיהרען א בעסערע ארגאניזאציאן און שטרענגערע ארדנונג אין דיא פאמיליען זעלבסט. אונטער דער אויפפאסונג פון פאטריארכען זיינען מענשען דיסציפלינירט גע־ווארן. גאולת הדם און רויב פון פרויען, דיא שטענדיגע אורזאכען פון שטרייטען און שלאכטען אין מאטריארכאלישע גרופען, זיינען ביסלעכווייז אפגעשאפט געווארן; פאמיליען האבען געקענט רוהיגער לעבען, ארבייטען און זיך ענגער פערבינדען אין געמיינדען און קליינע שטאאטען. דיא בעציהונגען פון פאמיליען און געמיינדען זיינען אלץ

פערבעסערט געוואָרן דורך דיא שטרעבונג צו פריעדען און אָרדנונג. יעדער פאַטריאַרך האט אָנגעהאַלטען א שטרענגע אָרדנונג אין זיין פאַמיליע און אלע צוזאַמען האבען זיי אויפגעפאַסט, אז זייערע בע־שליסע זאָלען ריכטיג אויסגעפיהרט ווערן און אז פריעדענסשטערער זאָלען שטרענג בעשטראָפט ווערן.

דורך דיא נעהענטערע און עפטערע פערבינדונגען פון געמיינ־דען איז דער אויסטויש פון זאַכען, דער ערשטער האַנדעל, אלץ גע־שטיגען. פון דער אַנדער זייט האט מען געהאַט אויסצוטוישען אדער צו פערקויפען א סך זאַכען, ווייל דיא מאַטעריעלע קולטור איז אלץ העכער געשטיגען דורך דיא פריעדליכע און אָרגאַניזירטע ארבייט אונטער דער השגחה פון דיא פאַטריאַרכען. דיא פאָרדערונגען פון האַנדעל האבען ווידער געפיהרט צו אלץ ווייטערע פערבינדונגען אונטער פערשיעדענע שטאַמען, וועלכע האבען זיך אויף שטענדיג בעזעצט אין געוויסע ערטער און האבען זיך מייסטענס בעשעפטיגט מיט אַקער־בוי, וויא אין אייראָפּאַ און אין וועסט־אזיען. א פערגרעסערונג פון האַנדעל האט נאַטירליך געפיהרט צו אַ'ן ענטוויקלונג פון האַנדווער־קען און איבערהויפט פון קולטור. מיר האבען דאָ אַלזאָ א קייט פון פיעלע רינגען, וועלכע זיינען אלץ שטאַרקער צוזאַמענגעשלאָסען גע־וואָרן. דורך דיזע שטענדיגע גענענזייטיגע ווירקונגען איז דער פאָרט־שריט פון דער מענשהייט אלץ געשטיגען אין דיא גינסטיגסטע דער־צו ערטער, ספּעציעל אין דיא לענדער ארום דעם מיטעלמעער, צו־ערשט אין מצרים און קליין־אזיען, נאכהער אין גריכענלאַנד און רוים און צולעצט אין גאַנץ וועסט־אייראָפּאַ.

אונטער דעם פאַטריאַרכאַט איז אויך פערמעהרט און פערשטאַרקט געוואָרן דיא שקלאַווערייי, וועלכע האט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון פריוואַט־אייגענטהום, צו דער פערטהיילונג פון מענשען אין קאַסטען און קלאַסען און צו דער גרינדונג פון גרויסע שטאַאטען. שקלאַווערייי האט זיך אייגענטליך אָנגעפאַנגען אין יעגערישען צו־שטאַנד, ווענינגסטענס ביי געוויסע פעלקער, וועלכע האבען געהאַט גוטע יאַגד־פּלעצער וויא דיא אַמעריקאַנער שטאַמען אין נאָרד־אַמע־קאַ, נאר בעזאָנדערס איז זיא איינגעפיהרט געוואָרן אין פיהפיטערנ־

דען צושטאַנד, וויא דאס איז שוין אויספיהרליך ערקלערט געוואָרן אין פיעלע פלעצער פון דיזער קולטורגעשיכטע. מיר האבען אויך געזעהען, אז וויא שרעקליך שקלאַווערייא איז ניט געוועזן, איז זיא דאך געוועזן איינע פון דיא מעכטיגסטע מיטעל פון פּראָגרעס. דיא פּאַט־ריאַרכען זיינען געוואָרן דיא הערשער ניט נאר פון זייערע פרויען און קינדער, זאָנדערן אויך פון פרעמדע מענשען, וועלכע מען האט גע־פאַנגען אין מלחמה אדער געקויפט. דורך דעם זיינען נאך אין דיא עלטעסטע געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען ענטשטאַנען צוויי קלאַסען: הערשער און בעהערשטע, הערען און שקלאַווען.

דיא ענטשטעהונג פון שקלאַווערייא איז געווען א העכסט וויכ־טיגער און ריזיגער שריט פאָרווערטס, דען מען האט אויפגעהערט צו טויטען קריעגסגעפאַנגענע און אָנגעפאַנגען צו בענוצען זיי צו ניצליכע אַרבייט. דיא פאָרמען און מדרגות פון שקלאַווערייא זיינען געווען פערשיעדען אין פערשיעדענע צייטען און לענדער, וויא מיר האבען עס געזעהען; אבער דיא רעזולטאַטען דערפון זיינען שליסליך געווען דיא זעלבע איבעראל.

איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאַטען איז דיא געוואָהנהייט צו דיסציפּלינירטע אַרבייט און צו געהאָרכזאַמקייט. איין טהייל פון דיא געזעלשאַפטליכע גרופּען האט קאָמאַנדעוועט איבער דעם אנדערן, האָבענדיג זאָגאַר דאס רעכט פון לעבען און טויט איבער דיא בע־הערשטע; אבער אלע צוזאַמען האבען זיך צוגעוואָהנט צו לעבען אין א געוויסע אָרדנונג אונטער בעשטימטע פיהרונגען און געזעץ. שוין אין דיא ערשטע יעגערישע און מיליטערישע גרופּען האט מען געפונען פיר נויטיג און ניצליך אויסצוקלייבען אָנפיהרער פון דיא שטאַרקסטע, פעהיגסטע און ערפאַהרענסטע. אנדערס האט עס ניט געקענט זיין און וועט אויך קיין מאָל ניט זיין. א געוויסע צאָהל מענשען קען ניט אויספיהרען א'ן אלגעמיינע זאך, א בעשטימטען פּלאַן און בעזאָנדערס א קאַמפּף אָהן א געוויסע דיסציפּלין און אָהן א געוויסע געהאָרכזאַמקייט צו זייערע פערטרעטער און קאָמאַנדירען. מיר ווייסען, אז אין יעגערישען צושטאַנד פיהרט מען שטענדיגע מלחמות. דיא יעגערישע גרופּען האבן אלזאָ שטענדיגע געמוזט הא־

בען אָנפיהרער און קאָמאַנדירען, וועלכע זיי האבען געמוזט פאָלגען צוליעב זייערע אלגעמיינע אינטערעסען. דיא שטארקערע האבען אויך געקענט צווינגען דיא שוואכערע צו פאָלגען. דאס וואס עס איז אין אָנפאנג ענטשטאנען אויס נויטווענדיגקייט איז מיט דער צייט געוואָרען א געוואָהנהייט. מען האט שוין אויך ניט געקענט אויס־קומען אין דיא צייטען פון פריעדען אָהן קאָמאַנדירען, וועלכע האבען דורך דעם פערכאפּט פאר זיך אלץ מעהר מאכט. אין מענשליכען גייסט האט זיך אזוי ביסלעכווייז איינגעוואָרצעלט א געוויסע אונטער־טעניגקייט צו פיהרער און הערשער, וועלכע האבען נאטירליכערווייזע געזוכט איבערצוגעבען זייער מאכט און פערמעגען צו זייערע קינדער, ווען דיא פאמיליען־אָרגאניזאציאָן איז געוואָרען א שטרענג פּאטריאר־כאלישע.

עס איז אויך געווען נאטירליך, אז דיא בעסערע יעגערס אדער קריעגערס זאָלען קריגען מעהר אָנזעהען און אויך גרעסערע חלקים ביי דיא פערטהיילונגען פון דיא ערוואָרבענע און גערויבטע זאכען. פון זיי איז עס ענטשטאנען דיא ערשטע אריסטאָקראטיע. ווען מען האט גענומען אומוואנדלען קריעגסגעפאנגענע אין שקלאווען האבען דיא פיהרערס און שטארקערע זיך צוגענומען דיא מעהרסטע און בעסטע קריעגסגעפאנגענע. צו דער זעלבער צייט איז שוין פּריוואט־אייגענטהום אלץ מעהר איינגעפיהרט געוואָרען און אזוי וויא דורך דיא אַרבייט פון שקלאַווען האט מען געקענט ערווערבען אלץ גרעסערע פערמעגענס און אויך מעהר מאכט, האבען דיא שטארקע גענומען פערשקלאַווען אויך דיא שוואכע און אָרימע פון זייער אייגע־נעם שטאם. שקלאווערייי איז פערבליבען און איז נאך אלץ מעהר פערשפּרייט געוואָרן, ווען קריגערישע שטאמען האבען זיך בעזעצט אויף בעשטימטע ערטער און מען האט בעדארפט האבען א סך אר־בייטער הענט. דיא ביישפּיעלע פון גריכענלאנד און רוים צייגען אונז אז גראָדע ביי דיא העכסטע קולטורפעלקער פון דיא אלטע צייטען האט שקלאווערייי דערגרייכט דיא העכסטע שטופע.

דיא געזעלשאפטליכע אָרגאניזאציאָן איז דורך דעם זעהר קאָמ־פּליצירט געוואָרן. עס זיינען געווען ניט נאר פרייע און שקלאווען,

זאָנדערן דיא פרייע זעלבסט זיינען צוטהיילט געוואָרן אין עטליכע קלאַסען, בעזאָנדערס דורך דיא אונגלייכהייט אין פערמעגען. דיא פאַמי־ליען פון דיא הערשער, כהנים און קריעגערס האבען געבילדעט דעם העכערן קלאַס, דיא אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז ביי אייניגע פעל־קער, וויא צום ביישפּיעל ביי דיא אינדוסען, צוטהיילט געוועזן אין קאַסטען. דיא פאַמיליען פון האַנדווערקער, הענדלער און אַקערבויער זיינען געוועזן דער נידריגער קלאַס. דיא שקלאַווען זיינען גאר ניט גערעכענט געוועזן פאר מענשען, נאר פאר דעם אייגענטהום פון זייערע בעלי־הבתים. דורך דעם בעזיץ פון שקלאַווען האבען דיא הערשענדע קלאַסען אָנגעקליבען גרויסע רייכטהימער און געקראָגען גענוג מאכט צו אונטערדריקען און פערשקלאַווען דיא נידריגע קלאַ־סען פון זייער אייגען פאָלק, בעזאָנדערס דיא אַקערבויער. דיא הע־כערע קלאַסען, בעזאָנדערס דיא פּריעסטער, וועלכע האבען געשפּיעלט א פיעל גרעסערע ראָלע ביי אַלע קולטור־פעלקער וויא מיר קענען זיך עס יעצט פאָרשטעלען, האבען געזוכט שטרענג צו בעשטימען דיא אונטערשיעדע צווישען דיא פערשיעדענע קלאַסען, אום בעסער אָנצוהאַלטען זייער הערשאַפט. דאס האט געפיהרט צו דער פער־טהיילונג אין קאַסטען אדער אין אזעלכע קלאַסען, וואס זייערע פּרי־ווילעגיען גייען נאר איבער בירושה פון דיא עלטערן צו דיא קינדער. דיא העכסטע שטופען פון א קאַסטען־אָרגאַניזאַציאָן האבען דערגרייכט דיא אַלטע אינדוסען און אַלטע עגיפּטער. קיינער האט ניט געקענט ארויסרייסען זיך פון זיין קאַסטע, צו וועלכע ער האט געהערט דורך דעם צופאַל פון זיין געבורט. יעדערער האט געמוזט פאָרטזעטצען דיא בעשעפטיגונג פון זיין פאָטער. דיא גאַנצע געזעלשאַפט איז גע־ווען איינגעקלאַמערט אין שטייגען, פון וועלכע מען האט ניט גע־טאָרט ארויסגיין, דען דיא פּריעסטער האבען געלערנט, אז אזוי איז עס בעשטימט פון דיא געטער און אַנדערס דאַרף עס גאָר ניט זיין.

וועגען דיא פערבינדונג פון קאַסטען מיט רעליגיאָן וועלען מיר נאך האבען צו ריידען אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא ענטוויקלונג פון רעליגיאָנען און פון פּריעסטער־קלאַסען. דאָ צייגען מיר נאר דאַרויף אָן אלס א וויכטיגען גרונד פון אונגלייכהייט אונטער מענשען און

פון א גאנצע שטאאטס־אָרגאניזאציאָן, אום דיזע אונגלייכהייט אָנצו־האַלטען. דיא הערשענדע קלאסען האבען אַלעס פאָרגעשריבען און אַלעס אזוי פעסטגעשטעלט, אז נאך ביז היינט צו טאָג זיינען דיא קאסטען פערטהיילונגען געוויסערמאַסען פערבליבען אין אינדיען. דיא ענטוויקלונג פון קאסטען האט נאַטירליכערווייזע גענוזט פיהרען צו דער גרינדונג פון א שטרענג פאַטריארכאַלישע אויבערמאַכט פון דיא קעניגע אלס דיא פערטרעטער פון דיא געטער אויף דער ערד. דיא הערשענדע קלאסען זעלבסט זיינען דארום מיט דער צייט געוואָרן אונטערוואָרפען צו זייערע קעניגע, וויא שקלאווען. אפילו אין דיא לענדער וואו קאסטען זיינען ניט געווען אזוי שטרענג איינגעפיהרט און דורכגעפיהרט וויא אין אינדיען זיינען אויף דיא קעניגע געוואָרן דעספאָטישע הערשער דורך דיא פערטהיילונגען אין קלאסען.

אזוי איז עס צוגעגאנגען ביי אלע פעלקער אויף א געוויסער קולטורשטופע, ניט נאר אין מצרים, אינדיען, כינא, בבל, אשור און אנדערע אזיאַטישע מלוכות, אין מעקסיקאָ און פערו, זאָנדערן אויך אין אייראָפּאַ. דיא מלכים פון דיא אייראָפּעאישע פעלקער זיינען געווען מעהר אדער וועניגער בעשרענקט אין זייער אייבערמאַכט, וויא דאס איז ערקלערט געוואָרן אין פאָריגען קאַפּיטעל, נאר דיא קלאַ־סען־פערטהיילונג איז פערבליבען און האט זיך ספּעציעל אויסגעדריקט אין דער געזעלשאפטליכער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע ווערט בעצייכענט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען פ ע אָ ד א ל י ז מ ו ס. אין יאַ־פּאַן זיינען נאך ביז יעצט פערבליבען טהיילען פון דיזער סיסטעם פון קלאסען־פּערטהיילונג און אין פּאָלינעזיען (דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאַן) האט זיא זיך ערשט אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען, ווען דיא אייראָפּעער האבען אהין דערגרייכט אין זייערע ים־רייזען. ספּעציעל אבער האט דיזע אָרגאַניזאציאָן, — א געוויסע פאָרמע פון קאסטען־פערטהיילונג, הויפּטזעכליך אין א'ן אדעלינגע און א לייבקנעכט קאסטען — געבליהט אין מיטעלאַלטער אין וועסט־אייראָפּאַ.

אזא אלגעמיינע סאָציאַלע סיסטעם, וועלכע איז ערשט געבראָ־כען געוואָרן אם ענדע פון 18־טען יאָהרהונדערט דורך דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האט נאַטירליכערווייזע ארויסגערופען א

גאַנצע רייהע גזעצן און בעשטימטע שטאַאַטס־פאָרמען. וואס ווייטער האט מען אלץ מעהר אַנגעלעגענהייטען געהאַט צו נעהמען אין אַכט און צו פערוואַלטען. מען האט געהאַט פעסטצושטעלען דיא רעכטע פון יעדען קלאַס בעזונדער, זייערע בעציהונגען איינע מיט דיא אַנדערע, זייערע פערהעלטניסע צום קעניג; מען האט אויך געהאַט צו בעשטימען דיא פערהעלטניסע צווישען פעלקער אין דיא אינטערעסען פון פריעדען, דעם האַנדעלס־פערקעהר א. ז. וו. דורך דעם זיינען דיא געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען אלץ קאָמפּליצירטער געוואָרן.

וויא איינפאַך עס איז געוועזן דיא געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן אפילו אין דיא צייטען, ווען מען האט שוין אָנגעפאַנגען צו פערשרייבען געזעץ און רעליגיעזע פאָרשריפטען, דאס וויסען מיר פון דיא איבערגעבליבענע זאַ־גענאַנטע הייליגע ביכער. דיא גייסטליכע און וועלטליכע מאַכט פון דיא הערשער איז נאך געוועזן צוזאַמענגעמישט. דאס זעלבע איז אויך געוועזן מיט דיא געזעצגעבענדע און אויספיהרענדע מאַכט. דיא געטער און רעליגיאָנען זיינען געוועזן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע, און דיא גאַנצע שטאַאַטס־אָרגאַניזאַציאָן האט בערוהט אויף דעם וואס דיא כהנים האבען געלערנט אין נאָמען פון דיזע געטער. דאַרום געפינען מיר, אז ביי אידען איז געצענדיענעריי געוועזן גערעכענט פאַר דעם ערגסטען פערברעכען. דאס איז געוועזן וויא האָכפערראַטה, דען דערמיט האט מען ניט געאַכטעט דעם נאַציאָנאַלען גאָט און אלע זיינע בעפעהלע וויא אויך דיא געזעצע פון לאַנד אין זיין נאָמען.

נאר אזעלכע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע מען רופט געוועהנליך און מען קען אויך רופען ט ע אָ ק ר אַ ט י ש ע, ווייל דיא פריעסטער זיינען געוועזן דיא ריכטער און האבען איבערהויפּט געהאַט א גרויסע מאַכט, וויא ביי אידען אין דיא צייטען פון דיא שופטים, — אזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען שוין געוועזן א ריזיגער שריט פאָרווערטס אין פערגלייך מיט דיא פריהערע. מען האַט שוין ניט נאר געהאַט בעשטימטע געזעץ וועגען אייגענטהום און וועגען דיא אויפפיהרונג פון מענשען צו גאָט און צו לייטען, זאָנדערן מען האט געהאַט בעשטימטע ריכטער און בעשטימטע אויספיהרער פון דיא געזעץ. ביסלעכווייז איז דיא שטאַאַטס־מאַכט אלץ מעהר געוואָרן

א וועלטליכע, און דיא כהנים האבען מייסטענס געהאט צו פראוועי רעליגיעזע צערעמאָניעס.

דורך דיא ענטוויקלונג פון פריוואט־אייגענטהום, וועלכע האט פערשטארקט דיא פריהערע קלאסען־פערטהיילונגען און געפיהרט צו אלץ א גרעסערע און שארפערע אונגלייכהייט, איז אויך ענטשטאנען א קלאסען־קאמפף, וועלכער האט זיך בעזאָנדערס ארויסגעוויזען ביי דיא פעלקער, וואס זייער שטאאטס־אָרגאניזאציאָן איז ניט געווען א דעספאָטיש־פאטריארכאלישע נאך דעם אזיאטישען מוסטער. מיר האבען געזעהען, צו וואס דיזער קאמפף האט געפיהרט אין גריכענלאנד, רוים און אין גאנץ אייראָפא. צו גלייכער צייט איז אויך דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא קולטור־פעלקער אלץ געשטיגען. מען האט זיך שוין ניט בעגנוגענט מיט בלינדען גלויבען, מען האט שוין ניט געאכטעט פיהרונגען נור דארום, ווייל זיי זיינען געווען אלטע, מען האט געפרעגט קשיות, מען האט געהאנדעלט נאך דעם אייגענעם שכל, מען האט פילאָזאָפירט און קריטיקירט, מען האט פראָטעסטירט געגען דיא אונגערעכטיקייטען פון דיא אלטע פיהרונגען, נעגען דיא פריווילעגיען פון דיא אדעליגע, מען האט גענומען פערלאנגען אלץ העכער און פעסטער גלייכע רעכטע פיר אלעמען אָהן אונטערשיעד פון ראסען און רעליגיאָנען. דיא געזעלשאפטליכע אָרגאניזאציאָן האט זיך דורך דעם אלץ ראדיקאלער געענדערט ביז מען האט ערוואָרבען פאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט פאר'ן געזעץ, ביז דיא געזעצגעבענדע מאכט איז איבערגעגאנגען צו דיא פעלקער דורך זייערע אויסערוועהלטע פערטרעטער.

אזוי איז עס יעדענפאלס צוגעגאנגען ביי דיא שטאמען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין אייראָפא. זיי האבען דערגרייכט דיא העכסטע שטופע פון ציוויליזאציאָן און זיי בעהערשען יעצט דיא גאנצע וועלט, הגם כינא אליין האט א פיעל גרעסערע בעפעלקערונג וויא גאנץ אייראָפא. נאר מען דארף פון דעסטוועגען ניט מיינען, אז דיזע שטאמען זיינען אלע מאָל געשטאנען העכער וויא אנדערע פון דער וויסער ראסע און אפילו פון דער מאָנגאָלישער ראסע. דיזע שטאמען: גריכען, לאטיינער, סעלטען, גערמאנען, סלאווען און ז. וו. זיינען

אלע געקומען פון אזיען און ווערן גערופען אינדא־אייראפעער אדער אריער. זיי בעזיצען זיכער ניט גרעסערע גייסטיגע פעהיגקייטען, וויא דער אנדער גרויסער צווייג פון דער ווייסער ראסע: דיא סעמיטיי׳שע פעלקער. דיא אריער וואס זיינען פערבליבען אין אזיען, וויא דיא אינדוסען, פערסען, ארמעניער, קורדען, אפגאנער א. ז. וו., האבען זיך ניט אויפגעהויבען העכער פאר זייערע שכנים פון אנדערע ראסען. פון דער אנדער זייט זעהען מיר, אז א טהייל פון דער מאנגאלישער ראסע, דיא יאפאנעזער, האט אין א גאנץ קורצער צייט געמאכט א וואונדערבארען שריט פארווערטס און האט שוין דערגרייכט צו דער שטופע פון א ציוויליזירטע אייראפעאישע נאציאן. וואס אנבע־לאנגט צו דיא כינעזער, וועלכע בילדען דעם גרעסטען טהייל פון דער מאנגאלישער ראסע, זא האבען זיי ניט נאר דערגרייכט צו א הויכע ציוויליזאציאן פריהער פאר דיא אייראפעער, זאנדערן זיי וועלען אויך אין א גאנץ קורצע צייט מיט קיין זאך ניט אפשטיין פון דיא ציוויליזירטעסטע אייראפעאישע נאציאנען. אין דעם קען קיין שום צווייפעל ניט זיין.

נאטירליך, יאפאנעזער, כינעזער און אנדערע אפגעשטאנענע פעלקער בענוצען זיך יעצט מיט דיא פארטיגע קולטור־ארבייט פון דיא פארטגעשריטענסטע אייראפעאישע נאציאנען און ווערן אויך אליין געצוואונגען דערצו דורך דיא פערכאפונגען און קאלאניאלע פאליטיק פון דיא גרויסמעכטע. אבער יעדענפאלס צייגט דיזע נאכאהמונג, אז דיא מאנגאלען, מאלאיער און אפילו נעגערן זיינען פעהיג צו ווערן אזוי ציוויליזירט וויא זייערע לעהרער זעלבסט.

אונטער דיא אייראפעאישע פעלקער האבען ניט אלע געמאכט דיא זעלבע פארטשריטע אין דער זעלבער צייט. ווען דיא אריער זיינען ארויס פון אזיען, האבען זיי זיך אלע געפונען אויף דער זעל־בער קולטור שטופע, וויא וויים מיר קענען עס יעצט דערגיין דורך גרינדליכע נאכפארשונגען פון זייערע שפראכען און לעגענדען. זיי זיינען דאן אריבערגעקומען דעם אמת׳ן ווילדען צושטאנד און האבען זיך שוין בעשעפטיגט מיט פיהפיטערונג און אקערבוי. זיי זיינען געווען ארגאניזירט אין שטאמען און געמיינדען, פון וועלכע עס זיינען

מיט דער צייט ענטשטאַנען שטאַאַטען גראַדע אַזוי וויא ביי זייערע ברי־
דער, דיא סעמיטען. יעדער איינצעלנער אייראָפּעער שטייט אויף
יעצט ניט העכער פאַר אַ'ן אַזיאַט. עס האָט ניט איין מאָל גע־
טראָפען, אַז אייראָפּעער וואָס זיינען פערוואָרפען געוואָרן אונטער
ווילדע שטאַמען, זיינען אַליין אַזוי פערווילדעט געוואָרן, דאָס זיי זיינען
געוואָרן מענשענפרעסער. דער בעריהמטער ענגלישער רייזענדער קוק
האָט, צום ביישפּיעל, אין איינינע מאַלאַיער מלוכות פון באַטאַוויא
געזעהען דיא קינדער פון פּאָרטוגעזער אין אַ שקלאַווישען צושטאַנד.
אין אונזערע גרעסטע און ציוויליזירטעסטע שטעט וואַלגערן זיך ניט
ווענינ מענשען, וואָס זיינען אַזוי גראָב, אונוויסענד און ווילד וויא
דיא אינדיאַנער פון אַמעריקאַ זיינען געוועזען.

אין אַלגעמיינען אָבער האָבען זיך דיא אַריער פון אָנפאַנג
אָן אויסגעצייכענט מיט אַ געוויסע אונאַבהענגינקייט, מיט אַ נייגונג
צו נאַכפאָרשונגען, מיט אַ שטרעבונג צו פּערזענליכע פרייהייט און
גלייכהייט. מיר האָבען געזעהען, אַז דער רעזולטאַט דערפון איז גע־
ווען, דאָס זייערע ערשטע שטאַאַטס־אָרגאַניזאַציאָנען זיינען שוין ניט
געווען אַזעלכע שטרענג־פּאַטריאַרכאַלישע און דעספּאָטישע וויא אין
אַזיען. בעזאָנדערס איז עס אַזוי געווען ביי דיא גריכען און רוימער,
וועלכע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון אונזער יעצטיגער ציווי־
ליזאַציאָן. גראַדע דיא אינדאָ־אייראָפּעער שטאַמען, וואָס זיינען גע־
קומען אין נעהענטערע בעריהרונגען מיט דער גריכיש־רוימישער צי־
וויליזאַציאָן, וויא דיא סעלטען און גערמאַנען, זיינען טאַקע פריהער
ענטוויקעלט געוואָרן וויא דיא סלאַווען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט
אין מזרח־זייט פון אייראָפּאַ. דיא זאָ־גענאַנטע ראָמאַנישע פעלקער—
נעמליך פראַנצויזען, איטאַליענער, שפּאַניער און פּאָרטוגעזער — און אַ
טהייל פון דיא גערמאַנער פעלקער, ספּעציעל דיא ענגלענדער, האָ־
לענדער און דייטשען — זיי זיינען עס געווען דיא טרעגערס פון דער
גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציאָן און דורך זייערע אייגענע קולטור־אַר־
בייט און פאָרשונגען אין אַלע צווייגען פון קונסטען און וויסענשאַפ־
טען האָט עס גאַנץ אייראָפּאַ דערגרייכט צו איהר יעצטיגע הויכע
שטופע פון ציוויליזאַציאָן.

וואס אָנבעלאַנגט ספּעציעל צו דער יעצטיגער פאָרמע פון שטאַאטס־אָרגאַניזאַציאָנען אין אויראָפּא און אין אַמעריקא, זאָ איז זיא דער רעזולטאַט פון דעם סאָציאַלען קאַמפּף, וועלכער איז אָנגע־גאַנגען בעזאָנדערס אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין ענגלאַנד איז צוערשט פעסטגעשטעלט געוואָרן דער מאָדערנער פּאַרלאַמענטאַריז־מוס. אויסער דעם זיינען עס געווען ענגלענדער, וועלכע האבען גע־גרינדעט דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ און בעוויזען דער וועלט, אז מען קען גאַנץ פריי און לייכט אויסקומען אָהן אַריסטאָ־קראַטען און קעניגע, אָהן א שפּור פון דעם פעאָדאַליזמוס. אבער אָהן דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן וואלט זיך פון דעסטוועגען דער פעאָדאַליזמוס נאָך לאַנג אָנגעהאַלטען אפילו אין דייטש־לאַנד. דיזע רעוואָלוציאָן האט עס אויף אויביג געבראָכען דיא גע־ביידע פון פעאָדאַליזמוס אין אויראָפּאַ, זיא האט עס בעלויכטען דיא גאַנצע וועלט מיט דיא שטראַהלען פון פּאָליטישע פרייהייט, וועלכע האט געטריבען דיא מענשהייט אויף דעם וועג פון פּראָגרעס מיט ריזיגע שריט.

פון דיזער רעוואָלוציאָן האט זיך עס אָנגעפאַנגען, קען מען זאָ־גען, א ווירקליך נייע געזעלשאַפטליכע וועלט, פון וועלכע דיא גרע־סטע מוחות האבען אפילו ניט געוואַגט צו טרוימען מיט א יאָהר 200 צוריק. דאס וואס מיר רופען יעצט אויראָפּעאישע ציוויליזאַצי־אָן איז סך הכל אלט א יאָהר 300, נאר איהר ערשטער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן אין דיא ערשטע רעפּובליקאַנישע געמיינדען מיט ראַטהען פון עלטסטע, וועלכע האבען נאָך אין אַלטערטהום אזוי הויך אויפגעהויבען גריכענלאַנד און רוים.

ענדע פון צווייטען באַנד.

בראָש. געב.

טאָלסטאָי ל. די אַלע פיער סאָציאַלע שריפּ־טען געבונדען אין איין באַנד — — — — — — — — — 65

ל. לעווין. טרייד יוניאָניזם — — — — — — — — 40

דזש. ס ט. מ י ל ל. פרייהייט. איבערזעצט פון דר. מעריסאָן, איינגעלייטעט פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, מיט איין אויספיהרליכער ביאָ־גראפיע מילס פון דר. י. מ. מעריסאָן. דאָס איז דאָס בעריהמטע, קלאַסישע ווערק, וועלכעס מוז געלעזען ווערען פון יעדען אינטעליגענטען מענשען 75

ד ר. י. א. מ ע ר י ס א ן. היגיענע — — — — — 40

ד ר. י. א. מ ע ר י ס אָ ן. מוטער און קינד, אַ לעהרבוך פיר מוטערס, ווי אַזוי זיך צו פיה־רען בעת'ן שוואַנגערן און ווי צו האָדעוועןן זיי־ערע קינדער. דאָס איינציגע בוך אין אידיש אי־בער דער וויכטיגער פראגע. געשריבען אין לייכ־טעסטער שפּראַך, טאָר ניט פעהלען אין קיין הויז, וואו מען וויל נאָר האָדעווען געזונטע און שטאַרקע קינדער — — — — — — — — — 20 30

נ אָ ר ד וי מ אַ ק ס. פּאַראַדאָקסען און אנדערע שריפטען מיט ביאָגראַפישע און קריטישע איינ־לייטונגען פון נ. סאָקאָלאָוו, דר. ש. מלמד און דר. ד. פּאַסמאַניק — — — — — — — — — 80

ה ע ר ב ע ר ט ס פּ ע נ ס ע ר. די ערציהונג, גייסטיג, מאָראַליש און קערפּערליך. טריי אי־בערזעצט פון דר. מעריסאָן. דאָס איז דאָס איינציגע בוך אין אידיש איבער דעם געגענ־שטאַנד. עס איז ניט אַ האַנד בוך פאַר לעה־רער, זאָנדערן אַ לעהרבוך פאַר עלטערן און פאַר יעדען אינטעליגענטען מענשען בכלל. אַ

בראַש. געב.

ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאַר — — .25 .40

סטרינדבערג. דראַמען. אין צוויי בענד. — — 1.50

סטרינדבערג. רויטער צימער. ראָמאַן — — — 1.00

פּאַסמאַניק. שריפטען — — — — — — — — .50

פּשיבישעווסקי ס ט. דעם טייפעלס קינדער. ראָמאַן — — — — — — — — — — — .80

פּשיבישעווסקי ס ט. פון אַבגרונד און שנעע. צוזאַמען געבונדען — — — — — — .60

רויזענבלאַט. ליעדער — — — — — — — — — .40

רייזען א. ערצעהלונגען — — — — — — — — — .75

ראָזענפעלד מאָריס. דאָס בוך פון ליעבע. אַלע ליעבע־ליעדער, געזונגען פון אונזער גרויסען פּאָעט אין זיין שענסטע יוגענד־צייט. אויפגעקליבען און צוזאַמען געשטעלט פון פּאָעט אליין. — — — — — — — — — 1.00

לוקסוס אויסגאַבע — — — — — — — — — 1.50

העברי לעפּקאָוויטש. אידישע געזאַנגען .35

עס געפינען זיך אין דרוק

אינגאַטאָוו דוד. שריפטען אין 3 בענד.

א) אין קעסעל־גרוב. ראָמאַן — — — — — 1.00

ב) צווישען צוויי זונען. ערצעהלונגען — — — 1.00

ג) דאָס ליכט פון דער וועלט — — — — — 1.00

אייזלאַנד. פון אַלע טעג (ליעדער) — — — — .75

ברכות ז. אונטער די שאָטענס פון חרמון. אַ זאַמלונג פון ערצעהלונגען און בילדער פון ארץ ישראל. אַ שעהנער באַנד — — — — — — 1.00

פאַר שטימע מיט סטרונע קונאַרטעט.

8. ל. סאַמינסקי — אונטער שרה'לעם װיגעלע — .40

פאַר שטימע און כאָר.

22. ז. גוראָװיטש — רבון עולם — — — — — — .80
54. מ. מילנער — ונתנה תוקף — — — — — — — .85

פאַר כאָר אָדער קװאַרטעט.

43. ל. סאַמינסקי — אל יבנה הגליל — — — — — — .25
44. ל. סאַמינסקי — אני הדל — — — — — — — .30

פאַר פידעל מיט פּיאַנאָ.

35. יוסף אכראָן — אידישע מעלאָדיע — — — — — .50
36. יוסף אכראָן — אידישער טאַנץ — — — — — — 1.00
37. יוסף אכראָן — א אידישע װיעג־ליעד — — — — .25
39. ל. סאַמינסקי — קלײנע ראַפּסאָדיע — — — — — .55

פאַר װיאָלאָנטשעל מיט פּיאַנאָ.

45. ל. צײטלין — אלי ציון — — — — — — — .30

פאַר פּיאַנאָ.

52. מ. מילנער — ביים רבי'ן צו מלוה מלכה — — — .60
16. ה. קאַפּיט — פרעהליכם — — — — — — — .40

טריאָ פאַר פידעל, װיאָלאָנטשעל און פּיאַנאָ.

47. ז. ראָזאָװסקי — פאַנטאַסטישער טאַנץ — — — 1.75

פאַר האַרפּע (אָדער פידעל פּיאַנאָ און האַרמאָניע.

17. א. קאַפּלאַן — אידישע מעלאָדיע — — — — — .50

פאַר סטרונעס־קװינטעט.

18. ל. צײטלין — ר' נחמן'ס ניגון — — — — — .50

לידער — זאמעלבוך פאר דער אידישער שוהל און פאמיליע אָהן נאָטען. פּרײז — — — — — — — .15